STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05513

UNDZERE YONTOYVIM

Isaac Unterman

Permanent preservation of this book was made possible by Dr. & Mrs. Wayne Gradman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

UNTERMAN DR. ISAAC

ד״ר יצחק אונטערמאַן

UNDZERE YOMIM TOVIM
OUR HOLIDAYS

אונדזערע ימים טובים

געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, באַדייטונג און צערעמאָניאַל

חנוכה, פורים, פסח, ל״ג בעומר, שבועות, תשעה באב,
ימים נוראים, סוכות, שבתים און תעניתים

אַרויסגעגעבן פון

פאַרלאַג און בוכהאַנדלונג ש. סגל

קאָריענטעס 2854

בוענאָס-איירעס, 1947.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Copyright by Dr. Isaac Unterman

Dr. ISAAC UNTERMAN

FIESTAS Y TRADICIONES JUDIAS

EDITADO POR LA
LIBRERIA EDITORA S. SIGAL
Corrientes 2854 - Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אונדזערע ימים טובים

אריינפיר

ווייל מען פארשטיין דעם גייסטיקן מצב פון א פאָלק, זאָל מען זיך צוקוקן צום אופן ווי זיינע ימים טובים ווערן געפייערט.

אין די וואָכנדיקע טעג, ווען מען איז פארנומען מיטן קאמף פאר חיונה און מען איז איינגעטונקען בראשו וברובו אין דעם עולם הגשמיות, איז בשום אופן נישט מעגלעך צו באמערקן די גייסטיקע כוחות. בלויז אין די ימים טובים ווען עס ווערן מאניפעסטירט די היסטאָרישע און נאַציאָנאלע מנהגים און טראדיציעס, קאָן מען אריינדרינגען אין דער פסיכאָלאָגיע פון דעם פאָלק און דאָרטן דערטאַפן דעם אינהאַלט און טיפקייט פון זיין גייסט און קולטור.

אין די וואָכנדיקע טעג, ווען דער ייד איז איינגעשפאנט ווי אן אָקס אין אקער, טראָגנדיק אויף זיך דעם שווערן עול הפרנסה; ווען ער איז פנים אל פנים מיט דער פראגע פון להם לאכול ובגד ללבוש; ווען ער זינקט אין א ים פון צרות און מוז אָן אויפהער פירן א שטענדיקע מלחמה פאר זיין קיום — אין אזעלכע טעג קאָן מען לייכט א טעות האָבן און מיינען, אז די קולטור־היסטאָרישע פעדים וואָס בינדן אים צונויף מיט די נביאי־שע אידייען, זענען שוין לאנג איבערגעריסן.

די פילע שונאים אונדזערע משפטן טאקע דעם יידן ווערליג זיינע גשמיותדיקע מעשים. זיי כאפן אויף ס'ביליקע, ס'וואָכעדיקע, ס'אויבער־פלעכלעכע, און פארזעען דאדורך די אמתע אנטפלעקונג פון דער יידישער נשמה.

בכלל איז דער יידישער לעבן און זיין קאמף פארן קיום, איינער פון די סאמע אומפארשטענדלעכסטע דערשיינונגען. די טענה פון אונדזערע שונאים אז יידן זענען א מאָדנע פאָלק, איז אפשר גאָרנישט אזא אומי.א־רעכטיקטע. מיר זיינען עס. און די אָפלייקענונג וועט דאָ גאָרנישט העלפן.

אָבער אויך אין אונדזערע ימים טובים זענען מיר מאָדנע און אנדערש פון אלע אנדערע פעלקער, און יעדער פארזוך זיי צו ענדערן אָדער אונדז דערפון צו פארפרעמדן, איז איינפאך א פאנטאסטישער און נארישער.

עס איז נישט קיין פשוטער קאפריז אָדער צופאל, נאָר א ריין נאטיר־לעכער אויסגאנג פון אונדזער געשיכטע. דער יידישער יום-טוב האָט זיך

אין אונדזער לעבן פאַרוואַרצלט און געוואָרן אַן אַנגעזעענער טייל דערפון.

אמת, אז פילע קענען מער נישט מיטפּייערן מיט פולער ערנסטקייט דעם יידישן יום טוב. עס קומט שוין אדורס אביסל נאָכגעקרימט, א צע-ברעקלטע, נאָכגעאַמטע שפּיל, אָבער דער אַלטער שטייגער לעבט נאָך אין אַלע אונדזערע חושים. מיר זענען דארין אויסגעוואַקסן, איינגעזאַפּט אין די ביינער די פרייד פונעם יידישן יום־טוב, און דער חותם ליגט נאָך אפילו איצט שאַרף אויסגעקריצט אויף אַלע פאַרפרעמדטע און פון דער זייט שטייענדיקע.

די יידישע ימים טובים זענען ווייט נישט קיין רעליגיעז־ראָמאַנטי־שע פונקציעס; זיי זענען סטימולירנדיקע פאַקטאָרן אין דער יידישער געשיכטע. יעדער באַזונדערער יום טוב איז א סימבאָל, א יידישער סימבאָל פון די הויכע נביאישע אידייען און האָפענונגען.

ווי רעוואָלוציאָנער אַנדערע זאָלן נישט זיין אין זייער פאַרזוך צו פאַרוואַרפן פון זיך יעדן אַלטן שטייגער, באַזיצן זיי דאָך אין זיך דעם אינע־ווייניקסטן געפיל, וואָס קאָן אפשר יאָרן לאַנג ליגן פאַרשטיקט און באַהאַלטן, אָבער מוז דאָך אין געוויסע מאָמענטן קומען צום שאַרפן אויס־דרוק. עס איז אפשר דער עקספּרעס, וואָס איז איצטער אזוי שטאַרק דאָ־מינירנדיק אין דער מאָדערנער קונסט.

אַט דער דאָזיקער קלאַמערן זיך צום יידישן יום טוב, אפילו ווען ער האָט שוין פאַרלאָרן דעם ערנסטן תוכן, באַווייזט קלאָר אז ס'איז דאָ אינעם יידישן האַרץ א דורשט, א בענקשאַפט אזא, וואָס זוכט א תיקון.

אפילו דער ראַדיקאַל און פריידענקער פּרובירט נאָך אַלץ, קעגן זיין אייגענעם ווילן אפשר, אַרויסצוכשופן אַן אילוזיע פונעם היימישן יום טוב. מען פּרובירט צו שאַפן עפּעס א נייעם מין יום-טוב אָדער סתם עפּעס אַן אינהאַלט. אָבער וואָס פאַר א ממשות האָט דען, מ'שטיינס געזאָגט, אינ-האַלט אָן פאָרם, מאַטעריע אָן גייסט, גוף אָן נשמה? ס'איז א פּוסטע און ליידיקע זאַך, א שאָלעכץ אָן אינעווייניקסטן קערן. א חלל אָן אן אייגנציק פינטעלע אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן.

און וואָס איז אידישע קולטור אָן דעם יידישן יום־טוב? ס'איז פאָרם אָן אינהאַלט, א זאַך וואָס איז בויגיק אפילו אין איר פולקייט. איר פולקייט איז דעמאָלט בלויז אן אויסנווייניקסטע, איר תוך, אָן גייסטיקע וואָרצלען, אָן דעם טעם און שיינקייט פון די גרויסע היסטאָרישע באַגעבנקייטן פון וועלכע די יידישע ימים טובים האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט.

היסטאָריש מעגן מיר קוקן אויפן יידישן יום־טוב ווי מיר ווילן. אנאַ־ליטיש קאָנען מיר אירע טעמים באַטראַכטן ווי מיר האָבן חשק. אָבער איינס איז זיכער, אַז וואַרפן מיר פון זיך אָוועק דאָס אַלטע און היימישע, לעשן מיר אויס אין אונדז די איידעלע סענטימענטן פון אונדזער קינד־הייט, פאַרבלייבן מיר רוי און ברוטאַל צו זיך און אַלץ אַרום אונדז. און אַפילו די ראַדיקאַלע קנאַידיקע פרומקייט אונדזערע, וועט אונדז נישט צוריקגעבן אָט די נאַטירלעכע עכטקייט, די באַשטימטע פאָרם און קאָ־ליר, פון אונדזערע קינדער יאָרן.

א סך פון די ראַדיקאַלע קולטור אָרגאַניזאַציעס האָבן אָט דעם דאָ־זיקן ביטערן אמת שוין לאַנג דערפילט און טאַקע געזוכט מיטלען וואָס זאָלן זיך פּאַסן צו זייערע אָנשויונגען, אָבער קיין מזל ברכה האָבן זיי נישט געהאַט. מען האָט בלויז געשאַפן א נייע דעקאָראַציע, און דאָס אויך בלויז אין מיניאַטור, אָבער קיין תוכן וואָס זאָל אויך האָבן פאָרם, איז דאַרין נישט געווען בנמצא. יענע קערנדיקייט און אייגנאַרטיקייט וואָס דער אַלטער יידישער יום־טוב פאַרמאָגט, איז אוודאי און אוודאי נישט בנמצא.

אויסערלעך, כלפי חוץ, און טיילווייז אויך פאַר אונדזערע געשוואָ־רענע ראַדיקאַלן און משכילים, איז דער יידישער יום־טוב־צערעמאָניאַל נאָך פרימיטיוו און אָבערגלויבעריש. איז עס אפשר טאַקע אַזוי. אָבער איז דען נישט אָט די דאָזיקע פּרימיטיוועקייט מסוגל צו דערהויבן אונדזער לעבן מיט שיינקייט? האָט דען נישט דער יידישער יום־טוב אין דער גאַנץ אַל־טער פאָרם א ים מיט פאַרב און לעהאַפטע באַוועגלעכקייט פאַר אונדזערע קינדער? האָט דען נישט אונדזער אייגענע קינדהייט מער שייכות מיט אונדזערע טאַטעס און זיידעס ווי מיט אונדז אליין? ווערן דען קולטור אויס קולטור בלויז דערפאַר וואָס זי איז רעפאָרמירט אָדער טראַנספאָר־מירט? און ואחרי ככלות הכל, איז דען טראַדיציע, די זעלבע יידישע טראַ־דיציע וועלכע מען באַשרייבט אַז זי שמעקט מיט אַלטקייט און קאָנסער־וואַטיזם, נישט קיין יידישע קולטור? לכל הפחות א קולטור אינעם זין וואָס איז מתחייב יעדן וואָס האָט נאָך אן אָנגעהעריקייט צו יידישער קולטור איר צו לערנען און טאַקע צו וויסן?

אָבער וויפל א שטייגער וויסן און לערנען? וויפל א שטייגער וויסן דעם אינהאַלט און באַדייטונג פון אונדזערע יידישע ימים טובים?

פרייט זיך אונדזער יוגנט מיט די פרעמדע ימים טובים, וועלכע זע־נען לכל הדעות נישט ווייניקער רעליגיעז ווי אונדזערע; גיט מען זיך

מתנות אינעם גויאישן קריסטמאס, ווערט מען באנומען מיט דער פרעמ־דער רעליגיעזיטעט, אבי נישט צו דערלאָזן חלילה א ניצוץ פון אן אייגע־נעם יום־טוב, דעם יידישן יום־טוב, וואָס קאָן דינען ווי א וועגווייזער פאר אונדזער אייגן קולטורעלן לעבן.

די אומות העולם פייערן זייערע ימים טובים על פי רוב אין אָנדענק פון א רעליגיעזער געשעעניש. קיין מוסר השכל פארן עתיד האָבן זיי נישט, און דערפאר טראָגן זיי נישט דעם כאראקטער פון אמת נאציאָנאל היסטאָ-רישע דערגרייכונגען. אנדערש זענען אָבער אונדזערע אייגענע ימים טו-בים. הגם די שפּורן פון די אמאָליקע דערגרייכונגען זענען שוין הונדער־טער יאָרן פארווישט, ווערן זיי אָבער דאָך אויפגענומען מיט התלהבות און התרוממות. פאר אונדז יידן זענען די ימים טובים נישט קיין מצבות, נישט בלויז עפּעס א בלויזער אָנדענק פונעם עבר, וואָס האָט מער מיט אונדז קיין שייכות נישט, נאָר א שטיק לעבעדיקע קולטור פון וועלכן מיר אלע שעפּן אונדזער גייסטיקע יניקה.

און אָט דאָס דאָזיקע איז אייגנטלעך דער סוד פון די אידישע ימים טובים. נישט אכטנדיק דערויף וואָס די הארטע און טרויעריקע קעגנ־ווארט איז אין שרייענדיקער סתירה צו דער פייערלעכקייט; נישט קוקנדיק וואָס די ימים טובים האָבן שוין הינטער זיך אן עבר פון טויזנטער יאָרן — זענען זיי נאָך אלץ א קוואל פון דערקוויקונג.

דער יידישער יום־טוב איז גערייניקט און געלויטערט, און ווי א מיל־גרוים אָנגעפילט מיט הויכע אידייען און באַגריפן. דער יידישער יום־טוב שטייט אויף א סך א גרעסערער הויך ווי דער יום-טוב פון די אנדערע אמנות; ער פארמאָגט אזוינס וואָס אנדערע פארמאָגן נישט — א קערנ־דיקן אינהאַלט און א רייכגייסטיקן יסוד.

דר. יצחק אונטערמאַן, ניוּיאָרק, 1935.

חנוכה

ערשטער קאפיטל

די חנוכה-פייערלעכקייט און דער יידישער שטוב

די פרייליכע שפילערייען — די חנוכה סעודה — די חנוכה לאמפן און חנוכה ליכט — די פייערונגען אין דער ישיבה — אין די הויפן פון חסידישע רביים — ביי די אָריענטאַלישע יידן — פייערונגען אין ארץ־ישראל און אין אַנדערע לענדער.

חנוכה איז תמיד דערוואַרט געוואָרן מיט גרויס זשעדנעקייט. די עטלעכע חדשים צווישן סוכות און חנוכה, אָנהויבנדיק מיטן חודש חשון, דער ביטערער חשון, איז די יידישע שטוב געווען איינגעהילט אין כמאַר־נער גרויקייט. דער וואָרימער, זוניקער זומער מיט אירע פריילעכע ימים טובים איז געווען אַוועק, און עס האָבן זיך אָנגערוקט די לאַנגע ווינטער נעכט מיט דער אָרימער טרויעריקייט, וואָס האָט זיך געצויגן וואָלקנדיק ווי דער גלות.

דאָס קליינע שטעטעלע ליגט שוין איינגעזונקען אין איר בלאָטע, און פון אַלע זייטן יאָגט אַ קאַלטער ווינט, וואָס ברעכט און קראַמפּט די איינ־געבויגענע, פאַרהאַרעוועטע פּלייצעס. מיטן אָנקום פון דער נאַכט שליסט זיך יעדער איין אין זיין האַלב־איינגעפאַלן שטיבל, וואָס ליגט באַ־דעקט מיט אַ טיפער מרה־שחורה און מאָנאָטאָניקייט. אַלץ אַרום איז אַזוי ווינטערדיק, אָן לעבן, אָן אַ ברעקל זונשיין, ביז עס קומט אָן דער יום־טוב חנוכה, דער אָנזאָג פון אביסל פרייד און ליכטיקייט.

אפילו אין בית־המדרש און אין חסידים־שטיבל הערט אויף דער שטענדיקער ערנסט און פאַרטראַכטקייט. די גרויסע גמרות ווערן פאַר־מאַכט, און די קולות פון „אביי ורבא" ווערן פאַרשוויגן.

אַ גאַנץ יאָר האָט אין אַ פרומער יידישער הויז נישט געטאָרט אַרייג־

קומען קיין קאָרט. שפּילן אין קאָרטן אָדער אפילו אין „קוויטלעך", איז געווען פאַררעכנט פאַר א גרויסע זינד. דער שפּילער האָט געהייסן א קל, א משחק בקוביא, און איז פּסול לעדות. חנוכה אָבער איז עס געווען דער־לויבט. און מען האָט אפילו געמעגט מבטל זיין דעם לימוד התורה.

קיין אַזאַרט שפּיל איז עס חלילה נישט געווען, און קיין גרויסע געל־טער האָט מען דערביי נישט פאַרלאָרן. על פּי רוב האָט מען עס געטאָן צו־ליב דעם מנהג, און האָט מען שוין געשפּילט אין געלט, איז א גראָשן אָדער א קאָפּיקע אויך געווען א געוואַלדיק גרויסע סומע. ביי די קינדער האָט דער געלט איינשטעלן אוודאי נישט געשפּילט קיין ראָל. זיי האָט מער גע־רייצט דער שפּילן אליין, און מער ווי א פּאָר אָפּגעריסענע קנעפּלעך אָדער שרייב-פּעדערן האָט מען נישט געקאָנט פאַרלירן.

די קינדער האָבן אליין מיט די אייגענע הענט געמאַכט זייערע קאָרטן. און אָט אין דער דאָזיקער אַרבעט, אין דער געמאָלעכטס פון די מענטשע־לעך: דעם מלך, מלכה, אויבער און אונטער, איז געלעגן דער הויפּט רייץ. עס האָט געגעבן שטאָף דער קינדערישער פאַנטאַזיע און א מעגלעכקייט צו אנטוויקלען די קינסטלערישע שעפערישקייט.

מען האָט זיך מיט די שפּילערייען נישט באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן. קליין און גרויס, לומדן אָדער נישט, האָט זיך דאַרין באַטייליקט. א סך האָבן פאַר פּרי פאַרמאַכט זייערע קראָמען, זיך אריינגעכאַפּט אין בית־המדרש, אָפּגעדאַוונט א מעריב, בציבור, און דערנאָך זיך ברייטלעך אוועק־געזעצט אין שטוב ביים טיש. די פּראָסטערע מענטשן האָבן געצונדן חנוכה־ליכט אין א ווינקל אויפן פענצטער מיט קליינע האלב-גראָשנדיקע ליכט-לעך. די רייכערע און גרעסערע לומדים און חסידים, האָבן דערביי געמאַכט גאָר גרויסע הכנות.

שוין א וואָך פריער האָט מען אויסגערייניקט דעם זילבערנעם חנוכה-לאָמפּ מיט די אכט מנורות און שמש, אים ווייס איבערגעפּוצט און אויס־געפּלאָכטן די וואַטענע קנייטלעך. דער גרויסער חסיד און לומדן האָט גע־בענטשט חנוכה־ליכט מיט אויל. און דווקא מיט גוטן און טייערן. דעם חנוכה־לאָמפּ האָט מען אוועקגעשטעלט אויף א בענקל ביים טיר, זיך פריער געוואַשן ריין די הענט, און מיט דער גאַנצער בני בית ביי דער זייט הויך אויסגעזונגען די ברכות, וואָס איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן מיט א רייע מזמורים און קאַפּיטלעך תהילים. דערנאָך האָט מען זיך ברייטלעך צוזעצט

ביים געדעקטן טיש. געגעסן די געפּרעגלטע גריוועניעס, דעם גרויסן חנוכה־קוגל, און פאַרביסן מיט קאַרטאָפליענע לאַטקעס.

ביי אַנדערע איז געווען אַ מנהג צו עסן לאַטקעס געמאַכט פון קעז. דער דאָזיקער מנהג איז אַ גאַנץ אַלטער, אָבער אין די פּוילישע שטעטלעך איז ער נישט געווען שטאַרק פּאָפּולער. דער טעם פון דעם דאָזיקן מנהג איז, וואָס יהודית, אַ טאָכטער פון די חשמונאים, האָט דעם גריכישן קעניג אליפורנוס, וועלכער איז געווען אַ שונא ישראל, געגעבן צו עסן קעז כדי ער זאָל ווערן דורשטיק און זיך אָנשכורן. ווען ער איז שוין געווען גוט שכור, האָט זי אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און געבראַכט צו די יידן.

אגב, איז אויך פאַראַן אַ מנהג פרויען זאָלן נישט טאָן קיין מלאכה אַזוי לאַנג ווי די חנוכה ליכטלעך ברענען. עס איז דאָ אַ דין, וואָס פאַרבאָט זיך צו באַנוצן מיטן שיין פון די ליכטלעך, און די פרויען האָבן אויף זיך גענומען דעם דאָזיקן דין שטרענג אָפּצוהיטן אין אָנדענק פון דעם, וואָס די הילף צו די יידן איז געקומען דורך אַ פרוי.

ווי דער מדרש דערציילט, איז עס נישט געווען מתתיהו וואָס האָט באַוויגן די יידן ארויסצוגיין אין אָן אָפענעם קאַמף קעגן אנטיוכוס, נאָר אַ חשמונאישע טאָכטער, חנה. די מעשה איז געווען אַזוי:

די גריכן האָבן דעמאָלט ארויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדע אידישע טאָכטער מוז אין דער נאַכט פון דער חופה גיין צום עלטסטן פון שטאָט און מיט אים האָבן אינטימע באַציאונגען.

חנה איז געווען פאַרקנסט צו אליעזר, אַ חשמונאי. אין דער נאַכט פון איר חופה, איידער מען האָט איר געפירט צום גריכישן עלטסטן פון שטאָט, האָט זי פאַר אַלעמען אין די אויגן אראָפּגעריסן פון זיך די קליידער און אויסגעשריען:

„ברידער און פריינט! הערט מיך אויס! איר זענט אין כעס אויף מיר וואָס איך האָב אראָפּגענומען פון זיך די קליידער און זיך אַנטבלויזט פאַר צדיקים, יראים ושלמים אָן וועלכער מחשבה אָן עבירה צו טאָן, אָבער מיך איבערצוגעבן אין די הענט פון אַן ערל, אַ שונא ישראל, צאַרנט איר נישט. פאַרוואָס נעמט איר נישט קיין ביישפּיל פון דינהם ברידער, שמעון און לוי? בלויז צוויי זענען זיי געווען און דאָך האָבן זיי זיך נוקם געווען פאַרן כבוד פון זייער שוועסטער, און חרוב געמאַכט אַזאַ גרויסע שטאָט ווי שכם. זיי האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר גאָטס נאָמען, און ער האָט עס זיי פאַררעכנט פאַר אַ גוטער טאַט. און איר? איר זענט פינף ברידער און מער פון

הונדערט יונגע כהנים, האָט בטחון אין גאָט, און ער וועט אייך העלפן״. די ברידער און כהנים האָבן זיך צוגעהערט צו אירע רייד און אָנגעהויבן די מלחמה קעגן די גריכן אין וועלכער זיי האָבן געזיגט.

אין דער פּוילישער און ליטווישער ישיבה האָט זיך דער חנוכה און זיין פריילעכקייט גאָר שטאַרק אָנגעזען. די וואָס האָבן געגעסן „טעג״, האָבן חנוכה געגעסן פון פעטע און זאַטע מאָלצייטן און אָפט אויך צוגע־קראָגן עטלעכע גראָשן חנוכה־געלט.

די התמדה האָט אין דער חנוכה־וואָך אין גאַנצן אויפגעהערט. און אויב מען האָט יאָ אַמאָל אויפגעעפנט א גמרא, איז עס נישט געווען צו לערנען נאָר צו שפּילן דעם „דפים-שפּיל״. מען פלעגט, למשל, אויפמישן א געוויסן אָרט אין דער גמרא, און דער מיטשפּילער פלעגט דאַרפן טרעפן וואָס פאַר א דף עס איז.

די פּאָפּולערסטע שפּיל איז געווען אין דאַמינאָ און אין ל״א קוויט־לעך. ביים שפּיל האָט מען פריי געלאַכט, געזאָגט תורה-ווערטלעך. א היבש ביסל שיחות חולין, און אָפט אפילו זאָגן א פּסוק וואָס האָט געהאַט א צווייידייטיקע באַדייטונג.

אַן אָנדייט אויף דער דערלויבעניש צו שפּילן חנוכה אין קאָרטן, האָט מען געפונען טאַקע אין דער תורה גופא. די סדרה וישב, וועלכע פאַלט תמיד אוים אין חנוכה, ענדיקט זיך מיטן וואָרט „וישכחהו״. האָבן די ישיבה בחורים געמאַכט דערפון א ראשי תיבות, אַז „וועלכער ייד שפּילט קאָרטן חנוכה הייסט ווויל״. די פרומערע וואָס האָבן נישט געוואָלט שפּילן, האָבן געהאַט אַן אַנדער באַווייז און טאַקע פונעם זעלבן וואָרט: „וועלכער ייד שפּילט קאָרטן חנוכה הייסט וויטעק״ (וויטעק איז דער נאָמען פון א גוי).

די ראשי תיבות פון „נס גדול היה שם״, וואָס געפינט זיך אויפן חנוכה־דריידל, האָבן זיי איבערגעדרייט אויף „נאַטקע גנב האַקט שלע־פער״, דעם דאַזיקן טייטש האָט מען געמאַכט דעמאָלט ווען מען האָט פאַר־לאָרן עטלעכע גראָשן אין דער שפּיל, און אָנגעדייט אַז עס איז נישט ערלעך צוצונעמען קיין געווונענע געלט.

ביי די חסידישע רביים אין זייערע הויפן פלעגט מען אויך שפּילן אין קוויטלעך. אָבער ס׳רוב האָט מען פאַרבראַכט אין טאַנצן און אין זינ־גען. א סך חסידים האָבן ליב געהאַט צו פאָרן אויף חנוכה צום רבין, ווייל דעמאָלט, האָבן זיי געטענהט איז א שעת הכושר פועל צו זיין אַלדאָס גוטס

ביים רבין. חנוכה איז מען דאָרטן פריילעך, און דער רבי אליין טאַנצט א סך. בכן, אז דער רבי איז איינגעטונקען אין הדוה, איז ער מער מסוגל צו געבן א גוטע ברכה.

די חנוכה לאָמפּן ביי די חסידישע רביים זענען געווען קאָסטבאַרע, און זייער קינסטלעך אויסגעאַרבעט. די מערסטע זענען געווען פון ריינעם זילבער, אָבער די רייכערע האָבן אויך געהאַט גאָלדענע. אַלע זענען געווען גרויס און האָבן געהאַט אויף זיך צוויי לייבן און קרינגעלעך ביי די זייטן. א חוץ דעם זענען אויך געווען א סך אַנדערע אויסאַרבעטונגען, ווי בלי־מעלעך, כפתורים און פּסוקים. די חנוכה לאָמפּן זענען שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן. און מערסטע זענען געווען הונדערטער יאָרן אַלט. איבערגעגאַנגען בירושת פון דור צו דור.

ביי ר' דודל טאַלנער איז געווען א חנוכה לאָמפּ פון הווילער גאָלד. און איז געווען ווי א מענטש די גרויס. געבויט איז ער געווען ווי א הויז מיט טירן און חדרים. דער לאָמפּ איז געשטאַנען אויף א שטול פון זילבער אויף וועלכן עס איז געווען אויפגעקריצט: „דוד מלך ישראל חי וקים — דוד דער מלך פון די יידן לעבט אייביק".

אין אומבאַקאַנטער מסור האָט געלאָזט וויסן דער אמאָליקער רוסי־שער רעגירונג, אז ר' דודל טאַלנער מאַכט זיך פאַר א מלך, און מען האָט אַרויסגעגעבן א באַפעל אויש פון פּעטערבורג אים צו אַרעסטירן. צום גליק האָט ר' דודל זיך באַצייטנס דערוווסט פון דער מסירה און איז אַנטלאָפן קיין בראָד, גאַליציע. שפּעטער האָט מען די זאַך אויפגעקלערט און ר' דודל האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, אָבער די שטוב מיט דעם חנוכה לאָמפּ האָט מען באַהאַלטן און שפּעטער אויך פאַרלאָרן.

די אָריענטאַלישע יידן, וועלכע געפינען זיך אממערסטן אין די באַל־קאַנישע לענדער, האָבן זייערע אייגענע גאַנץ אַנדערע מנהגים און טראַדי־ציעס. די שפּאַניאָלישע יידן אין סאַלאָניקי, די יידן אין תימן, די ספרדישע יידן אין ארץ־ישראל, האָבן יעדע באַזונדער א סך אייגנאַרטיקע פירונ־גען, וואָס האָבן אָפּט נישט די מינדסטע שייכות מיט די מנהגים וואָס מיר פּראַקטיצירן און באַטראַכטן ווי דינים.

חנוכה, למשל, איז ביי די ספרדים א מנהג, אז די מלמדים גייען מיט זייערע תלמידים איבער די הייזער פון די רייכערע באַלעבאַטים און מען בעט פאַרשידענע מאכלים און נאַשערייען. די מלמדים קלויבן צונויף די אַלע מתנות, וואָס די יידישע פרויען גיבן גאַנץ ערנסט ווי עס וואָלט

געווען א הייליקע מצוה פון דער תורה, און מאכן דערפון א סעודה פאר די קינדער אין שול זאַגנדיק דערביי קאפיטלעך תהילים.

אויך ביי אונדז איז א מנהג צו געבן די קינדער חנוכה-געלט, אָבער דאָס ווערט נישט געטאָן אונטער דער אויפזיכט פון די מלמדים און דער חנוכה-געלט ווערט נישט געגעבן סתם ביי רייכע לייט, נאָר ביי קרובים און פארוואנדטע. דאקעגן האָבן מיר א מנהג ל"ג בעומר פאר די מלמדים צו מאכן א סעודה פאר די קינדער אין וואלד אָדער אין א גאָרטן הינטערן שטאָט.

אין א סך ספרדישע ערטער איז א מנהג זיך חנוכה צו פארשטעלן און ארומצוגיין איבער די הייזער און געבן פאָרשטעלונגען, פונקט ווי מיר טוען פורים. אגב, איז דער דאָזיקער מנהג שוין א גאנץ אלטער און געפינט זיך אין די ספרים פון אכצנטן יאָרהונדערט. עס איז א סברא, אז דער מנהג שטאַמט פון די תלמידים פונעם פאלשן משיח, שבתי צבי.

ביי א טייל ספרדים אין ארץ-ישראל איז א מנהג חנוכה עולי רגל צו זיין צום קבר פון שמעון הצדיק, דער ערשטער פון די אנשי כנסת הגדולה. אויף זיכער אז דער קבר איז טאַקע פון שמעון הצדיק, איז מען נישט, אָבער די ספרדים גלויבן דערין, און דערציילן אפילו א סך לעגענ־דארישע מעשהלעך וועגן דער הייליקייט פונעם קבר, מעשהלעך ענלעך צו די וואָס מיר האָבן וועגן דעם קבר פון דער מוטער רחל און די מערת המכפלה.

א טייל ספרדים, די וואָס זענען מער מיסטיש געניינט, פראווען חנוכה משמורים אין די שולן. זיי זענען אויף יעדע נאכט פון חנוכה און לערנען זוהר, דעם הייליקן ספר פון די מקובלים. נאָכן לערנען האָבן זיי א סיום מיט א סעודה וואָס באשטייט פון טרינקען שווארצע קאווע און עסן פרוכטן.

אויך אין ארץ־ישראל איז מען אין דער איצטיקער צייט עולי רגל אין חנוכה. פון גאנצן לאנד, פון יעדן ווייט־פארוואָרפענעם יידישן ישוב, קומט מען זיך צונויף ביים הויכן וואסער-טורעם אין תל־אביב, ווו דער בירגערמייסטער צינדט אָן דאָס ערשטע חנוכה ליכטל אויף א גרויסער מנורה וואָס ווערט אויפגעשטעלט אונטערן פרייען הימל.

צום יום-טוב קומען אלערליי יידן: תימנים, ספרדים, בוכארער יידן, קאווקאזער יידן אין זייערע נאציאָנאלע קליידער, אשכנזישע יידן, און אלע צוזאמען זינגען פריילעך נאציאָנאל־העברעאישע לידער.

אויך די שול־קינדער פעלן נישט אויס, און שפילן דווקא אן אָנגע־זעענע ראָל אין די פייערונגען. יעדעס קינד האלט אין האנט אן אָנגעצונדן

ליכטל, און אלע צוזאמען מארשירן זיי איבער די גאסן פון תל־אביב אונ־טערן קלאנג פון מוזיק און געזאנג. דארטן רופט מען דעם יום־טוב: חג האורים, דער יום-טוב פון ליכט, ווייל די אילומינאציע פון די קינדער־הייזער און וואסער־טורעם, איז זייער א גרויסע און באלייכט די גאנצע שטאט פון איין עק ביזן אנדערן.

נאך דער פייערונג פארן א סך צום דארף מודיעין, די היים פון די ערשטע חשמונאים. דער דארף איז איצט אין גאנצן אן אראבישער, און איז פול מיט אלטע חורבות און קברים. די אראבער האלטן די דאזיקע חור־בות שטארק הייליק, און רופן זיי אן: „קירבאט אל יאהוד". די יידישע קברים. עס איז נישט זיכער צי דארטן ליגן טאקע באהאלטן די אידישע העלדן, די פינף זין פון מתתיהו, אבער די אראבער גלויבן דערין באמונה שלמה.

די אראבער היטן שטארק אפ דעם דאזיקן דארף און דערלאזן נישט, אז יידן זאלן זיך דארטן באזעצן, ווייל ביי זיי איז פאראן א לעגענדע, אז ווען יידן וועלן זיך דארטן באזעצן, וועט ארץ־ישראל צוריק ווערן א אידיש לאנד מיט אן אייגענער שטארקער מלוכה.

צווייטער קאפיטל

חנוכה, דער קינדער־יום־טוב

די ראָל פונעם קינד — חנוכה געלט — דער משפחה צונויפקום אויף לאטקעס — די לייכטע שפילערייען — חנוכה דריידלעך

איינגנטלעך, האָבן די איינפירער פון די יידישע ימים טובים געהאט א סך איינזעעניש מיט די קליינע קינדער, און האָבן אין יעדן יידישן יום־טוב געשאפן אזעלכע צערעמאניאלן וואָס זענען באמת זייער אטראקטיוו און רופן ארויס גרויס אינטערעס ביים קינד.

אינעם יום־טוב פסח שפילט ס׳קינד איינע פון די סאמע חשובסטע ראָלן. ביי די סדרים איז ס׳יידישע קינד א פרינץ, א בן מלך, און דער פרעגער פון די קשיות. סוכות איז ס׳קינד גאָר א סך באשעפטיקט: ס׳העלפט בויען די סוכה, מאכט די פארשידענע באפוצונגען, העלפט טראָגן דעם סכך, רייסט אראָפ די הושענהס, און בענטשט אתרוג צוגלייך מיט די גרויסע און דערוואקסענע. פורים איז ס׳קינד אוודאי אן אקטיווער אנטייל־נעמער. טראָגט פאנאנדער דעם שלח מנות, קלאפט המנען מיטן גראגער, און איז אָפט אויך דער הויפט־פורים שפילער.

אין יעדן יידישן יום־טוב האָט ס׳קינד זיין פונקציע. חנוכה איז אָבער דער וויכטיקסטער קינדער יום־טוב, כאָטש ער איז א פריילעכער יום־טוב פאר דער גאנצער בני־בית. די חנוכה לאטקעס, די געגזועגע גרי־ווענעס, די חנוכה וועטשערעס, זענען א קוואל פון פרייד פארן יידישן קינד. דער איינפלוס וואָס חנוכה איבט אוים, איז פון א גאָר הויכן ווערט, און דער עיקר מיט זיין בילדלעכער, סצענישער פאָרם.

חנוכה האָט באמת נישט קיין פילע גרויסע פייערלעכקייטן. די צע־רעמאָניע פון צינדן ליכטלעך, איז אפשר נישט אזא וואָס קאָן מאכן א טיפן איינדרוק אויף א קינד. און דאָך איז חנוכה איינער פון די סאמע פריילעכע ימים טובים. חנוכה האָט פארן קינד דעם רייץ, וואָס קיין אנ־

דער יום־טוב האָט נישט, און דאָס איז דער שיינער מנהג פון אויסטיילן חנוכה־געלט.

פאַר חברה קליינוואַרג איז חנוכה תמיד געווען פון גרויס געהויבנ־קייט און וויכטיקייט, ווייל אפילו דער סאַמע אַרימסטער האָט געגאָסן פון דעם שיינעם מנהג און זיך דערפילט רייך און נגידיש. חנוכה געלט האָט געקראָגן יעדעס קינד, סיי קליין און סיי גרויס, סיי אָרים און סיי רייך, און געקראָגן האָט מען פון יעדן איינציקן קרוב. אפילו דער ווייטסטער אין דער משפחה האָט געטיילט חנוכה געלט. צי מען האָט געקענט אָדער נישט, האָט קיינער נישט פאַרלעצט דעם שיינעם מנהג, נאָר איז אים נאָכגעקו־מען ווי אַן ערנסטער דין, ווי א חק ולא יעבור.

חברה קליינוואַרג האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן. אויב א קרוב איז גע־ווען א רייכער און פאַרמעגלעכער, האָט דער חנוכה־געלט געמוזט זיין מיט א פולער האַנט, ווי עס פּאַסט פאַר א יידן א גביר. חברה האָט געפירט א קלאָרן חשבון, און געגני געוווסט וויפל איינער קאָן געבן און דאַרף געבן. טאָמער איז איינער חלילה געווען א קמצן, א קאַרגער, האָט ער זיך פון די קינדער שוין נישט אויסגעקויפט, און גאָר אָפּט חרטה געהאַט פאַר זיין קאַרגקייט.

דער צונויפקלייבן דעם חנוכה־געלט האָט ביי דער קליינוואַרג פאַר־נומען די גאַנצע אַכט טעג חנוכה. מען האָט דערביי דורכגעפירט א פול־שטענדיקע בוכהאַלטעריע, און איינגעטיילט די שעהן ווען און ווו צו גיין, מען זאָל חלילה נישט אַרויסוואַרפן א גאַנג אומזיסט און אומנישט. ס'קינד האָט דערביי געפילט א הייליקן ציטער, עפּעס א מין יום-טובדיקע פרייד, און זיך געגרויסט מיט דער פולער קעשענע קליינגעלט. און וויפל אָרימע קינדער האָבן עס נישט געוואַרט א גאַנצן יאָר אויף דעם דאָזיקן יום־טוב זיך צו קויפן א פּאָר נייע שיכעלעך, א נייעם אויבער־בגד, אַן אַנצוגל, און נאָך אַזעלכע נויטיקע זאַכן?

און דער גיין צו משפחה אויף לאַטקעס?

יעדע נאַכט איז מען געגאַנגען צו אַן אַנדערן קרוב עסן לאַטקעס: היינט, צו א פעטער, מאָרגן צו א מומע, איבערמאָרגן צו סתם א קרוב, און אומעטום האָט מען געפונען געגרייט א חנוכה סעודה מיט כל־טוב, א סעודה מיט מאכלים וואָס מען האָט א גאַנץ יאָר פאַר די אויגן נישט אַנגעזען. חנוכה האָט מען אין יעדער יידישער שטוב געקווילעט א גאַנדז. דאָס שמאַלץ באַהאַלטן אויף פּסח, און די גריוועגעס מיטן פלייש באַנוצט

אויף לאטקעס און דער וועטשערע. אויפן טיש איז אויך תמיד געווען אָנ־געגרייט א גוט ביסל משקה, און די פרייד איז געווען פארפולט, האָט מען נאָך געהאט אין דער משפחה א קרוב וואָס איז געווען א פרומער חסיד און פיינט געהאט עצבות, טרויעריקייט, איז אוודאי געווען פריילעך אויפן הארצן.

און אין חדר איז דאָך אוודאי חנוכה געווען דער גרויסער יום־טוב! אין סאמע אָנהויב פון א שווערן ווינטער און לאנגע נעכט, איז דער יידישער חדר־יינגל פּלוצים באפרייט געוואָרן אויף האלבענע טעג. דער רבי איז גאָרנישט געווען דער זעלבער. זיין שטענדיקע שטרענגקייט איז ווי געווען פארשוואונדן, און האָט גערן פארקוקט די זינד פונעם תלמיד. דער לערנען איז מער נישט געווען אזוי ערנסט, און מען האָט זיך נישט באַדארפט שרעקן פארן דאָנערשטיק ווען מען האָט געמוזט איבערזאָגן דעם גאנצן שיעור גמרא מיט די אלע אויסריידעכצן. אין דער וואָך פון חנוכה האָט מען אפילו אין חדר גופא געמעגט כאפּן א שפּיל אין „קוויטלעך", אין „פּיטשע־פּייטשע", אין „סטרולקעס", אין נאָך אזעלכע שפּילערייען, אין דערביי גאָרנישט מורא האָבן פארן רבין אָדער פאר טאַטע־מאַמע.

א גרויסע פרייד האָט אויך ארויסגערופן דער מאכן די חנוכה־דריידלעך, ביי וואָס מען האָט אויך געקענט ארויסווייזן די אייגענע שעפערישקייט און קינסטלערישקייט. קיין לייכטע ארבעט איז עס נישט געווען, און האָט געפאָדערט גרויס פּאָרזיכטיקייט. געטאָן האָט מען עס על פי רוב בשותפות, אין גאנצע גרופּן, וואָס האָט נאָך מערער פארגרעסערט די קינדערישע פרייד.

שוין א וואָך פאר חנוכה האָט דער חדר־יינגל זיך אָנגעהויבן מיט גרוים ערנסט צוגרייטן צו אָט דער דאָזיקער שווערער און פאראנטוואָרטלעכער ארבעט. מען האָט אָפּגעהאלטן געהיימע פארזאמלונגען און קאָנספּיראטיוו־געפּלאנעוועט ווער עס זאָל ברענגען האָליץ, ווער עטלעכע אלטע צינענע אָדער בלייענע לעפל, און ועל כולם, ווער עס זאָל זיין דער הויפּט־מייסטער, דער בצלאל און מעשה חושב, און דורכפירן בשלמות דעם דאָזיקן קונסטווערק, אז עס זאָל חלילה נישט זיין קיין שום מכשול, מען זאָל זיך חס ושלום נישט אָפּברענען די הענט ביים הייסן בליי און מען זאָל באהיט גאָט נישט אויסגעפינען ווער עס האָט געגנבעט די בלייענע לעפל.

און באמת האָט עס זיך טאקע געפאָדערט די גרויסע קינסטלערישע פעאיקייט פון א בצלאל די דאָזיקע דריידלעך צו מאכן. עס האָט זיך גע־

פאָדערט א רונד העלצל פון סאָסנע אָדער דעמבע, וואָס זאָל זיין דיק און סאָליד, און דאָך זיך לאָזן שניידן גלייך און גלאַטיק. די האָלץ איז צושניטן געוואָרן מיט א גוטן, שאַרפן מעסערל אויף פיר גלייכע חלקים, און אין דער מיטן פון די פיר העלצלעך זענען אויסגעשניטן געוואָרן די פיר אות-יות: נ. ג. ה. ש. — נס גדול היה שם, א גרויסער נס איז דאָרטן געווען. איבער און ארום די אותיות האָט מען אויסגעשניצט די פאָרם פון א דריידל און די העלצלעך שטייף און שטאַרק צונויפגעבוינדן.

דורך דער אויבערשטער עפענונג האָט מען אריינגעגאָסן דעם צו־שמאָלצענעם בליי, און אכטונג געגעבן די האָלץ זאָל זיך חלילה נישט אָנ-צינדן אָדער דער בליי זאָל זיך נישט אריבערגיסן, אזוי אז דער דריידל זאָל ארויסקומען אגיל וואשמחדיק, גלאַטיק און קיילעכדיק; עס זאָל פון איין איינציקן דריי מיטן פינגער זיך אוועקלאָזן א ריקודל, זיך אוועק־שטעלן א שטילע שמונה עשרה, און זיך אוועקלייגן א באַזיגטער.

אפילו אין דער היים האָבן די קינדער דערפילט די שטיפערישע שפּי־לעוודיקייט. חנוכה האָט געפעלט די שטענדיקע ערנסטקייט און אומעטי־קייט. די מאמע איז פארנאכט־צו געגאנגען אביסל אויסגעפוצט, נישט געטאָרט נייען און שטריקן, און פון קיך האָט זיך געטראָגן דער געשמאַקער ריח פון די געפּרעגלטע שמאַלץ און לאַטקעס. אפילו די גרויסע, די דער־וואקסענע אין דער משפחה, די סאַמע גאָר גרויסע לומדים און חסידים, האָבן זיך דערלויבט צו ווערן קינדעריש און פארברענגען אין לייכטע שפּילערייען.

דריטער קאפיטל

חנוכה אין געשיכטע און אין לעגענדע

דער אידישער לעבן אונטער פערסישער הערשאפט — אונטער דער סירישער הערשאפט — די פארשפרייטונג פון העלעניזם די גרויזאמע גזירות — דער מארטירער טויט פון אליעזר און הנה מיט אירע זיבן זין — דער קאמף פון די חשמונאים.

געשעען איז עס מיט הונדערט און פערציק יאר פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג.

אנגעהויבן האט עס זיך דערפון וואס דער סירישער קעניג אנטיוכוס עפיפאנעס האט מיט דער שווערד אין האנט ארויפגעצוואונגען דעם העלעניזם, די קולטור פון אויסגוויינקסטן גלאנץ און רייץ, איבער די פילע לענדער וואס זענען אים געווארן פאליטיש אונטערטעניק.

די יידן זענען נאך דעמאלט געזעסן אויף זייער אייגענעם באדן, אין ארץ-ישראל. דער בית המקדש איז נאך דעמאלט געשטאנען און געגלאנצט מיט זיין שיינקייט איבער דער גארער וועלט.

ארום פיר הונדערט יאר, זינט כורש דער קעניג פון פרס האט די יידן דערלויבט זיך צוריקצוקערן פונעם גלות בבל אין זייער אייגן לאנד ביז דער צייט פונעם סירישן קעניג אנטיוכוס, זענען די יידן געווען א ריין רעליגיעזער קיבוץ. די פאליטישע געשטאלטקייט פון דער וועלט האט זיך אין משך פון דער דאזיקער צייט א סך מאל געענדערט. וועלט-מלוכות זענען ארויפגעשוווימען און אונטערגעגאנגען, יעדע איינע זוכנדיק די אנדרע איינצושלינגען און צו באהערשן.

אויך די יידן האבן אפט געביטן זייערע פרעמדע אויבערהערשער, פארלירנדיק יעדן מאל מערער און מערער פון זייער פאליטישער זעלבסטשטענדיקייט. זיי האבן מער נישט געהאט קיין אייגענע מלוכה. די פערסישע רעגירונג האט אין ארץ-ישראל געהאט איר אייגענעם פארטרעטער,

וועלכער האָט איינגעמאָנט די שטייערן און אויפגעפאסט אויף דער אָר־דענונג.

אין זייער גאנצער פארלאָרנקייט, זענען זיי אָבער פארבליבן א נאַ־ציע מיט א באשטימטער און אייגנארטיקער קולטור. די פערסישע מלוכה האָט זיך אין זייער אינעווייניקסטן לעבן נישט געמישט, און זיי געגעבן אין דעם פרט פולע אויטאָנאָמיע. די יידן האָבן זיך געהאלטן ביי דער תורה, און מיט איבערגעגעבענער טרייהייט אָפּגעהיט די עבודה אין בית־המקדש. זייער גאנצע נאציאָנאלע ענערגיע האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער רעליגיעזער אָפּגעזונדערטקייט און אייגנארטיקייט.

די יידן האָבן זיך פארהעלטנישמעסיק געלעבט צופרידן, אָבער קיין פולשטענדיקע מנוחה האָבן זיי נישט געהאט. ווי א דאָרן אין די אויגן, זענען זיי געווען זייערע שכנים. פון אלע זייטן זענען זיי געווען ארומגע־רינגלט מיט ביטערע שונאים, און פון אלע זייערע פיינט זענען די גריכן געווען די שטארקסטע און ביטערסטע.

שוין ביים אָנהויב פון דער גריכישער אויבערהערשאפט, ווען אלעק־סאנדער פון מאקעדאָניע האָט איינגענומען די פערסישע מלוכה און גע־וואָרן א גרויסע וועלט מאכט, האָט די רואיקייט אין יידישן לאַנד אויפ־געהערט. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די פארשפרייטונג פון דער העלעניסטישער קולטור (די גריכן האָבן זיך גערופן העלענער), און פאר־כאפט דעם גאנצן אָריענט.

די יידן האָבן זיך באמת נישט געריכט פון אים געשווינט צו ווערן, ווייל זיי האָבן צוריקגעוויזן די פאָדערונג אים צו העלפן אין דער מלחמה קעגן די סיריער און פיניקער. זייער טענה איז געווען, אז זיי האָבן גע־שוואָרן טרייהייט צו דאריוס (דריוש) דעם קעניג פון פערסיע, און ווילן זייער שבועה נישט ברעכן. עס איז א סברא, אז אלעקסאנדער האָט טאקע געשוואָרן צו נעמען נקמה פון די יידן. דאָך האָט פאסירט אז ווען ער איז, וועדליג דער תלמודישער אגדה, אָנגעקומען צו די טויערן פון לאַנד און דערזען דעם כהן גדול שמעון הצדיק מיט די איבעריקע כהנים און זקנים אנטקעגן גיין, איז ער ארונטער פון זיין רייטוואָגן און זיך געבוקט.

אלעקסאנדער איז געוואָרן פריינטלעך צו די יידן, און זיי אפילו אָפּ־געגעבן די עטלעכע שומרונישע שטעט. שמעון הצדיק האָט נאָכאמאָל באַ־פעסטיקט ירושלים, פארבעסערט דעם בית המקדש, פארזאָרגט די שטאָט

מיט וואסער, און געהאָלפן נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם רעליגיעזן לעבן צווישן די יידן.

די לאַגע האָט זיך אָבער גאָר גיך געענדערט צום ערגערן. אלעק־סאַנדער איז אין סאַמע מיטן פון זיינע גרויסע אמביציעס אוועקגעשטאָרבן. זיינע גענעראַלן האָבן אָנגעהויבן פירן מלחמה איינער מיטן אנדערן, און צעברעקלט די גרויסע מלוכה אין פיר באַזונדערע טיילן.

ארץ־ישראל איז איצט געלעגן צעגויפּגעדריקט צווישן צוויי באַזונ־דערע מלוכות: די גריכישע מלוכה פון סיריע אין צפון, און די גריכישע מלוכה פון עגיפּטן אין דרום. די דאָזיקע צוויי מלוכות האָבן כסדר געפירט צווישן זיך מלחמה, און די יידן זענען, ווי דער שטייגער איז תמיד, געווען די ליידנדיקע.

די יידן זענען בערך הונדערט יאָר געווען אונטערוואָרפן דער גריכיש־עגיפּטישער מלוכה, און דערנאָך אונטער דער גריכיש־סירישער מלוכה. אונטער דער עגיפּטיש־גריכישער מלוכה האָט זיך די אידן געלעבט פּאָלי־טיש גאָר גוט, כאָטש עקאָנאָמיש האָבן זיי דווקא געליטן. זיי זענען פאַר־בליבן פריי ווי פריער און האָבן בלויז באַדאַרפט צאָלן צינזן. דער כהן גדול איז נאָך אַלץ געווען דער אנערקענטער פאָרשטייער פון די יידן, און ירו־שלים דער הויפּט־צענטער. א גרויסע צאָל יידן האָבן זיך באַזעצט אין אלעקסאַנדריע, די הויפּט־שטאָט פון דער עגיפּטיש־גריכישער מלוכה, און דאָרטן געוואָרן גאַנץ רייך. אויך האָבן זיך א סך גריכן באַזעצט אין די יידישע שטעט, וואָס האָט באַשאַפן א טיילווייזע אויסמישונג פון צוויי באַזונדערע און פאַרשידענע ראַסן און קולטורן.

אלעקסאַנדער מוקדון האָט שוין געהאַט אריינגעבראַכט די גריכישע שפּראַך אינעם מזרח, וועלכע איז ביסלעכווייז טאַקע געוואָרן די אינטער־נאַציאָנאַלע שפּראַך. דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל, וואָס האָט זיך דעמאָלט אנטוויקלט און אין וועלכן די יידן האָבן געשפּילט גאָרנישט קיין קליינע ראָל, האָט אויך אריינגעבראַכט אַן אויסטויש פון אידייען, וואָס האָט שפּעטער דערפירט צו דער פאַרשפּרייטער העלעניזירונג.

כל זמן יידן זענען געווען אונטער דער עגיפּטיש־גריכישער הערשאַפט, האָט דער העלעניזם נישט אויסגעאיבט קיין שטאַרקן איינפלוס אויפן יידיש גייסטיקן לעבן. די עגיפּטישע מלוכה איז געווען אן איינהייטלעכע, א שטאַרקע און גרינטלעך באַפעסטיקטע, און האָט נישט געזוכט ארויפ־צוצווינגען אויף די אונטערטעניקע פעלקער די העלעניסטישע וועלט־קול־

טור. די מלוכה איז געווען א ריין עגיפטיש נאציאנאלע, און האט קיין מורא נישט געהאט פאר צעברעקלונג און צושפּאלטונג. די גריכן זענען אין עגיפּטן געווען די פולשטענדיקע הערשער, און זיך געהאלטן גאנץ אָפּגעזונדערט פון די איינגעבוירענע עגיפּטיאנער.

אויבנאויפיק איז דער עגיפּטיש־גריכישער איינפלוס שוין דעמאָלט געווען צו מערקן אפילו אין יידישן לאנד. דער עולם האט זיך צוגעכאפּט צום טרינקען, און דער וויין האט זיי שוין פארשלעפּט צו אנדערע תאוות. מען האט אָנגעהויבן ביסלעכווייז נאָכטאנצן די מצריים; מען האט איינגעפירט אלערליי ווילדע אָרגיעס און איבערגענומען א סך פון די גריכישע מנהגים. אזוי ווי די יידן האָבן דעמאָלט געלעבט אין רו און אין פרידן, האט מען פארפעלט איינצוזען צו וואס אזא פירונג קאָן ברענגען.

די יידן האָבן דעמאָלט זיך ווייניק וואָס אָפּגעגעבן מיט זייער אינעווייניקסט גייסטיקן לעבן, און האָבן נאָר געזוכט זיך באפריינדן מיט די ארומיקע פרעמדע פעלקער. קיין פיינט האט זיי קיינמאָל נישט אויסגעפעלט. די שכנישע פעלקער: די פלישתים, אדומים און שומרונים, האָבן תמיד אָנגעהאלטן זייער שנאה, און די יידן האָבן זיך אלס שוץ־מיטל געווארפן אין די הענט פון די גריכן.

גאנץ אנדערש איז געווארן די לאגע דעמאָלט ווען די יידן זענען ביים סוף פונעם דריטן יאָרהונדערט פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג ארונטער אונטער דער הערשאפט פון דער גריכיש־סירישער מלוכה. די דאָזיקע מלוכה איז געווען א נאציאנאליטעטן־מלוכה. און די העלעניזירונג און העלעניסטישע קולטור איז געווארן א טייל פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק.

די פארזייונג פון דער העלעניסטישער קולטור אין יידישן לאנד האט איצטער געשלאָגן ווארצלען און געבראכט פרוכט. די מלוכה האט פשוט דורך מאכט געזוכט צו העלעניזירן דעם גאנצן יידישן לעבן, און אריינגעבראכט אינעם גייסטיקן לעבן פונעם יידישן לאנד צעשפּליטערונג און מחלוקות. די ברייטע יידישע מאסן, וועלכע זענען תמיד און אונטער אלע אומשטענדן געטריי געבליבן דער יידישער אמונה, האָבן געזוכט צו פירן די פּאָליטישע ריכטונג פון לאנד לטובת דער עגיפּטיש־גריכישער מלוכה, וועלכע האט זיי דערלויבט לעבן אויף זייער אלטן שטייגער וועדליג די אלט טראדיציאָנעל־רעליגיעזע פירונגען. די אריסטאָקראטן אָבער, די געלט־זאק און יחסנים, האָבן געפירט די ריכטונג לטובת די נייע דעראָבערער, די

סיריער. צום שלים־מזל זענען די דאָזיקע אריסטאָקראַטן אויך געווען די רעגירונגס־פירער, און האָבן דעריבער געהאַט א לייכטע האַנט איינצופירן אַלערליי העלעניסטישע מנהגים.

אַזוי אַרום האָט זיך שטופנווייז אַנטוויקלט א גאַנצע יידיש־העלעניסטישע פּאַרטיי צו וועלכער עס האָבן געהערט די רייכסטע און פּאַרנעמסטע יידן, און די כתה „חסידים", וועלכע האָבן גענומען אויף זיך אָפּצוהיטן די ריין־יידישע קולטור.

לכתחילה האָט די העלעניסטישע פּאַרטיי בלויז באַקעמפט די שווערע און האַרבע רעליגיעזע דינים און מנהגים. ביסלעכווייז אָבער זענען זיי אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק פונעם יידנטום און געוואָרן ביטערע שונאים פון דער תורה און קולטור. זיי האָבן אָנגעווענדט אַלע זייערע כחות די יידן פולשטענדיק צו אַסימילירן מיט די גריכן.

צווישן די העלעניסטן און חסידים איז אַנטשטאַנען א ביטערער קאַמף, וואָס האָט געפירט פון איין חורבן צו א צווייטן.

ווען אַנטיוכוס איז געוואָרן קעניג פון דער סיריש־גריכישער מלוכה, האָט ער זיך פאַרנומען מיט געוואַלד איינצופירן דעם געצענדינסט און גריכישע קולטור פון אויסגעלאַסנקייט אין אַלע זיינע אונטערטעניקע לענדער. קיין גרויסע שוועריקייטן האָט ער נישט געהאַט, ווייל ס'רוב פעלקער זענען פון תמיד אָן געווען געצנדינער האָבן זיי אָן לאַנגע בקשות אויף גיך איבערגעביטן זייערע געצעקעס אויף גריכישע. די יידן אָבער האָבן זיך מיט ביטערער עקשנות אַנטקעגנגעשטעלט דער העלעניסטישער קולטור, און די צעריסנקייט אין די אייגענע רייען איז דעריבער געוואָרן א פאַרגרעסערטע און פאַרשטאַרקטע.

נאָך פאַר אַנטיוכוסן האָט די פרומע פּאַרטיי פאַרלאָרן די רעגירונגס־מאַכט. זי האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער עגיפּטיש־גריכישער מלוכה, וועלכע איז כמעט תמיד געווען אין קריג מיט דער סיריש־גריכישער. די רעגירונג איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער העלעניסטישער פּאַרטיי, און דער כהן גדול איז געוואָרן ישוע, וועלכער האָט באַלד געביטן זיין נאָמען אויף יאַזאָן, וואָס איז גריכיש. ער איז געווען א טרייער קנעכט פון דער סירישער רעגירונג, און האָט אין ירושלים אויסגעבויט אַן אַרענאַ אין וועלכער עס זענען פאָרגעקומען פאַרשייטע גריכישע ספּאָרט־שפּילן.

אַנטיוכוס איז קענטיק דערמיט נישט געווען פולשטענדיק צופרידן, און ער האָט דעריבער יאַזאָנען אַרונטערגעזעצט און איבערגעגעבן די פּי-

יונג צו מענעלאוסן, וועלכער איז געווען דער הויפט פון דער עקסטרעמער סיריש־העלעניסטישער פארטיי צווישן די יידן.

דער דאָזיקער מענעלאוס איז געווען אן אמתער רשע. און די יידן פאררעטן אויף טריט און שריט. אין זיין צייט איז מען ביי די העלעניס־טישע ספארט־שפילן אין בית־המקדש שוין ארומגעגאנגען מוטער־נאקעט. א סך יונגעלייט האָבן זיך געשעמט וואָס זיי זענען „געיידישט״, האָבן זיי זיך געלאָזט מאכן כירורגישע אָפעראציעס אויסצוזען ווי די גויים.

צו יענער צייט האָט אנטיוכוס געפירט מלחמה מיט דער עגיפטיש־גריכישער מלוכה, און אין יידישן לאנד האָט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז אנטיוכוס איז געפאלן אין קאמף. דער געוועזענער העלעניסטישער כהן גדול יאזאן האָט אין איילעניש צונויפגעקליבן אן ארמיי פון טויזנט מאן, באזעצט ירושלים און מענעלאוסן איינגעשפארט אין פעסטונג.

אנטיוכוס האָט זיך אָבער אומגעקערט מיט א גרויסער ארמיי קיין ירושלים און אויסגעלאָזן זיין ווילדן כעס אויף די אומשולדיקע יידישע מאסן. ער האָט איבערגעגעבן די שטאָט אין די הענט פון זיינע סאָלדאטן און זיי שטרענג באפוילן אויסצוהרגענען יעדן איינעם וואָס איז נישט קיין פולשטענדיקער העלעניסט. די סאָלדאטן האָבן זיין באפעל אויסגעפירט מיט אמתער טרייהייט, און פארוואנדלט די שטאָט ירושלים אין א בלוטיקן טייך. אנטיוכוס האָט אויסגערויבט דעם בית המקדש, צעבראָכן די מזבחות און צוריק ארויפגעזעצט דעם פארעטער מענעלאוס אויף דער רע־גירונגס־שטול.

דער יידישער לעבן איז געוואָרן שרעקלעך אונטערדריקט, און עס האָט אויסגעזען אז עס איז געקומען דער סוף צו דעם אייגנארטיקן לעבן פון די יידן. דער שארית הפליטה, דער קליינער הייפעלע יידן, וואָס האָט זיך מיט דער גרעסטער עקשנות אָנגעהאלטן אָן דער קולטור און אמונה פון זייערע עלטערן און בשום אופן נישט געוואָלט אויפגעבן דעם קאמף פאר א פריי יידיש לעבן, האָט געמוזט אנטלויפן אין די באהעלטענישן פון די בערג וווּ דער שונא האָט צו זיי נישט געקענט צוקומען.

אנטיוכוס האָט ארויסגעגעבן א שטרענגן באפעל צו אלע אונטער־טעניקע פעלקער, אז זיי זאָלן אין זייערע טעמפלען אריינשטעלן די גרי־כישע געטער און זיך פולשטענדיק פארהעלעניזירן. דער כהן גדול מענעל־אוס, דער רענעגאט וואָס האָט געזוכט הערשאפט אפילו איבער די טויטע קערפערס פון זיינע אייגענע ברידער, האָט די באפעלן היניטיש־געטריי

אויסגעפֿאָלגט. ער האָט אריינגעשטעלט אין בית המקדש גריכישע געצקעס און מקריב געווען אויפֿן מזבח א חזיר. די ברייטע יידישע מאסן אָבער, אפילו די וואָס האָבן טיילווייז אָנגענומען גריכישע מנהגים און זיטן, האָבן קיין געצנדינער נישט געוואָלט ווערן און אפילו נישט געוואָלט אויפגעבן זייער נאציאָנאלע אָנגעהעריקייט.

זעענדיק, אז ער איז ווייניק וואָס מצליח מיט דער העלעניזירונג אינעם יידישן לאַנד, האָט אנטיוכוס זיך ווידער א נעם געטאָן צום געווער און לחלוטן חרוב געמאכט די יידישע היים. ציון איז געוואָרן א גריכישע פֿעסטונג, און גריכישע קאָלאָניסטן זענען געוואָרן די אייגנטימער פֿון די יידישע הייזער. ער האָט אראָפּגעשיקט קיין ארץ־ישראל זיין גענעראל אפאלאָניוס מיט א גאנץ גרויסער ארמיי און באפוילן צו פֿארניכטן אלע וואָס זענען נאָך געבליבן טריי דער יידישער תורה. שוידערלעכע רציחות זענען די סאָלדאטן באגאנגען, געטויט טויזנטער און טויזנטער מענער, פֿרויען און קינדער, אָבער די יידן האָבן עס געדולדיק אריבערגעטראָגן און עקשנותדיק געקעמפֿט אר זייער גייסטיקער פֿרייהייט.

די יידן האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט די גרעסטע מארטירער־ליידן. עס איז געווען שטרענג פֿארבאָטן אָפּצוהיטן דעם מינדעסטן רעליגיעזן אָדער נאציאָנאלן מנהג, און ווער עס האָט דעם פֿארבאָט נישט אָפּגעהיט איז געקרייציקט געוואָרן אונטער די שרעקלעכסטע יסורים און פּייניקונגען.

דורך די פֿארפֿאָלגונגען און פּייניקונגען איז דער ריס אין די יידישע רייען געוואָרן נאָך מער פֿארשטארקט. דער פֿארביטערטער קאמף פֿאר פֿרייהייט פֿון געוויסן איז געווען געווענדט נישט בלויז קעגן דעם אויסגעווייניקסטן שונא, די סירישע מלוכה, נאָר אויך קעגן די אייגענע פֿאררעטער און פֿארפֿירער. איצטער איז די פּארטיי צוטיילונג שוין מער נישט געווען צי מען זאָל פֿירן די פּאָליטישע ריכטונג לטובת די עגיפּטישע גריכן אָדער לטובת די סירישע גריכן. איצטער איז דער קאמף שוין געווען א ריין נאציאָנאלער און גייסטיקער, וואָס האָט געזוכט זיך צו באפֿרייען פֿון יעדן פֿרעמדן און אויסנווייניקסטן איינפֿלוס.

מיט שטאָלץ און פֿרייד האָט מען דעם אייגענעם לעבן מקריב געווען. יונג און אלט האָבן אויסגעשטרעקט זייערע העלדזער צו שטארבן דעם מארטירער־טויט, און בשום אופן נישט געוואָלט דעם שונא נאָכגעבן אפילו אויף א האָר די גרויס.

אין יענער צייט האָט זיך צווישן די יידן אין ירושלים געפֿונען איינער

א זייער קלוגער און געלערנטער מאן מיטן נאָמען אליעזר. ער איז געווען א גאַסטפּאַרכטיקער און איידעלער מענטש, קיינמאָל קיינעם נישט באַליידיקט אָדער חלילה מיט עפּעס וואָס איז ווי געטאָן. ער איז שוין געווען אַלט און צובראָכן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט גיין באזוכן קראנקע און שוואכע, זיי לינדערן די ווייטיקן און געבן טרייסט און הילף.

איינמאָל האָבן אים באַגעגנט עטלעכע גריכישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען געווען באַשטימט דורכצופירן די גרוילעכע באַפעלן פון אנטיוכוס, און זיי האָבן אים מיט געוואַלד געעפנט ס'מויל און אריינגעשטופּט א שטיק חזיר־פלייש. אליעזר האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן און עס גלייך פאַר די סאָלדאַטן אין די אויגן אויסגעשפּיגן מיט עקל און פאַראַכטונג.

ער האָט געוואוסט אז עס זענען דאָ א סך יידן וואָס זענען מקריב קרבנות צו די גריכישע אָפּגעטער און עסן די פלייש פון די קרבנות כדי דערמיט זיך ראַטעווען פון א גרויזאַמען טויט, אָבער אים, אליעזרן, האָט עס נישט געקימערט. ער איז געווען גרייט אויסצושטיין אַלערליי פּייני־קונגען, דורכצוגיין די גרעסטע יסורים, אבי נישט אָפּצוטרעטן פון די וועגן פון זיינע עלטערן. אים איז געווען דערווידער דער הוילער געדאַנק גאַרצוגעבן דעם ווילן פון טיראַנען, וועלכע זוכן צו דערדריקן די מענטשלעכע פרייהייט, דעם אייגענעם פרייען ווילן, און ארויפצוצווינגען א קולט פון געצנדינסט.

די סאָלדאַטן האָבן אליעזרן גוט געקענט און געוואוסט ווי געאַכט און געשעצט ער איז ביי יידן, האָבן זיי צו אים גערעדט מיט גוטע רייד און חניפה:

— דו, אליעזר, ביסט זייער א וויכטיקער מענטש, און אז דו וועסט עסן א שטיקל חזיר פלייש וועלן אַלע יידן דיר נאָכטאָן.

אליעזר האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופאָלגן זייער באַפעל, און דער עלטסטער פון די סאָלדאַטן האָט ווייטער מיט אים איינגעטענהט:

— מיר וואָלטן גערן געוואָלט דיך ראַטעווען פון טויט, און דערפאַר הער זיך איין צו אונדזער עצה: מיר וועלן דיר ברענגען כשר פלייש, און אז דו וועסט עס עסן וועלן אנדערע מיינען אז דו האָסט געגעסן טריפה פלייש ווי דער קעניג האָט באַפוילן.

האָט זיי אליעזר געענטפערט ווי עס האָט געפּאַסט פאַר זיין עלטער און לעבנס־וואַנדל: איר קאָנט מיך הרגענען, איר קאָנט מיך פּייניקן מיט

די גרעסטע אכזריות, און איך וועל קיין איינעם פון אייערע באפעלן נישט אויספאָלגן.

די באדריקער האָבן נאָך אַלץ נישט געוואָלט אויפגעבן זייער האָפענונג צו באַוועגן דעם אַלטיטשקן צו טאָן זייער ווילן, און האָבן אים א נייעם פּלאַן פאָרגעשלאָגן:

— ווייסטו גאָר וואָס — האָט דער אָנפירער געזאָגט — ריר אָן דאָס שטיק פלייש מיט אַ פינגער און דערנאָך לייג צו צום מויל אַן אַנדער פינגער. דו וועסט דאָס פלייש נישט עסן און אפילו נישט צורירן צו דיין מויל, נאָר בלויז געבן דעם איינדרוק אַז דו האָסט אויסגעפאָלגט אונדזער באפעל.

— איך וועל נישט וואגן צו נארן מיינע ברידער — האָט אליעזר געענטפערט מיט שטאָלץ — און וויל נישט אַז מען זאָל זאָגן אַז אויך דער ניינציק יעריקער אליעזר איז געוואָרן אַ געצנדינער. איך וועל בעסער שטאַרבן און ווייזן מיין פאָלק נישט מורא צו האָבן פאַרן טויט.

די סאָלדאַטן האָבן גאָר גיך איינגעזען אַז זיי וועלן ביי אים גאָרנישט פּועלן, האָבן זיי אים אָנגעהויבן פּייניקן מיט די שרעקלעכסטע יסורים. עס האָט זיי פאַרדראָסן וואָס ער איז געווען אַזוי עקשנותדיק און שטאָלץ, און זיי האָבן גאָר די אכזריות און ווילדקייט אויסגעגאָסן אויף אים.

אליעזר האָט נישט געוויינט, זיך נישט געוואַקלט און נישט אַרויסגעוויזן די מינדעסטע חרטה. פאַרבייסנדיק די ליפּן ביז בלוט, האָט זיין האַרץ געשיקט אַ תפילה צום הימל: „צו דיר, גאָטעניו, זענען אַנטפּלעקט אַלע געהיימניסן! דו ווייסט אַז איך וואָלט מיך אויף אַ גרינגן אופן געקענט ראַטעווען פון מיינע יסורים, ווייל איך זיי אָבער געבן איבערטראָגן כדי צו הייליקן דיין גרויסן נאָמען".

שטיל, מיט עקשנותדיקער איינגעהאַלטנקייט און שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ האָט דער אַלטיטשקער קרעמפּנדיק פון יסורים אויסגעהויכט זיין נשמה — און ווען ער איז געשטאָרבן, איז ער געווען אַ סימבאָל פאַר זיינע ברידער שטאַרקער און מיט נאָך מער מסירת נפש צו קעמפן קעגן דעם פרעמדן שונא.

זיבן קינדער זענען זיי געווען, איינס קלענער פונעם אַנדערן, און אַלע האָבן זיי ליב געהאַט זייער אומגליקלעכע מאַמע, חנה בת אוריאל, וועלכע איז געווען אַ צדקת, אַ פרומע און אַ גוטע.

אַמאָל איז זי געווען אַ גליקלעכע באַלעבאָסטע, געהאַט אַן אייגענע

היים. א געטרייען און ליבן מאן, און זיך געלעבט צופרידן און פול מיט האָפענונג אויף דער צוקונפט.

איז אָבער איר מאן יונגערהייט דערהרגעט געוואָרן, און דעם פאַר־מעגן אוועקגערויבט פון די גריכישע סאָלדאטן וואָס זענען ווי די היישע־ריקן באַפאַלן דעם יידישן לאַנד.

חנה איז געווען א פרומע און גאָטספאַרכטיקע, און בלייבנדיק געטריי איר גאָט און פאָלק, האָט זי אוים מורא, זיך צוזאמען מיט נאָך פיל יידן באהאלטן אין א הייל נישט ווייט פון שטאָט מודיעין, די היים פון די חשמונאים. האָבן זיך די סאָלדאטן דערפון דערוווסט, באפאלן די הייל און ארעסטירט חנה מיט אירע זיבן זין, די מוטער באזונדער און די קינדער באזונדער.

איז חנה געזעסן א געשלאָסענע אין שווערע אייזערנע קייטן אין א פינסטערן קעלער, און זיך צוגעהערט צו די געשרייען פון די געפייניקטע קינדער אירע, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אויספאָלגן דעם באפעל פון קעניג אנטיוכוס זיך צו בוקן און קניען פאר א ליימענעם אָפּ־גאָט. זי האָט געהערט די געוויינען און געשרייען, אָבער מיט גאָרנישט געקענט העלפן אירע אומגליקלעכע קינדער א חוץ מיט א תפילה, אז גאָט זאָל שטארקן זייער מוט און געבן כוחות אויסצוהאלטן די פייניקונגען.

די קינדער זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון זייער מוטער און פארשטאָרבענעם פאָטער, ישעיהו בן אביתר פון דער חשמונאישער משפחה, און בשום אופן נישט געוואָלט נאָכקומען דעם פארלאנג פון די פייניקער.

דער קעניג אַליין איז אָנגעקומען אינעם הויף פון דער געפענגנים, און געפרובירט ווירקן אויף די קינדער זיי זאָלן כאָטש פארזוכן א שטיקל חזיר־פלייש אָדער זיך כאָטש מאכן ווי זיי וואָלטן געגעסן. די הענקער האָבן די קינדער געשלאָגן מיט אייזערנע ריטער, געריסן זייער פלייש, אָבער די קינדער האָבן געשוויגן און נישט נאָכגעגעבן. פון דער ווייטנס האָבן זיי געהערט דעם געבעט פון זייער מוטער. און זייערע כוחות זענען דאדורך געשטארקט געוואָרן. פון הינטער די הויכע פעסטונגס־מוירן האָט זיך איר שטים געהויבן און זיך ביי זיי געבעטן:

„קינדער מיינע און ליבע! געדענקט אין דעם איינציקן גאָט, דעם גאָט וואָס האָט אייך געגעבן לעבן אויף דער ערד און רופט אייך איצט צוריק צו זיך אין די הויכע הימלען. מיט מיין בלוט פונעם הארצן וואָלט

איך אייך וועלן שטילן די לײדן, מיט מײנע מוטערלעכע קושן הײלן אײערע וונדן, די פעסטע קײטן אויף מײנע הענט און פיס לאָזן מיך אָבער נישט צו צו אייך. זייט גליקלעך, קינדערלעך, וואָס אויף אײער גורל איז אויסגעפאַלן געפירט צו ווערן צו דער עקידה. באַלד וועלן זיך אײערע ערדישע יסורים ענדיקן און איר וועט ווי הײליקע זיך פאַרײניקן אין הימל מיט מיר און אײער פאָטער”.

נאָך אײדער חנה האָט באַוויזן צו ענדיקן אירע רייד צו די קינדער, איז זי אַוועקגעשלעפּט געוואָרן מיט רציחה אויפן הויף פון געפענגענים, וואו אויף א הויכן טראָן איז געזעסן דער ווילדער קעניג ארומגערינגלט מיט א סוויטע פון קריגסלײט.

אנטיוכוס האָט צוגערופן איר עלטסטן זון חנניה, און אים באַפוילן זיך צו בוקן און קניען. חנניה האָט א ווילדע געוועגדט זײן בליק אויף דער מוטער, וועלכע איז איצט געשטאַנען נישט ווייט פון אים א דורכגעווייקטע אין טרערן, און באַלד דערנאָך זיך אומגעקערט און מיט שטאָלץ אויסגערופן:

— אומזיסט זענען דײנע רייד, קעניג. מיר זענען גרייט צו שטאַרבן און נישט אָפּטרעטן פונעם וועג פון אונדזערע עלטערן. טויט מיך גיכער, כדי איך זאָל קענען קומען צו מיין גאָט!

אז דער קעניג האָט די רייד דערהערט, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן און באַפוילן דעם יינגל ארויפצוזעצן א נאַקעטן אויף אַן אָנגעגליטע קופּערנע בלעך, אים אָפּשינדן די הויט פון פּנים, אים אויסשניידן די צונג און אָפּהאַקן די הענט און פיס.

פאַרטיק ווערנדיק מיטן עלטסטן זון, האָט ער זיך גענומען צום צווייטן, מתתיהו. געמיינט האָט דער קעניג, אז די איבעריקע קינדער וועלן זען ווי זײער עלטסטער ברודער איז געפּײניקט געוואָרן, וועלן זיי זיך דערשרעקן און טאָן זײן ווילן. ער האָט אָבער א טעות געהאַט. זיי זענען נאָך מער אַנטשלאָסן געוואָרן זיך צו האַלטן עקשנותדיק פעסט און שטאַרבן א מאַרטירער-טויט. ווען זײער ברודער חנניה האָט זיך געבראָטן לעבעדיקערהייט, האָבן זיי גענומען אײנער פונעם אנדערן א שבועה צו שטאַרבן מונטער און פרײלעך.

מתתיהו, דער צווייטער זון, האָט נישט געהאַט קיין לײכטערן טויט. שינדענדיק פון אים די הויט, האָט דער קעניג ווידער און ווידער איבערגעחזרט זײן פראַגע:

— וועסטו עסן ס'חזיר־פלייש אָדער וועסטו שטאַרבן ווי דיין ברודער?

אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן האָט מתתיהו נאָך באַוויזן צו געבן זיין שטאָלצן ענטפער:

— ניין, דו בלוטיקער מענטש! קענסט מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט, און איך וועל דיין באַפעל נישט אויספאָלגן.

דער דריטער איז געווען מישאל. אויך אים האָט מען געשלאָגן און געפּייניקט, אָבער ער האָט געשוויגן. ווען דער קעניג האָט אָבער באַפוילן אים ארויסצושניידן די צונג, האָט ער מוטיק אויסגעשריען:

— נעם, ווילדער רשע, מיין צונג! נעם אויך מיין לעבן. פון גאָט האָב איך עס געקראָגן און צו גאָט גיב איך עס אָפּ.

דער קעניג איז ווילד געוואָרן פון רציחה. אים האָט זיך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אַ קליין יינגל זאָל האָבן אַזוי פיל מוט. חנה האָט אָבער גע־שמייכלט און זיך געפרייט וואָס אירע קינדער זענען אַזוי העלדיש.

דער פירטער איז געווען יהודה. מיט שטעכעדיקע דערנער און פייער־אָנגעגליטע טשוועקעס האָט מען אים געפּייניקט. אָבער אויך ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסן מוט און אויסגעשריען צום קעניג:

— גליקלעך זענען די וואָס שטאַרבן על קידוש השם. דו אָבער וועסט שטאַרבן מיט חרפּה און שאַנד.

דעם פינפטן זון, עזריה, האָט מען געשניטן און געריסן גליד נאָך גליד, און אויך ער האָט שטאָלץ אויסגעדריקט זיין צאָרן און פאַראַכטונג:

— דו ביסט שטאַרק, אַנטיוכוס, דו טויטסט וועמען דו ווילסט. אָבער דו אַליין ביסט אויך נישט מער ווי אַ מענטש, און נאָך אַ גרויסער זינדי־קער, דער גרעסטער רשע צווישן אַלע, און קומען וועט אויך דיין צייט. דער גערעכטער גאָט האָט נאָך זיין פאָלק ישראל נישט פאַרלאָזן, און ער וועט נעמען נקמה פון דיר און פון דיין גאַנצער קעניגרייך.

אויך חנה איז געוואָרן מוטיק און מיט גרימצאָרן אויסגעשריען:

— פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין, דו שענדלעכער רוצח! טויט מיך צו־זאַמען מיט מיינע קינדער, אָבער טויט אונדז גיכער, דו מענטשן־מערדער!

אויך דער זעקסטער זון, אביתר, איז געשטאָרבן ווי אַ העלד, וואָר־נענדיק דעם קעניג אַז זיין שטראָף וועט קומען און וועט זיין פונקט אַזוי גרויזאַם ווי זיינע פּייניקונגען.

חנה האָט מיט אירע אייגענע אויגן צוגעזען ווי מען האָט איינעם נאָכן אַנדערן דורך גרויזאַמע יסורים געטויט אירע זעקס קינדער, אָבער

זי איז אויף אַ האָר נישט געפאַלן געוועזן. איר מוטיקייט איז נאָך אַלץ גע־וועזן גרויס און איר געשטאַרקט און געטרייסט אינעם גרויסן טרויער.

ווען מען האָט צוגעפירט צום קעניג דעם זיבעטן און יינגסטן זון, האָט אַלעמען אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות. אַפילו דעם קעניגס מער־דעריש האַרץ איז געוואָרן מילדער. דאָס יינגעלע איז נאָך געווען יונג, צאַרט און שיין, און ער האָט אים נישט געוואָלט טויטן.

דער קעניג האָט אים גענומען אויפן שויס, אים געצערטלט, און זיך געבעטן:

— זע מיין קינד, דו ביסט נאָך יונג, דו דאַרפסט נאָך לעבן און זיין גליקלעך, דו האָסט געזען וואָס איך האָב געטאָן צו דיינע ברידער צוליב זייער נאַרישער עקשנות. פאָלג מיך און בוק זיך צו מיין גאָט. און איך וועל דיך אַריינגעמען צו זיך אין פּאַלאַץ ווו דו וועסט זיין גרויס און גליקלעך.

דאָס יינגעלע — בנימין האָט ער געהייסן — האָט מיט קלאָר ליכ־טיקע אויגעלעך אַ בליק געטאָן צו זיין מוטער און זיך אָנגעשלאָגן אין איר צאַרטן שמייכל, ווי זי וואָלט זיך ביי אים בעטן: „פאַרשעם מיך נישט מיין קינד, פאַרשוועך נישט דעם נאָמען פון דיינע ברידער און טייל זיך נישט אָפּ פון מיר און דיין טאַטן".

ער האָט זיך גיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן שטאָלץ זיין קאָפּ און אויסגערופן:

— איך וועל בעסער שטאַרבן איידער זיך בוקן צו אַ פאַלשן גאָט. דו האָסט געטויט מיין טאַטן און מיינע ברידער, מעגסטו מיך אויך טויטן, איך וועל בעסער זיין מיט זיי אין הימל איידער מיט דיר דאָ!

דער קעניג האָט נישט נאָכגעלאָזן און זיך ווידער ביי אים געבעטן:

— פאַרשעם מיך נישט, קינד, פאַר די מענטשן וואָס שטייען דאָ פאַרזאַמלט, מאַך זיך כאָטש ווי דו וואָלסט מיך פאָלגן, אָט וועל איך אַ וואָרף טאָן מיין פינגערל צו די פיס פונעם גאָט צעאוס, און דו וועסט זיך בלויז איינבייגן ס'פינגערל אויפצוהייבן.

דער קליינער בנימין האָט אַפילו די טובה אויך נישט געוואָלט צוליב טאָן. דו ווילסט אָפּנאַרן דיין גאָט — האָט ער אויסגעשריגן — אָבער מיין גאָט וועסטו נישט נאַרן. ער וועט זיך אָן דיר נוקם זיין!

און חנה האָט זיך ווידער מיט טרערן און געבעט געווענדט צו איר קינד:

— מיין קינד, מיין מוזיניקל! איך האָב דיך ליב, ליב ווי גאָט אַליין,

איך בין דיר געטריי און וויל נישט אַז דו זאָלסט ליידן פון די דאָזיקע רוצחים וואָס זענען ערגער ווי די בלוטיקסטע חיות אין וואַלד. אָבער גיב אַ קוק, מיין ליב קינד, און זע ווי דיינע ברידערלעך ליגן צעהרגעטע און צעשניטענע, אַלע אין אַ קופּע ביינער און בלוט, קענסטו דען אַזוינס פאַר־געסן? קענסטו פועלן ביי זיך צו טאָן דעם שלעכטן ווילן פון דעם רשע, דעם קעניג? מיר ביידע, מיין קינד, טאָרן דאָ מער נישט בלייבן, מיר מוזן אַלע זיין צוזאַמען,,,,, דאָרטן אויבן אין הימל פאַרן אמתן ריכטער פון דער וועלט, וואָס וועט זיך פאַר אונדז נוקם זיין. זיי פעסט, מיין קינד, מיין איינציק קינד, ווי דיינע ברידער די הייליקע קדושים, און האָב נישט מורא פאַרן טויט, שטאַרב אַ העלד ווי דיינע ברידער, און איך וועל דיך בענטשן ווי איך האָב זיי געבענטשט.

דאָס יינגעלע האָט גאָרנישט געצעגערט און געזאָגט צום קעניג:

— איך וועל זיך צו דיר אָדער צו דיינע געטער נישט בוקן, ווייל איך בין געטריי מיין פאָלק און דעם איינציקן גאָט אין הימל. טויט מיך וואָס גיכער, ווייל איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט. דו אָבער וואָס דו ביסט אַ מענטש איינגעטונקען אין אומשולדיק בלוט, זאָלסט זיך נישט באַרימען מיט דיין גרויסן כוח. דו וועסט קריגן דיין שטראָף פון גאָט דעם באַשאַ־פער פון דער גאַנצער וועלט. ער ווייסט אַלץ און זעט אַלץ, און ער וועט דיר נישט שענקען. דורך מיין בלוט וועט געקרעפטיקט ווערן דער מוט פון מיין פאָלק, און גאָטס צאָרן וועט געשטילט ווערן און אויסשפּרייטן זיין גרויסן חסד אויף זיי. טויט מיך ווי דו האָסט געטויט מיינע ברידער, דו רשע ומרושע!

— איך בין שטאָלץ מיט דיר, מיין טייער ליב קינד! — האָט חנה מיט פרייד אויסגעשריגן.

און אַז אנטיוכוס האָט עס דערהערט, האָט זיך אים דער צאָרן ווי־דער אָנגעצונדן, און האָט באַפוילן אויך דעם יינגסטן פון די זיבן קינדער צו טויטן דורך פּייניקונגען און יסורים.

חנה האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי אירע טויטע קינדער, האָט אויפ־געהויבן הויך אירע הענט צום הימל און מיט פרייד אויסגעזונגען:

— אם הבנים שמחה, הללויה, עס פרייט זיך די מוטער מיט אַזעלכע קינדער, געלויבט איז גאָט!

חנה איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד, און זיך איבערבייגנדיק איבער

די צעשניטענע קערפּער פון אירע זיבן קינדער, איז זי אליין דורכגע-שטאָכן געוואָרן מיט די שאַרפע שפּיזן פון די סאָלדאַטן.

דער בעכער פון פּיין און לייד איז פאַרפולט געוואָרן, און ס'איז מקויים געוואָרן די נבואה פון דער מאַרטירערין חנה בת אריאל און אירע זיבן זין.

טאַקע פון חנהס שטאָט איז די ישועה געקומען. איר אייגענע משפּחה האָט דעם קאַמף פאַר פרייהייט אויפגעהויבן, און אים דערפירט ביז דער-פאָלג.

אין חודש כסלו, 168 יאָר פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג, איז אויף א באַפעל פונעם גרויזאַמען קעניג אנטיוכוס עפּיפאַנעס דורכגעפירט געוואָרן א ווילדע אָרגיע אין די אינעווייניקסטע הויפן פונעם בית המקדש. ווילדע און שכורע סאָלדאַטן האָבן דאָרטן געפּראַוועט זנות, געשענדט יידי-שע טעכטער, פאַראומרייניקט יידישע מאַמעס, מקריב געווען חזרים אויף די הייליקסטע ערטער. אינעם סאַמע קדשי קדשים, דאָרטן ווו דער כהן גדול פלעגט אריינקומען בלויז איינמאָל אין יאָר, אין יום כיפּור, און בעטן פאַר אלע יידן, האָט מען אוועקגעשטעלט א גריכישע געצקע, און די יידן געצוווּנגען אָנטייל צו נעמען אינעם געצנדינערישן ריטואַל.

די יידן זענען געווען מוראדיק פאַרצווייפלט. די כוחות זענען זיי שוין געווען אויסגעגאַנגען און לענגער נישט געקענט פירן דעם פאַרביטערטן און עקשנותדיקן קאַמף קעגן אַזאַ גרויסער און שטאַרקער וועלט־מאַכט. ס'לאַנד איז שוין געלעגן פאַרוויסט, אָרעמקייט און נויט אין יעדער יידישער הויז, דער גייסט געבראָכן און דערדריקט, אָן פרייהייט און אָן פאַראייניקטער פירערשאַפט. דאָך האָט נאָך געטליעט א פונק פון האָפענונג. זיי האָבן גע-פילט אז זיי קעמפן פאַר א אידייע, פאַר א מאָראַלישער אידייע, און זיי מוזן געווינען.

דער לאַנג דערוואַרטעטער מאָמענט איז טאַקע געקומען. א גריכישער גענעראַל מיט אן אַרמיי איז אַריינגעקומען אינעם קליינעם יידישן שטע-טעלע מודיעים, און געצוווּנגען די דאָרטיקע יידן זיך צו בוקן צו געטער און מזבחות וואָס מען האָט דאָרטן אויפגעשטעלט.

און אין יענעם שטעטעלע האָט געלעבט אן אַלטער מאַן וועמען מען האָט גערופן מתתיהו. געשטאַמט האָט ער פון ירושלים ווו ער איז געווען א כהן, נאָר צוליב די פאַרפאָלגונגען האָט ער זיך אהין אריבערגעקליבן. מיט אים האָבן אויך געוווינט זיינע פינף זין: יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר

און יונתן, וועלכע זענען פאראייביקט אין דער יידישער געשיכטע צוליב זייער גרויסער העלדישקייט און טרייקייט צום אידישן פאלק.

ווען די ארמיי איז אריין אינעם שטעטל, האבן מתתיהו און זיינע זין זיך געפונען אין די דערבייאיקע בערג און טאלן, ווו א גרויסע צאל אידן האבן זיך אויסבאהאלטן קעגן די גריכישע אכזריות. דער שונא האט זיך דערפון דערוווסט, און אן ארמיי איז געשיקט געווארן די באהאלטענע אויסצוגעפינען. א גרויסן טייל האבן זיי טאקע געפינען און געצווונגען זיך בוקן צו די געטשקעס. יעדער איינער וואס האט זיך אפגעזאגט נאכצוקומען דעם באפעל, איז אומברחמנותדיק געטויט געווארן. אין איין פארבארגענער הייל זענען עטלעכע הונדערט יידן דערשטיקט געווארן פונעם פייער וואס די שונאים האבן אוועקגעלייגט ביים אריינגאנג. זיי האבן אפשר געקענט אנפירן אן אפענעם קאמף, איז עס אבער געווען שבת, האבן זיי דעם טאג נישט געוואלט פארשוועכן און באשלאסן דורך זייער טויט צו פראטעסטירן קעגן די פארפאלגונגען אויף דער אמונה.

דער אלטער פרומער כהן האט איינמאל דערזען ווי א גריכישער אפיצער האט געצוווּנגען א יידן מקריב צו זיין א קרבן צו א גריכישן אפגאט, און אים האט עס שטארק פארדראסן, מיט דער שנעלקייט פון א הירש האט ער זיך ארויפגעווארפן אויפן אפיצער און אים דערהרגעט. די פינף זין זענען אים געקומען צו הילף און זיך אפגערעכנט מיט די איבעריקע סאלדאטן. דאס איז געגעבן געווארן דער סיגנאל צו א באוואפנטן אויפשטאנד קעגן די אונטערדריקער.

דער אלטער מתתיהו האט ארויסגעלאזן אן אויפרוף צו אלע יידן, א רוף וואס האט געמונטערט און געגעבן האפענונג. מי לד' אלי — ווער עס גלויבט אין אן איינציקן גאט, זאל קומען צו מיר! — האט דער אלטער מתתיהו געדונערט, און יונג און אלט האבן זיך ארום אים פארזאמלט. יעדער איינער איז געווען באשלאסן בעסער צו שטארבן איידער צו לעבן אין אונטערדריקונג.

לאנג האט מתתיהו די הייליקע מלחמה נישט אנגעפירט. ער איז שוין געווען אלט און שוואך. זיינע טעג זענען געווען געציילטע. פארן טויט האט ער אבער פארזאמלט זיינע געטרייע פינף זין, און זיי באשווארן ווייטער אנצופירן דעם קאמף און זיך נישט אונטערגעבן ביז ארץ ישראל וועט ווערן אויסגערייניקט פון די אונטערדריקער. שמעונען האט ער באשטימט פארן הויפט און יהודהן פארן פעלדמארשאל.

יהודה האט זיך טאקע ארויסגעוויזן צו זיין זייער א פעאיקער מלחמה פירער. אין דער מלחמה קעגן אפאלאניוס איז ער ארויס דער זיגער, צוגענומען זיין שווערד און אים אליין דערהרגעט. די סירישע ארמיי איז זיך דעמאלט צעלאפן אין א ווילדער אומארדענונג.

דריי יאר נאכאנאנד האבן די יידן געפירט דעם דאזיקן גארילאקאמף קעגן דער מעכטיקער סירישער ארמיי. עס איז געווען א מלחמה אויף לעבן און טויט, און קיינער פון די צוויי צדדים האט נישט געוואלט נאכגעבן. די גריכישע ארמיי האט געהאלטן אין איין צוקריגן נייע פארשטארקונגען און זיך געהאלטן פעסט ביים באשלוס איינמאל פאר אלעמאל אויסצוראטן אלע יידן.

די יידישע סאלדאטן זענען אבער נישט געווען קיין פחדנים און האבן געקעמפט ווי די לייבן, איינער קעגן צען האבן זיי געקעמפט, און דאך זיך נישט אפגעשראקן. קעגן פיר בארימטע גענעראלן האבן זיי געקעמפט, קעגן מעדאן, ניקאנאר, פטאלמעאס און גארגיעס, און יעדן איינעם פון זיי באזיגט. אונטער דער העלדישער פירערשאפט פון יהודה המכבי און זיינע ברידער, די חשמונאים, איז די יידן ענדלעך געלונגען צו פארטרייבן די שונאים פון לאנד און אראפצווארפן פון זיך דעם יאך פון קנעכטשאפט.

נישט לייכט איז זיי דער זיג אנגעקומען. טויזנטער און טויזנטער יידן האבן טייער באצאלט מיט זייער לעבן. עטלעכע פון יהודהס ברידער זענען אויך געפאלן קרבנות אין דער מלחמה, און בלויז דער אידעאליזם האט זיי געגעבן דעם גרויסן כוח צו זיגן.

אנקומענדיק זיגרייך קיין ירושלים, האבן די יידן דערזען פאר זיך א שוידערלעך בילד. די שטאט איז געווען פארניכטעט און ארום די פארברענטע טויערן פון בית המקדש זענען געוואקסן ווילדע גראזן און דערנער.

יהודה האט ביי די טויערן אוועקגעשטעלט א מחנה סאלדאטן צו היטן קעגן א מעגלעכן אנפאל, און אליין זיך פארנומען פאררייכטן דעם בית המקדש; אים אויסרייניקן פון די טמאהדיקע זאכן וואס דער שונא האט דארטן אנגעווארפן, און אויפבויען א נייעם מזבח אויף אים ווידער מקריב צו זיין קרבנות אויפן אלט־יידישן שטייגער.

דערציילט די גמרא, אז אויסער דעם נס פון דעם יידישן זיג איבער זייער שונא אין דער מלחמה, האט דארטן פאסירט נאך א נס:

דעם פינף און צוואנציקסטן טאג אין חודש כסלו, האט מען אויף דעם ניי־אויפגעבויטן מזבח מקריב געווען דעם ערשטן קרבן. האט מען אויך

געוואָלט אָנצינדן דעם נר תמיד, דעם שטענדיקן ליכט וואָס האָט דאָרטן תמיד געברענט, איז אָבער נישט געווען קיין ריינער בוימאויל, ווייל דער שונא האָט געהאַט פאַראומרייניקט דעם גאַנצן בוימאויל אין לאַנד. דאָך האָט מען געפונען אַ קליין קריגעלע פאַרשטעמפּלט מיט דעם כהן גדולס חתימה, וואָס האָט בלויז געקענט קלעקן אויף איין איינציקן טאָג. איז געשען אַ נס, און דער בוימאויל האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג, און אָט צוליב דער דאָזיקער געשעעניש האָט מען באַשלאָסן יעדן יאָר אין דער זעלבער צייט צו פייערן דעם יום-טוב חנוכה מיט אָנצינדן קליינע ליכט־לעך אַכט טעג נאָכאַנאַנד.

די באַנייאונג איז געווען דער אָנהייב פונעם זיג, און די חשמונאָים האָבן זיך דערמיט נישט באַגנוגנט. זיי האָבן באַלד אויסגעפירט אַז די סי־רישע רעגירונג זאָל צוריקרופן אַלע אירע גזירות און דעקרעטן און צוריק אויפשטעלן די יידישע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אויטאָנאָמיע. שפּעטער, ווען די סירישע רעגירונג איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און צעריסן, האָבן די חשמו־נאָים ווידער אָנגעפירט דעם קאַמף ביז עס איז זיי געלונגען צוריקצוקריגן זייער פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט און אַפילו אויפצושטעלן אַן אייגענע חשמונאישע מלוכה, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן קנאַפּע הונדערט יאָר ביז די רוימישע רעגירונג האָט איר ווידער אומגעבראַכט.

פערטער קאפיטל

ווי אזוי דער יום-טוב חנוכה האָט זיך אנטוויקלט

חנוכה ווי א צווייטע סוכות פייערונג — דער רעליגיעזער מאָטיוו — די קעגנערשאפט צו די חשמונאים — חנוכה אין דער קבלה — די נאציאָנאל־קולטורעלע באדייטונג.

דער ערשטער און וויכטיקסטער קוואל פון וואגען די געשיכטלעכע ידיעות וועגן חנוכה ווערן גענומען, זענען די ספרי החשמונאים, פון וועלכע איינער איז פארבליבן אין דער אָריגינעלער שאפונג און דער צווייטער אין אן איבערזעצונג.

ווערליג די דאָזיקע חשמונאים־ביכער איז אָבער דער כאראקטער פונעם יום־טוב נישט גאנץ קלאָר. אינעם ערשטן בוך ווערט דערציילט, אז די יידן האָבן געפייערט די באנייונג פונעם מזבח און די קרבנות מיט גרויס פרייד אכט טעג נאָכאנאנד, און אז עס איז באשטימט געוואָרן די באנייונג צו פייערן יעדן יאָר.

אינעם צווייטן חשמונאים־בוך ווערט שוין דערציילט, אז די יידן האָבן געפייערט אן אכט-טאָגיקן יום־טוב, אזא פריילעכן ווי סוכות, גע־טראָגן שטעקנס ארומגעוויקלט מיט בלעטער און שיינע פאלמען־צווייגן, און געזונגען לויב-לידער צו גאָט.

דער ערשטער וואָס דערמאָנט וועגן אָנצינדן ליכטלעך, איז דער היס־טאָריקער יאזעפוס פלאוויוס. ער דערציילט, אז יידן פייערן זינט דעם זיג פון די חשמונאים א יום־טוב וואָס ווערט אָנגערופן „ליכטער", אין אָנדענק דער פרייהייט וואָס האָט אויפגעשיינט און אויפגעלויכטן גאָר אומדער־ווארט.

קאָנטיק, אז פון ערשטן אָנהויב איז עס טאקע געווען אן אלגעמיי־נער אכט־טאָגיקער יום-טוב, וואָס האָט געהאט פיל ענלעכקייט צום יום־

טוב סוכות. מען האָט געטראָגן לולבים, געזאָגט הלל און געווען פריילעך. ערשט מיט דורות שפּעטער האָט מען אונטערגעבראַכט די לולבים צערעמאָניע און געמאַכט דערפון אַ יום־טוב פון באַנייונג מיט אַ ריטואַל פון אָנצינדן ליכטלעך.

צו מאַכן אַ גרויסע פאָלקס פייערונג יעדעס מאָל וואָס דער מזבח אָדער אַנדער טייל פון בית המקדש ווערט באַנייט, איז שוין געווען אַן אַלטע טראַדיציאָנעלע איינפירונג ביי יידן. ווען משה האָט אויפגעשטעלט דעם משכן אין דער מדבר, האָט מען געפייערט דעם חנוכת המזבח. ווען שלמה המלך האָט באַנייט דעם בית המקדש, איז ווידער געמאַכט געוואָרן אַ יום־טוב, ווען נחמיה האָט פאַרענדיקט בויען דעם מויער אַרום ירושלים, האָט ער אויך געמאַכט אַ באַנייונגס־יום־טוב. ווען דער צווייטער בית־המקדש איז פאַרטיק געוואָרן, איז ווידער געווען אַ חנוכת הבית.

פאַרוואָס מען האָט געענדערט דעם כאַראַקטער פונעם יום־טוב, לאָזט זיך אפשר דערקלערן דערמיט וואָס די חכמי התלמוד, די פּרושים, זענען געווען גאָר גרויסע קעגנער פון דער חשמונאַישער הערשאַפט, און עס איז זיי ממילא נישט געווען שטאַרק צום הארצן די דאָזיקע פייערונג, וואָס האָט אַזוי בולט אָנגעוויזן אויף דער חשמונאַישער מסירת־נפשדיקער העלדישקייט. אין גאַנצן אומברענגען דעם יום־טוב האָט מען נישט געקענט, ווייל נאָך אַלעמען האָט ער דאָך געהאַט צו טאָן מיט דער רייניקונג און באַנייונג פונעם בית המקדש. האָט מען דעריבער שטאַרקער באַטאָנט דעם נס מיטן קריגל בוימאייל, און עס געמאַכט פאַרן הויפּט־מאָטיוו פון דער פייערונג.

דער מנהג צו צינדן ליכטלעך איז אויך געווען אַן אַלטער ביי יידן. אפשר דערפאַר וואָס דער אָנצינדן די מנורה אין בית המקדש איז געווען תמיד אַ וויכטיקער צערעמאָניאַל, און אפשר דערפאַר וואָס ביי אַלע געצנדינערישע פעלקער איז דער צינדן ליכט געווען אַ הייליקער ריטואַל. טיי ווי האָט מען זיך ביי יידן דערמיט שוין לאַנג געהאַט באַנוצט. און ווען דער מאָטיוו פונעם יום־טוב איז געוואָרן דער „פך שמן", דאָס קריגעלע בוימאייל, האָט מען אויך געמאַכט דעם ליכט צינדן אַ טייל פונעם יום־טוב.

די גמרא אַליין פרעגט: „מאי חנוכה — וואָס איז חנוכה?" די גמרא גיט, נאַטירלעך, דעם ענטפער וועגן דעם נס. אָבער דער פאַקט וואָס די גמרא שטעלט זיך די פראַגע באַוווייזט, אַז די ענדערונג אינעם כאַראַקטער פונעם יום־טוב און די איינפירונג פון צינדן ליכטלעך, איז נאָך נישט געווען

קיין פעסטגעשטעלטע און קלאָרע דעפינירטע. אגב, גייט אין דער גמרא אויך אָן א מחלוקה צווישן די בית שמאי און די בית הלל אין וועלכער אָרדענונג מען זאָל די ליכטלעך צינדן, צי מען זאָל אָנהויבן דעם ערשטן טאָג מיט ליכטלעך און פארענדיקן דעם אכטן טאָג בלויז מיט איין ליכטל, אָדער פארקערט דעם סדר: אָנהויבן מיט איין ליכטל און פארגרעסערן יעדן טאָג די צאָל ביז אכט.

אין די צייטן פון די בעלי המשנה, די תנאים, זענען נאָך די דינים וועגן דעם ליכט צינדן נישט געווען באשטימט. דער יום-טוב האָט זיך ערשט געהאלטן אין דער פאזע פון אנטוויקלונג, און האָט נאָך נישט גע־האט קיין באשטימטע פאָרם און קלאָרים. דערפאר, משמעות, ווערט אין דער משנה גערעדט וועגן חנוכה בלויז אגב אורחאדיק, און אפשר איז דעמאָלט די צייט נישט געווען גינסטיק פאר אזעלכע פייערונגען, וואָס האָבן א באוואָפנטן אויפשטאנד פאר א הינטערגרונט.

די איצטיקע פאָרם האָט דער יום־טוב באקומען ערשט עטלעכע דו-רות נאָכן צווייטן חורבן ווען יעדער יידישער יום־טוב האָט געקראָגן א ריין רעליגיעזן, און אָפט אויך מיסטישן, כאראקטער. די אמוראים, די נאָכ־פאָלגער פון די בעלי המשנה, האָבן מער נישט געטראָגן קיין כעס אויף די חשמונאים, ווייל די יידישע מלוכה איז שוין סיי ווי געווען אין אונטער־געגאנגענע. זיי האָבן דעריבער שוין אויך דערלויבט ארייננצוגעבן דעם נאציאָנאלן קעמפערישן עלעמענט אינעם יום־טוב.

אין די פילע מדרשים ווערן שויןביידע מאָטיוון און עלעמענטן אריינ-געגעבן. זיי דערציילן שוין גענויער וועגן דער מלחמה פון די חשמונאים קעגן די גריכן, גיבן פינקטלעך איבער דעם נס מיטן קריגל בוימאייל, און גיבן שוין אגב אויך אָן א טעם פארוואָס מען צינדט אָן די ליכטלעך. דער מדרש דערציילט, אז בעת די חשמונאים זענען אריין אין בית המקדש האָבן זיי דאָרט געפונען אכט אייזערנע שפיזן, האָבן זיי אין די אכט שפיזן אריינגעשטעלט אכט ליכט און זיי אָנגעצונדן.

חנוכה איז דער יום־טוב פון די חשמונאים, פון יענער יידישער גבו-רים-פאמיליע, מיט וועלכער עס הויבט זיך אָן א נייע ליכטיקע עפּאָכע אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק. ווער אָבער זענען עס געווען אָט די דאָזיקע העלדן, און פון וואנען שטאמט דער נאָמען „חשמונאים" מיטן צונאָמען „מכבי" (מאקאבייער), מיט וועלכן די קעמפער ווערן תמיד בא־צייכנט?

וועגן דעם נאָמען „חשמונאים" זענען פאַראַן גאָר א סך דערקלערונ־גען. א טייל זאָגן, אז מתתיהו הכהן, דער פאָטער פון די פינף העלדישע זין, האָט אָפּגעשטאַמט פון חשמון, א שטאָט אין ארץ־ישראל, וואָס ווערט דערמאָנט אין יהושוע, קאַפּיטל פופצן, פסוק זיבן און צוואַנציק, און ווערט אריינגערעכנט אין דער נחלה פון שבט יהודה. אנדערע דערקלערן אָבער, אז דער נאָמען שטאַמט פון מתתיהוס זיידע, וועלכער האָט טאַקע געהייסן התמונאי, און דער „תיו" איז פשוט פאַרענדערט געוואָרן אויף א „שין".

אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערט די גאַנצע קעניגלעכע דינאַס־טיע, וואָס איז געקומען צום לעבן דורך דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אָנגע־רופן: בית חשמונאי, אָבער פון וואַנען דער נאָמען שטאַמט ווערט אין ערגעץ נישט דערמאָנט. אפילו דער נאָמען „מכבי־מאַקאַבייער" ווערט דאָרטן נישט דערמאָנט. דער ערשטער וואָס דערמאָנט דעם נאָמען מכבי, איז דער היסטאָריקער אורעגנוס, וועלכער רופט דעם ספר החשמו־נאים: מאַקאַביאַט.

דער ספר החשמונאים פון וועלכן מען שעפּט די הויפּט ידיעות וועגן דער חנוכה פייערונג, געהערט צו די גאָר אַלטע יידישע שריפטן וואָס זענען געוואָרן אויסגעשלאָסן פונעם תנ"ך. באמת זענען פאַראַן פיר ביכער, וואָס זענען א קוואַל פאַר דער געשיכטע פון די חשמונאים, אָבער די סאַמע וויכטיקסטע זענען די ערשטע צוויי, דער ערשטער וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין העברעאיש און דער צווייטער — אין גריכיש.

אינעם דאָזיקן ספר ווערט דערקלערט, אז דער אַלטער מתתיהו האָט פאַרן טויט איבערגעגעבן די פירונג פון דער מלחמה צו זיין זון יהודה, און אים דערביי געקרוינט מיטן ביי־נאָמען: „מכבי".

געווי וואָס עס איז די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן ביי־נאָמען, בלייבט פאַרהוילן. א טייל היסטאָריקער זאָגן, אז עס איז א ראשי תיבות. די ערשטע אותיות פון „מי כמוך באלים ד' — ווער נאָך צווישן די געטער איז ווי דו", און אז די דאָזיקע אותיות זאָלן עס האָבן געווען אויסגענייט אויף דער פאָן פון די יידישע קעמפער. אנדערע זענען אָבער אין דער מיינונג, אז זיי זענען די ראשי תיבות פון מתתיהו כהן בן יוחנן, דעם איניציאַטאָר און הויפּט־אָנפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי.

עס איז אויך פאַראַן א פאַרשידנהייטס־מיינונג וועגן דעם אויסלייג און אויסשפּראַך פונעם וואָרט. א טייל טענהן, אז מען דאַרף דעם וואָרט שרייבן מיט א „קוף" — מקבי, וואָס מיינט אין העברעאיש: „האַמער",

אן אָנדייטונג אויפֿן פֿאַקט וואָס די מאַקאַבייער האָבן צעקלאַפּט דעם שונא ווי מיט א האַמער.

דער תּלמוד איז קאַנטיק נישט געווען איבעריק צופֿרידן מיט די חשמונאים, און האָט דערפֿאַר אַזוי ווייניק באַטאָנט די וויכטיקייט און באַדייטונג פֿון זייער קאַמף. משמעות, אַז די זעלבע אומצופֿרידנקייט האָט אויך צו טאָן מיטן פֿאַקט, וואָס דער ספר החשמונאים איז פֿאַרמשפּט געוואָרן לגניזה און איז נישט אַריינגענומען געוואָרן צווישן די קאַנאָניזירטע ספרי תנ"ך, אין דער דאָזיקער שנאה, ווערט די מוטער פֿון די חשמונאים באַשולדיקט אין האָבן געווען א געפֿאַנגענער שקלאַף ביי געצנדינער.

דער תּלמוד איז בכלל פֿול מיט שווערע באַשולדיקונגען קעגן די חשמונאים־דינאַסטיע, און האַלט זיי פֿאַראַנטוואָרטלעך הויפּטזעכלעך פֿאַר דער פֿאַרשוועכונג פֿון דער כהונה.

דער יידישער היסטאָריקער יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס דערציילט, אַז די יידן פֿון ירושלים האָבן זיך געבעטן ביי די שלוחים פֿון קעניג פּאָמפּעוס מען זאָל זיי באַפֿרייען פֿון דער חשמונאים־דינאַסטיע. ער דערציילט, אויך, אַז אַריסטובלוס, איינער פֿון דער דאָזיקער חשמונאים־דינאַסטיע, איז געווען דער ערשטער יידישער מלך צו פֿאַרקויפֿן דעם אַמטן פֿון כהן גדול צום בעסטן באַצאָלער.

א סך מאָדערנע געלערנטע באַווייזן טאַקע מיט היסטאָרישע פֿאַקטן, אַז די עבודה אין בית המקדש איז נישט באַנייט געוואָרן צוליב די נצחונות און געווינסן פֿון די מאַקאַבייער אויפֿן מלחמה פֿעלד, נאָר פּשוט דערפֿאַר וואָס די יידן איז געלונגען צו שליסן א פֿרידנס־אָפּמאַך מיט ליזאַס, דעם קאָמאַנדיר פֿון די סירישע אַרמייען. אינעם צווייטן חשמונאים בוך, קאַפּיטל א'. ווערט טאַקע דערמאָנט, אַז דער כהן גדול איז געווען א פֿאַרמיטלער אין א פֿרידנס־אָפּמאַך נאָך גאַנץ לאַנג איידער די מאַקאַבייער האָבן געקענט זיין א מאַכט און געווינען א מלחמה־זיג.

דער מחבר פֿון ספר דניאל אין קאַפּיטל עלף, רופֿט די חשמונאים אָן משכילי עם, קלוגע פֿון פֿאָלק, אָבער ער זאָגט אויך, אַז זיי וועלן ברענגען אן עזר מעט, א קליינע אומבאַדייטנדיקע הילף.

ווען די חשמונאים זענען שוין געוואָרן די הערשער פֿונעם יידישן לאַנד, האָבן זיי גאַנץ אָפֿט אַרויסגערופֿן קעגן זיך דעם צאָרן פֿון פֿאָלק. די זעלבע חשמונאים, וועמענס עלטערן עס האָבן באַפֿרייט ארץ־ישראל פֿון פֿרעמדער אויבערהערשאַפֿט, האָבן דורך זייערע אייגענע פֿירונגען און

קריגערייען געבראַכט דערצו אַז די רוימער זאָלן באַזעצן דאָס לאַנד און עס שפּעטער צעשטערן.

די חשמונאים מלכים האָבן זיך אויך אָפּט פאַרייניקט מיט די צדוקים, וועלכע זענען געווען די יידישע אַסימילאַטאָרן און געזוכט צו העלעניזירן ארץ־ישראל, א זאַך וואָס די ברייטע פאָלקסמאַסן האָבן קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן און פאַרגעבן.

דער תלמוד, וועמענס תנאים זענען געווען פון דער קעגנערישער פּאַרטיי, פון די פּרושים, האָבן אַזעלכע חטאים אוודאי נישט געקענט פאַרגעבן, און דערפאַר, משמעות, האָבן זיי אַזוי בייזוויליק פאַרשוויגן די העלדישקייטן פון די חשמונאים אין פאַרבינדונג מיטן חנוכה יום־טוב.

די דאָזיקע באַציונג פון די חכמי התלמוד איז אויך אָנגעוועגדט געוואָרן אין דער גאַנצער שפּעטערדיקער רבנישער ליטעראַטור. דער רמב״ן אין זיין פּירוש אויף תורה (פּ׳ ויחי) זאָגט בפירוש, אַז די חכמי התלמוד זענען געווען אין כעס אויף די חשמונאים דערפאַר וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט די יידישע מלוכה, וועלכע האָט אייגנטלעך געהערט צום בית דוד און דעם שבט יהודה. אויך דער חתם ספר זאָגט קלאָר, אַז רבי יהודה הנשיא דער רעדאַקטאָר פונעם משניות, האָט אַליין אָפּגעשטאַמט פונעם מלכות בית דוד, און האָט דעריבער באַוווסטזיניק איגנאָרירט די חשמונאים און זייער העלדישקייט.

ווי אַלע אַנדערע יידישע ימים טובים איז אויך חנוכה איינגעהילט געוואָרן דורך די מיסטיקער, די בעלי קבלה און חסידים, אין אומצאָליקע מיסטישע סימבאָלן, וועלכע זענען באַגרינדעט, ווי זייער שטייגער איז, אויף דער דיאַלעקטיק, פאַרפּלאָנטערטע פּשטלעך און אָנדייטונגען.

שוין דער ענין חנוכה, ווי ער ווערט דערקלערט אין תלמוד, איז א מיסטישער. דער הויפּט־מאָטיוו איז נישט דער זיג פון די חשמונאים, נאָר דער נס מיטן קריגל בוימאייל. פון אָט דער דאָזיקער דערקלערונג זענען עס משמעות ארויסגעוואקסן די פילע סימבאָלן און סודות. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אפילו די געלערנטע רבנישע אויסטייטשער, וועלכע זענען תמיד געווען פאַרביסענע קעגנער פון דער קבלה־ריכטונג, זענען אויך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין די לאַבירינטן פון מיסטיציזם.

דער רמב״ן אין זיין קאָמענטאַר אויף דער פּרשה בהעלותך זאָגט אין נאָמען פון רבינו נסים, אַז גאָט אַליין האָט פאָרויסגעזאָגט צו משהן אַלץ וועגן דעם יום־טוב חנוכה. ווען גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „דבר אל אהרן

ואמרת אליו — רייד צו אהרנען און זאָלסט אים אָנזאָגן", האָט גאָט דער־מאָלט משהן דערקלערט, אז דעריבער האָט ער נישט באפוילן דעם שבט לוי מקריב צו זיין א קרבן ביים חנוכת המזבח, ווייל פאר דעם שבט לוי האָט ער אָנגעגרייט דעם יום־טוב חנוכה, א יום־טוב פון ליכט, וואָס וועט אָנגערופן ווערן אויפן נאָמען פון די חשמונאים, די קינדער פון שבט לוי.

אויך דער של"ה הקדוש דערקלערט דעם ענין חנוכה ווי אן אָנדייטונג אויף א באנייטער יידישער וועלט דורך דער באנייונג פון קרבנות אין די טעג פון די חשמונאים.דער של"ה דרינגט עס ארויס פון א גמטריה, א צו־זאמענרעכענונג פון די אותיות און ציפערן.

דער וואָרט „יהי" פונעם „יהי אור" מיט וואָס גאָט האָט באשאפן די ליכטיקייט, באטרעפט כ"ה — פינף און צוואנציק, און חנוכה איז אינעם פינף און צוואנציקסטן טאָג אין כסלו.

די קאַבאַליסטישע ליטעראַטור האָט אויך אַן אָנדייטונג אויפן שמש. דאָס באַזונדערע ליכטל מיט וועלכן מען צינדט אָן די חנוכה ליכט. עס שטייט אין פסוק „ויזרח לו השמש — און די זון האָט אים אויפגעשיינט", באַ־טרעפט דער וואָרט„לו" זעקס און דרייסיק, אנטקעגן די זעקס און דרייסיק ליכטלעך וואָס מיר צינדן אין די אכט טעג חנוכה. דערביי ווערט אויך געמאכט א וואָרט־שפּיל מיט דעם „השמש — די זון", וואָס ווערט איבער־געדרייט אויף „שמש" (שאַמעס), טייטשנדיק ויזרח לו השמש, אז דער שאַמעס דאַרף באשיינען דעם „לו", די זעקס און דרייסיק ליכטלעך.

אנדערע בעלי קבלה און אויך די חסידישע ספרים פארגלייכן די זעקס און דרייסיק ליכטלעך מיט די זעקס און דרייסיק מסכתות (גמרא טראַק־טאַטן פון תלמוד בבלי), און זענען מרמז, אז די גמרא וואָלט חס וחלילה פארניכטעט געוואָרן אויב עס וואָלט נישט פּאָרגעקומען דער גרויסער נס פון חנוכה.

דער יום־טוב חנוכה איז פון גאָר גרויסער באדייטונג פארן יידן; ער איז דער יום־טוב פון באנייונג און נאציאָנאַלע ווידעראויפלעבונג.

יידן האָבן אייגנטלעך מער ווי איינמאָל אָפּגעהאַלטן גרויסע זיגן אי־בער זייערן א מעכטיקן שונא. הזקיהו דער מלך פון יהודה האָט באזיגט די גרויסע אסירישע ארמייען פון סנחרב מלך אשור. ינאי המלך האָט אָפּ־געהאַלטן גאָר גרויסע נצחונות איבער אומצייליקע פיינטלעכע פעלקער דאָך האָבן די יידן נישט געמאכט קיין יום־טוב פון די דאָזיקע זיגן.

דער קאַמף פון די מאַקאַבייער קעגן דעם מעכטיקן קעניג אנטיוכוס,

ווי ער ווערט פאַרהערלעכט אין דער פייערונג פון חנוכה, איז נישט גע־ווען קיין פשוטער מלחמה-קאַמף. נישט אינעם פאַרלוסט אָדער געווינס פונעם קליינעם יידישן לאַנד איז עס דעמאָלסט געגאַנגען; עס איז אויך נישט געווען קיין קאַמף פאַר מאַכט און שטאַרקייט. עס איז געווען אַ קאַמף פאַר אַ וועלט־אַנשויונג. דער יידישער אידייען־באַגריף האָט זיך צוזאַמענ־געשטויסן מיט אַ קולט פון געצנדינסט, גלאַנץ און רייץ. וואָלטן די חשמו־נאים נישט געוווּנען דעם קאַמף, וואָלטן אַלע יידישע גייסטיקע ווערטן און קולטור־אוצרות געווען חרוב און מוחרב.

חנוכה פאַרייביקט דעריבער דעם גרויסן קאַמף צווישן דער יידישער און העלעניסטישער קולטור.

ווען בבל האָט דער ערשטער חרוב געמאַכט אונדזער לאַנד, און די יידן האָבן זיך אין קאָמפּאַקטע מאַסן באַזעצט צווישן אַנדערע פעלקער; ווען דער ייד האָט צום ערשטן מאָל איז זיין געשיכטע געליטן אַ פּאָלי־טישן דורכפאַל, פאַרלאָרן זיין לאַנד, זיין אומאָפּהענגיקייט,און געוואָרן אַ גר צווישן פרעמדע פעלקער, האָט ער, דער באַזיגטער ייד, גאָר אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן גייסטיקן און מאָראַלישן נצחון איבער זיין שונא. אשור, בבל און פּרס, אין וועמענס לענדער די יידן זענען געווען געצוווּנגען זיך צו באַ־זעצן, האָבן זיך גאָר גיך אָנגעהויבן ארומזען אַז די יידן, אַט די באַזיגטע און פאַראַכטעטע, פאַרמאָגן גאָר אַ הויכע קולטור און מאָראַל. די יידישע זיטלעכקייט, תמימות, צניעות, די יידישע מאָראַל און עטיק, האָט צוגע־צויגן די הערצער פון די געצנדינער, וועלכע זענען לייכט ארונטערגעפאַלן אונטערן יידישן איינפלוס.

ווער ווייסט וועלכע ריכטונג די וועלט געשיכטע וואָלט אָנגענומען, ווען עס וואָלט נישט פּלוצים ארויסגעשוווּמען די נייע ווענדונג פון אלעק־סאַנדער מוקדון מיט דעם ערשטן שפּראַץ פון אַ גריכישער קולטור אויפן האָריזאָנט.

דעם גריכישן מיליטער פון אַלעקסאַנדער, וואָס האָט אין איין האַנט געהאַלטן דעם שאַרפן שווערד און מיט דער צווייטער געטראָגן הויך די נייע פאַרכשופדיקע קולטור, איז נישט געווען שווער אויסצושפּרייטן זייער הערשאַפט, דעם גייסט און קולט איבער די אַלע שוין צעפוילט־פאַרעלטער־טע געצנדינערישע מזרח־לענדער.

די גריכישע קולטור האָט זיך ביי איר ערשטן אָנהויב באַגרינדעט הויפּטזעכלעך אויף אויסנווייניקסטן פּוץ, גלאַנץ און רייץ, און איז געווען

גאנץ ווייט פונעם יושר, אמת, מאראל און צניעות, וואס יידן האבן גע־לערנט און פראקטיצירט. אינעם ערשטן צוזאמענשטויס צווישן דער יידי־שער און גיי־גריכישער קולטור, האט זיך דער שטילער, צניעותדיקער און באשיידענער ייד זיך אפגערוקט אן א זייט.

דער העלעניזם, וואס איז דעמאלט געווען דער באליבטער נאמען פאר דער אזוי גערופענער גריכישער קולטור, האט זיך קאנצענטרירט אין די גרענעצן פון סיריע און עטלעכע דערבייאיקע לענדער. בבל און ארץ־ישראל זענען דעמאלט געווארן אויסגעמיטן. אנטיוכוס האט עס אבער געמאכט פאר זיך א חוב און א צוועק אלע אונטערטעניקע פעלקער צו פארוואנדלען אין איין גריכישע נאציע. ער האט געזוכט צו פארשקלאפן די פעלקער נישט בלויז פאליטיש, נאר מערער פון אלץ גייסטיק. עס איז געווען א נייע דערארבערונגס־מעטאדע, וואס איז די פריערדיקע מלכים געווען לחלוטין אומ־באקאנט. ער האט געוווסט, אז א פאלק וואס זאפט אין זיך איין א פרעמ־דע קולטור וועט מער קיין תחיית המתים נישט אויפשטיין.

אונטער דער פאן פון גריכנטום און גריכנלאנד, האבן זיך גרופירט לענדער אין דריי וועלט־טיילן: אזיע, אייראפע און אפריקע. אנדערע, אויך איינפלוסרייכע קולטורן, האבן זיך סוף כל סוף אונטערגעגעבן דעם גריכנ־טום. בלויז יהודה, דאס קליינע אונטערדריקטע לאנד, איז געווען איינע פון די פראווינצן וואס האט פארצאמט די גריכישע אימפעריע, געשטא־נען אין וועג אין די אימפעריאליסטישע דערגרייכונגען, און נאך געדראט מיט דער געפאר אליין אויסצואיבן א שטארקן קולטורעלן איינפלוס.

אנטיוכוס האט זיך דעריבער פארנומען מיט זיין גאנצער ענערגיע איינצופירן די גריכישע קולטור אויך אין ארץ ישראל. זיין פארביטערט־קייט האט זיך געשטארקט נאכדעם ווי ער האט צום ערשטן מאל דערזען אן אפאזיציע און קעגנערשאפט.

יעדער אנדער פאלק, יעדער אנדער לאנד, האט אן דעם מינדעסטן ווידערשטאנד איבערגענומען די גריכישע ממשלה און קולטור. אומעטום ווו די גריכישע ארמייען זענען נאר ארייגעטראטן, האבן זיי זייערס אויס־געפירט. די איינוווינער האבן לייכט אויפגעגעבן די דאמינירנדיקע קול־טור, לייכט עס אסימילירט אין זייער פאלקס־ארגאניזם, און שפעטער נאך אליין געווארן די טרעגער און קעמפער פאר דער פארשפרייטונג פון די גריכישע ווערטן.

דא און דארטן האבן די גריכישע ארמייען באגעגנט א ווידערשטאנד,

איז עס אָבער נישט געווען צוליב די אייגענע קולטור-אוצרות, נאָר פּשוט צוליב די גאָלד־אוצרות, וואָס האָבן זיך געפונען אין די טעמפּלען פון די פילע געצנדינער. האָבן אָבער די ארמייען פון אנטיוכוס פּאַרזיכערט נישט אָנצורירן דעם פּארמעגן, און אמאָל נאָך איבערצולאָזן די אייגענע פּאָלי־טישע פרייהייט אָדער געבן אן אויטאָנאָמיע, איז די אָפּאָזיציע גלייך אוועקגענומען געוואָרן.

אנדערש איז עס אָבער געווען אין דעם קליינעם לאַנד, וואָס ביים מיטללענדישן ים, אין דעם לאַנד פון יהודה. דאָרטן האָט זיך אויך געפונען א גרופּע וואָס האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט דער ארויפגעצוווּנגע־נער קולטור, אָבער דער רוב מנין און בנין, די ברייטע יידישע מאסן, האָבן עס ביטער און עקשנותדיק באקעמפט.

אַט דער דאָזיקער יידישער ווידערשטאנד איז געווען עפּעס אזוינס צו וואָס גריכישע סאָלדאטן זענען נישט געווען צוגעוווינט. א חוץ דעם האָט יהודה אויך געהאט א געזונטע, פעסטגעשטעלטע איינגאַרטיקע קול־טור און מאָראל, וואָס איז געווען גאנץ אנדערש און להיפוך פון דער גרי־כישער. דורך דער פארשפּרייטקייט פון די יידישע קאָמפּאַקטע מאסן אין די פילע דערבייאיקע לענדער, האָט זיך דער יידישער איינפלוס געסענט לאָזן שטאַרק מערקן אויב מען זאָל אים נאָר באצייטנס נישט חרוב מאכן.

עס איז נישט געווען אזוי ווייט דער ווילן צו פארשפּרייטן די איי־גענע קולטור אין נאָך א לאַנד, ווי דער ווילן אומצוברענגען די יידישע קולטור, וועלכע האָט געקענט און טאַקע אויך געהאט אלע מעגלעכקייטן צו פארנעמען דעם הויפּט-אָרט אויף דער וועלט ארענע פון דער דעמאָלט־טיקער אויפגעקומענער ציוויליזאציע.

און אָט די דאָזיקע אנדערשקייט, דער דיפערענצירן זיך פון אנדערע קולטורן, שיינט צו זיין דער אמתער סטימולאַנט צו דעם אויפשטייג פון די מאַקאַבייער און דעם אויסגאנג פון דעם חנוכה יום־טוב ווי מיר פייערן אים איצט.

און אָט די דאָזיקע עקשנות איז נישט קיין אומלאָגישע, נאָר דריקט זיך אוים אין א לאנגן ארייגטראכטן זיך אין דער אינעווייניקסטער באַ־דייטונג פון זאכן און געשעענישן. די יידישע עקשנות ווי זי ווערט אויס־געדריקט דורכן קאַמף פון די מאַקאַבייער, איז ארויסגעבראַכט געוואָרן צום לעבן צוליב דער פאַלסיפיצירטער גריכישער קולטור פון יענער צייט, ווייל העלעניזם דעפינירט און פּראַקטיצירט אונטער דעם איינפלוס פון אנטיוכוס

הרשע האָט פּאַקטיש געמיינט די דעגענעראַציע פון דער אמתער גריכישער קולטור, און קענען אָט דעם דאָזיקן פּסולותדיקן און אומריינעם העלעניזם האָט עס די יידישע עקשנות געקעמפט.

די אמתע גריכישע קולטור, די וועלכע האָט שפּעטער געפונען איר אויסדרוק אין דער פילאָזאָפיע פון סאָקראַטעס און פּלאַטאָן, האָט געקענט לייכט האַרמאָניזירן מיטן יידישן געדאַנקען סיסטעם, און עס האָט זיך טאַקע שפּעטער קלאָר אויסגעדריקט אין די שריפטן פונעם רמב"ם און די אַנדערע יידישע דענקער.

פורים

ערשטער קאפיטל

פורים, דער פרײלעכער יום-טוב

דער סימבאָל פון פורים — די פרײלעכקײט אין דער אלטער הײם — מחצית השקל געלט — מגילה לײענען און קלאפן המנען — די ראָל פון די קלײנע קינדער — חברת פורים-שפּילער — די פורים סעודה — אין דער ישיבה — די פורים גמראָס.

פורים איז אײנער פון די קלענער אומבאדײטנדיקע ימים טובים, אָבער דערפאר אײנער פון די גאָר פרײלעכע און פּאָפּולערע, אפשר דער-פאר וואָס דער נס מיט המנס מפּלה דערמאָנט אונדז אין דער קעגנוואר-טיקער צײט אין וועלכער מיר באגעגענען זיך גאָר אָפט מיט אלערלײ המנס און אנטיסעמיטן.

פורים איז אויך פּאָפּולער צוליב דעם אופן אין וועלכן ער ווערט פון תמיד אָן געפּײערט; ער איז דער יום-טוב וואָס ברענגט ארײן אביסל פרײ-לעכקײט אין דער יידישער הײם, ציט נישט ארויף קײן רעליגיעזע ערנסט-קײט פון שווער דורכפירבארע מצוות, און דערלויבט אפילו זיך אביסל נאריש צו מאכן, אָפּחוזקן פון אלץ און אלעמען, און זיך פארשכורן ווי אַן אמתער הוליאקע.

און ווען דער ייד איז פול מיט האָפענונג און גלויבן אין זײן צוקונפט, פארגעסט ער אלײן זײנע לײדן, אלע זײנע צרות און פּײניקונגען, און ווערט פרײלעך, לעבעדיק און לוסטיק, קאָטאָוועסדיק און שפּאסיק, לאַכט פון זיך און אנדערע, ווארפט אוועק זײן שטענדיקע ערנסטקײט און ווערט אַן אקטיאָרשטשיק, א פורים שפּילער.

דער ייד פארלירט זיך נישט פלוצים; ערב פורים פאסט ער נאָך א גאנצן טאָג דעם „אסתר-תענית", אָבער שוין אינעם תענית זעט זיך דער אָנקום פונעם גרויסן קארנאוואל — יום-טוב, פורים. אין די הײזער איז א יאָגעניש און אײלעניש. די ווײבער פארגעסן אז פורים איז א „מצווה

שהזמן גרמאָ" און זענען מחויב צו גיין הערן לייענען די מגילה. זיי זענען פאַרנומען מיט פיל וויכטיקערע זאַכן, מיטן אריינברענגען די פריילעכקייט אין הויז אריין. זיי באַקן און קאָכן, מאַכן המן־טאַשן און פליישיקע קרעפּלעך, געפילטע קרויט און מאַרנירטע פיש, און נאַשעריַיען מיט אַפּעלסינען אויף שלח מנות ווערן אויך נישט פאַרגעסן. אפילו די קינדערלעך זענען אויך מער ווי תמיד באַשעפטיקט. אַ קליינינקייט וואָס זיי דאַרפן אַלץ באַזאָרגן בלעכענע המן־קלאַפּערס, קאַלאַקאָטקעס אַלערליי. גראַגערס מכל המינים, און דער עיקר זיך מכין זיין צו דער חשובער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט פון טראָגן שלח מנות און קריגן די פּאָר גראָשן.

און אָט קומט דאָך שוין אָן דער אָוונט ווען מען דאַרף לויפן אין שול אָדער בית המדרש הערן די מגילה לייענען! פריער לאָזט חברה קליינוואַרג איבער דעם אויבנאָן צו די גרויסע און דערוואַקסענע, וועלכע „פּאַרען" זיך אויפן בעלעמער מיטן „מחצית השקל געלט". שוין דערין אַליין ליגט אַ שטיק פורימדיקייט. אין דער תורה שטייט דריי מאָל דער באַפעל, אַז יעדער ייד אריבער צוואַנציק יאָר זאָל געבן צושטייער צום בית המקדש אַ מחצית השקל, אַ האַלבן דאָלער. איז דאָך דעם יידן גוט אויפן האַרצן וואָס אַזאַ רשע ווי המן האָט געכאַפּט אַ מפּלה, נעמט ער זיך אויף אַ ברייטהאַרציקן אופן מקיים זיין די דאָזיקע מצווה.

שטעלט מען אויפן בעלעמער אַוועק דריי גרויסע, ריין צעוואַשענע ווייסע טעלער און מען לייגט דערין אַריין דריי זילבערנע האַלבע רובלס. אַרום אָט דער דאָזיקער קערה שטעלן זיך אַרום די גבאים און סתם חשובע ראשי הקהל, און די איבעריקע יידן קומען זיך פּאַמעלעך און בנעמותדיק איינציקווייז אַרויף אויפן בעלעמער, גייען זיך בהרחבהדיק צו צום טעלער, נעמען פון דאָרטן אַרויס די דריי האַלבע זילבערנע רובלס, הויבן זיי אַביסל אויף אין דער הויך, און וואַרפן זיי גלייך צוריק אַריין. דערמיט הייסט עס האָט יעדער איינער מקיים געווען די מצווה און געגעבן גאַנצע דריי האַלבע רובלס, כאָטש אין דער אמתן וואַרפט ער אַריין בלויז אַ פּאָר געציילטע גראָשן, וואָס ער קראַצט אויס פון זיין אַלט־פרענקיש צעריסן בייטעלע.

די קינדער געפעלט עס שטאַרק אָט דער דאָזיקער שפּיל, און האַלטן אַ שאַרף אויג יעדן איינעם וואָס ער גיט און וויפל ער גיט. בינו לבינו אָרגאַניזירן זיי זיך אין גרופּן, קאַלאַקאָטקעס באַזונדער, גראַגערס באַזונדער, אַנדערע קלאַפּערגעצייג אויך באַזונדער, און מאַכן אַלע נויטיקע פּאַרבריי-

טונגען צו דער אָפּענסיווע קעגן המנען, אים צו געבן אזעלכע שטאַרקע קלעפּ אַז ער זאָל שוין מער קיינמאָל קיין לעבעדיקער נישט אויפשטיין.

ביים אָנהויב לייענען די מגילה זענען די קינדער נאָך אַלץ שטיל און רואיק. זיי פירן דעמאָלט דורך די לעצטע רעוויזיע איבער די סטראַטעגי־שע פּונקטן, און גיבן אכטונג אַז די קינדער־אַרמיי זאָל נישט מאכן די אַטאַקע פון איין אָרט. איבערהויפּט גייט עס זיי אין לעבן, אַז אין סאַמע אויבנאָן, טאַקע אין דער מזרח־וואַנט, וווּ עס זיצן אַלע קאַרפּנקעפּ און נגידים מיט אונטערגעשוירענע בערדלעך, זאָל פּאַרקומען די אמתע אַטאַקע קעגן המנען.

ביים דריטן קאַפּיטל, ווען דער בעל־קורא לאָזט צום ערשטן מאָל אַרויס דעם וואָרט „המן", שטעלט ער זיך אויף א ווייל אָפּ, ווי ער וואָלט געגעבן דעם סיגנאַל, און די קינדער־אַטאַקע הויבט זיך אָן מיט דעם גאַנצן יוגנט־פייער. פון אַלע זייטן גראַגערט עס און טומלט, קלאַפּט און רוישט, אַז ש טויב צו ווערן. די גרעסערע יונגען די בעלי מלאכות און קאַבצניאַקעס באַנוצן זיך מיטן טומל און הויבן אָן צו קלאַפּן ווער מיט די פיס און ווער מיט די שטענדערס. איינער דערטאַפּט פון ערגעץ א פוס פון א צעבראָכן בענקל, אַן אַנדערער כתּם א שייטל האָלץ, און קלאַפּן מיט אַלע כוחות לאַכנדיקע און פרייליכע. די פרומערע יידן, די מיט די גרייז־גרויע בערד, בייזערן זיך און שרייען: „נו חלול השם!" אָבער די יונגוואַרג הערט זיי ווי דעם גראַגער...

גלייך נאָך דער מגילה איידער מען באַווייזט נאָך טועם צו זיין פון די געשמאַקע מאָן־טייגלעך און פּיראָזשקעס, באַווייזן זיך שוין אויף די גאַסן די חברה פּורים־שפּילער מיט א גרויסע מחנה קינדער הינטער זיי. קודם כל גייט מען צו די גלאַוונע באַלעבאַטים, וווּ מען קען כאַפּן א גרע־סערע מטבע און טאַקע אויך א ריכטיקן טרונק בראָנפן.

בראש פון דער קאַפּעליע גייט ירוחם דער טרומבאַטש אָנגעטאָן ווי אחשורוש, רויטע פּאַפּירענע הויזן מיט פּאַסן אין דער זייט, ברייטע עפּאַ־לעטן מיט הענגענדיקע כרעמזלעך. א לאַנגע פלאַקסענע באָרד מיט צוויי קאַלטענעס אין דער מיטן, און א הויכע פּאַפּירענע, גאָלד־קאָלירטע קרוין וואָס זיצט מער אויפן שטערן ווי אויפן קאָפּ.

הינטער אחשורוש גייט המן, זרש און זייערע צען זין מיט ויזתא זיך האַלטנדיק ביי זרשעס קלייד. המן איז א יונגאַטש מיט ביינער. על פּי רוב איינער פון די אַרויסהעלפער ביי די פורמאַנעס, ער טראָגט א געלע

באָרד מיט גרויסע וואָנצעס, ווי אַן אַמאָליקער פּוילישער כראַביע, ביי דער זייט אַ לאַנגע שווערד מיט וועלכער ער האַלט כסדר אין איין פאָכען. זרש, זיין ווייב, איז אַ פּראָסטע, גראָב־אָנגעפּרעסטע יידענע, אוודאי אַן אָרימע דינסטמויד, אַ יתומה מיט איינפאַכע אָרימע קליידער און פאַרשמירט פּנים. המנס צען זין אָרימע ישיבה בחורים אָדער אַזוי יאַטלעך פון גאַס, גייען אַלע אָנגעטאָן אין סאָלדאַטסקע קליידער מיט הילצערנע שווערדלעך, א חוץ, נאַטירלעך, ויזתא, דער קלענסטער זון. אויך ער גייט אין זעלנערישע קליידער, אָבער אים הענגט שוין נאָך אַן עק פון הינטן, האַלט תמיד די צונג ארויסגעשטעלט און לאַכט נאַרישעוואַטע.

הינטער דער כאַליאַסטרע גייען אַמאָל אויך מיט אַנדערע שפּילער: מרדכי, אסתר, ממוכן, חרבונא און נאָך אַזוינע. קיינמאָל פעלט אָבער נישט אוים קיין בדחן אָדער סתם אַ פּאַיאַץ, וואָס האָט גאָר קיין נאָמען נישט.

אריינקומענדיק אין א שטוב, זינגען זיי קודם כל אויף אַ סקאַרבאַוון מי שברך און ברוך הבא:

מיר זענען געקומען מאַכן מי שברך
צו אַ גביר אַ מכניס אורח.

באַלד דערנאָך הויבט זיך אָן דער פּורים שפּיל, און אחשורוש צוליב זיין גרויסן טיטול טרעט ארוים דער סאַמער ערשטער:

„וואָס איז מיר די פּעולה פון מיינע טייערע פערד,
וואָס איז די פּעולה פון מיין קעניגלעכער קרוין,
אַז די מלכה ושתי ליגט יונגערהייט אינדערערד.
אַז איך האָב פאַרלאָרן אַזאַ טייערן פּאַרשוין".

דאָ טרעט ארוים דער פּאַיאַץ אָדער הויפנאַר און דערציילט וואָס פאַר אַ טייערע כלה, ער האָט פאַרן קעניג אויסגעקליבן:

„אַ קורצע, אַ גראָבע, אַ גרינע ווי גראָז,
זאָל ביי דיר געשוואָלן ווערן די נאָז.
שיין איז זי ווי אַ פרישער עפּל,
נאָר זי האָט נעבעך אַ פאַרך אויפן קעפּל,
דער טאַטע אַ גנב דאָ ביז אין סיביר,
און די מאַמע אַ „דריאַן" צוזאַמען מיט איר
און אויב, קעניג, דאָס איז דיר געפעלן,
זאָל מען אייךביידן באַנקעס שטעלן!"

אחשורוש איז נישט געווען קיין איבערקלייבער, און גלייך איינגע־שטימט צום שידוך. דאָ האָט דער פּאיאַץ ווידער געהאַט די הויפּט־ראָל צום שפּילן דעם מסדר קדושין:

„הרי — זיין זאָל דיר ווינד און וויי
את — ווער דין ווי א בלאט
מקודשת — קאַק סאַבאַקאַ ברעשעש
לי — טשאָרט טעביע פּאָבערי.

אז מען האָט פאַרענדיקט די שפּיל, אחשורושן חתונה געמאַכט און המנען אויפגעהאַנגען, האָבן אַלע צוזאַמען אין כאָר געזונגען:

„היינט איז פּורים, מאָרגן איז אוים,
גיט מיר א גראָשן און וואַרפט מיר ארוים!"

מען האָט אָבער די פּורים שפּילער פון ערגעץ נישט ארויסגעוואָרפן, פאַרקערט, מען האָט זיי געלאַדן צום טיש, געגעבן א גלעזל משקה, א וואַ־רעמען המן־טאַש, און אַמאָל נאָך עטלעכע צוקערקעס אהיים צו נעמען פאַר די קינדערלעך.

ווערנדיק פּאַרטיק מיטן רב און די רייכע באַלעבאַטים, איז חברה ערשט געוואָרן אויף אַן אמתן פריילעך. שוין אביסל פאַרשניאַשקעט לאָזט מען זיך אַוועק אין אָרימען קוואַרטאַל, צו עמך־יידן, און מען דערלאַנגט די ריכטיקע פּורים־תורה.

נישט ווייניקער פריילעך איז פּורים געווען אין דער ישיבה. דאָרטן וווּ מען גיט תמיד אזוי שטאַרק אכטונג מען זאָל חלילה נישט פּטרן קיין צייט און נישט מבטל זיין פון תורה לערנען, האָט מען פּורים דערלויבט זיך אביסל „נאַריש" צו מאַכן און פּראַווען שטוקעס.

שוין א צוויי־דריי וואָכן פאַר פּורים, האָט מען זיך אין די ישיבות גענומען גרייטן צום פריילעכן יום־טוב פּורים, די ישיבה בחורים האָבן ביסלעכווייז אָפּגערוקט אַן א זייט די גמרות, און גענומען מיט גרויס ערנסט איינשטודירן די פּורים פּיעסן. די פּאָפּולערסטע זענען געווען: מכירת יוסף, עקדת יצחק, אחשורוש און אסתר, דוד און גלית הפלישתי און חורבן וואָלאָזשין. די דאָזיקע פּיעסן האָט קיינער נישט פאַרפאַסט אָדער באַארבעט, נאָר זענען איבערגעגאַנגען בירושה פון מויל צו מויל און פון דור צו דור.

אין א סך ישיבות האָט מען דעם פּורים שפּיל פאַרבאָטן, און האָט איינער עובר געווען אויפן פאַרבאָט, האָט מען אים פון דער ישיבה פאַר־

טריבן. דאָך האָט מען זיך אָן עצה געגעבן און זיך פאַרמישט מיטן המון.
אין די מערסטע ישיבות איז עס אָבער פאַררעכנט געווען ווי א שטענדיקע
אינסטיטוציע, וואָס קיינער האָט נישט געוואָגט אומצוברעכן. ווייל דורך
דעם האָבן זיך די אָרימערע בחורים אַרויסגעהאָלפן מיט די קליינע פאַר־
דינסטן זיך צו קויפן א נייעם בגד אויף פסח.

די ישיבה בחורים האָבן זיך אין זייער שפּילן דערלויבט צו זיין גאַנץ
פריי און סאַטיריש. מערסטנס איז עס געווען א ביטערע הלצה קעגן די
באַלעבאַטים און אָפט אויך קעגן די ראשי הישיבה.

די ערשטע ישיבהשע פאָרשטעלונג איז תמיד געגעבן געוואָרן ביים
רב אין הויז, און ערשט דערנאָך האָט מען זיך אוועקגעלאָזן מבית לבית,
נישט דורכלאָזנדיק אפילו די אָרימסטע שטוב ווו מען האָט קיין פּורים
געלט נישט געקענט און נישט געהאָפט צו קריגן. ביים רב אין הויז האָבן
זיך אויך פאַרזאַמלט די פּני פון שטאָט, און פלעגן טיילן פריי און ברייט־
האַרציק שלח מנות סיי צום רב און סיי צו די ישיבה בחורים, די פּורים
שפּילער.

די ישיבה בחורים האָבן זיך נישט באַנוצט מיט די באַנאַלע און אָפט
גאַנץ שמוציקע וויצן פון די פּראָפעסיאָנעלע פּורים שפּילער. זייענדיק
לומדים, גוטע קעפּלעך, האָבן זיי תמיד פאַרפאַסט זייערע אייגענע הלצות
און לידלעך. די וואָס האָבן געהאַט א מוזיקאַלישן חוש פלעגן אפילו שאַפן
אייגענע מוזיק געגנבעט פון חזנישע שטיקלעך און „זאָגעכץ". די מערסטע
אָבער האָבן זיך באַנוצט מיט דער מסכת פּורים, וואָס איז א פּאַראָדיע
אויף דער גמרא מיט דער זעלבער שפּראַך און זעלבן נוסח.

א גאַנץ יאָר האָט מען אין די דאָזיקע ספרים נישט אַריינגעקוקט
און אפילו מורא געהאַט עס צו האַלטן אין די אייגענע דלד אמות. מיטן
אָנקום פון חודש אדר האָט מען זיך גענומען דערמיט באַקענען און אויס־
געלערנט גאַנצע פּרקים אויף אויסנווייניק.

אַזעלכע לצנותדיקע מסכתות זענען געווען א סך, אָבער אַלע זענען
זיי געווען א נאָכמאַכונג פונעם סטיל אין דער אָריגינעלער מסכת פּורים,
וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון ר' קלונימוס בן קלונימוס, וועלכער האָט
געלעבט אין די יאָרן 1286-1328 אין פּראָוואַנס, פראַנקרייך. ער איז גע־
ווען א גרויסער געלערנטער און געהאַט שטודירט מעדיצין און פילאָזאָפיע.
די מסכת פּורים איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין ווענעדיג, אי־
טאַליע, אין יאָר 1552. זינט דעמאָלט האָט מען נאָכאַנאַנד איבערגעדרוקט

נאכמאכונגען, וועלכע פארמאגן ווייט נישט די זעלבע רייכקייט ווי דער אָריגינאַל.

א חוץ די מסכתות פורים, איז אויך פאראן א מסכת שטרות, א גמרא איבער וועקסלען, וואס לאכט אפּ פון די יידישע סוחרים וועלכע דרייען און פירן זייערע מסחרים מיט ווערטלאָזע וועקסלען, אזעלכע וואס וועלן קיינ־מאָל נישט באצאָלט ווערן. עס איז אויך א מסכת אמעריקע, פארפאסט טאקע דאָ אין אמעריקע פון גרשון ראָזענצווייג, א מיטארבעטער אינעם געוועזענעם „טאגעבלאט”, וועלכע שפאסט אפּ אויף זייער א לצנותדיקן אופן פונעם היגן לעבן.

יעדע מסכת האָט פרקים וועדליג דעם מוסטער פון דער גמרא מיט א משנה און ברייתא, די בעסטע פון זיי איז די מסכת הגדה ליל שיכורים און מסכת סליחות לפורים. ביידע זענען זיי זעלטן שיינע פאראָדיעס און גאנץ ליטעראריש געשריבן.

די הויפט טעמאטיק אין די דאָזיקע מסכתות איז: משקה, עסן און טרינקען. די ווערטער פון דער הגדה לפסח און סליחות ווערן דאָרטן שטרענג אָפּגעהיט, א חוץ וואס דאָ און דאָרטן ווערט געמאכט א קליינע אומבאַ־דייטנדיקע ענדערונג אינעם נוסח צוליב א געראָטענעם וואָרטשפּיל.

אויפן אָרט פון כהא לחמא עניא הויבט זיך די הגדה אָן מיט כהא חטרא דשפניא — אָט אזא שאמפאניער האָבן אונדזערע עלטערן געטרונקען. כל דכפין ייתא ויאכל ווערט פארטייטשט: ווער עס איז דורשטיק זאָל קומען טרינקען. השתא הכא לשנה הבאה בירושלים ווערט פארטייטשט: אָט זע־נען מיר דאָ, און אין א מינוט ארום וועלן מיר זיין טויט שכור.

די פיר בנים פון דער הגדה זענען דער חכם, רשע, תם און שאינו יודע לשתות — דער וואס קאָן נישט טרינקען. אָט אזוי איז פארדרייט און פאראדירט די גאנצע הגדה ביזן סוף.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט זענען פאָפולער געווען פורים פאָרשטע־לונגען אין וועלכע עס האָט פיגורירט דער „פורים־רב”, וואס איז אגב א גלגול פונעם יידישן און קריסטלעכן פורים־קעניג אין איטאליע. דער פורים רב פלעגט דעמאָלט רייטן אויף א באָק אָדער זיין פארשטעלט ווי א באָק, און זאָגן רבנישע תורה וואס איז געווען א פאראדיע און אָפּשפּא־טונג פון דעם תלמודישן שטייגער לערנען.

אין פוילן און אין ליטע איז געווען א מנהג אויסצוקלייבן א פורים־רב, וואס האָט באדארפט אלעמען משמח זיין מיט פארשידענע תורה־

וועלטלעך, שיחות חולין, חכמות און סתם וויצן. אין דער ישיבה פון וואָלאָזשין איז אָט דער דאָזיקער מנהג אָפּגעהיט געוואָרן, און האָט אָפּט געפירט צו אומאנגענעמלעכקייטן און שטילע סקאנדאלן. מען פלעגט אין יענעם טאָג, דער איינציקער אין יאָר, דערלויבן מבטל צו זיין פון לערנען, און איינער פון די בחורים, על פי רוב דער בעסטער אין דער ישיבה, האָט פארנומען דעם אָרט פון דעם ראש־הישיבה. ער פלעגט דעמאָלט אויפן אָרט פארפאסן א פורימדיקן שעור וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט חכמה און פלפול אויף א סאטירישן אופן.

אין די יידישע שטעטלעך פלעגט מען דעם פורים רב אויסקלייבן אין בית המדרש, אים אָנטאָן א שטריימל מיט אן אטלאסענער קאפּאָטע, און אויסשרייען עטלעכע מאָל אויפן קול: „יחי המלך — עס לעבט דער קעניג". אָט דער דאָזיקער רב פלעגט זיך גלייך נאָכדעם אויסקלייבן זיין סוויטע פון מיניסטאָרן און באדינער און אלע צוזאמען פלעגט מען גיין איבער די הייזער...

ווו זיי זענען געקומען האָט מען אויסגעליידיקט די שאפקעס און אלמערס, און פון דאָרטן ארויסגענומען נאָר די עסנווארג און געטראנקען, זיך גוט אָנגעטרונקען און אָנגעגעסן און דאָס איבעריקע אוועקגעטראָגן צו די אָרימע פון שטעטל. נאטירלעך, פלעגן זיי דערביי משמח זיין די יושבי מסובים און זאָגן וויצן פון וואָס מען האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער.

דער העברעאישער שרייבער פסח רודערמאַן גיט איבער אן אינטערעסאנטע פורים פייערונג ביים רבין ר' דודל טאלנער.

די ראָל פון פורים־רב, דערציילט ער, האָט געשפּילט א געוויסער לייבעלע מיכאלס, א מענטש מיט באמת ארטיסטישע פעאיקייטן, צוליב וועמען עס פלעגן אויף פורים קומען צום רבין טויזנטער חסידישע יונגעלייט זיך אביסל פריילעך מאכן.

„ר' דודל טאלנער האָט שטאַרק ליב געהאַט מוזיק, און לייבעלע האָט לכבוד דעם רבין צוגעגרייט א גרויסע קאפּעליע כלי זמרים. אחוץ דעם האָט ער געהאַט ארום זיך א גאנצע ארמיי פון יונגע לייט וואָס האָבן זיך פארשטעלט פאר קאוואלעריסטן, קאָזאקן מיט געווער און פערד.

ביי דער פורים סעודה איז לייבעלע אָנגעקומען מיט זיין גאנצער סוויטע פורים שפּילער, רייטער און קאָזאקן און פריילעך געמאכט דעם גרויסן עולם. לייבעלע איז אָבער געווען א גרויסער עזות פנים און פלעגט אָפּט ארייגזאָגן אין דער זיבעטער ריפּ.

ווױסנדיק אַז דער רבי האָט נישט קיין צו גרויסע אהבה צו רבנים, האָט ער אײנמאָל װען ארום טיש זענען געזעסן אַ היבש ביסל רבנים זיך געװענדט צום רבין מיט דער דאָזיקער קשיא:

רבי, איך האָב צו פרעגן אַ הארבע קשיה. מיר זאָגן אין קדיש „על ישראל ועל רבנן", איז מה נפשך: זענען די רבנים אויך יידן, האָט דאָך געקענט שטיין בלויז על ישראל װאָלט מען דאָך שוין װיסן אַז מען מיינט אויך די רבנים, אלא וואָס דען, די רבנים זענען נישט קיין יידן, דארף דאָך שטיין „על ישראל ועל הגויים".

פנחס מינקאָװסקי, װעלכער איז אין זיינע יונגע יאָרן געװען דער טיש־זינגער ביים טאלנער רבין, דערציילט אין זיינע זכרונות נאָך פיל פיקאנטערע געשיכטעס װעגן דעם דאָזיקן פורים־רב, לייבעלע.

אנדערע שרייבער דערציילן אויך װעגן אַזעלכע פורים־רבנים אין די פארשידענע חסידישע הויפן, מערסטנס אין די גאליצישע, כאָטש לאנג האָט זייער ממשלה נישט אָנגעהאלטן, משמעות צוליב דער גרויסער חוצפה און עזות מיט װעלכער זיי האָבן געהאלטן זייערע פורים דרשות. אין די לעצטע פופציק יאָר איז פון די פורים רבנים מער נישט געװען קיין זכר, און די פורים פייערונגען זענען געװאָרן פשוטער און איינפאכער.

זייער אינטערעסאנטע זכרונות װעגן דעם פורים־רב ביי ר' ישראלטשע ריזשינער דערציילט אונדז יצחק אבן אין זיין בוך: „פון רבנס הויף" (ריזשין און סאדיגורא). דער פורים־בדחן איז דאָרטן געװען אַ געװיסער יאָסל זשאפ, אַ שם־דבר אין מזרח־גאליציע. װעגן אים און זיינע קונצן דערציילט מען זיך אָן פארשידענע מעשיות. יאָסל זשאפ האָט פורים ארומ־געזונגען ביים רבינס טיש „אקדמות" און „ובכן תן פחדך" און אנדערע תפילות פון ראש־השנה אויף אוקראיניש און דערביי האָט ער אריינגע־פלאָכטן צווײדייטיקע װערטלעך, װאָס האָבן זיך שוין געגרעניצט מיט ניבול־פה. פארשטייט זיך, אַז אויך דאָ האָבן נישט געפעלט די מאָדנע פארשטעלטע מיט מאסקעס, מיט „טערקן" און „באשיבוזוקן" וכדומה. חסידים דערציילן אַז יאָסל זשאפ איז נענט געװאָרן צוליב דער פאָלגנ־דער מעשה:

איינמאָל האָט ער זיך פארשטעלט פאר אחשורוש המלך און איז מיט זיין סוויטע, די „שרי פרס ומדי", אריינגעקומען צום רבינס טיש און גענומען פראװען זיינע קונצן. אינמיטן האָט זיך צו אים דער רבי געװענדט מיט די װערטער:

— אדוני המלך, שרייב אונטער אז דו ביסט מבטל אלע גזירות אויף ייִדן! אָבער „יאָסל אחשורוש" האָט געזאָגט, אז ער האָט נישט קיין חשק דערצו. דע רבי האָט גענומען מיט אים איינטענהן, אז מען דאַרף יאָ מבטל זיין די גזירות, און ער, אונדזער אחשורוש, האָט זיך איינגעשפּאַרט אז דווקא נישט. אַזוי האָט געדויערט א היבשע שעה. צום סוף האָט דער רבי געגעבן א קרעכץ און געזאָגט:

— א שאָד! געוועזן א שעת הכושר!

דערנאָך ווען יאָסל האָט אויסגעטאָן די „קרוין מיט די שליפּעס", האָבן ביי אים די חסידים געפרעגט פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי אַנטקעגנגעשטעלט. דערויף האָט זיי יאָסל געענטפערט אז ער אליין ווייסט נישט פאַרוואָס, אָבער עפּעס א כח אינעווייניק האָט אים באַין אופן נישט געלאָזט אונטערשרייבן. דערפאַר איז ער „נענש" געוואָרן עפּעס מיט א קינד.

צווייטער קאפיטל

די פורימדיקע פאָרשטעלונגען

דער פורים קעניג און „נארן־פעסט" — דער פארברענען המנען — די פורים פיעסן און זייער אינהאלט — דער קאמף פון די רבנים — די געשיכטע און אנטוויקלונג פון די פיעסן.

פון וואנען שטאמט דער מנהג זיך צו פארשטעלן און טראָגן מאסקעס?

אָנגעהויבן האָט זיך דער דאָזיקער מנהג ביי די יידן אין איטאַליע אין סוף פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, און איז מסתמא געווען א נאָכמאכונג פון די רוימישע קארנאַוואַלן. אין בערך יענע יאָרן האָט פורים אָנגעהויבן צו ווערן אַזאַלגעמיינער קארנאַוואַל־יום־טוב אין וועלכן מען האָט זיך אָנגעטאָן אין קאָמישע בגדים און געטראָגן מאסקעס אויף די פנימער.

די רבנים פון יענער צייט האָבן אויפגעהויבן א געוואלד קעגן אָט דעם דאָזיקן פרעמדן מנהג, און אָנגעוויזן אויפן פארבאָט אין דער תורה פון „לא ילבש גבר שמלת אשה — א מאַן זאָל נישט טראָגן קיין פרויען־קליידער". די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָבן אָבער זיך צום געשריי נישט צוגעהערט, און וואָס א יאָר זיך מערער און מערער פרייליך געמאכט. שפּעטער האָט שוין דער שלחן ערוך און אויך דער רמ"א (הלכות מגילה, סימן תרצ"ו) דערלויבט פורים זיך אָנצוטאָן אין פרויען קליידער און טראָגן מאסקעס, מחמת עס ווערט נישט געטאָן צוליב פארשייטקייט נאָר כדי זיך פריילעך צו מאכן.

דעמאָלט האָט זיך אויך גענומען פארשפּרייטן דער מנהג אויסצוקלייבן א „פורים־קעניג", וואָס איז אוודאי אויך געווען א נאָכמאכונג פון דעם פּאָפּולערסטן קריסטלעכן „נארן־פעסט", ביי וועלכן מען פלעגט אויף קאָטאָוועס אויסקלייבן א בישאָף וועמענס עובדה עס איז געווען צו זאָגן אַלערליי וויצן און בכלל משמח צו זיין דעם עולם.

נאָך פון גאנץ עלטערע צייטן איז ביי יידן געווען א מנהג צו מאכן א פיגור פון המנען, אים אויפצוהענגען אין שול ביי דער מגילה לייענען און דערנאָך אים מיט גרויס פייערלעכקייט פארברענען. אפילו דער דאָזיקער מנהג האָט עקזיסטירט א צייט לאנג ביי די קריסטן. ביי זיי האָט עס געהייסן א „פרינץ־קארנאוואל", און די פיגור פלעגט געמאכט ווערן פון שטרוי. אין דער מיטאָלאָגיע פון די אמאָליקע פעלקער געפינט מען גאנץ אָפט אזא ענלעכן מנהג.

דער מנהג צו פארברענען המנען איז געווען א פאָפולערער ביי יידן, און איז אין א סך ערטער פראקטיצירט געוואָרן כמעט ביז אונדזערע צייטן. איצטער איז ער אָבער פולשטענדיק אונטערגעגאנגען, הויפטזעכלעך צוליב די פארפאָלגונגען מצד די קריסטן. שוין אין פינפטן יאָרהונדערט האָבן די קריסטן באשולדיק די יידן, אז אונטערן אויסרייד פון המנען פארברענען זיי גאָר יעזוסן.

ביז מיט א פאָר הונדערט יאָר צוריק איז נאָך געווען א מנהג אין אמסטערדאם און אין פראנקפורט אוועקצושטעלן פורים א בודקע מיט וואקסענע פיגורן פון המן, זיין תליון און זיין ווייב, זרש, אויפן שול־בעלעמער און זיי אַלעמען דאָרטן פארברענען. די יידן האָבן אָבער דערפון געהאַט אויסצושטיין גרויסע רדיפות און פאָגראָמען, און דער מנהג איז אונטערגעבראכט געוואָרן.

אין איטאַליע האָבן זיך די יידן אין סוף פון פופצנטן און אין אָנהויב פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט געלעבט גאנץ בשלום. פון פארפאָלגונגען האָבן זיי נישט געוווּסט און האָבן זיך געלעבט גאנץ ברידערלעך מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג. איז עס אפשר פארשטענדלעך פארוואָס זיי האָבן איבערגענומען א סך קריסטלעכע מנהגים און זיי געקענט אומגעשטערט פראקטיצירן אויף אן אייגענעם יידישן שטייגער. פון דאָרטן האָבן זיך די מנהגים שוין לייכט אריבערגעטראָגן איבער אנדערע יידישע ישובים, און זיך שפעטער איינגעוואָרצלט אינעם פאָלקס־לעבן.

צוזאַמען מיט די קאַרנאַוואַלן האָט מען אויך אויפגעפירט, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, כאָטש דער סוזשעט איז נישט תמיד געווען א פורימדיקער. איינע אזא פיעסע מיטן נאָמען „איין שפּיל פון טויב יעקעליין" איז נאָך פארבליבן, כאָטש זי שטאַמט אוודאי פון פופצנטן יאָרהונדערט.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט זענען די פאָרשטעלונגען שוין באשטאַנען פון ספּעציעל פורימדיקע פארפאסונגען. זיי זענען אויפגעפירט געוואָרן על

פי רוב פון ישיבה בחורים, משוררים און קלעזמער, וועלכע האָבן דערביי געטראָגן אַלערליי קאָמישע מאַסקעס.

פון די דאָזיקע פּורים שפּילערייען האָט זיך עס שפּעטער אַנטוויקלט דער יידישער טעאַטער. אויף א שלעכטן אַקטיאָר זאָגט מען טאַקע, אז ער איז א „פּורים שפּילער". ביי די אומות העולם, פריער ביי אַמאָליקע גריכן און שפּעטער ביי די קריסטן, איז דער טעאַטער שפּיל ארויסגעוואַקסן פון דער רעליגיע. די יידישע רעליגיע האָט אָבער פאַרבאָטן טעאַטער שפּילן, און בלויז פּורים, איז עס דערלויבט געוואָרן.

אָנגעהויבן האָט מען מיט מגילת אסתר, שפּעטער אָבער האָט מען די דאָזיקע שפּילן פאַרשריבן און זיי אויסגעבעסערט אין פאָרם. פּראָפעסיאָ־נעלע שפּילער האָבן זיך דערצו גענומען און ביסלעכווייז אויך צוגעצויגן אַנדערע ביבלישע טעמעס. אַזוי איז עס געגאַנגען ממדרגה למדרגה ביז עס האָט אָנגענומען א ליטעראַרישע פאָרם, און דער יידישער טעאַטר איז גע־שאַפן געוואָרן.

שוין אין זיבעצנטן יאָרהונדערט זענען פאַרפאַסט געוואָרן דראַמאַטי־שע ווערק, וועלכע זענען, משמעות, באַצוועקט געווען פאַר פּורים. די שפּראַך איז געווען העברעאיש, אוודאי דערפאַר וואָס די אויפפירער זענען געווען ישיבה בחורים. פון יענעם פעריאָד זענען צו אונדז דערגאַנגען א סך אַזעלכע פּיעסן, וועלכע זענען באַפּוצט מיט כלרליי המצאות און וויצן.

דער ערשטער פּורים-שפּיל אין אונדזער מאַמע-לשון איז דערשינען אין אָנהויב פון אַכצנטן יאָרהונדערט, כאָטש עס זענען פאַראַן אויך א פּאָר פון פריערדיקע צייטן. אסתר, א דראַמע פון סאַלאָמאָן אוסקוויע, א שפּאַ־נישער ייד, איז פאַרפאַסט געוואָרן אין יאָר 1567. א צווייטע פונעם זעלבן מין איז „די באַרימטע קאָמעדיע פון המן און מרדכי", וואָס איז דערשי־נען אין יאָר 1699 אָן דעם נאָמען פונעם מחבר.

די ערשטע פאָרשטעלונגען אין יידיש, וואָס זענען אויפגעפירט גע־וואָרן אין פּורים, זענען געווען: „אחשורוש שפּיל" און „מכירת יוסף", וועלכע זענען געדרוקט געוואָרן אין אָנהויב פון אַכצנטן יאָרהונדערט אין פראַנקפורט אַם מאַין. די וויצן אינעם שפּיל זענען אַזוי גראָב און ציניש, אז עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די פּרנסים פון דער קהלה האָבן קאָנ־פיסקירט אַלע קאָפּיעס און פאַרברענט.

בכלל פאַרנעמט די מעשה פון דער שיינער אסתר און דעם נאַרישן מלך אחשורוש אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געשיכטע פונעם אַלטן איי־

ראַפּעאישן טעאַטער. די אסתר־דראַמע איז געווען איינע פון די באַליב־טסטע און פּאָפּולערסטע פּאַלקס־פּיעסן אין מיטל־אייראָפּע אין משך פונעם זעכצנטן ביזן זיבעצנטן יאָרהונדערט. אין אַ פּיעסן־זאַמלונג פון יענער צייט, פאַרנעמט די קאָמעדיע פון אסתר דעם אויבנאָן. ווען דער רוסישער צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש האָט אין 1672 געמאַכט דעם ערשטן פאַרזוך אויפצובויען אַ טעאַטער, האָט מען דאָרט אויפגעפירט די קאָמעדיע אסתר המלכה.

אין יאָר 1720 האָבן די תלמידים פון דער פּראַגער ישיבה אויפגע־פירט אין אַ ספּעציעל געבויטן טעאַטער די פּיעסע „אקטא אסתר עם אחשורוש". אויפן שער־בלאַט פון דער דאָזיקער פּיעסע איז געדרוקט, אַז זי איז אויפגעפירט געוואָרן „אין אַ טעאַטער מיט פּויקן און אינסטרו־מענטן", און אַז די שוישפּילער האָבן געהאַט די דערלויבעניש פון זייער ראש הישיבה, ר' דוד אָפּענהיים. אינעם טעקסט זענען אויך דאָ פּינף האָלץ־שניטן, וואָס באַווייזן סצענעס אין דער פאָרשטעלונג.

קענטיק אַז אַ סך רבנים זענען שוין צו יענער צייט געווען גענייגט צו דערלויבן טעאַטער שפּילן אין פּורים, און אַז עס איז געווען זייער פּאָ־פּולער צווישן יידן. אַ סימן איז, וואָס ר' יונתן אייבעשיץ פּראַגער, וועל־כער האָט געלעבט אין 1764־1690, טרעט שאַרף אַרויס אין זיין ספר „יערות דבש" קעגן דעם פאַרשפּרייטן מנהג.

אין אַ סך מקומות פלעגט מען אין יענער צייט פּראַווען דעם פּורים קאַרנאַוואַל דעם גאַנצן חודש אדר. עס פלעגן זיך דעמאָלט אָרגאַניזירן וואַנדערנדיקע טעאַטער טרופּעס, וועלכע פלעגן גיין פון שטאָט צו שטאָט און אויפפירן פּיעסן פון אַ פּורים כאַראַקטער אין לעגיטימירטע טעאַטערס. די פּיעסן זענען געווען: „אסתר און אחשורוש", „מכירת יוסף" און „דוד און גלית הפלישתי". די שפּראַך איז געווען באַשטאַנען פון אימפּראָווי־זאַציעס מיט באַנאַלע און גראָב־ציניש וויצן.

דעם עולם איז קענטיק געפעלן געוואָרן די הפקרותדיקע שפּראַך, וועלכע האָט זיך אפשר אריינגעפּאַסט אין דער בגלופנדיקער פרייל עכער פּורים שטימונג. די פּורים שפּילערייען זענען אַזוי איבערגעגאַנגען אין פאַרשידענע וואַריאַציעס פון לאַנד צו לאַנד און פון דור צו דור ביז דעם סאַמע סוף פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט.

דער רוב פּורימדיקע פּיעסן האָבן קיין זין נישט, דערפאַר אָבער שפּרודלען זיי מיט הומאָר און חוזק. דער הומאָר באַציט זיך נישט אויף

זאכן און פאסירונגען, נאָר איז מערער א פרימיטיווער ליצנות וואָס שפילט זיך אין ווערטער און פאראָדיעס.

די סיבה איז אפשר געווען וואָס די פארפאסער האָבן דער פאָר־שטעלונג געוואָלט געבן א רעליגיעזן לבוש און א ביבלישע פאָרם, און דער־פאר האָבן זיי זיך אזוי פיל באנוצט מיט צעקאליעטשעטער עברי פון די פארשידענע תפילות און מזמורים. דער פראנקפורטער פורים־שפיל פון זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט למשל אזעלכע כאראקטעריסטישע מאָנאָ־לאָגן:

מ ר ד כ י : (זאָגט ודוי מיט המנען)

זאָג, המנסע, ודוי וואָרט און וואָרט,
וועט זיך דיר זעצן א מכה גרוים ווי א קוואָרט.
זאָג: המלאך — דער געזאלצענער,
הגואל — דער אומגעזיפטער,
אותי — מיר, א מכה דיר!
מכל — דער שטעקן,
רע — דער בייזער שטערן,
יברך — זאָל מאכן קניען,
את הנערים — די יונגע לאמפין,
ויקרא — און עס זאָל ווערן אויסגעריסן
שמי — דיין נאָמען,
אברהם — דער שינדער,
יצחק — דער בלינדער,
יעקב — א זאק מיט קינדער,
וידגו — און זאָלסט אנלייגן
בקרב — מיטן קעפעלע
הארץ — אין דער ערד!

אָדער מרדכי איז למשל מקדש אחשורושן צו ושתי.

מ ר ד כ י: (אָנווייזנדיק אויף אחשורוש און ושתי)

הרי — עס זאָל אייך זיין ווינד און וויי,
את — שמייסן זאָל אייך דער קיעווער קאָט,
נישט דער אדעסער — ער שמייסט בעסער!
מקודשת — יאָק סאבאקא ברעשעש,

לי — דארפסט ליגן אין הקדש, ליג דו!
בטבעת — ווערן זאָלט איר געשוואָלן ווי א פאס,
כדת משה וישראל — א כפרה זאָלט איר ווערן פאר מיר און
כל ישראל.

נאָך פארן מקדש זיין זינגט מרדכי צו אחשורוש און ושתי בזה הלשון:

אין א גוטער שעה
זענט אירביידע דאָ,
זעצט אייך אנידער ביידע,
איך בין אייך אן אלטער זיידע.
אלה התנאים — איר זענט ביידע גרויסע גויים,
אלה הבגדים — קדחת מיט כשרע פאָדעם.
נדן גיב איך ק״ן שאק רוחות,
א דירה אין הקדש,
מזונות אין די הייזער,
א פלאַץ אויפן בית החיים,
הכל שריר וקיים.

די צניעותדיקע אסתר המלכה ווערט אויך נישט געשאנעוועט, נאָר ווייל זי איז אן אשה, נעבעך, רעדט זי מיטן לשון פון דער תחינה:

אל ארך אפיים אתה,
אז המן זאָל ווערן פראטא,
פראטא זאָל ער ווערן,
אויפעסן זאָלן אים די ווערים,
די ווערים זאָלן אים אויפעסן,
דו, גאָט, זאָלסט אין אים פארגעסן.

כמעט אלע פורים־שפּילער פלעגן זיך פארענדיקן מיט א „מי שברך“, וואָס האָט אומעטום געהאט איין און דעם זעלבן נוסח:

מי שברך המן, קורח בלק, בלעם, זרש, ושתי,
הוא יברך בעבור שילד בתרמילות,
בזכות זה ינטלו אותו
מכפר לכפר מעיר לעיר.
מאסטראג לסימביר,
געבונדן אין שטריק,

געשמידט אין קייטן,
ככבלי ברזל,
ונאמר אמן.

אדער:

מי שברך
הענט און פיס,
ציין און ביין,
קרענק אליין,
טשטאָב טי אומער,
ונאמר אמן!

דריטער קאפיטל

די מגילת אסתר

די מחלוקה וועגן דער אפשטאמונג — היסטארישער ראמאן און דראמע — די פיר אקטן, פראלאג און עפילאג — אסתר די הויפט־העלדין פון דער דראמע — די מיינונגען פון פארצייטי־קע און איצטיקע היסטאריקער.

די מגילת אסתר איז דער בוך וואס איז איינגעשלאסן אינעם תנ"ך ווי א קאנאניזירטער טייל און האט, וועדליק דער יידישער אמונה, די זעל־בע הייליקייט ווי יעדער אנדערער ספר אינעם תנ"ך.

וועדליק די פארשריפטן פונעם תלמוד, איז עס א מצוה צו לייענען אדער הערן לייענען די מגילה צוויי מאל: אין אוונט און צומארגנס אינ־דערפרי, די מצוה איז חל אויף פרויען דערפאר וואס די מצוה האט א שייכות מיט א געוויסער צייט אין יאר. אין דער גמרא גייט אן א מחלוקה צי מען זאל אנהויבן לייענען פונעם ערשטן קאפיטל, וואס איז בלויז א פראלאג צו דער דראמאטישער געשיכטע, אדער פונעם צווייטן קאפיטל ווו עס ווערט דערציילט וועגן דער אפשטאמונג פון מרדכי און אסתר, אדער גאר ערשט פונעם דריטן קאפיטל ווו די מעשה מיטן המן הויבט זיך באמת אן. געבליבן איז אז מען זאל לייענען פון אנהויב אן.

אין תלמוד געפינט זיך אויך א גאנצע מסכת (טראקטאט) מגילה, וואס באהאנדלט די דינים פון פורים און גיט זיך אפ מיט דער פארשונג פונעם געשיכטלעכן ווערט און אויסטייטשונג פון די ווערטער. דערפון איז געדרונגען אז די מעשה פונעם פורים־נס איז געווען א גלויביקע און אנ־גענומענע זאך ביי יידן אין די פריערדיקע דורות.

דאך איז די מגילה, די באשרייבונג פון דער פורים־געשיכטע, תמיד געווען א קאמפליצירטער פראבלעם סיי פאר דער תלמודישער ליטעראטור

און סיי פאר די מאָדערנע ביבל קריטיקער און היסטאָריקער. מילא דער תלמוד געפינט תשובות אויף אַלע קאָמפּליצירטע פראגן, און די פּאַרפּאַ־סונג פון דער מגילה ווערט אפילו צוגעשריבן צו דער אַנשי כנסת הגדולה, דער יידישער רעליגיעזער סינאָד. די קריסטלעכע קירכע שרייבט די מגילה צו צו עזרא הסופר, וועלכער האָט געלעבט אין די צייטן פון די אנשי כנסת הגדולה. דער יידיש־גריכישער פילאָזאָף און היסטאָריקער פילון היהודי גלויבט, אַז יהויקים (יאאכים) דער כהן גדול האָט די מגילה גע־שריבן.

די מחלוקה וועגן איר אָפּשטאַמונג ציט זיך אזוי פון די עלטסטע צייטן אָן ביז צום היינטיקן טאָג, און צו קיין איינשטימיקער מיינונג איז מען נאָך אַלץ נישט געקומען, דערפאר זענען אָבער אַלע איינשטימיק מיט דעם גרויסן ליטעראַרישן ווערט פון דער מגילה אַלס היסטאָרישן ראָמאַן אָדער דראַמע.

די מגילה האָט אַלע נויטיקע טעכנישע עלעמענטן: האַנדלונג וואָס אַנטוויקלט זיך ממדרגה למדרגה ביז צום קלימאַקס, היסטאָרישן הינטער־גרונט און היסטאָרישע פּערזאָנען, ביבלישן סטיל און שפּראַך מיט אַ וואַ־ריאַציע פון פרעמדע ווערטער, סצענאַרישע בילדלעכקייט מיט עפעקטיווע שילדערונגען, אַקטן און סצענעס איינגעטיילט אין זייער גראַדן סדר, און ועל כולם, אַ פרייל עכער עפּילאָג מיט אַ יידישן זינג.

דער פּראָלאָג הויבט זיך אָן מיט אַ סצענע פון רעגאַלן, עקזאָטישן און אָריגינעלן גלאַנץ. גאַנצע בענדער וואָלטן נישט בעסער געקענט אי־בערגבן אָט די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע אַטמאָספערע פון דער חצר המלכות, דעם פּאַלאַץ פון דעם טיראַנישן מלך אחשורוש. בלויז אַ פּאָר איינצלנע שטריכן מיט דער פעדער — און מיר זענען די עדות און צושויער פון אַ גרויסן קעניגלעכן מאַלצייט וואָס דויערט גאַנצע זעקס חדשים. דער קעניג באַווייזט זיין רייכקייט, גדלות און כבוד, וואָס ער האָט אַלס הער־שער פון הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות, וועלכע ציען זיך פון הודו ביז כוש, פון אינדיע ביז מעסאָפּאָטאַמיע.

אַ פאַרגלייך אין ליטעראַרישער שיינקייט און אין דראַמאַטישער קראַפט, קומט צו אונדז דער ערשטער אַקט פון דער היסטאָרישער דראַמע, דער טרעפן זיך פון המן און מרדכי און דער רעאַלער קאָנטראַסט צווישן די צוויי הויפּט־העלדן. המן דערגרייכט צו דער גרעסטער הייך פון זיין גדולה און ווערנדיק אין כעס אויף מרדכין פאר זיין נאַציאָנאַל־רעליגעזער

באוווסטזיניקייט און קעמפערישקייט, באשליסט ער צו נעמען ביטערע נקמה פון אים און זיין פאלק.

אין צווייטן אקט אנטוויקלט זיך שטארקער די האנדלונג. דער גייס־טיקער קאנפליקט צווישן המן און מרדכי, דער פאטאלער אויסגאנג פון המנס קאנספיראציע אין געווינען דעם קעניג אויף זיין זייט. מרדכי זייענדיק טיף געריהרט נישט פון זיין אייגענעם אומגליק נאר פונעם אומגליק פון זיין באליבט פאלק, ווירקט אויף אסתרן, וועלכע איז שוין איצטער די אנערקענטע געזעצלעכע קעניגין, צו גיין צו אחשורושן בעטן רחמים פאר די יידן. די חסדיקע אויפנאמע אירע ביים קעניג, און די איינלאדונג אירע פון אחשורוש און המן צו א סעודה.

דער דריטער אקט:

המן דערוואַרט צו דערגרייכן זיין גרעסטע גדולה, און גרייט שוין צו די תליה פאר מרדכין. אחשורוש האט א שלאפלאזע נאכט און באפעלנדיק פאר אים פארצולייענען דעם ספר הזכרונות, דערמאנט ער זיך אז מרדכי האט אמאל געראטעוועט זיין לעבן, וואס איז קאנספירירט געווארן ביי צוויי פון זיינע הויף־באאמטע. דער קעניג שלאפט איין און זעט אין א חלום ווי המן שטייט איבער אים מיט א שווערד אין האנט. המן קומט פונקט דעמאלט אן צום טראן־חדר בעטן די לעגאלע דערלויבעניש אויפצוהענגען מרדכין, און דער קעניג לאזט אים דאן אריינרופן צו זיך. דער קעניג פרעגט אים וואס צו טאן צו דעם יעניקן וועמען דער קעניג וויל באערן.

המנס ענטפער אים אנצוטאן די קעניגלעכע קליידער און קרוין און לאזן רייטן אויפן קעניגלעכן פערד. דעם קעניגס פארדאכט אויף המנען און שטראף, אז ער אליין, המן הייסט עס, זאל אנטאן מרדכין די קעניגלעכע קליידער און אים ארומפירן איבער די גאסן פון דער הויפטשטאט. די באשולדיקונג פון אסתר, אז המן איז א פאררעטער, און ענדלעך דער אויפהענגען המנען אויף דער תליה וואס ער האט צוגעגרייט פאר מרדכין.

פערטער אקט:

די געפאר וואס האט געלויערט אויף יידן ווערט פולשטענדיק באזייטיקט. די יידן קריגן די דערלויבעניש זיך צו פארטיידיקן קעגן זייערע פיינט, און די פייערונג פון דעם גרויסן נס אין אלע ערטער ווו יידן געפינען זיך.

די הויפט־העלדין איז די פרוי, אסתר, וועלכע האט מיט איר שיינ־

קייט געפאנגען ס'הארץ פון א מעכטיקן קעניג, און אזוי ארום געראטעוועט איר פאלק פון א זיכערן חורבן. אן אלטער סוזשעט און אלטע בויאונגס־מאטיוון, די דיכטונג איז אבער א פארכאפנדיקע און פארבנרייכע.

וועגן דעם היסטארישן הינטערגרונט פון דעם נס פורים און די אוי־טענטישקייט פון די פאקטן, גייט צווישן די היסטאריקער און וויסנשאפט־לער אן א פיל גרעסערע מחלוקה ווי אין דעם תלמוד. וועגנדיק אלע סברות און השערות וואס ווערן געמאכט אויף א ספעקולאטיוון אופן, בלייבט נאך אלץ אומבאשטימט און גארנישט קלאר וואס אזוינס עס איז פארגעקומען אין דעם לאנד פון וועלכן עס רעדט זיך אין דער מגילה.

מערקווירדיק איז, וואס די מגילת אסתר וועלכע דערציילט וועגן אלץ און אלעמען מיט די קלענסטע דעטאלן, פארגעסט אנצוגעבן גענוי ווען דער פורים נס איז פארגעקומען. עס שטייט בלויז: בימים ההם — אין יענע טעג. אבער אין וועלכע טעג איז נישט דערמאנט.

א טייל היסטאריקער פארקניפן די פורים געשיכטע מיט דער באבי־לאנישער מיטאלאגיע פון „מאדרוק און איספרא", וואס קלינגט אביסל ענלעך צו אונדזער מרדכי און אסתר. אנדערע זענען אבער מבטל אלץ און אלעמען און ווייזן אן אויפן פאקט, וואס אין דער גאנצער פערסישער גע־שיכטע איז נישט צו געפינען קייןווארט וועגן דער מעשה אדער וועגן א מלך מיטן נאמען אחשורוש. אנדערע זענען יא אביסל נאכגעביק און גיבן צו, אז אחשורוש איז געווען דער פערסישער קעניג קאמביזעס, דער זון פון כורש, וועלכער האט דערלויבט די יידן זיך אומצוקערן קיין ירושלים און דארטן ווידער אויפבויען דעם בית המקדש.

דער יידישער היסטאריקער יאזעפוס פלאוויוס איז דווקא אין דער מיינונג, אז די פורים־געשיכטע איז יא מיילוויי אמת און איז פארגעקו־מען אין די צייטן פון עזרא און נחמיה אונטער דעם פערסישן קעניג אר־טאקסערקסעס. ער איז זיך שטארק סומך אויף דער געשיכטע פון דעם גרויסן גריכישן היסטאריקער העראדאטוס, ווו עס ווערט דערמאנט וועגן א קריגס־ראט וואס ארטאקסערקסעס האט אפגעהאלטן מיט זיינע יועצים און מלכים אין דעם 3טן יאר פון זיין מלוכה. און זיין צוריקקער קיין שושן הבירה אין דעם פרילינג פון זיבעטן יאר, וואס איז אזוי שטארק ענלעך צו דעם וואס ווערט דערציילט אין דער מגילה.

די היסטאריקער פון די גאר לעצטע צייטן, צווישן זיי אויך אונדזער אייגענער פראפעסאר גרעץ, גלויבן לחלוטין נישט אין דעם היסטארישן

הינטערגרונט פון פורים. זיי ווארפן אומברחמנותדיק אום אַלע השערות און סברות און שאַנעווען נישט אפילו יאָזעפוסן. זייער שטאַרקסטער אַר־גומענט איז, וואָס אין די ביכער פון עזרא און נחמיה ווערט דערפון קיין איינציק וואָרט נישט דערמאָנט, און וואָס ווערדליק דער נייער פאָרשונג איז גאָר ארטאקסערקסעס דער זעלבער וואָס ארחשתא, וועלכער ווערט דווקא יאָ דערמאנט אין תנ"ך.

די מאָדערנע היסטאָריקער ווייזן אָן אויף אַ לאַנגע רייע אומוואַר־שיינלעכקייטן אין דער מגילה. אָט, למשל, רעדט זיך דאָרט וועגן 127 מדינות. און באמת האָט נאָך פערסיע קיינמאָל נישט געקעניגט איבער אַזוי פיל לענדער, און דאָרטן איז אויך נישט געווען קיין מנהג צו קניען פאַר אַ מיניסטער. חוץ לזה איז אומגלויבלעך, אַז אַ קליינע צאָל יידן זאָלן אויסקוילענען צענדליקער טויזנטער פערסיאַנער, און דער קעניג זאָל זיי נאָך דערלויבן צו מאכן דערפון אַ יום־טוב און הוליאַנקע.

עס איז אויך נישט צו גלויבן — טענהן זיי — אַז אַ פערסישער קע־ניג זאָל באַפעלן זיין ווייב צו דערשיינען אַ נאַקעטע פאַר פרעמדע פרינצן און פירשטן. און דער עיקר, אַז זי זאָל נישט פאָלגן נאָכדעם ווי אַ באַפעל איז שוין ארויסגעגעבן געוואָרן. אגב, ווערט טאַקע אין דער פערסישער גע־שיכטע דערציילט אַז ארטאַרקסערקסעס האָט געהאַט אַ ווייב, אמעסטרים, און די באַשרייבונג וועגן איר שטימט אויף קיין פאַל נישט מיט דער פון ושתי און אסתר.

די גמרא האָט משמעות אויך איינגעזען אַ סך פון די דאָזיקע אומ־וואַרשיינלעכקייטן און אומגלויבלעכקייטן, און עס דערקלערט דערמיט וואָס אחשורוש מלך טיפש היה, אַז דער קעניג אחשורוש איז געווען אַ פשוטער נאַר, אַן אידיאָט, און אויף אַ נאַר פרעגט מען קיין קשיות נישט, בפרט אויף אַ קעניג אַ נאַר.

נאָך אַלע סברות און השערות, באַווייזן און אָפּלייקענונגען, לאָזט זיך נאָך אַלץ מערקן אַ גאָר גרויסער ניצוץ פון אמת אין דער געשיכטע פון דער מגילה. דער סאַמע מערקווירדיקסטער באַווייז איז, וואָס אין דער מגילה געפינען זיך אַן אַ צאָל ווערטער וועלכע ווערן נאָך אפילו איצטער באַנוצט אין דער פערסישער שפּראַך און האָבן די זעלבע באַדייטונג וואָס אין דער מגילה.

פורים איז פערסיש פונעם וואָרט „פור־גורל"; פתגם — אַן אָנאָנ־סירעה; פרתמים — פירשטן; אחשדרפן — אַ שטאַטהאַלטער; אחשרתרן

— מיליטער. אפילו דאָס וואָרט מרדכי איז אַ פּערסיש, און איז אַ מין דיגרי און טיטול.

דער פאַקט וואָס אין דער פּערסישער געשיכטע איז וועגן דעם קיין וואָרט נישטאָ, איז נאָך אַלץ קיין באַוויז נישט אַז אַזוינס האָט נישט פּאַסירט. עס איז גרייליך מעגלעך, אַז ביי יידן איז דער עפּיזאָד געווען פון גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט וואָס האָט פאַרדינט פאַרשריבן צו ווערן אין אַ באַזונדערן ספר, און ביי די פּערסיאַנער איז עס געווען איינע פון די גאַנץ געוועגלעכע דערשיינונגען.

אויב מען זאָל אָננעמען די מיינונגען, אַז די מגילה איז אַ לעגענדע, אָן אַ ברעקל אמת, דאַרף מען בכלל אויפהערן צו גלויבן אינעם ווערט פון היסטאָריע, וואָס איז פאַקטיש געבויט אויף דעם וואָס מענטשן דערציילן. אמת, אַז נישט אַלץ וואָס מענטשן דערציילן איז אויטענטיש ריכטיק. שקרנות פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט, און אין בעסטן אופן מאַכן מענטשן טעותן אָדער זענען סתם מגזם. דער היסטאָריקער אַליין קאָן אויך האָבן זיינע אייגענע שוואַכקייטן און דאָ אָדער דאָרטן אָפּווייכן פונעם אמת. מען מעג דאַריבער האָבן געוויסע ספקות, אָבער צו זאָגן אַז די גאַנצע מעשה איז לא דובים ולא יער. אַז פּורים איז לא היה ולא נברא. נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, איז סתם נאַרישע אפּיקורסות.

פּורים איז, ווערליק דער גמרא, אָנגענומען געוואָרן ביים סנהדרין אין ירושלים און איז אויך פאַרהאַנדלט געוואָרן ביי דער אנשי כנסת הגדולה, די גרויסע פאַרזאַמלונג וואָס איז דעמאָלט באַשטאַנען פון 85 זקנים צווישן וועלכע עס זענען געווען אַ דרייסיק נביאים, טאָ ווי שייך אַז דער סנהדרין זאָל געבן זיין הסכמה אויף אַ זאַך וואָס איז דורכאויס פאַלש?

פערטער קאפיטל

די געשיכטע פון פורים אין דער יידישער לעגענדע

די קעניגלעכע סעודה — דער טויט פון ושתי — דער אויפשטייג פון אסתר — מרדכי ראטעוועט אחשורושן פון טויט — המנס פארבארייטונגען צו טויטן די יידן — דער חלום פון אחשורוש און די ראָל פון מלאכים — דער שטורעם אויפן הימל און דער געוויין פון קינדער — אסתרס קומען צום קעניג און די איינ־לאדונג צו א סעודה.

דער אופן ווי אזוי די געשיכטע פון אסתר און מרדכי ווערט דער־ציילט אין די פילע מדרשים, תרגומים און קבלה־ספרים, איז זייער פאנ־טאסטיש און פארמאגט אין זיך אן א שיעור פאלקסטימלעכקייט.

די יידישע אגדה האט תמיד געהאט א געזונטן חוש פאר פאלקלאר, און האט נישט פארזען אויסצונוצן די מגילת אסתר איר ארומצופוצן מיט וואונדערבאר שיינע, פאנטאסטיש־לעגענדארישע מעשהלעך און עפיזאדן. עס איז א שאד, כ'לעבן, וואס אט דער דאזיקער פאנטאסטישער טייל פון דער פורים־געשיכטע איז אזוי ווייניק אויסגענוצט געווארן אין דער יידי־שער ליטעראטור.

דא ווערט ארומגענומען אלץ וואס ווערט וועגן איר דערציילט אין קוואלן א חוץ דער מגילת אסתר, און ווערט איבערגעגעבן אין אלע אירע דעטאלן און איינצלהייטן:

און עס איז געווען — הייבט זיך די מעשה אן — אין די טעג פון קעניג אחשורוש, וועלכער איז געווען א גרויסער רשע און נאך א גרעסע־רער שוטה. ער האט געקיניגט פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער און געהאט זיין הויפשטאט אינעם לאנד מדי.

אין זיין געבורטסטאג האט ער געמאכט א גרויסע סעודה צו וועלכער ער האט איינגעלאדן אלע זיינע שרים און פרינצן פון די הונדערט און זיבן

און צוואנציק פּראָווינצן. אַלע זענען זיי געקומען אין ווייס־זילבערנע קליי־דער און געזעסן אויף גאָלדענע שטולן. צווישן די איינגעלאַדענע זענען אויך געווען די פירער פון די יידן, אָבער זיי זענען אַנטלאָפן כדי נישט צו זיין ביי אַ טריפהנער סעודה. אַ סך פון די יידן זענען אָבער געצוווּנגען געווען צו קומען צו דער סעודה, זענען זיי געזעסן גאַנץ באַזונדער, ווייט אַוועק פון די קעניגלעכע טישן, כדי נישט צוצוזען דעם צער ווי אחשורוש לאָזט זיך באַדינען מיט די כלים פונעם בית המקדש.

די סעודה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אינעם קעניגלעכן גאָרטן, וועלכער איז געווען באַהאָנגען מיט פּורפּורנע פּאָרהאַנגען געבונדן איינע צו די אַנ־דערע מיט זילבערנע רינגען און זיידענע פעדים. ביי די זייטן זענען געווען פאַרפלאַנצט שמעקנדיקע פּאַלמען־ביימער מיט אַלערליי דופטיקע בלומען, און אונטער די פּים זענען געלעגן פּורפּורנע דיוואַנען אויף וועלכע די דיי־נער האָבן געטאַנצט און געזונגען. וויין איז דאָרטן געווען לרוב, פון אַלער־ליי סאָרטן און פון אַלע פאַרשידענע געגנטן. יעדער האָט זיך געקענט אויסקלייבן דעם וויין וואָס ער האָט געוואָלט, און עס איז סערווירט גע־וואָרן אין זילבערנע און גאָלדענע בעכער. מער ווי איינמאָל האָט מען אַ בעכער נישט גענוצט און ווייַן האָט מען אים געגעבן ווערדליק זיין עלטער. איז ער אַלט געווען פופציק יאָר, האָט מען אים געגעבן פופציק יאָריקן וויין. קיינעם האָט מען נישט גענויט, און האָט געקענט טרינקען וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט און וואָס זיין האַרץ האָט באַגערט.

ווען אחשורוש איז שוין געוואָרן שיכורלעך, האָט ער זיך גענומען רייצן מיט די יידן:

— קען אייער גאָט אויך מאַכן אַזאַ סעודה אויף יענער וועלט?

דאַרויף האָבן די יידן אים געענטפערט:

— די סעודה וואָס גאָט, געלויבט איז זיין נאָמען, מאַכט פאַר זיינע צדיקים, האָט נאָך קיין שום אויג נישט געזען.

אַז עס איז געקומען דער זיבעטער טאָג, דער הייליקער שבת, און די קעניגן און פּרינצן זענען שוין געווען היבשלעך אָנגעטרונקען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו ריידן וועגן פרויען און זינדיקע תאוות. עטלעכע האָבן גע־זאָגט, אַז די פרויען פון מדי זענען די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע, און אַנדערע האָבן געזאָגט אַז די פרויען פון פּרס זענען די בעסטע און שענ־סטע. דאַרויף האָט אחשורוש זיך אָנגערופן: „די פרוי וואָס איך האָב איז נישט פון מדי, נישט פון פּרס און נישט פון כשדים, אָבער עס איז צו

איר נישטאָ קיין גלייכן אויף דער וועלט. ווילט איר זי זען?"

דארויף האָבן אַלע בייזיצנדיקע מלכים און פרינצן בקול אחד געענטפערט: „יאָ, מיר ווילן זי זען, אָבער נאָר אַ נאַקעטע!"

האָט אחשורוש באַלד געשיקט אַ שליח צו ברענגען ושתין זיין ווייב אַ נאַקעטע מיטן קרוין אויפן קאָפּ.

ווען דער שליח איז געקומען צו ושתי מיטן קעניגס באַפעל, האָט זי געזאָגט: „גיי, זאָג דעם קעניג: שוטה, נאַר, האָט דער ווייַן אויסגעוועפּט דיין שכל! וועל איך אויסקוקן מיאוס, ועסטו זיך דארפן שעמען; וועל איך אויסקוקן שיין, וועלן די איבעריקע מלכים דיך דערהרגענען און מיך נעמען צו זיך! שוטה, וואָס דו ביסט! זיי ווייסן, אַז איך בין אַ טאָכטער פון בלשאצר, דער זון פון נבוכדנאצר, פאַר וועמען מלכים פלעגן פאַלן צו די פיס." געזאָגט האָט ושתי אַזוי, ווייל דער מלאך גבריאל איז אַראָפּ פון הימל און איר צוגעבונדן אַן עק זי זאָל זיך שעמען צו גיין.

אין יענער רגע האָט גאָט אויך אַראָפּגעשיקט דעם מלאך וואָס איז דער ממונה אויף כעס און בייזקייט און אים באַפוילן: „גיי ווארף אַריין אַ פונק פייער אין אחשורושעס כעס". איז אחשורוש טאַקע געוואָרן צאָרנדיק און געפרעגט זיינע ראַטגעבער וואָס פאַר אַ שטראָף מען זאָל ושתין געבן פאַר נישט פאָלגן דעם באַפעל פון מלך.

צווישן די עצה־געבער איז אויך געווען ממוכן, וועלכער האָט געוואָלט זיין טאָכטער פאַרשדכענען צו אחשורושן, האָט ער געעצהט דער קעניג זאָל איר לאָזן טויטן און זיך נעמען אַן אַנדערע פאַר אַ ווייב. דעם זעלבן שבת האָט מען ושתין געטויט.

ווען אחשורוש האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט און זיך דערוווסט וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, האָט ער באַפוילן הרגענען אַלע וואָס האָבן אים די דאָזיקע עצה געגעבן. ווען זיין כעס האָט זיך שוין געשטילט, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו ברענגען צו אים אַלע שיינע מיידלעך פון אַלע זיינע לענדער כדי זיך פון זיי אויסצוקלייבן אַ ווייב. האָבן פילע גרויסע פרינצן זיך געלאָזט קאָסטן אוצרות מיט געלט מען זאָל נעמען צום קעניג זייערע טעכטער מיט דער האָפענונג זיך משדך צו זיין מיטן קעניג.

אין יענער צייט האָט געלעבט דאָס יידישע מיידל אסתר, וועלכע איז געווען איינע פון די זיבן נביאהטעס. זי איז געווען אַן אומגליקלעכע יתומה, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן ביי איר קוזין מרדכי, ווען איר מוטער איז מיט איר פאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפט, איז איר פאָטער

געשטאָרבן און ווען זי, אסתּר, איז געבוירן געוואָרן איז אויך די מוטער געשטאָרבן.

געווען איז אסתּר שיין ווי די ליכטיקע זון וואָרום בעת יוסף הצדיק האָט געהאַט בלויז איין טראָפּן חן און איז דאָך געווען דער שענסטער אין דער וועלט האָט אסתּר געהאַט אַלע וועלטן מיט חן און איז געווען איינע פון די פיר שענסטע פרויען וואָס די וועלט האָט אַמאָל פאַרמאָגט.

אסתּר האָט זיך אויסבאַהאַלטן פיר יאָר נאָכאַנאַנד. אָבער ווען מען האָט איר אויסגעפונען און געבראַכט צום קעניג האָט גאָט צו איר גע־זאָגט: „דו באַהאַלטסט זיך אָבער איך זאָג דיר אַז קיין אַנדערע אַ חוץ דו וועסט נישט ווערן די קעניגין". צו די יידן האָט גאָט געזאָגט: „איר וויינט וואָס איר זענט געבליבן יתומים אָן אַ פאָטער וועל איך אייך שיקן אַן אויסלייזער וואָס איז אויך אַ יתום אָן אַ פאָטער און אָן אַ מוטער".

אסתּר איז אַלט געווען פערציק יאָר ווען זי איז געבראַכט געוואָרן צום קעניג און דאָך איז זי אים שטאַרק געפעלן געוואָרן בעסער פון אַלע פרויען אין פּרס און אין מדי.

אסתּר האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן ווער זי איז, און אפילו ווען ער האָט איר געסטראַשעט האָט זי אויך נישט געוואָלט אויסזאָגן, זי איז אחשורושן אָבער אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט איר גלייך געמאַכט פאַר קעניגין. אסתּר האָט באַלד געפועלט אחשורוש זאָל אוועק־שטעלן מרדכין ביים קעניגלעכן טויער, ווי נבוכדנאצר האָט אוועקגע־שטעלט דניאלן.

שטייענדיק אַזוי ביים טויער, האָט מרדכי וועלכער האָט געקענט זי־בעציק שפּראַכן, געהערט ווי בגתן און תרש, צוויי גרויסע באַאַמטע, האָבן געפּלאַנעוועט צו פאַרסמען דעם קעניג און וואַרפן די שולד אויף די יידן. מרדכי האָט עס באַלד איבערגעגעבן דעם קעניג, און אַן אויספאָרשונג איז באַפוילן געוואָרן, בגתן ותרש האָבן זיך אָבער דערפון דערוווסט און אויף גיך אַרויסגעכאַפּט דעם סם פון קעניגס בעכער. איז אָבער געקומען אַ מלאך און אינעם בעכער אַריינגעלייגט אַנדערן סם, און מען האָט די צוויי פאַררעטער אויפגעהאַנגען און די פּאַסירונג פאַרשריבן אין די קעניגלעכע אַנאַלן.

אין יענע טעג האָט אחשורוש דערהויבן המנען צום אַמט פון שני למלך, ווייל ער איז געווען דער רייכסטער אויף דער וועלט. המן האָט זיך אויסגעהאַפּטן אַ צלם אויפן מאַנטל איבערן האַרץ, און געצוווּנגען יעדן

איינעם זיך פאַר אים צו בוקן און קניען. מרדכי האָט אָבער נישט געוואָלט זיך בוקן צו אַ מענטשן, און המן איז אויף אים געוואָרן שטאַרק אין כעס און באַשלאָסן אים אומצוברענגען צוזאַמען מיט אַלע יידן. ער האָט גע־וואָרפן גורל אין וועלכן חודש די יידן האָבן נישט קיין זכות, און עס איז אויסגעפאַלן אויף דעם חודש אדר, ווייל אין יענעם חודש איז משה רבינו געשטאָרבן. דער רשע האָט אָבער נישט געוווסט, אַז משה רבינו איז אין יענעם חודש אויך געבוירן געוואָרן.

איז המן געקומען צום קעניג און אים אָנגעהויבן צורײדן אויסצור־הרגענען אַלע יידן. האָט אָבער גאָט אַראָפּגעשיקט דעם מלאך מיכאל די יידן צו פאַרטיידיקן, און אחשורוש האָט נישט געוואָלט נאָכקומען די בקשה פונעם רשע.

אויך איך וויל די יידן אומברײנגען — האָט דער קעניג געטענהט — וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז זייער גאָט איז גרויס און מעכטיק און האָט זיי ליבער פון אַלעמען אין דער וועלט. לערן זיך אָפּ פון פּרעהן, עמלק און סיסרא, און זוך זיך בעסער נישט קיין צרות אויפן קאָפּ.

המן הרשע האָט אָבער נישט געוואָלט אויפגעבן זיין שלעכטן פּלאַן, און איז אַלץ צוגעשטאַנען צום קעניג אים צו געבן די דערלויבעניש צו טאָן מיט די יידן וואָס ער וויל. זייער גאָט — האָט ער אַרגומענטירט — האָט זיי פאַרלאָזן און פאַרטריבן פון זייער היים. נבוכדנאצר האָט חרוב גע־מאַכט זיין בית המקדש, און זייער גאָט האָט אים נישט באַשטראָפט. ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים זענען זיי געווען זעקס הונדערט טויזנט, גיב איך דיר איצטער הונדערט גילדן פאַר יעדן איינעם פון זיי און שרייב אונטער דעם באַפעל זיי צו פאַרניכטן.

האָט אחשורוש אים געענטפערט „לאָמיר וואָרפן אַ גורל, וועט דאָס פאָלק פאַלן אין דיין האַנט און דאָס געלט אין מיין האַנט, שרייב איך אונ־טער. אויב אָבער פאַרקערט, מוזן זיי בלייבן לעבן“. האָט מען געוואָרפן גורל, און דאָס פאָלק איז געפאַלן אין דער האַנט פון המן. אחשורוש האָט דעמאָלט אונטערגעשריבן דעם באַפעל צו פאַרניכטן אַלע יידן.

אַז מרדכי האָט זיך דערוווסט פון דער ביטערער גזירה, איז ער אַרויס אין גאַס אָפּגעשטעלט דריי קינדער גייענדיק פון חדר און געפרעגט וואָס זיי האָבן יענעם טאָג געלערנט. דער ערשטער האָט געענטפערט: „האָב נישט קיין מורא פאַר אַ פּלוצימדיקער שרעק“ (משלי ג׳ כ״ה). דער צווייטער האָט געזאָגט: „עס וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזן פון דער עצה“

(ישעיה ה׳, י׳) און דער דריטער יינגל האָט געזאָגט אַז ער האָט געלערנט דעם פּסוק: „אַזוי זאָגט גאָט: ביז צום עלטער בין איך דער זעלבער, און וועל איך טראָגן אַפילו ביז צום גרויען עלטער" (ישעיה ה׳, ד׳). מרדכי האָט זיך מיט די פּסוקים דערפרייט, און נאָך שטאַרקער געגלויבט אין גאָט און אין זיין הילף.

המן האָט געוווּסט, אַז גאָט קען נאָך אַלץ געפינען אַ זכות אויף די יידן און זיי העלפן, האָט ער אָנגערעדט אחשורושן צו מאַכן אַ סעודה פאַר די יידן און דאָרטן אָנגרייטן פילע זונות. מרדכי האָט די יידן געוואָרנט נישט צו גיין צו דער סעודה, אָבער אַכצן טויזנט ניין הונדערט יידן זע־נען געגאַנגען, דאָרטן געגעסן און געטרינקען און געזינדיקט מיט די אויס־געלאַסענע פרויען.

האָט דער שטן אָנגעהויבן צו טענהן פאַר גאָט: האר פון אַלע וועלטן, ווי לאַנג נאָך וועסטו זיך באַהעפטן מיט דער דאָזיקער אומה וואָס האַלט דיך אין איין דערצערנען מיט זינד און אויסגעלאַסנקייט

וואָס וועל איך אָבער טאָן מיט דער תורה? — האָט גאָט דעם שטן געפרעגט — ווער וועט לערנען מיין תורה?

האָט דער שטן געענטפערט: גיב די תורה צו די מלאכים אין הימל. האָט גאָט מסכים געווען און געהייסן אָנשרייבן דעם גזר די יידן צו פאַר־ניכטן. איז אָבער די תורה געקומען פאַר גאָט אין קליידער פון אַן אלמנה און ביטער געוויינט. די מלאכים דערהערנדיק דעם געוויין, האָבן אָנגע־הויבן טענהן צו גאָט: „האר פון דער וועלט! אויב דו ברענגסט אום די יידן, צו וואָס טויגן מיר?" אויך די זון און די לבנה האָבן זיך אָנגעטאָן אין זעק און געוויינט. די ערד האָט געציטערט, און אליהו הנביא איז אין גרויס איילעניש געלאָפן וועקן די קברים פון די אבות און די גרויסע צדי־קים און צו זיי געשריגן: „הימל און ערד און אַלע הימלישע קערפּערס וויי־נען ווי אַ געוויינעריין, און איר ליגט רואיק?!"

ווען משה רבינו האָט געהערט דעם געשריי פון אליהו הנביא אַז גאָט האָט אונטערגעחתמעט דעם בייזן גזר, ווייל די יידן האָבן געגעסן און געזינדיקט אויף אחשורושעס סעודה, האָט ער אים אַ פרעג געטאָן: „איז צווישן די יידן דאָ כאָטש איינער וואָס האָט נישט געזינדיקט?" און ווען אליהו האָט אים געענטפערט, אַז מרדכי איז אַ צדיק, ריין פון זינד, האָט אים משה באַפוילן גיין צו מרדכין און אים זאָגן, אַז „מיר דאָ, אין די קברים

וועלן בעטן רחמים און ער דאַרטן צווישן די לעבעדיקע זאָל טאָן דאָס זעלבע.

האָט מרדכי צונויפגענומען אַלע קליינע קינדער, זיי אָנגעטאָן זעק מיט אַש, און צוזאַמען געפאַסט און געבעטן. מרדכי האָט צעוויסן געגעבן אסתרן, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן און זי האָט מפּיל געווען.

המן האָט דערווייל צוזאַמענגערופן אַ באַראַטונג מיט וועלכער מיתה צו טויטן מרדכין ער זאָל זיך נישט קענען ראַטעווען. צווישן די ראַטגעבער איז אויך געווען זיין ווייב, זרש, און זי האָט געעצהט מרדכין צו טויטן דורך הענגען, ווייל פון אַלע מיתות זענען יידן שוין אַמאָל ניצול געוואָרן אָבער נישט פון הענגען. אַלע דריי הונדערט און זעכציק ראַטגעבער האָבן צוגעשטימט צו זרשן, און איר עצה איז אָנגענומען געוואָרן.

פּרשנדתא, איינער פון המנס צען זין, איז געווען אַ באַאַמטער אין די בערג פון אררט, האָט ער פון דאַרטן געבראַכט אַ באַלקן פון נחס תיבה, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט פאַר אַ תליה ביי המנס הויז. בעת המן האָט אויסגעמאָסטן די תליה צו זען אויב זי איז גרויס גענוג פאַר מרדכין, איז אַרויס אַ בת קול פון הימל: „דער בוים איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר דיר, המן, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן".

המן איז מיט פרייד אַוועק צו מרדכין אין בית המדרש און אים גע־טראָפן זיצן מיט די קליינע קינדער איינגעהילט אין זעק מיט אַש, צוויי און צוואַנציק טויזנט אין צאָל, האָט ער זיי אַלעמען געשמידט אין קייטן און געזאָגט: „די קינדער וועל איך שעכטן און מרדכין וועל איך אויפ־הענגען".

ווען די מאַמעס פון די קינדער האָבן געבראַכט אין תפיסה שפּייז, האָבן די קינדער געשוווירן ביי מרדכים נאָמען, אַז זיי וועלן פאַסטן ביז גאָט וועט אויף די יידן רחמנות האָבן. זענען די מאַמעס געשטאַנען אויפן גאַס און געברעוועט ווי בהמות, און די קינדערלעך אינעווייניק אין דער תפיסה ווי די יונגע קעלבעלעך.

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דער געוויין דערהערט אין הימל, און די מלאכים האָבן געזאָגט צו גאָט: „מיר הערן אַ קול פון ציגעלעך און שעפּעלעך!" אויך משה רבינו האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר גאָט און מיט גרויס געוויין געמענהט: „האַר פון אַלע וועלטן! דו ווייסט דאָך אַז די קולות זענען נישט פון ציגעלעך און שעפּעלעך, נאָר פון קליינע קינדער פון דיין פאָלק וואָס פאַסטן שוין דריי טעג און דאַרפן מאָרגן ווערן אויס־

געשאָכטן". אין יענער רגע האָט זיך ביי גאָט דערוועקט דער רחמנות און האָט מבטל געמאַכט זיין גזירה.

באַלד איז דער מלאך גבריאל אַרונטער צום קעניג אחשורוש און אים געוועקט פון שלאָף: „רשע וואָס דו ביסט, פאַרוואָס באַדאַנקסטו נישט פאַר א טובה?" האָט אחשורוש געשיקט רופן המנס א זון און אים באַפוילן אים פאָרצולייענען פונעם ספר הזכרונות. ווען ער איז געקומען צו דער געשיכטע ווי מרדכי האָט דעם קעניג געראַטעוועט פון די הענט פון בגתן ותרש, האָט ער די בלעטער איבערגעמישט און נישט געוואָלט לייענען. איז אָבער געקומען א מלאך און דווקא איבערגעדרייט אויף צוריק. אַזוי עטלעכע מאָל כסדר אַהין און צוריק, אַהין און צוריק ביז די אותיות האָבן זיך אַליין אויפגעהויבן פון בוך און אחשורוש האָט זיי געקענט איבערלייענען.

דערווייל איז אָבער דער קעניג איינגעשלאָפן און ער האָט געזען אין חלום ווי המן שטייט מיט א שווערד אין האַנט אים צו דערהרגענען. האָט ער זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט און געפרעגט: „ווער שטייט דאָרטן אין גאַס?" ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז המן איז דאָ, האָט ער אים צוגערופן און געפרעגט: „וואָס זאָל מען טאָן א מענטשן וועמען דער קעניג וויל באַערן?" המן האָט זיך בעת מעשה געטראַכט, אַז אוודאי וויל עס דער קעניג אים באַערן, האָט ער געענטפערט: „מען זאָל אים אָנטאָן די קעניגלעכע קליידער מיט דער קרוין און אים אַרומפירן אויפן קעניגלעכן פערד". ווי דער קעניג האָט עס דערהערט, האָט ער ערשט פאַרשטאַנען, אַז דער חלום האָט אים נישט אָפּגענאַרט און אַז המן וויל טאַקע פאַרכאַפּן די מלוכה. האָט ער גלייך באַפוילן המנען צו טאָן אַלץ ווי ער האָט געזאָגט צו מרדכין.

אַז מרדכי האָט דערזען המנען אָנקומען מיט א פערד, האָט ער געמיינט אַז ער איז געקומען אים טויטן. האָט ער דעמאָלט באַפוילן די קינדערלעך זיך צו באַהאַלטן און פּרובירן זיך ראַטעווען, אָבער זיי האָבן עס נישט געוואָלט. „אין לעבן און אין טויט, האָבן זיי געזאָגט, זענען מיר אַלץ מיט דיר".

המן האָט א פרעג געטאָן די קינדערלעך אין וואָס זיי זענען באַשעפטיקט, האָבן זיי אים געענטפערט: אין דער מצוה פון עומר. האָט ער זיי ווייטער געפרעגט: „פון וואָס איז דער עומר, פון גאָלד אָדער פון זילבער?" האָבן זיי געענטפערט: „פון גערשטן". האָט ער זיי ווידער גע-

פרעגט: „וויפל זענען די גערשטן ווערט?" האָבן זיי געענטפערט: „צען זעקסערלעך". דעמאָלט האָט המן אויסגעשריגן: „שטייט אויף, קינדער־לעך! אייערע צען זעקסערלעך האָבן באַשיינט מיינע צען טויזנט שטי־קער גאָלד".

ווען המן האָט געהייסן מרדכין זיך אָנטאָן אין קעניגלעכע קליידער, האָט ער צו אים געזאָגט: „שוטה, וואָס דו ביסט, איך בין דאָך אויסגע־שמירט אין אַש! איך וועל זיי נישט אָנטאָן ביז איך וועל זיין אָרומגעוואַשן און אָרומגעשוירן. האָט המן אים דעמאָלט אָרומגעוואַשן און אָרומגע־שוירן. האָט מרדכי ווידער געזאָגט: „איך בין אויסגעמאַטערט פון לאַנגן פאַסטן און קען נישט אַרויפקריכן אויפן פערד", האָט המן זיך איינגע־בויגן און מרדכי איז אַרויפגעקראָכן. המן האָט אים דעמאָלט אָרומגעפירט איבער די גאַסן און געשריגן: „ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו — אַזוי טוט מען צום מענטשן וועמען דער קעניג וויל באַערן".

אויפן באַפעל פון מרדכי האָט אויך אסתר און אַלע אירע באַדינע־רינס געפאַסט דריי טעג, און זיך צוגעגרייט צו גיין צום קעניג, איר מאַן, בעטן רחמנות צו האָבן אויף די יידן. האָט זי אָבער מורא געהאַט צו גיין, ווייל דער געזעץ איז געווען, אַז אויב עמיצער קומט צום קעניג נישט גע־רופענערהייט, מוז געטויט ווערן סיידן דער קעניג שטרעקט אויס זיין גאָלדענעם צעפּטער. מרדכי האָט איר אָבער געלאָזט וויסן, אַז אויב זי וועט נישט איינשטעלן איר לעבן און גיין, וועט זי באַגיין אַ גרויסע זינד און די יידן וועלן געהאָלפן ווערן דורך עמיצן אַנדערש.

האָט אסתר מיטגענומען מיט זיך דריי פון די געטרייעסטע דינער, איינע איז געגאַנגען רעכטס, איינע לינקס, און איינע האָט געהאַלטן איר שלעפּער, וועלכער איז געווען באַזעצט מיט דיאַמאַנטן און בריליאַנטן. קו־מענדיק צום קעניגס טראָן און דערזעענדיק ווי ער איז אין כעס וואָס זי איז געקומען נישט געפרעגטערהייט, איז זי און אירע באַדינער געפאַלן אין חלשות אויף דער ערד. האָבן זיך באַוויזן דריי גוטע מלאכים, איינער האָט אויפגעהויבן אסתרס קאָפּ, דער צווייטער האָט אויף איר אַרויפגע־צויגן אַ פאָדים פון חסד, און דער דריטער האָט אויסגעשטרעקט דעם קעניגס סצעפּטער אויף זעכציק איילן לאַנג.

אחשורוש איז באַלד געוואָרן גוט צו איר, זי אַרומגענומען און גע־קושט, און געזאָגט: קעניגין אסתר, וואָס ציטערסטו דו אַזוי, דער געזעץ

איז נישט פאַר מיין פרוי, זאָג וואָס דו פאַרלאַנגסט און איך וועל דיין ווונטש דערפילן.

האָט אסתר געענטפערט, אַז זי פאַרלאַנגט דער קעניג און המן זאָלן קומען צו אַ סעודה וואָס זי האָט זיי צוגעגרייט.

אויף דער סעודה האָט דער קעניג איר ווידער געפרעגט וואָס איר פאַרלאַנג איז און ער וועט עס גערן טאָן, און אסתר האָט געענטפערט: „איך בעט פאַר מיין לעבן און דעם לעבן פון מיין פאָלק״.

ווער איז דען דער שונא, וואָס וויל דיך און דיין פאָלק פאַרניכטן? — האָט דער קעניג מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט. „המן הרשע האיש הזה — אָט דער דאָזיקער שלעכטער המן!״ — האָט אסתר געענטפערט. און אַ מלאך האָט אויסגעצויגן איר פינגער און אָנגעשטעלט אויף המנען.

דער קעניג איז געוואָרן ווילד פון רציחה, און אַרויס אין גאָרטן אי־בערטראַכטן די זאַך. אסתר האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף איר קעניגלעכן דיוואַן זיך אָפּרוען, און המן איז געפאַלן ביי אירע פיס און זיך געבעטן האָבן אויף אים רחמנות. ווען דער קעניג האָט זיך אומגעקערט, האָט ער געטראָפן המנען אויף די קני נעבן איר, און ער האָט מיט כעס אויסגע־שריען: „אויך די מלכה ווילסטו ביי מיר צונעמען!״ דער קעניג האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל און מען האָט המנען אויפגעהאָנגען אויפן זעלבן בוים וואָס ער האָט געהאַט אָנגעגרייט פאַר מרדכין. מיט אים האָט מען אויך אויפגעהאָנגען זיינע צען זין, און דעם פאַרמעגן האָט דער קעניג אַוועק־געגעבן צו אסתרן, וואָס זי האָט דערנאָך איבערגעגעבן צו מרדכין.

פון דעמאָלט אָן רופט מען אסתרן מיטן ביי־נאָמען הדסה, ווייל פונקט ווי אַ הדסה איז זיס אין ריח און ביטער אין טעם, אַזוי איז אסתר געווען זיס צו מרדכין און ביטער צו המן.

פינפטער קאפיטל

די לאָקאַלע פורים פייערונגען

פורים דמצרים — פורים דפערזיע — פורים ווינץ — פורים ווי־דאַן — פורים דע לאַ סענאָראַ — פורים צוליב אַ ספר תורה — פורים אדום.

א חוץ דעם פּורים וואָס ווערט געפייערט צוליב דער געשעעניש פון אסתר און מרדכי, זענען אויך פאראן עטלעכע צענדליק לאָקאַלע פורימס וועלכע ווערן געפייערט אין זייערע ספּעציעלע ערטער צוליב אַ נס וואָס איז דאָרטן געשען.

די דאָזיקע קלענערע לאָקאַלע פורימס זענען אויך פארשריבן אין מגילות, וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן פון די רבנים און די פארשידענע קהילות, ווו דער נס פורים איז פאָרגעקומען. יעדער לאָקאַלער פּורים האָט צו דערציילן פון א המן הרשע, וואָס האָט זיך פארלייגט מיט אלע כוחות דווקא אויסצוראָטן די יידן, און פון א וואונדערלעכן נס וואָס האָט די יידן געראַטעוועט פון א זיכערן טויט. פאָרגעקומען זענען די דאָזיקע נסים כמעט אין אלע צייטן און אין אלע לענדער ווו יידן האָבן נאָר געוווינט.

די אָריענטאַלישע יידן, וועלכע געפינען זיך אין עגיפּטן פון גאַנץ לאַנגע צייטן, האָבן א חוץ דעם אלגעמיינעם פורים אויך אן אייגענעם לאָקאַלן פורים וואָס זיי פייערן יעדן יאָר דעם זיבן און צוואַנציקסטן טאָג אין אדר.

פאסירט האָט דער נס אין יאָר 1524, ווען עגיפּטן איז געווען א טייל פון דער מעכטיקער טערקישער מלוכה. איבערן לאַנד האָט געהערשט אַכ־מעד פאשא, וועלכער איז געווען דער דירעקטער פארטרעטער פונעם סול־טאַן אין טערקיי. דער דאָזיקער פאשא, איז, ווי דער שטייגער, געווען א גרויסער טיראַן און זיך געבאָדן אינעם בלוט פון זיינע אונטערטאַנען. צו

יידן איז ער געווען גוט און תמיד ארויסגעוויזן גרויס פריינטשאפט און התקרבות. די העכסטע אמטן האט ער אנפארטרויט צו יידן, און ממילא האבן יידן דערפון פיל געגאסן אין פארמעגן און אין אנגעזעענקייט.

מאכט זיך אבער אז צווישן דעם פאשא און דעם טערקישן סולטאן ווערט א גרויסע מחלוקה, און דער פאשא דערקלערט זיך אלס אומאפהענגיקער קעניג פון עגיפטן. ער רופט דעמאלט צו זיך דעם יידישן פינאנס-מיניסטער, אברהם דע קאסטרא, און באפעלט אים צו לאזן אויסגיסן אייגענע מטבעות. דע קאסטרא האט אבער נישט געוואלט ברעכן זיין שבועה צום אויבער־סולטאן, און זיך אפגעזאגט אויסצופאלגן דעם באפעל, דער פאשא האט גלייך געהייסן אים ארעסטירטן און טויטן. דע קאסטרא האט אבער באוויזן באצייטנס צו אנטלויפן קיין טערקיי, וווּ ער איז פונעם סולטאן אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד.

אכמעד פאשא האט באלד אויסגעלאזן זיין כעס צו אלע יידן, און פארשפארט אין תפיסה הונדערטער פון די אנגעזעענסטע יידן ווי מען האט זיי געזאלט פארפייניקן צום טויט.

די יידן זענען געווען שטארק פארצווייפלט, און האבן אנגעווענדט זייער אלטן מיטל: פאסטן תעניתים און זאגן תהילים: בינו לבינו האט אכמעד פאשא פארשפארט נייע הונדערטער יידן און באפוילן אויף צו מארגנס ביים זון־אויפגאנג אלעמען אויסצוהרגענען.

אין דער זעלבער נאכט האט אבער פאסירט א נס. און אכמעד פאשא איז זייענדיק אין באד געשטארבן. די שונאים האבן אים גלייך אפגעהאקט דעם קאפ און אפגעשיקט צום טערקישן מיליטער. א פאר טעג שפעטער זענען די תפיסות אויפגעבראכן געווארן, און די יידן זענען פון דער נייער מאכט אויפגענומען געווארן מיט קאסטבארע מתנות.

אברהם דע קאסטרא איז פון דער רעגירונג באשטימט געווארן פארן פירער איבער די יידן פון עגיפטן. און עס איז איינשטימיק באשלאסן געווארן יעדן יאר צו פייערן א פורים יום־טוב דורך געזאנג, טענץ און הוליאנקעס.

אויך די יידן אין פערסיע האבן א ספעציעלן פורים, וועלכער ווערט געפייערט דעם צווייטן טאג אין חשון. פארגעקומען איז עס אין דער שטאט טשיראז אין בערך דעם דרייצנטן יארהונדערט.

דארטן האט געלעבט זייער א פרומער שוחט, וואס איז געווען באליבט ביי אלע יידן אין אומגעגנט. מאכט זיך אז עדות קומען צו די קהל־

שע פירער און דערציילן אז דער שוחט פארקויפט טריפה פלייש. מען האט די זאך אויסגעפארשט. און ווען די באשולדיקונג האט זיך ארויסגע־וויזן צו זיין באגרינדעט האט מען אים געפסלט די שחיטה.

דער שוחט האט זיך טאקע באלד דערנאך געשמדט, און געווארן א גרויזאמער פארפאלגער פון די יידן. ער האט כסדר געהעצט דער מאכמע־דאנישער באפעלקערונג אויסצוהרגענען אלע יידן דערפאר וואס זיי לעס־טערן עפנטלעך גאט און זיין נביא מחמד. עס האט נישט געדויערט לאנג און די רעגירונג האט ארויסגעגעבן א באפעל אויסצושמדן אלע יידן, און ווער עס וועט נישט וועלן פרייוויליק זיך שמדן זאל געטויטעט ווערן.

האט אבער פאסירט א נס, וואס דער משומד איז געפערלעך קראנק געווארן און זעענדיק אז ער האלט ביים שטארבן, האט ער געשיקט רופן די רעגירונגסלייט און זיך געשווירן אז די יידן זענען אומשולדיק. די גזירה איז צוריקגערופן געווארן, און די יידן האבן געמאכט א גרויסן יום־טוב נעמענדיק א שבועה יעדן יאר אין זעלבן טאג צו פייערן א פורים יום־טוב אין אנדענק פון דער געשעעניש.

דער פורים ווינץ איז נאכן נאמען פון דעם פראנקפורטער המן, וועל־כער איז געוועזן א פשוטער דייטשער בעקער און געהייסן ווינצענץ. דער דאזיקער המן האט אין יאר 1614 ארגאניזירט אן אנפאל אויף דער יידי־שער געטא פון פראנקפורט־אם־מאין ביי וועלכן דער גאנצער אידישער פארמעגן איז צוגערויבט געווארן און גאר א סך זענען געהרגעט און פאר־וואונדעט געווארן.

עס וואלט אפשר געקומען צו א שוידערלעכער טראגעדיע, ווען עס וואלט נישט פאסירן דער נס וואס דער קייסער האט זיך אריינגעמישט און ארעסטירט דעם המן און זיינע מיטהעלפער. דעם צוואנציקסטן אדר יענעם יאר זענען זיי אלע הינגעריכטעט געווארן, און די יידן זענען פון דער רעגירונג פארגיטיקט געווארן פאר זייערע שאדנס.

פון דעמאלט אן ביז אן ערך פופציק יאר צוריק פלעגן די יידן אין פראנקפורט פייערן דעם דאזיקן פורים מיט גרויס שמחה און לוסטיקייט.

די יידן פון גריכנלאנד און בולגאריע האבן אן אייגענעם לאקאלן פורים, וואס ווערט געפייערט צוויי טעג נאכאנאנד, דעם ניינטן און צענטן טאג פון מר־חשון, אין אנדענק פון א נס וואס האט פאסירט אין דער שטאט ווידאן, וועלכע האט אמאל געהערט צו גריכנלאנד און איז איצט אין בולגאריע.

דער העכסטער רעגירונגס-באַאַמטער פונעם געגנט איז געווען אַ גאָר גרויסער הולטאַי, וואָס האָט זיך תמיד געיאָגט נאָך שיינע פרויען. האָט ער נאָר אַמאָל דערזען אַ שיינע פרוי, האָט ער זיך גלייך אין איר פאַר־ליבט און איר געצווונגען מיט געוואַלד אָדער מיט גוטן צו ווערן זיין מאַטרעסע.

איינמאָל האָט ער זיך פאַרליבט אין דער פרוי פון אַן אַנדער הויכן באַאַמטן, און בשום אופן איר נישט געקענט געווינען. גיין מיט ביי זן, האָט ער מורא געהאַט ווייל איר מאַן, דער הויכער באַאַמטער, האָט געהאַט אונ־טער זיך אַ גרויסע אַרמיי און האָט געקענט צו יעדער צייט מאַכן אַ רעוואָלוציע.

ער האָט צו זיך געלאָזט רופן זיין קאָנקורענט, דעם מאַן פון דער פרוי,„ און אים געבעטן אָפּטרעטן זיין פרוי. דער באַאַמטער האָט אָבער געענטפערט, אַז ער האָט ליב זיין פרוי און וועט איר בשום אופן נישט אָפּגעבן אָן אַן אָפּענעם קאַמף. ביידע זענען טאַקע אַרויסגעטראָטן אין אַ דועל, וועגן וועלכן בלויז עטלעכע געציילטע נאָענטע פריינט האָבן געוווסט.

דער מאַן פון דער פרוי ווּיסנדיק, אַז דער רעגירער פונעם געגנט איז אַ גוטער פעכטער,האָט ער באַשלאָסן זיך צו פעכטן מיט אַ פאַרגיפ־טעטער שווערד, כדי עס זאָל זיין געגנוג בלויז אַ ריר און דער שונא זיינער זאָל שטאַרבן. דער רעגירער איז טאַקע ביים דועל פאַרסמט געוואָרן און געוואָרן געפערלעך קראַנק.

קיינער האָט נישט געוווסט די סיבה פון זיין ערנסטער קראַנקהייט, און זיין לייב־דאָקטאָר, דער ייד אברהם כהן, וועלכער איז אויך געווען אַ חכם־ראשי, דער גרענד־ראַבינער, האָט אים דערקלערט, אַז מען קען אים נישט אויסהיילן און וועט מוזן שטאַרבן.

די באַפעלקערונג האָט גלייך אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד אויפן דאָקטאָר און געזאָגט, אַז עס איז אַ יידישע פאַרשווערונג. טויזנטער גויים פונעם גאַנצן געגנט האָבן זיך פאַרזאַמלט מיט געווער אין די הענט, און מיט דער צושטימונג פון דעם רעגירער באַשלאָסן אויסצוראָטן אַלע יידן, אַז עס זאָל חלילה קיין איינער לעבעדיק בלייבן.

עס האָט אָבער פּאַסירט אַ נס, און דער רעגירער האָט זיך דערוווסט אַז זיין שונא האָט אים פאַרגיפטעט און טאַקע אים געצווונגען זיך דערין מודה צו זיין. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן די אומשולד פון די יידן, און אַ באַפעל איז אַרויס זיי נישט אָנצורירן.

די יידן אויפֿן גריכישן אינדזל כיאָס האָבן אויך זייער אייגענעם פּורים דעם פֿינפֿטן טאָג אין כסלו, און ער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּורים דע לאַ סינאַראַ״, דער פּורים צוליב דער דאָמע.

פּאַסירט האָט עס אין יאָר 1820 אין דער צייט ווען די גריכן האָבן רעוואָלטירט קעגן דער טערקישער הויפּט-הערשאַפֿט. די סינאַראַ, וועלכע איז געווען אַ פּשוטע יידישע ברויט-בעקערין, האָט געוווינט נעבן דער פֿעסטונג. ווען די באַלאַגערונג איז פֿאָרגעקומען, האָט זי פּונקט איינגע־הייצט דעם אויוון צו באַקן ברויט. ווען זי איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן אַריינרוקן דאָס ברויט אין אויוון, האָט זי אומגערן אוועקגעשטעלט די אָנגעהייצטע לאָפּעטע נעבן אַ גראַנאַט, וואָס האָט זיך דערהיצט און אויפֿגעריסן.

ווען די באַלאַגערער האָבן דערהערט דעם שרעקלעכן אויפֿרייס, האָבן זיי געמיינט אַז מען האָט אָנגעהויבן קעגן זיי אַן אַטאַקע, אַזוי ווי זיי זענען פּונקט דעמאָלט נישט געווען צוגעגרייט זיך צו פֿאַרטיידיקן, האָבן זיי זיך דערשראָקן און אַנטלאָפֿן אין ווילדן געלאָף. מען האָט זיי נאָכ־געיאָגט און כמעט יעדן איינעם פֿון זיי דערהרגעט.

די יידישע בעקערין, וואָס האָט געבראַכט צום זיג איז דערקלערט גע־וואָרן אַ נאַציאָנאַלע העלדין און באַקומען גרויס אויסצייכענונג און מתּנות. צוליב איר האָט מען אויך אַרויסגעוויזן גרויס פֿריינטשאַפֿט צו אַלע יידן, און אַ סך פֿאַרבעסערט זייער לאַגע און רעכט.

געווען איז עס אין יאָר 1430 אין דער צייט פֿון קעניג אַלפֿאָנסאָ דעם פֿינפֿטן.

דער קעניג האָט געזאָלט קומען אויף אַ באַזוך און פֿאַר אים איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער פּאַראַד. ווי עס איז דער מנהג, זענען די יידן אַנטקעגן געגאַנגען דעם קעניג מיט אַ ספֿר תּורה אין האַנט. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז מען האָט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אָפּגעוואַרט דעם קעניג, און ער איז נישט געקומען. די יידן זענען אַזוי געשטאַנען אויפֿן פֿרייען פֿעלד דעם גאַנצן טאָג לאַנג, און דער רבֿ, וועלכער איז געווען אַן אַלטער און קראַנקער, האָט געמוזט שטיין אויף די פֿיס אַ הונגעריקער און דורשטיקער און האַלטן אין האַנט די גרויסע און שווערע ספֿר תּורה מורא האָבנדיק אוועקצולייגן אָדער די ספֿר תּורה אַרויסצולאָזן פֿון האַנט, ווייל טאָמער וועט דער קעניג פּלוצים אַרויסקומען צו די יידן.

אַזוי ווי דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, האָט

קהל אין געהיים באַשלאָסן צו געבן דעם אַלטן רב טראָגן לײדיקע עץ־היימס איבערגעדעקט מיט דעם מאַנטעלע און זילבערוואַרג, טראַכטנדיק אַז דער קעניג וועט אוודאי נישט אָפּדעקן דעם מאַנטעלע צו זען אויב דאָרטן איז טאַקע דאָ אַ ספר תורה, און ממילא וועט עס זיין דעם רב לייכטער צו טראָגן.

איז אָבער דאָרטן געווען אַ משומד, אַ שונא ישראל, וואָס האָט תמיד געזוכט אַ וועג די יידן שלעכטס צו טאָן. ער האָט זיך אויף אַן אומבאַוווּסטן אופן דערוווּסט פונעם באַשלוס, און גלייך געלאָזט וויסן דעם קעניג, אַז די יידן האַלטן אים פאַר אַ טמאהדיקן, אַן אומרייניעם, און ווילן נישט אַז ער זאָל אָנרירן זייער הייליקייט, אַ סימן, אַז זיי נאַרן אים און טראָגן בלויז ליידיקע צוויי העלצער אָן דער ספר תורה.

דער קעניג איז געוואָרן געוואַלדיק אין כעס אויפן משומד און געהייסן פונאַנדערוויקלען די ספר תורה. מען קען זיך פאָרשטעלן די שרעק פון די פאַרזאַמלטע ראשי הקהל און זייער איבעראַשונג ווען מען האָט טאַקע אויסגעפינען אַז דער רב טראָגט אַ ספר תורה.

דער קעניג איז געוואָרן געוואַלדיק אין כעס אויפן משומד און גלייך באַפוילן מען זאָל דעם מסור פאַר אַלע יידן אין די אויגן אָפּהאַקן דעם קאָפּ. די פרייד פון די יידן איז געווען גרויס, אין לשער, וואָס זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ גרויסער געפאַר און אויך פטור געוואָרן פונעם משומד, דעם מסור. עס איז דעמאָלט באַשלאָסן געוואָרן יערלעך צו פייערן די געשעעניש צוויי טעג נאָכאַנאַנד, דעם זיבעצנטן און אַכצנטן טאָג אין שבט.

דערביי ווערט דערציילט אַ לעגענדע, אַז אין דער נאַכט איידער דאָס האָט פּאַסירט איז אליהו הנביא געקומען דעם שמש צו חלום, און אים אָנגעזאָגט אַז מען זאָל למען השם טראָגן די ספר תורה אָבער קיינעם דערפון נישט אויסזאָגן.

געווען איז עס אין יאָר 1541 ווען איבער שפּאַניע האָט געקיניגט קאַרל דער פינפטער. האָט ער זיך דעמאָלט פאַרנומען צו פאַרכאַפּן אַלזשיריע, און ממילא אויך אויסצוראָטן אַלע דאָרטיקע יידן, וועלכע ווילן נישט גלויבן אין דער הייליקייט פון דער קריסטלעכער קירכע.

ער האָט באַשטימט דעם הויפּט־אַדמיראַל אַנדרעאַ דאָריאַס פאַרן אָנפירער פון דער מלחמה און באַפוילן מיטן פלאָט אַרומצורינגלען אַלזשיריע. דער פלאָט האָט שוין אַפילו געהאַט באַוויזן צו לאַנדן אַ גרויסע אַר־

מיי, וועלכע האָט זיך אויף אַ רוצחישן אופן גענומען פּאַרטיליקן די יידן. די סכנה איז געווען גרויס, און עס האָט זיך כמעט נישט געזען קיין הילף און רעטונג.

די יידן האָבן, ווי דער שטייגער איז, זיך פאַרזאַמלט אין די שולן און געוויינט צו גאָט. דער רב הכולל ר' שלמה דוראַן, אַן אייניקל פון רשב"ץ, האָט אויך דערקלערט אַ תענית אויף דריי טעג, וואָס אַלע יידן האָבן פּינקטלעך אָפּגעהיט.

אויפן דריטן טאָג פון זייער פאַסטן און וויינען, האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורם-ווינט און האָגל וואָס האָט פאַראורזאַכט אַ שרעקלעכן חורבן אין די רייען פון די שפּאַנישע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך דעמאָלט צו־ריקגעצויגן פון אַלזשיריע, און די יידן האָבן זיך געפרייט מיטן גרויסן נס. דעמאָלט האָבן זיי באַשטימט יעדן יאָר דעם פערטן חשון צו פייערן אַ פּורים יום־טוב און אים אַ נאָמען געגעבן: „פּורים אדום".

זעקסטער קאַפּיטל

פּורים-מנהגים ביי אָריענטאַלישע יידן

ביי די יידן אין פּערסיע — ביי די קאַווקאַזער און בוכאַרער יידן — ביי די שפּאַניאַלישע יידן — די מאָדערנע פייערונגען אין ארץ ישראל.

די פּורימדיקע פייערלעכקייט איז נישט ביי אַלע יידן גלייך. אין פּער־סיע, שפּאַניע, תימן, קאַווקאַז, בוכאַרא און אין ארץ ישראל זענען די פייערונגען טיילווייז גאַנץ אַנדערש ווי ביי אונדז, די אשכנזישע יידן.

זייער אימפּאָזאַנט זענען די פייערונגען ביי די יידן אין פּערסיע. אי־נעם לאַנד ווו דער נס פּורים האָט געזאָלט האָבן פּאַסירט. די קינדער שפּילן דערביי די הויפּט ראָלן, ווייל עס איז זייער מצוה צונויפצושטעלן דעם שטרויענעם קערפּער פון המן צו פאַרברענען מיט גרויס פּאַראַד נאָכן מגילה לייענען.

די דאָרטיקע יידן האָבן זייערע אייגענע ניגונים, וואָס זיי זינגען באַ־זונדער און בציבור. זיי האָבן אויך אַ תיקון לליל פּורים, אַ זאַמלונג פון שטיקער תנ"ך, וואָס זיי זאָגן מיט גרויס ערנסט און רעליגיעזן עקסטאַז.

שוין דעם שבת פאַר פּורים, פּרשת זכור, גרייטן זיי זיך צום פּורים יום טוב לערנענדיק און הערנדיק די דרשות פונעם „מולא", דעם בעל דרשן, די פאַנטאַסטיש-לעגענדאַרישע מעשהלעך פון די פאַרשידענע מדרשים און קבלה ספרים.

דער תענית אסתר, וועלכער איז ביי אונדז נישט קיין אַלגעמיין אָנ־גענומענער און נאָר גאָר פרומע יידן היטן אים אָפּ. איז ביי זיי אַזאַ ערנס־טער פאַסט-טאָג ווי יום כיפור אין וועלכן אַפילו קליינע קינדער באַ־טייליקן זיך.

דער אַלטער קאַרנאַוואַל מיטן גאַנצן טאַראַראַם איז נאָך ביי זיי איצט

א לעבעדיקער פאקט. מען פארשטעלט זיך אין קאליר־שרייענדיקע קליידער, מען באשמירט זיך די פנימער מיט רויטע און שמינקע פארבן, און מען טאנצט אין רעדלעך א מין הוירא־טאנץ צוקלאפנדיק דערביי מיט טאצן און פויקן.

אויף צו מארגנס, נאך דער מגילה לייענען, פארברענט מען עפנטלעך די המן־פיגור און אלע ארום שפייען און פאטשן מיט די הענט שרייענדיק: „המן הרשע!".

אין אנדערע ערטער איז מען זיך נוהג אנצופילן די המן־פיגור מיט אלערליי שמאטעס און אים אויפצוהענגען אויף א הויכן שטאנג. און ערשט דערנאך אים צו באגיסן מיט אויל אדער קעראסין און פארברענען.

די יידן אין קאווקאז, איבערהויפט די בוכארער יידן און די וואס וווינען אין די בערג, ווערט דער פורים געפייערט אויף א גאנץ אייגנאר־טיקן אופן:

ערב פורים פארנאכט נעמט יעדע יידישע פרוי א גרויס שטיק האלץ, וויקלט עס ארום מיט קליידער עס זאל אויסזען ווי א מענטש, און לייגט עס אוועק אויף דער ערד אינמיטן שטוב. ווען דער מאן קומט אהיים פון שול נאך דער מגילה און דערזעט דאס שטיק האלץ, פרעגט ער תמעוואטע: „ווער איז דאס דער דאזיקער מערזאוועץ (לומפ)?" די פרוי ענטפערט אים מיט דער זעלבער תמימות: „דו דערקענסט אים גארנישט? דאס איז דאך המן, וואס האט געוואלט אויסהרגענען אלע יידן!"

דערהערנדיק די דאזיקע רייד ווערט דער מאן שטארק אין כעס און הויבט אן שרייען מיט ווילדער רציחה: „טשארט פאבערי" (דער טייוול זאל אים נעמען) און הויבט אים אן צו בריקעווען און שלאגן. ס'ווייב און די קינדער קומען אים צו הילף, ביז מען שלעפט דעם המנען ענדלעך ארויס פון שטוב און מען פארברענט אים.

נאך דער דאזיקער צערעמאניע גייט איינער צום אנדערן צו גאסט און מען פראוועט ערשט די ריכטיקע שמחה. די עלטערע טוען זיך אן ווי די רוסישע קאזאקן מיט פוטערנע „פאפאכעס" אויף די קעפ און שווערד־לעך ביי דער זייט. דער יונגער עולם באוויזט קונצן אין באקסירן און אין פעכטן איינער מיט דעם אנדערן, און אלע צוזאמען טרינקען די קאווקאז־ער וויינען און זינגען לידער אויף רוסיש און אנדערע קאווקאזער דיאלעקטן.

די בוכארער און בערג־יידן פארוואנדלען דעם פורים אין א מין פרי־לינגס־יום־טוב געווידמעט דער יוגנט. די מיידלעך גייען אין וואלד און

זאַמלען צונויף אַלערליי שמעקנדיקע געוויקסן, פון דאָרטן מאַרשירן זיי אין גרויסע גרופּן צו זייערע הייזער ווו עס וואַרטן שוין אויף זיי די בחורים אויסגעפּוצטע אין לעקעך און אין האָניק. דעמאָלט לייגן זיי צונויף אַ פייער, זעצן זיך אַרום אין אַ קרייז, און עטלעכע פון זיי, די מער געוואַגטע, שפּרינגען אויף אַ קונציקן אופן איבערן פייער.

ווען אַלע האָבן שוין פאַרענדיקט די קונצנמאַכעריי, דערשיינט אַ מיידל מיט אַ גרויסן קלאָץ פאַרשמירט מיט פעך און סאַזשע, און אַלע אַרום הויבן אָן צו שרייען: „קטאַ עטאַט טשאַרט?" (ווער איז דער דאָזיקער טייוול?). דאָס מיידל ענטפערט הויך: „דער טייוול איז המן הרשע!" לויפן אַלע צו דעם מיידל, כאַפּן אַרויס דעם קלאָץ און פאַרברענען אים.

די יידן אין תימן זיצן פורים ביי דער מגילה אויף דער ערד אונטערגעשפּרייט מיט טעפּיכער. די מגילה ווערט נישט געלייענט מיט טראָפּ נאָר אין אַ טאָן ווי מען וואָלט אין אַן אייגענער, היימישער סביבה דערציילט עפּעס אַ טשיקאַווע מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. איידער מען הויבט אָן לייענען די מגילה, מאַכט דער בעל־קורא אַ מין פאָררעדע: „אחינו בני ישראל, שמעו, פעם היה מלך ושמו אחשורוש — ברידער יידן, הערט זיך איין, אַמאָל איז געווען אַ קעניג אחשורוש".

נאָך דער מגילה האָבן זיי אויך אַ פורים סעודה און שפּילערייען, וואָס שטעלן פאָר די מעשה פון דער מגילה אין אַלע אירע איינצלהייטן. איינער רייט אויף אַ פערד, דער אַנדערער איז מרדכי, המן, זרש, און אפילו די קליינע קינדערלעך, די מיט וועמען מרדכי איז געזעסן און געלערנט ווען המן איז געקומען אים אָנטאָן די קעניגלעכע קליידער, זענען אויך פאַראַן אין דער פאָרשטעלונג.

אין דער ארץ ישראל פייערונג, איז זייער אָנטייל דער סאַמע אָנגעזעענסטער, כאָטש ארץ ישראל איז אינעם פורים טאָג גאַנץ פריילעך און האָט אַ היבש ביסל קאַרנאַוואַלן און מאַסקאַראַדן, איז אָבער דאָך די פאָרשטעלונג פון די תימנער יידן די אימפּאָזאַנטסטע וואָס ציט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

פורים איז אין תל אביב אַ קבוץ גליות. אַלע קומען אַרויס אויף די גאַסן צו דעמאָנסטרירן דעם ווילן אויפצובליען דעם דאָזיקן וווּנדער יום־טוב. אַלע היימישע פאָרמען פון פורים־פייערלעכקייט ווערן דאָ פאַראָדירט און איבערגעמאַכט. מען לאַכט אָפּ האַרציק און גוטמוטיק פון אַלץ וואָס

האָט אַ שייכות מיט ארץ ישראל, און דעם גרעסטן חלק דערפון קריגן די ציוניסטישע פירער.

די אַראָבער האַלטן אַן עולם ומלואה פון דעם „איד אַל מאַסבאַראַ" (יום־טוב פון לצנות) און קומען פון אַלע ווינקעלעך אים בייוווינען. אָפט ווערט אַן אַראָבער אַליין באַגייסטערט און שאַפט אַן אייגענע מאַסקע מיט ייִדישן כאַראַקטער.

זיבעטער קאַפּיטל

טראַדיציאָנעלע מנהגים

שלח מנות און מתנות — די עובדה פונעם שלח מנות־טרעגער — קרעפּלעך און המן־טאַשן — געזאַלצענע באָב.

איינער פון די שענסטע איינפירונגען, איז דער שיקן זיך איינער דעם אַנדערן שלח מנות און סתם מתנות. דער דאָזיקער מנהג ווערט אָפּגעהיט דערפאַר וואָס ער איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער מגילת אסתר ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַרן גרויסן נס.

פּורים זענען יידן זיך משמח, פּראַווען אַ גאָר געהויבענע סעודה מיט משקה, טאָ ווי אַנדערש קען זיך אַ ייד באמת פרייען אויב נישט דורך העלפן דעם אָרימאַן, דעם געפאַלענעם און קראַנקן מיט עפּעס אַ מתנה?

„משתה ושמחה ומשלוח מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים — עס זאָל זיין אַ טאָג פון מאָלצייטן, פרייליכקייט, שיקן געלט איינער דעם אַנדערן און געבן מתנות צו אָרימעלייט" — אָט דער דאָזיקער באַפעל פון דער מגילה איז אין דער אַלטער היים גאַנץ זאָרגפעליק אָפּגעהיט געוואָרן, און יעדער ייד, אָרים אָדער רייך, האָט געשיקט שלח מנות.

יעדע יידישע קהילה האָט געהאַט איר אייגענעם שלח מנות־טרעגער וועמען מען האָט דעם גאַנצן פּורימדיקן טאָג געזען אַרומשפּאַנען און קנעטן די בלאָטעס איבער די ענגע געסלעך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קיילעכדיקע כלי איבערגעדעקט מיט אַ רויטער פאַטשיילע, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אונטערגעהאַלטן די ברעגן פון דער לאַנגער קאַפּאָטע, וועלכע האָבן זיך געפּלאָנטערט איבער די הויכע שטיוול.

דער שלח מנות־טרעגער איז געווען אַן אינסטיטוציע אינעם היימיש יידישן שטעטל. ער האָט תמיד געוווסט וויפל פעטערס און מומעס איינער האָט פאַרמאָגט. ווער עס איז אַ שיינער באַלעבאָס וואָס קען געבן אַ רייכן

שלח מנות מיט אַ פּאָר זאַפּטיקע, ווייניקע אַפּעלסינען, און ווער עס איז אַן אָרימאַן אָבער פּשוטער, ערלעכער מענטש.

דער שלח מנות טרעגער האָט אויך געוווסט ווער וועמען עס דאַרף שיקן שלח מנות און ווער עס דאַרף פון וועמען קריגן אַ מתנה. ער האָט אויך די קהילה פּארהיט פון אומזיסטע שנאה. טאָמער חלילה האָט ווער פאַרגעסן צו שיקן שלח מנות, איז ער באַלד געווען מיט זיין צעטעלע פון קרובים און מחותנים און געזען אַז קיינער זאָל נישט אויסגעלאָזן ווערן. האָט מען פּסח אין שול דערזען דעם שלח מתנות טרעגער טראָגן אַ נייע קאַפּאָטע אָדער אַ נייע היטל, האָט מען געוווסט, אַז ער האָט פּורים געהאַט אַ גוטן סעזאָן און פאַרדינט אַ סך קליינגעלט.

די מאכלים און נאַשערייען וואָס מען האָט זיך דעמאָלט געגעבן, זענען געווען מיט אַ טעם און סדר, פון אויבן אויף איז געלעגן דאָס מלכות־ברויטל מיט דעם פלאָדן, דאָס מלכות־ברויטל איז געווען רונדיק און געקאַרבט, און האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם מלך אחשורוש. דער פלאָדן, אַזאַ מין צפּיחת בדבש, אַ לעקעכל איינגעטונקען אין האָניק, איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייסקייט ווי אַ פּרוכת מיט מאַלערייען פון לייבן און אָדלערס, און איז געלעגן ווי אַ קעניגין — אַ זכר פון אסתר המלכה. ביי ביידע זייטן זענען געלעגן צוויי איינפּאַכע קיכלעך, געקאַרבט בלויז בײַ די עקן, און זיי זענען עס געווען אַ זכר פון בגתן ותרש, די צוויי איינפּאַכע סריסים וואָס האָבן געהאָלפן מרדכין דערגרייכן זיין גדולה און גרויסקייט. פון הינטן איז אוועקגעלייגט געוואָרן אַ מאַנדל־ברויטל, ענלעך צום נאָמען המן הרשע, וועלכער האָט באַקומען די גרויסע מפּלה. אין סאַמע מיטן איז געלעגן דער פאָמעראַנץ אין אָנדענק פון מרדכי הצדיק, וועמענס נאָמען האָט זיך געהערט ווייט און ברייט ווי דער גוטער ריח פונעם פאָמעראַנץ.

רייכע און פאַרמעגלעכע פלעגן נאָך צולייגן עטלעכע צוקערקעס און משקאָקאָלאַדן אָדער אַ פלאַש וויין, וואָס פלעגט געטראָגן ווערן גאַנץ באַזונדער, נישט צוזאַמען מיט דעם איבעריקן שלח מנות. ווי גרויס און רייך דער שלח מנות איז נישט געווען, איז אָבער זיין סדר אויפן טעלער קיינמאָל נישט געענדערט געוואָרן. דער שלח מנות האָט מען אויך דערקענט נאָך דער פאַטשיילע מיט וועלכער דער טעלער איז געווען איבערגעדעקט. איז עס געווען אַ רויטע פאַטשיילע, איז עס געקומען פון אַן אָרימאַן, אַ קבצן; איז עס אָבער געווען איבערגעדעקט מיט אַ סערוועט־

קע, א ווייסע און א קלאָרע, איז דער שלח מנות געווען פון א רייכן, אן אריסטאָקראט.

איינער פון די שטארק איינגעפונדעוועטע מנהגים, איז אויך עסן קרעפּלעך און המן־טאשן.

פארוואָס מען עסט פורים קרעפּלעך, וועלכע ווערן געמאכט פון טייג אָנגעפילט מיט געהאקטע פלייש און איינגעדריקט ביי די זייטן מיט דריי ארויסגעשפּיצטע עקן, זענען פאראַן גאָר א סך פאָלקס טעמים וואָס זענען וויציק און אָפט אויך ווולגאר. אגב, ווערן קרעפּלעך געגעסן אויך ערב יום־כיפור, און הושענה רבה, און קיין ריכטיקער, לאָגישער טעם איז ביי קיינע פון די דאָזיקע ימים טובים נישט פאראַן.

אין אן אַלטן ספר, וואָס איז מער חסידיש ווי רבניש, געפינט זיך א טעם פאר די דריי־שפּיציקע קרעפּלעך, כדי זיך צו דערמאָנען אן אונדזערע אבות: אברהם, יצחק און יעקב, וועמענס זכות מען מוז האָבן צו קריגן א „גוט קוויטל" יום־כיפור און הושענה רבה און געראטעוועט צו ווערן פון המן אין פורים.

דער וואָרט „קרעפּלעך" איז א ריין דייטשער, און דערפאר זענען שוין אויך פאראַן סברות, אז דער מנהג צו עסן קרעפּלעך איז אריבערגענו־מען געוואָרן פון די אַלטע דייטשן. די המן־טאשן האָבן אויך א דייטשע אָפּשטאַמונג, און האָבן לכתחילה געהייסן: „מאָן־טאשן", אויך איצט האָבן דייטשן אַזאַ שפּייז טייג געמישט מיט פלייש אָדער קעז, וואָס זיי רופן: „טאַשן", יידן האָבן עס גערופן מאָן־טאשן, ווייל זיי האָבן עס אָנגעפילט מיט מאָן אָנשטאָט פלייש. ביסלעכווייז איז דער מאָן־טאש געענדערט געוואָרן אויף „המן־טאש", און ממילא פארבונדן געוואָרן מיט דער גע־שיכטע פון פורים.

דער טעם פארוואָס דער המן־טאש האָט דריי שפּיצן, איז ווייל המן האָט געטראָגן א מיליטערישן היטל מיט דריי שפּיצן, אזא וואָס ווערט איצט געטראָגן ביי דער פּוילישער ארמיי. די ספרים, נאטירלעך, גיבן דאָ אויך אָן דעם טעם, אז עס איז קעגן די דריי אבות אין וועמענס זכות דער נס פורים האָט פּאסירט.

פורים איז אויך א מנהג צו עסן געקאָכטע באָב שטארק פארזאַלצן

און געפּעפּערט. דער טעם דערפון איז, ווייל אסתר האָט נישט געוואָלט עסן אין קעניגלעכן הויף קיין טריפה פלייש, האָט זי געלעבט דורכאויס אויף בעבלעך און ארבעס.

אין די חסידישע הויפן האָט מען אָנגעגעבן אן אנדער טעם: מען עסט געזאלצענע און געפּעפּערטע באָב כדי מען זאָל דערנאָך טרינקען א סך ביר, וואָס איז כמעט א מצווה אין פורים.

פסח

ערשטער קאַפּיטל

פּסח איצט און אין אַלטע צייטן

ערב פּסח, אינעם היימישן שטעטל — פּסח, דער יום־טוב פון דער־וואַכונג — די פּאָעזיע פונעם היימישן סדר — פּסח, אין דער ביבלישער צייט — אין ירושלים בײַם בית שני — פּסח, נאָכן חורבן.

דער פריילעכער יום־טוב פּורים איז אָנגעצייכנט געוואָרן אינעם יידישן לעבן ווי א נישט זייער וויכטיקער. איז עס, משמעות, דערפאר, וואָס שוין פּורים דערפילט זיך שטאַרק בולט דער אָנקום פון דעם סאַמע שענסטן יידישן יום־טוב — פּסח.

קיין שום יידישער יום־טוב ווערט נישט געפייערט מיט אַזוי פיל שיינקייט ווי פּסח, דער יום־טוב פון באַפרייונג, דער יום־טוב פון פרילינג. כמורנע טעג שטייען נאָך אינעם יידישן שטעטל, די בלאָטעס זענען טיף איבער די קני, פון די אייגעפאַלענע הייזקעס ווייעט נאָך מיט פראָסט און קעלט, אָבער פון דעם אַלעם הערט זיך שוין דער אָנהויב געזאַנג פון פרילינג. א ווייך ווינטעלע גלעט אַזוי הארציק און צאַרט, אַזוי קינדיש ליבלעך, אז פעלד און וואַלד, הויז און מענטש, וואַכט אויף מיט נייעם לעבן, מיט נייער פרייד, מיט נייער האָפענונג.

דער יידישער פּסח דערנענטערט זיך.

די בלאָטעס ווערן אויסגעטריקנט, די פענצטער ברייט צעעפנט, און די זון, א וואַרימע און שמייכלענדיקע, וואַרפט אירע שטראַלן אויף די שיינענדיקע געזיכטער פון די יידישע פרויען און טעכטער, אונדזערע מאַמעס און שוועסטער, וועלכע זענען פול מיט אַרבעט און פּאַרעניש אין דערוואַרטונג פונעם ליבן גאַסט.

אין שטעטל איז א יאַריד, א טומל. גרויסע הכנות ווערן געמאַכט, און אַלץ אַזוי זאָרגפעליק, אַזוי פּאַרזיכטיק, אז די הערצער הויבן זיך הע־

כער, שטאַרקער, און פון די אויגן שטראַלט מיט פרייד, מיט רעליגיעזער חדוה און עקסטאַז, עפּעס אַ קלייניקייט, פּסח קומט, פּסח!

אָרעם אָדער רייך, באַלעבאָס אָדער אַרבעטער, איז יעדער פאַרנומען מיטן פּסח. און וואָס דאַרף דען אַ יידישע באַלעבאָסטע נישט אָנגרייטן? ווײַן אויף אַרבע כוסות, האָפּין צו ברייען מעד, בוריקעס צו שטעלן ראָסל, רבי געלט דאַרף מען באַצאָלן, מצות דאַרף מען באַקן, און קליידער אויף יום־טוב דאַרף מען דאָך אויך. קיינער איז אָבער נישט פאַרצווייפלט, קיינער נישט באַזאָרגט: קיין חמץ וועט מען נישט עסן און צווישן יידן וועט מען נישט פאַרלוירן גיין.

אַלעמענס הערצער זענען אָנגעפּולט מיט האָפענונג, אַלע זענען אַרומגענומען מיט נייער פרייד, מיט נייעם לעבן. אַ געזאַנג גייט אויף פון יידישע הייזער, ווי דער געזאַנג פון מרים און משה ביי די טיפענישן פון ים־סוף. אויך די יונגוואַרג דערוואַכט, לעבט אויף מיטן פרילינג און שפּינט נייע חלומות, חלומות פון יוגנט און ליבע, פון האַרץ־ציטער און באַגער. מיידלשע הערצער הויבן אָן האַסטיקער צו שלאָגן, און בחורים ווערן דערוואַרעמט מיט הייסער בענקשאַפט.

און אָט קומט אָן דער ערב־פּסח.

אין שול און אין בית המדרש איז טומלדיק. אין יעדן ווינקעלע שטייען גרופּן בכורים און הערן זיך צו צום סיום גמרא. דער סיום ווערט געמאַכט איילנדיק, אויף גיך, מען מוז לויפן אהיים מבער זיין דעם חמץ. אויך די קינדער, די חדר יינגלעך, איילן זיך. אויך זיי האָבן היינט אַ גרויסע עובדה. זיי מוזן צונויפנעמען דעם חמץ און אים פאַרברענען, און אַמאָל אויך אַרויסהעלפן דער מאַמען אין איר אַרבעט. אין חדר דאַרף מען מער נישט גיין, און אפשר וועט מען צום אַלטן רבין שוין אויך מער נישט דאַרפן זיך צוריקקערן, איז מען טאַקע פריילעך, קינדיש־פריילעך.

אין די מצה־פּאַדריאַדן, אין די „טאַליקעס", איז נאָך אַלץ טומלדיק, מען איז נאָך ווייט נישט פאַרטיק מיט דער אַרבעט; עס זענען נאָך פאַראַן אַ היבש ביסל אָרימעלייט, וואָס האָבן ערשט היינט געקראָגן זייער זעקל מעל. אויך דער רב און די אנשי שלומינו, די געהויבענע חסידים, קומען באַקן זייער מצה שמירה, וואָס מוז אָפּגעהיט ווערן מיט אַלע דקדוקים און פּרטים. קיין סך צייט האָט דער רב נישט. אויך ביי אים אין הויז איז איצט טומלדיק ווי אויף אַ יאַריד. פון אַלע זייטן לאָזן זיך אַהין יידן און יידענעס, ווער מיטן חמץ אין האַנט און ווער בלויז צו מאַכן אַ שטר מכירה.

ארום שטוב שטיפן קליינוואַרג און קוקן מיט שטאָלץ אויף די שכנישע מיידלעך מיט די פריש-פאַרקעמטע צעפּעלעך און נייע בלימלדיקע קליידלעך. חברה שלעפּט צונויף שטיקער האָלץ און שפּענדלעך, און לייגט אָן א פייער פון וואָס עס טראָגט זיך א שטיקנדיקער רויך דורך די אָפענע פענסטער. יעדע ווײַלע קומט צולויפן א פאַרסאָפּעט ייִנגל מיט א הילצער־נעם לעפל אין וועלכן עס ליגן צונויפגעבונדן עטלעכע שטיקלעך חמץ, א פּאָר קרישקעס אַלטן ברויט, און וואַרפט עס מיט גרויס כוונה אַרײַן אין פייער.

אַרויסגעראַמט דעם חמץ פון הויז, הייבט די באַלעבאָסטע אויף הויך די אויגן צום הימל און שיקט אַהין איר ברכה און לויב. די שטוב איז שוין יום-טובדיק פאַרפּוצט, פון אַלץ שמעקט מיט זויבערקייט, מיט פרישקייט, און פון קיך דערטראָגן זיך די געשמאַקע ריחות פון די פילע מאכלים, וואָס צולייגן זיך אַזוי בהרחבֿהדיק און רייצנדיק איבער די ליפּן. יעדער פילט די מחייהדיקייט פונעם אָנקומענדיקן יום־טוב. די קינדער דרייען זיך אַפילו אונטער די פיס פול מיט דערוואַרטונג, אָבער קיינער איז היינט אויף זיי נישט בייז. די מאַמע שמייכלט צניעותדיק, זי איז דאָך א פּרינצעסן וואָס דאַרף היינט באַשטייגן דעם טראָן, ווערן א מלכה, א קייסערינע צווישן ייִדן. אויך די עלטערע שוועסטער זענען גוט־האַרציקע און ליבלעך און פאַרפּוצט חנעוודיק די האָר מיט די פריש־אָנגעפליקטע בלימעלעך. עס איז אויך זייער יום־טוב, דער יום-טוב פון באַנייטער יוגנט, פון קליידער־אַלמער זעען זיך שוין אַרויס די שפּיצן פון א נײַ קליידל און שיך, און אַז גאָט וועט געבן וועט נאָך פּסח געלאַדן ווערן א חתן צו גאַסט.

דער אָוונט רוקט זיך אָן, די זון פאַרבויגט זיך א פריידיקע ערגעץ הינטערן בערגל, און א קלאָרקייט צעשפּרייט זיך איבערן צינטער־רויטן הימל. די לופט איז פריש און וואַרעם, צאַרט און גלעטנדיק, און דער פייגל אויף די זילבער געווייסטע לייכטער שאָקלט זיך בהדרגהדיק, ווי ער וואָלט איצט א שיר געזונגען.

ביסלעכווייז רוקט זיך די לבֿנה אַרויס, צעוואַקסט זיך אַלץ ברייטער און ברייטער ביז זי באַדעקט מיט אילומינירנדיקן ליכט וואַלד און לאָנקע, הויז און בוים. אַלץ איז אָנגעצונדן אין ליכט, דער סדר טיש, די מצות מיטן מרור, דער הסיבה־בעט און די ארבע כוסות. דער טאַטע מיט די קינדער קומען פון שול און מאַכן קידוש. מען זעצט זיך אַרום טיש, און מען הייבט אָן אָפּריכטן דעם סדר. דער פאָטער איז א מלך, די מוטער — א מלכה,

די זין — פּרינצן, און די טעכטער — פּרינצעסנס. אַלץ אַזוי אָריענטאַליש־פאַנטאַסטיש, אַזוי בילדלעך־אידיליש, אַזוי פּאָעטיש פאַרכשופדיק.

דער טאַטע, דער מלך, זיצט אויפן טראָן, אויבנאָן. ביים זייט אויפן הויכן פּאָטער־שטול ליגן אויסגעבעט צוויי קלאָר־ווייסע קישנס, און הינטן, ביים פוס פון שטול, שטייט א פריש אויסגעקאַלכטער עמער מיט א גרויסע שעפּ צו וואשן די הענט. אליין זיצט ער אָנגעטאָן אין א ווייסן קיטל מיט א באַזילבערטע יאַרמולקע אויפן קאָפּ, וואָס שפּיגלט זיך אין די אומצייליקע ליכט פון די הענגלייכטער. ער זיצט מיט רחבות ווי א מלך אביסל אָנגעלענט אויף דער רעכטער זייט און האלט די אויגן אָנגעשטרענגט אויף דער הגדה, ווי ער וואָלט איצט א נייעם דעקרעט דאַרפן אונטערשרייבן, א דעקרעט פון אייביקער פרייהייט און אייביקן שלום.

נעבן דעם טאַטן, האַרט ביים האַנט, זיצט די מאַמע, אַן אויסגעצוואָגענע און אויסגעפּוצטע מיט א קופּקעלע טיף פאַררוקט איבער דעם שטערן, און אויגן וואָס שיינען און לייכטן מיט הייליקער רעליגיעזער פרייד. זי איז אביסל אויסגעמאַטערט, נישט אויסגערוט, אָבער די מאַטקייט אינעם קאָלירפולן פּנים גיט איר צו א באַזונדערן צניעותדיקן חן.

אַרום ביידע זייטן טיש זיצן באַקוועם אויסגעזעצט די קינדער, אייניקלעך, און על פּי רוב אויך אַן אורח אָדער צוויי. דער יינגסטער דעם אוז שניר, און על פּי רוב אויך אַן אורח אָדער צוויי. דער יינגסטער זון פרעגט די פיר קשיות, פאַרטייטשט זיי געגוי און זינגט זיי אויס לאַנגזאַם און קלינגענדיק. די מאַמע קוקט אים גלייך אין די אויגן, הערט זיך צו צו יעדן וואָרט און קלאַנג, און בעט בעת מעשה: „ס'זאָל אים נאָר קיין בייז אויג נישט זיין". דער טאַטע ענטפערט אָפּ מיט דעם סקאַרבאָווון ניגון: „עבדים היינו — קנעכט זענען מיר געווען אין מצרים", און דאָס גאַנצע הויזגעזינד זאָגט מיט גרויס ערנסט די הגדה.

דערנאָך הויבט זיך אָן די סעודה: די אייער אין זאַלץ־וואַסער, די פיש און קניידלעך, דער פלייש און קאָמפּאָט. מען איז אביסל אויסגעהונגערט פונעם טאָג און מען עסט איצט מיט אַפּעטיט. די שפּייז איז טאַקע אויך געשמאַק און פריש, און די צוויי כוסות ווין וואָס מען האָט שוין דערווייל אויסגעטרונקען, העלפן אויך אביסל אַרויס. די קליינוואַרג זענען די איינציקע וואָס זענען נישט אין גאַנצן פאַרינטערעסירט אינעם עסן. זייער געדאַנק איז איצט ווי אַזוי אוועקצוגנבענען דעם אפיקומן. די העלפט פון דער מיטלסטער מצה וואָס ליגט באַהאַלטן אונטערן קישן אויפן הסיבה־בעט. געלינגט עס וועמען אַרויסצוגנבענען, וועט דער טאַטע שוין מוזן

צוזאָגן קויפן עפּעס א מתנה איידער די גנבה ווערט צוריקגעקערט.

נאָכן עסן הויבט זיך אָן דער אַנדערער טייל פונעם סדר. נישט אַלע אין דער פאמיליע בלייבן דעמאָלט זיצן ביים טיש. אמאָל איז שוין דער „מלך" אליין אויך שלעפעריק, נישט ביים געמיט, און די טענער פון דער הגדה קלינגען שוין אביסל עכאָדיק, ווי פון א ווייט-פארגאנגענער צייט און לאַנג פארלוירענעם חלום.

די מנהגים, וואָס זענען פארבונדן מיט דער פסח־פייערונג זענען נישט איינגעפירט געוואָרן אין איין באַשטימטער תקופה, נאָר זיך אַנט־וויקלט מדרגותווייז אין משך פון לאַנגע און לאַנגע דורות, און אזוי ווי דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעלעבט פארשידענע צייטן און האָט דורכ־געמאכט אלערליי ענדערונגען צום גוטן און שלעכטן, אזוי האָט עס אויך יעדעס מאָל אַנדערש געפייערט דעם יום־טוב.

פסח איז א געבאָט אין דער תורה און דאָרטן ווערט אויך פאָרגע־שריבן ווי אזוי די פייערונג זאָל פאָרקומען, און דאָך ווערט אין ערגעץ נישט דערמאָנט, אז די יידן זאָלן האָבן די פאָרשריפטן פּינקטלעך אויס־געפאָלגט.

אין דער ערשטער צייט פון דער יידישער געשיכטע, אין די צייטן פון משה, יהושע און די שופטים, איז דער עיקר געווען דער קרבן פסח. באמת, איז נישט באקאנט צי די יידן האָבן יאָר איין יאָר אויס געפייערט דעם יום־טוב, ווייל פון דער ביבל ווייזט זיך ארויס, אז די יידן האָבן גע־פייערט דעם יום־טוב איינמאָל אין די צייטן פון יהושע און א צווייטן מאָל ערשט שפּעטער, אין די צייטן פון מלך יאשיהו (מלכים ב", כ"ג). עס איז אָבער אָנגענומען, אז געוויסע גרופּן יידן האָבן תמיד געפייערט דעם יום־טוב אין אָנגן פאמיליען קרייז.

פסח איז טאַקע מער א פאמיליען יום־טוב. יעדע פאמיליע אָדער עטלעכע פאמיליעס צוזאמען פלעגן קוילען א שעפּס, אים אָפּבראָטן און אים אויפעסן ביי זיך אין הויז. לויט דער תורה האָט מען דעם קרבן פסח געמוזט עסן ביי זיך אין שטוב, קיין שטיקעלע פלייש האָט מען נישט געטאָרט ארויסטראָגן, קיין ביין האָט מען נישט געטאָרט צוברעכן און קיין פרעמדער, א נישט־ייד, האָט אין דעם פסח נישט געטאָרט אַנטייל נעמען.

די צערעמאָניע איז געווען א הייליקע, א געהיימניספולע און אַן ערנסטע. דאָס עסן דעם פסח איז נישט געווען פארבונדן מיט קיין פריי־לעכקייט, מיט געזעלשאַפטלעכקייט; עס איז געווען א שטרענג-רעליגיעזער

יום־טוב, און די כוונה — בלויז מקיים צו זיין א מצווה פון דער תורה.

דאָס צווייטע מאָל, וואָס די יידן האָבן אין יענעם פעריאָד געפייערט דעם יום־טוב פסח, איז עס אויך נישט געווען בוכשטעבלעך נאָך די פאָר־שריפטן פון דער תורה. דער יידישער קעניג יאשיהו האָט מיט דער צו־שטימונג פון דעם נביא יחזקאל דעם יום־טוב אָפּגעלייגט אויף א חודש שפּעטער, אויף דעם פופצנטן טאָג פון אייר, ווייל די כהנים און דאָס פאָלק זענען נישט געווען צוגעגרייט דערצו.

אין דער צייט פון דעם צווייטן בית המקדש, האָט מען דעם יום־טוב שוין אָנגעהויבן צו פייערן מיט מער צערעמאָניע און פּארנעם. זייענדיק א שטיק צייט אין גלות בבל און צוזעענדיק ווי די פרעמדע פעלקער פיי־ערן זייערע ימים טובים מיט אזוי פיל פּראכט, האָבן די יידן אָנגעהויבן צו שעצן אויך זייערע אייגענע ימים טובים, און זיי האָבן שוין לכבוד דער פסח פייערונג אויסגעארבעט א פאָרמעלן ריטואל, וואָס זאָל זיין פארכאפּנדיק.

ירושלים איז צוליב דעם בית המקדש געוואָרן דער הויפּט־צענטער, און דאָס גייסטיקע און רעליגיעזע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דעם בית המקדש. דער פסח, וועלכער איז פריער געווען א פאמיליען־יום־טוב, איז איצט געוואָרן א נאציאָנאלער יום־טוב, אין וועלכן דאָס גאנצע פאָלק האָט זיך צוזאמען באטייליקט. יידן פון דעם גאנצן לאנד האָבן עולי רגל געווען קיין ירושלים, און דאָרטן האָט מען בציבור געגעסן דעם פסח.

די יידן פלעגן זיך פארזאמלען אין דעם בית המקדש, ווו מען האָט מקריב געווען דעם קרבן פסח און דערביי זינגען קאפּיטלעך תהילים, טאנצן און פארברענגען אין פרייליכקייט. ס'רוב זענען קיין ירושלים געקומען בלויז די מענער. די פרויען און קינדער זענען פארבליבן אין דער היים און זיך באנוגנט מיט עסן מצות זיבן טעג נאָכאנאנד. די פרייליכקייט און גרויסקייט פון דעם יום־טוב האָבן זיי נישט געפילט און געהאט א גאנץ קליינעם אנונג דערפון.

נאָך דעם חורבן בית שני האָט זיך אָנגעהויבן א גאנץ נייער פּע־ריאָד אין דער געשיכטע פון פסח. דער בית המקדש איז געלעגן פאר־וויסט, דאָס יידישע פאָלק צושפּרייט און צעזייט איבער דער גאנצער וועלט, און די תורה כמעט פארגעסן. דעם קרבן פסח האָט מען מער נישט גע־קענט מקריב זיין, האָבן די גייסטיקע פירער, די גרויסע לערער פון יידישן פאָלק, אויסגעארבעט נייע פאָרמען און נייע תקונות פאר דעם יום־טוב.

מען האָט זיך דעמאָלט צוריקגעקערט צום מקור, צו דעם גייסט פון דער תורה, און דער יום־טוב איז ווידער געוואָרן א פייערטאָג פאר דער גאנ־צער פאמיליע. אפילו די קליינע קינדער זענען נישט פארגעסן געוואָרן. פארקערט, גאָר גרויס געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף זיי.

פסח ביינאכט צום סדר פלעגט מען זיך ווי איצט פארזאמלען אין גרויסע געזעלשאפטן, דערציילן די נסים פון יציאת מצרים און אויך ארומ־ריידן די סאמע וויכטיקסטע פראָבלעמען וואָס האָבן געהאט א שייכות מיט דעם יידישן וווילזיין.

די קורצע געשיכטע אין דער הגדה מיט רבי אליעזר, רבי יהושע, רבי עקיבא און רבי טרפון, וועלכע האָבן צוזאמען אפגעריכט דעם סדר אין בני ברק, ווו עס האָט זיך געפונען די ישיבה פון רבי עקיבא מיט זיינע 24 טויזנט תלמידים, און זיך דערציילט די נסים פון יציאת מצרים די גאנצע נאכט, ביז די תלמידים זענען אריינגעקומען און זיי דערמאָנט, אז עס איז שוין געקומען די צייט צו לייענען קריאת שמע, איז א וווּנדער־באַרע אילוסטראציע, א ווארעם בילד, ווי אזוי מען פלעגט פראוועו דעם סדר.

די גרויסע תנאים האָבן זיך נישט דערציילט א גאנצע נאכט די געשיכטע פון יציאת מצרים, און די תלמידים האָבן זיי זיכער נישט באַ־דארפט דערמאָנען צו לייענען קריאת שמע. די גרויסע תנאים האָבן אוודאי געוווּסט, אז זיי דארפן לייענען קריאת שמע אין דער פרי. רבי עקיבא, וועלכער איז געווען דער גרויסער פאטריאָט און תמיד געשטרעבט צוריק־צושטעלן די יידישע מלוכה, האָט זיך דעמאָלט באנוצט מיט דעם איינ־רייד פון אָפריכטן דעם סדר כדי ארומצוריידן די פארשטייענדיקע רעוואָ־לוציע אָנגעפירט פון בר כוכבא. די רוימער האָבן געהאלטן זייערע אויגן אויף דער וואך און זייערע שפּיאָנען האָבן אריינגעקוקט אין יעדן באהאל־טענעם ווינקעלע. די תלמידים ווארטנדיק מיט אומגעדולד אויף דעם רע־זולטאט פון דר בּאראטונג און מורא האָבנדיק, אז די רוימער קענען נאָך באמערקן עפּעס, זענען זיי אריין צו רבי עקיבא און אים דערמאָנט, אז עס איז שוין צייט צו באשליסן זיך צו באפרייען.

פון יענער צייט קומט עס טאקע וואָס מיר שרייען אוים יעדן פסח ביים סדר „לשנה הבאה בירושלים". דעמאָלט האָט מען באמת געזוכט מיטלען און וועגן ווי אזוי זיך אומצוקערן קיין ירושלים. דעמאָלט האָט מען אויך אויסגעשריען מיט גרויס האָפענונג: „השתא עבדי, לשנת הבאה

בני חורין" — הייַנטיקס יאָר ווילן מיר זייַן קנעכט, איבער א יאָר ווילן מיר זייַן פרייַע מענטשן.

נאָכן חורבן פון דעם צווייטן בית המקדש איז געקומען א נייַע צייַט, נישט קיין פרייַלעכע צייַט און מען האָט קיין עפנטלעכן פאראַד פון דעם יום־טוב נישט געקענט מאַכן. דער יידישער פסח האָט דעריבער אָנגענומען א גאַנץ נייַע פאָרם, א גאַנץ ניי געשטאַלט.

פסח איז ווידער געוואָרן א שטרענגער פאַמיליען־יום־טוב, כאָטש עס האָט שוין אָנגעהויבן אויסצופעלן דאָס שטרענג־רעליגיעזע געפיל. אין דער תורה שטייט: „ויקחו שה לבית אבות" — און איר זאָלט זיך נעמען א שעפּסעלע פאַר יעדער איינציקער פאַמיליע, האָט מען איינגעפירט א סדר מיט א סעודה אין וועלכער די פאַמיליע זאָל זיך באַטייליקן אַלס זכר ליציאת מצרים.

די שומרונים האָבן זיך נאָך געהאַלטן שטרענג אָן דער תורה און געפּראַוועט א קרבן פסח, וואָס זיי זענען נאָך ביז הייַנטיקן טאָג מקריב מיט גרויס פאראַד און צערעמאָניע. ביי אונדז יידן איז דאָס אַלץ אָבער שוין פאַרשוואונדן, און מיר האָבן בלויז איינגעפירט געוויסע סמנים וואָס זאָלן אונדז דערמאָנען אָן דעם קרבן פסח.

דאָס אָרט פון דער קאָלעקטיווער פייערונג האָט פאַרנומען די שטילע און באַשיידענע פאַמיליען פייערונג מיט דעם סדר וואָס איז פול מיט סימבאָלן און פּאָעטישע שיינקייטן און אויף דעם אָרט פון דער באַשטרעבונג צו ווערן פריי און א זעלבסטשטענדיקע נאַציע, איז געבליבן דאָס הסיבה־בעט אויף וועלכן דער עלטסטער פון דער פאַמיליע זיצט ווי א מלך.

צווייטער קאפּיטל

די געשיכטע פון פסח אין פאַקט און אין לעגענדע

היסטאָריע און טראַדיציע — די אָפּשטאַמונג פון געוויסע מנהגים — די דערציילונג אין דער תורה — דער ראַציאָנעלער בליק — יציאת מצרים — דער ערשטער קרבן פסח — קריעת ים־סוף — די צען מכות.

מאָדערנע ביבל־קריטיקער האָבן זיך כסדר געסטאַרעט אויסצוגע־פינען אויף וויפל יציאת מצרים איז היסטאָריש ריכטיק, און אויפן סמך פון זייערע אויספאָרשונגען ווילן זיי באַווייזן, אַז יציאת מצרים איז פּשוט א לעגענדע און פאַרמאָגט נישט אין זיך דעם מינדעסטן היסטאָרישן אמת.

זייער הויפּט ארגומענט איז, וואָס אין די הירָאָגליפן פון די עגיפּטי־שע קעניגן ווערט וועגן דעם קיין וואָרט נישט דערמאָנט. בלויז אויף איין איינציקן הירָאָגליף, גיבן זיי צו, האָט מען געפונען דערמאָנט וועגן א פּרעה, וועלכער באַרימט זיך מיט זיין זיג איבער „יזריל" אין פּאַלעסטינע. זיי גיבן שוין צו די השערה, אַז „יזריל" קאָן מען מיינען אויך ישראל, איז אָבער דער זיג — טענהן זיי — פאָרגעקומען אין פּאַלעסטינע און נישט אין מצרים ווי עס שטייט אין דער תורה.

דער אמת איז אָבער, אַז אין יעדער טראַדיציע געפינט זיך א שטיק אמתע היסטאָריע. אמת, מיר האָבן נישט קיין גאַנץ קלאָרן באַגריף וועגן די היסטאָרישע פאַקטן פונעם נס מצרים און פריש אין אונדזער זכרון זענען זיי אוודאי נישט. דאָך קאָן מען ליכט גלויבן אין דער היסטאָרישער ריכטיקייט.

קודם־כל זענען נאָך נישט אַלע הירָאָגליפן אויסגעפאָרשט געוואָרן. א פאַקט איז, אַז אין די לעצטע צענדליק יאָר זענען אַנטדעקט געוואָרן גאַנץ נייע מאַטעריאַלן, נייע הירָאָגליפן און מאָנומענטן זענען אויסגע-

גראָבן געוואָרן, און זיי אַלע גיבן אַ שפּאָגל נייע באַלויכטונג, כאָטש די דאָזיקע נייע אנטדעקונגען זענען נאָך אויך נישט גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרן.

חוץ לזה, זענען דווקא יאָ פאַראַן גוט באַגרינדעטע היסטאָרישע פאַקטן און רעקאָרדן, און דער בעסטער געשיכטע־שרייבער איז נאָך אַלץ אונדזער אייגענער תנ״ך און טראַדיציע. די תורה האָט געלייגט אַזוי פיל געוויכט אויף דער פּאַסירונג פון יציאת מצרים און עס אַזוי פיל מאָל אי־בערגעחזרט און פאַרזאָגט צו געדענקען, אַז עס גלויבט זיך קוים עס זאָל דערין נישט ליגן קיין היסטאָרישער אמת, כאָטש דער זין און כוונה קאָן זיך פאַרבלייבן אַ ריין רעליגיעזע.

דער ערשטער יידישער היסטאָריקער יאָזעפוס פלאַוויוס גלויבט דווקא יאָ אין יציאת מצרים, און דערציילט אַז די „היקסאָס״, אַ פאַסטוכער פאָלק, וואָס האָט איינגעוואַנדערט קיין מצרים, זענען עס די יידן. די מאָ־דערנע פאָרשער האָבן אפילו פאַרוואָרפן זיין השערה„ הויפּטזעכלעך צו־ליב דעם וואָס עס שטימט נישט מיט דער צייט פון יציאת מצרים, וועלכע האָט געזאָלט פאַרקומען בערך מיט פופצן הונדערט יאָר פאַר דער קריסט־לעכער צייטרעכענונג, און די „היקסאָס״ האָבן גאָר געלעבט מיט אַ דריי־פיר הונדערט יאָר פריער.

דערפאַר זענען אָבער פאַראַן אַנדערע אָנווייזונגען, וואָס קומען טאַקע פון ריינע עגיפּטישע קוואַלן און קאָנען בשום אופן נישט אָפּגעוועגדט ווערן. אין דער עגיפּטישער געשיכטע ווערט דערציילט, אַז פאַרשידענע סעמיטישע שבטים האָבן איינגעוואַנדערט קיין מצרים, און צווישן די שבטים איז אויך געווען דער שבט „האַבירי״, וואָס קאָן גאָר לייכט אויס־געטייטשט ווערן ווי עברים, יידן.

קיינע פון די אַלטע אָנווייזונגען זענען אויטענטיש, און פאַרבלייבן בלויז גילטיק ווי היפּאָטעטישע השערות. אויב אָבער מען זאָל אָננעמען די תורה אין איר ריכטיקן היסטאָרישן ליכט און אויך אָננעמען די מיינונג, אַז אין יעדער לאַנג אָפּגעהיטער טראַדיציע ליגט אויך אַ שטיק היסטאָ-רישער אמת, איז יציאת מצרים קלאָר און פאַקטיש באַגרינדעט, ווייל קיין אַנדערע יידישע טראַדיציע איז אַזוי שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן אין אַלע דורות און אין אַלע ערטער ווי יציאת מצרים.

דער עצם פאַקט וואָס די בעלי תנ״ך האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק אין דעטאַל צו דערציילן וועגן דער פסח־פייערונג, באַווייזט קלאָר, אַז עס

איז געווען פארבונדן מיט א זייער אויסערגעווענטלעכער דערשיינונג, וואָס האָט הינטער זיך געהאט א לאנגע טראדיציע באזירט אויף היסטאָרישער ווירקלעכקייט.

עס איז א סברא, אז געוויסע פּרטים פון דער פּסח פייערונג זענען פון יידן אָפּגעהיט געוואָרן נאָך לאנג פאר יציאת מצרים. ווען יידן זענען נאָך געווען א פאסטוך-פאָלק און געפירט א לעבן פון וואנדערער, פלעגן זיי אין דעם חודש האביב, אינעם פרילינג־חודש, פייערן א יום־טוב ביי וועלכן זיי האָבן מקריב געווען א שעפּסעלע.

אויך א סך אנדערע נאָמאדן־שבטים האָבן אין פרילינג געהאט א באמיליען־יום־טוב מיט צערעמאָניעס ענלעכע צו די יידישע. אויסגעקליבן האָבן זיי דעם פרילינג-חודש צוליב דער גינסטיקייט אויף פאסיקייט פאר א לענגערן אָפּרו פון זייערע מחנות און שאָף.

אויך איז אין יענע אלטע אור־צייטן געווען שטארק פארשפּרייט דער מנהג צו באשמירן דעם אריינגאנג צום געצעלט מיטן בלוט פון די שעפּסן, וואָס האָט געזאָלט זיין א סגולה קעגן מגפות.

פון דער דערציילונג אין דער תורה זעט מען טאקע ווי פּרעה זאָגט צו משהן: „זאָלן די יידן גיין אין דער מדבר אויף דריי טעג און פייערן זייער יום-טוב”. כאָטש משה האָט עס גאָרנישט געבעטן. קאָנטיק, אז פּרעה האָט גוט געוווסט וועגן דעם פרילינג־יום־טוב פון די יידן, און ער האָט זיי געוואָלט דערמיט מפצה זיין.

אויב דער יום־טוב איז טיילווייז געווען אן אלטער אינעם יידישן לעבן, איז עס גאנץ פארשטענדלעך וואָס ער האָט דורך דער פאסירונג פון יציאת מצרים געקראָגן אזא חשובן אָנזען און אזוי שטרענג פארזאָגט געוואָרן אים אָפּצוהיטן.

אייגנטלעך, האָט יעדער יידישער יום־טוב דורכגעמאכט אזא ענלעכע טראנספאָרמאציע. פריער זענען זיי געווען פשוטע נאטור־יום-טובים, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס אייגנארטיקע פאָלקס-לעבן. שפּע־טער־צו האָבן זיך די אומשטענדן געענדערט און ס׳לעבן האָט אָנגענומען אַנדערע, נייערע פאָרמען, האָט זיך דער כאראקטער פונעם יום־טוב אויך געענדערט און יעדעס מאָל באקומען א נייעם, א העכערן אינהאלט.

אין דער תורה ווערט די פּסח-געשיכטע דערציילט מיט אלע אייגנצל־הייטן, און אויף א גאנץ פּשוטן אופן, אז אפילו דאָס וואָס שיינט אוי־

בערפֿלעכלעך צו זיין איבערטריבן און אומגלויבלעך, ווערט אויך מעגלעך און נאַטירלעך.

פּרעה מלך מצרים, א טיראַן, א סאַדיסט, וועמען עס האָט זיך פאַר־גלוסט צו באָדן אינעם בלוט פון קליינע קינדער, האָט פאַרשקלאַפט אַלע יידן און זיי געמאַכט פאַר זיינע ליים-קנעטער און ציגל־טרעגער.

די יידן האָבן געזיפצט פונעם שווערן יאָך, געוויינט און געיאָמערט, אָבער די אַרבעט איז זיי נישט פאַרלייכטערט געוואָרן. פאַרקערט, פּרעה האָט די יידן איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע שקלאַפן־טרייבער און זיי באַפוילן אַרויסצוקריגן טעגלעך די באַשטימטע צאָל ציגל פון יעדן איינעם.

די שקלאַפן־טרייבער האָבן די יידן פאַרביטערט דעם לעבן און זיי געצוואונגען צו טאָן אַרבעט אַריבער די מענטשלעכע כוחות. מען האָט זיי געהייסן אַליין קלויבן די שטרוי, אַליין פאַרפאַרטיקן דעם ליים און אַליין יעדן טאָג אויסאַרבעטן א באַשטימטע צאָל ציגל. האָט איינער נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן די נויטיקע צאָל, האָט מען אים געפייניקט און גע־שלאָגן און אָפט אַפילו אַריינגעקלעפּט א לעבעדיקן אין וואַנט.

עס האָבן אויך נישט געפעלט מוסרים און שוטרים צווישן די שקלאַפן גופא — די דתן ואבירמס, וועלכע פרעסן זיך איין ווי קלעפּיקע צרעת אין יעדן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם — און זיי האָבן זייערע אייגענע ברידער געפייניקט און געמאַטערט אויף אן אוממענטשלעכן אופן.

איז געקומען משה דער זון פון עמרם און יוכבד, וועלכער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי פּרעהן אין פּאַלאַץ, און דערהרגעט א מצרי פאַר פּיי־ניקן א יידישן שקלאַף. האָבן די דתן ואבירמס אים פאַרמסרט צו פּרעהן, און האָט געמוזט אַנטלויפן קיין מדין ווו ער איז געוואָרן א פּאַסטוך. דאָרטן האָט זיך גאָט צו אים באַוויזן און באַפוילן צוריקגיין קיין מצרים און באַ־פרייען די יידן. משה האָט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל פון גאָט און גע־שלאָגן די מצריים מיט צען מכות ביז פּרעה האָט די יידן אַרויסגעלאָזן פריי.

די דאָזיקע וואָס זוכן נאַטירלעכקייט און ראַציאָנאַליזם, קאָנען עס לייכט באַווייזן אינעם ליכט פון די היסטאָרישע פאַקטן.

יידן זענען געווען פאַרשקלאַפט צוזאַמען מיט א סך אַנדערע פעלקער און שבטים. זייערע הערשער, די עגיפּטיאַנער, זענען געווען אין א קליי־נער מינדערהייט און אונטערדריקט אַפילו זייערע אייגענע אָרימע מאַסן.

די פארשקלאפטע און אונטערדריקטע האָבן געזוכט זיך צו באפרייען און אומגעדולדיק געוואַרט אויף א געלעגנהייט צו רעוואָלטירן קעגן דער הער־שנדיקער מלוכה און אירע ביוראָקראַטן. אזא געלעגנהייט איז געקומען. די לאגע אין אויסלאנד איז געווען א פיינטלעכע, פון אלע זייטן האָט זיך גע־פילט דער פאָרשטייענדיקער אויפשטאנד, און דערצו זענען נאָך אָנגעקו־מען מכות און מגפות וואָס זענען געווען גאנץ אָפטע דערשיינונגען אינעם הייסן לאנד ביים טייך נילוס. די לאגע פון די אונטערדריקטע איז געוואָרן א פארצווייפלטע, און זיי האָבן געזוכט דעם געוואגטן פירער וואָס זאָל די רעוואָלוציע אָרגאַניזירן און דערפירן צו א דערפאָלג.

דער ריכטיקער פירער איז געקומען. משה, דער ייד און קעמפער פאר יושר, משה מיט זיין עגיפטישע און קעניגלעכע דערציונג, איז ארויס צו ווערן דער דערלייזער.

משה איז געווען דער פאסנדיקער פירער אליין א קינד פון די יידישע שקלאפן, א נע ונד און פאָליטישער פארברעכער אויף וועמענס קאָפּ עס האָט געהאנגען די שווערד פון די אונטערדריקער, א קענער פון דער פאָלי־טישער לאגע אין לאנד און קאָרופּטיווע סיסטעם אין דער רעגירונג. א קענער פון אלע זייערע אבערגלויבנס און כשוף מאכעריי, איז ער געווען זעלטן צוגעפאסט צו דער ראָל.

און משה איז דאָך געווען א ווירקלעכער פאקט, זיין נאָמען איז עגיפּ־טיש, און די געשיכטע פון זיין געבורט און פארוואַגלטקייט איז גאָרנישט ווייט פון פאקטישער רעאליטעט. פארוואָס, למשל, זאָל עס נישט מעגלעך זיין, אז יוכבד, די מוטער, זאָל באהאלטן משהן אין גראָז פון טייך? פאר־וואָס, למשל, זאָל עס נישט מעגלעך זיין, אז די פּרינצעסן זאָל רחמנות האָבן אויפן געפונענעם קינד און עס נעמען צו זיך אין הויז?

עס איז מעגלעך און גאנץ נאטירלעך, אז דער זעלבער משה זאָל ווערן דערצויגן ווי א פּרינץ און ווי אזעלכער ארויסגיין צו זען ווי די שקלאפן ארבעטן. עס איז מעגלעך, אז דאָס יידישע בלוט אין אים זאָל וועקן צו פּראָטעסטירן קעגן דער בארבארישער באהאנדלונג און ער זאָל אין אויפ־רעגונג טויטן א מצרי דערפאַר וואָס ער פּייניקט אומזיסט א יידן. עס איז אויך מעגלעך, אז ער זאָל מוזן אנטלויפן פון לאנד, דערפאר וואָס ער האָט עגנומען די גערעכטיקייט אין האנט, און זאָל פון דערווייטנס וואכן אויף זיין לאנד און אויסקוקן אויף א גינסטיקן מאָמענט צו מאכן א רעוואָלוציע.

ער האָט דעם גינסטיקן מאָמענט דערוואַרט און אויך געזיגט. ער האָט

אריבערגעפירט די יידן איבערן ים־סוף, און זיך געלאָזן צום וועג פונעם ירדן, צום לאַנד אין וועלכן זיינע עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט.

דער איבערגאַנג איבערן ים־סוף איז די ריזנדסטע און שטאַרקסטע סצענע אין דער דאָזיקער היסטאָרישער דראַמע, אָבער אויך זי ווערט דאָך פאַרשטאַנען אין באַגריפן. דער אַריבערגאַנג איבערן ים־סוף איז געווען אויף אַ פּונקט, וווּ דער שטראָם האָט זיך אַ בויג־געטאָן, און ווען דער ווינט האָט זיך אומגעקערט און דאָס וואַסער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, איז דער פּונקט פאַרטרונקען געוואָרן.

נאָר זאָלן די ראַציאָנאַליסטן דערקלערן יציאת מצרים אויף זייער שכלדיקן אופן; זאָלן די מאמינים גלויבן אין דער געטלעכקייט פון משה; די לעגענדע וועגן פּסח צעשפּרייט איבערן תלמוד און מדרש, זענען דאָך די שענסטע און די פיינסטע קאַפּיטלעך אין דער גאַנצער דערציילונג.

דערציילט די תלמודישע לעגענדע: עס איז געווען דער קלימאַקס פון דער גרויסער יידישער דראַמע. פון פאָרנט דער ים, פון הינטן פּרעה מיט זיין אַרמיי, עס איז געווען די גרויסע מינוט פון אַנטשיידונג: די מצרים אָדער די יידן — עמיצער האָט געמוזט אויסגעראָטן ווערן.

האָט גאָט באַשלאָסן אויסצוראָטן די עגיפּטישע אַרמייען און זיי דערטרונקען אין ים. איז געקומען דער שר של מצרים און זיך געשטעלט פאַר גאָט און געטענהט: „גאָטעניו, דו פּירסט תמיד דיין וועלט מיט רחמנות און איצט ווילסטו אַזוי גרויזאַם דערטרינקען די בעסטע זין פון מיין אומה?"

האָט גאָט איינגעזען די גערעכטיקייט פון דער טענה, און ער האָט צונויפגערופן די גאַנצע פמליא של מעלה אויף אַ באַראַטונג: ווער פון די צוויי זאָל אונטערגיין, די יידן אָדער די מצריים?

זענען זיך צונויפגעלאָפן די הימלישע שרים פון אַלע אומות אויף דער וועלט און אַלע ווי איינער האָבן זיי געבעטן פאַר די מצרים. די לאַגע פון די יידן איז געוואָרן סכנהדיק, און גאָט האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגעבן זיין פּסק דין.

אין דער סאַמע לעצטער מינוט זענען אָבער אַנגעלאָפן די מלאכים מיכאל און גבריאל און געטראָגן אויף די הענט אַ קליין קינד וואָס די מצריים האָבן אַריינגעמויערט אין די ווענט פון זייערע פּיראַמידן.

— ווי קאָנסטו רחמנות האָבן אויף מענטשן וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן געטויט קליינע אומשולדיקע קינדער? — האָט דער מלאך מכאל

געפרעגט אָנווייזנדיק אויפן קליינעם יידישן מאַרטירער. און אין דער דאָ־זיקער מינוט איז דער שיקזאַל פון פרעה פאַרחתמעט געוואָרן.

און נאָך א מדרש ויושע:

איידער די יידן זענען אריין אין ים, האָט זיך עוזא, דער שר של מצרים, אוועקגעשטעלט פאַר גאָט ברוך הוא און געזאָגט: „רבונו של עולם, איך האָב א טענה צו דיר קעגן די אומה וואָס דו פירסט איצט ארויס פון מצרים. זאָל מיכאל, דער שר של ישראל, קומען און מיט מיר האלטן א דין תורה".

האָט גאָט ארויסגעגעבן א באַפעל און דער מלאך מיכאל איז גע־קומען, האָט זיך באַלד עוזא, דער הימלישער שר של מצרי אוועקגעשטעלט מיט זיינע טענות:

— רבון העולמים, דו האָסט גוזר געווען, אז די יידן זאָלן זיין פאַר־שקלאַפט פיר הונדערט יאָר און לסוף זענען זיי געווען אונטערדריקט בלויז זעקס און אכציק יאָר, ווייל דער גלות מצרים הויבט זיך אָן אינעם טאָג וואָס מרים איז געבוירן געוואָרן און דערפאַר הייסט זי טאַקע מרים, וואָס מיינט: פאַרביטערט, און אזוי ווי דו, גרויסער גאָט, ביסט א גוזר ומקיים, דאַרפסטו די יידן נאָך נישט באַפרייען.

און אז מיכאל האָט דאָס דערהערט, איז ער שטיל געבליבן און קיין ענטפער נישט געגעבן. עוזא האָט געזיגט און געבעטן רשות אומצוקערן די יידן קיין מצרים.

אז קודשא ברוך הוא האָט דאָס דערזען, איז ער אליין געוואָרן דער פאַרטיידיקער פון די יידן:

— פאַרוואָס ווילסטו עס אומקערן מיינע קינדער קיין מצרים? אמת איך האָב געזאָגט: „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם", מיינע קינדער וועלן זיין גרים אין א פרעמדער לאַנד, אָבער איך האָב נישט געזאָגט, אז זיי וועלן זיין קנעכט אין מצרים, און גרים זענען זיי געווען זינט יצחק איז געבוירן געוואָרן, וואָס איז א סך מער פון פיר הונדערט יאָר. ניין, דו האָסט מער קיין רשות נישט צו פאַרשקלאַפן די יידן.

אז די צייט פון דער גאולה איז געקומען, האָבן די יידן נישט גע־האַט קיין שום מצוות. האָט זיי גאָט דעריבער געגעבן צוויי הייליקע מצוות: די מצווה פון קרבן און די מצווה פון מילה.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „גיי און זאָג די יידן, אז דעם צענטן

טאָג אין חודש זאָלן זיי זיך נעמען שעפעלעך און זיי האַלטן ביז דעם פערצנטן טאָג אין חודש און דעמאָלט זיי שעכטן".

האָט משה זיך געבעטן ביי גאָט: „האר פון דער וועלט, ווי אזוי קען איך טאָן אזא זאַך? ווייסטו דען נישט, אז די שאָף זענען די אָפּגעטער פון די מצריים? איז עס דען מעגלעך, אז מיר זאָלן שעכטן שאָף פאַר זייערע אויגן און זיי זאָלן אונדז נישט דערהרגענען?!"

האָט גאָט אים געענטפערט: „ביי דיין לעבן, די יידן וועלן נישט אויסגעלייזט ווערן פריער ביז זיי וועלן שעכטן די אָפּגעטער פאַר די מצריים אין די אויגן, כדי די מצרים זאָלן זען, אז זייערע אָפּגעטער זענען גאָר נישט ווערט".

האָבן די יידן גענומען די שעפעלך און זיי פיר טעג נאָכאנאַנד געהאַלטן צוגעבונדן צו די פיסלעך פון די בעטן. די מצריים פלעגן אריינגיין אין די יידישע הייזער און דאָס דערזען, פלעגן זיי קריגן די שלאָק.

אזוי גיך ווי משה האָט מקריב געווען דעם קרבן פסח, האָבן אַלע פיר זייטן פון דער וועלט אָנגעהויבן צו בלאָזן מיט דעם זיסן ריח פון גן־עדן, און דער דאָזיקער ריח האָט זיך באַהעפט מיט דעם קרבן פסח און זיך פאַרשפּרייט אויף א שטח פון פערציק טאָג רייזע.

האָבן אַלע יידן זיך פאַרזאַמלט ארום משהן און זיך געבעטן: גיב אונדז, מיר בעטן דיך, צו עסן פונעם קרבן פסח, ווייל מיר זענען שוין מיד פונעם ריח".

אָבער גאָט האָט געזאָגט: „אויב איר זענט זיך נישט מל, קענט איר נישט עסן פונעם קרבן פסח". זענען באַלד אַלע יידן געגאַנגען און זיך מל געווען, און גאָט אַליין האָט יעדן איינעם געהיילט, געקושט און גע־בענטשט.

משה האָט דעמאָלט באַפוילן די יידן צו שעכטן דעם קרבן פסח נעמען א בינטל איזוב (איזאָפּ. — אזא מין פלאַנצונג מיט לאַנג פאַרשפּיצטע בלע־טער און בלויע בלומען), עס איינטונקען אינעם בלוט און באַשמירן דעם אויבער-באַלקן און די זייט־באַלקן. קיינער האָט נישט געטאָרט ארויסגיין פון הויז ביז אין דער פרי, ווייל אין דער דאָזיקער נאַכט האָט גאָט פאַר־ניכטעט די מצריים, און אז ער וועט דערזען דאָס בלוט אויף די באַלקאַנס, וועט דער משחית נישט ארייננדרינגען אין די הייזער.

גאָט האָט אויך באַפוילן: קיין שום אנדער אומה זאָל נישט אנטייל נעמען אינעם קרבן פסח, און אחוץ יידן זאָל קיינער נישט וויסן די סודות

דערפון; זיבן טעג זאָל אין שטוב נישט געזען ווערן קיין זויערטייג קעגן די זיבן טעג פון דער גאולה ביז קריעת ים-סוף.

אויף דעם אויבער־באַלקן האָט גאָט געהייסן שפּריצן קעגן דעם זכות פון אברהם אבינו, וועלכער איז דער גרעסטער פון די אבות, און אויף די זייטן־באַלקנס קעגן דעם זכות פון יצחק און יעקב.

דאָס בינטל איזוב דאַרף מען נעמען, ווייל עס איז דאָס קלענסטע צווישן אַלע ביימער פונקט ווי די יידן, וועלכע זענען די קלענסטע אין צאָל צווישן אַלע פעלקער, ווייל גאָט האָט געזאָגט, אַז כאָטש די יידן זענען אַזוי קליין ווי איזוב, ווערט אָבער גאָט זיי צונויפבינדן אין איין בינטל און ווערן טייערער פון אַלע פעלקער.

דערציילט אויך דער מדרש וועגן דער שפּאַלטונג פון ים:

בשעת די מצרים האָבן נאָכגעיאָגט די יידן, איז זיי באַפאַלן אַ גרויסע מורא. די יידן זענען דעמאָלט געווען געגליכן צו אַ טויב וואָס אַנטלויפט פון אַ שפּאַרבער, און אַז זי קומט שוין בשלום צוריק צום נעסט, געפינט זי גאָר דאָרטן אַ שלאַנג, אַז די יידן האָבן דערזען די מצרים זייערע נאָכיאָגן, האָבן זיי געוויינט פאַר משהן: „משה אונדזער רבי, וווהין זאָלן מיר גיין, די מצריים זענען דאָך הינטער אונדז און דער ים פאַר אונדז״. האָט אויך משה מיט זיי מיטגעוויינט ביז עס האָט זיך דערוועקט דער רחמנות פון גאָט און ער האָט געזאָגט צו משהן:

— משה, איך געדענק נאָך די תפילה, וואָס אברהם מיין געליבטער האָט מתפלל געווען ווען איך האָב אים געהייסן גיין שעכטן זיין איינציקן זון פאַר אַ קרבן. ער האָט דעמאָלט מתפלל געווען צו מיר: „רבונו של עולם, ווען מיינע קינדער וועלן זיך געפינען אין צער, זאָלסטו זיי געדענקען אין דעם מאָמענט וואָס איך שטיי פאַר דיר״.

און גאָט האָט באַפוילן צו משה: „רייד צו די יידן און זאָלן זיי ציען״. האָט משה געפרעגט ביי גאָט: „רבונו של עולם, און איך וואָס זאָל טאָן?״

האָט גאָט ווידער געזאָגט: „נעם דעם שטעקן וואָס איך האָב דיר געגעבן און גיי צום ים אין מיין שליחות און זאָג אים, אַז דו ביסט דער שליח פונעם יוצר בראשית, פאַר וועמען ער זאָל אַנטפּלעקן די וועגן די יידן זאָלן קענען דורכגיין בשלום״.

איז באַלד משה געגאַנגען צום ים און אים איבערגעגעבן די רייד פון גאָט. און דער ים האָט משהן געענטפערט:

— איך וועל נישט טאָן ווי דו רעדסט צו מיר, ווייל דו ביסט אַ ילוד

אשה. און נישט בלויז דאָס אליין, נאָר איך בין נאָך מיט דריי טעג גרע-סער פון דיר. איך בין באַשאַפן געוואָרן אינעם דריטן טאָג און דו אינעם זעקסטן.

האָט באַלד משה איבערגעגעבן די רייד פונעם ים צו גאָט, און גאָט האָט צו אים געזאָגט: „א קנעכט וואָס ווידערשפעניגט זיין האַר, וואָס טוט מען צו אים?"

— מען שלאָגט אים מיט א שטעקן! — האָט משה אָפּגעענטפערט.

האָט גאָט ווידער געזאָגט צו אים: „הויב אַזוי אויך דו אויף דיין שטעקן און שטרעק אויס דיין האַנט אויף דעם ים און שפּאַלט אים".

האָט באַלד משה אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געשפּאָלטן דעם ים. נחשון בן עמינדב איז דער ערשטער אַריינגעשפּרונגען אינעם ים, און גלייך נאָך אים אַלע איבעריקע יידן מיט זייערע קינדער און קליינע קינדער.

באותה שעה — אין יענער ווײַלע האָבן די מלאכי השרת געוואָלט זאָגן שירה פאַרן רבונו של עולם, האָט ער אויף זיי אָנגעשריען:

„מעשי ידי טובעים בים, ואתם אומרים שירה לפני — מיינע באַ-שאַפונגען זינקען אין ים, און איר ווילט מיר איצט שירה זינגען?!"

און די גמרא זאָגט אויך: למה אין אתה מוצא בפסח אפילו שמחה אחת — פאַרוואָס האָט די תורה נישט איינמאָל אפילו דערמאָנט דאָס וואָרט „שמחה" ביי פּסח, ווי זי האָט עס געטאָן ביי די אַנדערע ימים טובים? בשביל שמתו בו המצריים — ווייל עס זענען אין דעם יום-טוב געשטאָרבן די מצריים.

דער מדרש גיט איבער זייער באַריכות און אין א זעלטן פאַנטאַס-טישער פאָרם די געשיכטע פון די צען מכות:

עס איז געווען דעמאָלט ווען פּרעה האָט די יידן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון מצרים, האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט צו משהן: „שטיי אויף גאַנץ פרי און גיי אַרויס צום טייך און זאָג צו פּרעהן ער זאָל אַרויסלאָזן די יידן; טאָמער נישט וועל איך פאַרוואַנדלען דעם טייך נילוס אין בלוט".

„איך וויל — האָט גאָט געזאָגט — אים שטראָפן מיט דער זעלבער זאַך מיט וואָס ער האָט זיך געגרויסט. ער האָט געזאָגט, אַז דער טייך איז זיינער און אַז ער איז א גאָט, וועט זיך טאַקע דערפון אָנהויבן זיין שטראָף".

פיר און צוואַנציק טעג נאָכאַנאַנד האָט משה געוואָרנט פּרעהן, אָבער דער רשע האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן.

האָט גאָט געזאָגט צו משהן: „זאָג אַהרנען, דיין ברודער, ער זאָל

פארוואנדלען דאָס וואסער אין בלוט. דיך האָט דאָס וואסער אמאָל גע־ראטעוועט, איז נישט רעכט אז דו זאָלסט עס שלאָגן.

איז געגאנגען אהרן און האָט אויסגעשטרעקט דעם געטלעכן שטעקן איבער די וואסרן פון מצרים און זיי זענען באלד געוואָרן בלוט. אפילו דאָס וואסער וואָס האָט זיך געפונען אין כלים אָדער די שפייעכץ וואָס א מצרי האָט אויסגעשפיגן איז גלייך געוואָרן בלוט. אז יידן און מצריים זענען געגאנגען צוזאמען שעפן וואסער, איז דער יידישער עמער געווען אָנגעפילט מיט וואסער און דער מצרישער מיט בלוט. אפילו אויב זיי האָבן זיך בייד צוזאמען אָנגעבויגן צו טרינקען פון א כלי, האָט דער ייד געטרונקען וואסער און דער מצרי — בלוט.

גאנצע זיבן טעג האָט די מכה געדויערט, און אזוי ווי פרעה איז גע־בליבן פארעקשנט, האָט משה אים ווידער געוואָרנט פיר און צוואנציק טעג נאָכאנאנד, אז גאָט וועט אויף אים אָנשיקן פרעש. אז די פיר און צוואנציק טעג האָבן זיך פארענדיקט, האָט אהרן ווידער אויסגעשטרעקט דעם שטעקן און דאָס לאנד איז פארפלייצט געוואָרן מיט פרעש, וועלכע האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די שטארקסטע מעטאלן. אז אן עגיפטישע פרוי האָט געקנאָטן טייג און איינגעהייצט דעם אויוון, זענען געקומען די פרעש און עס צופרעסן, אז פרעה האָט געטרונקען וואסער און זיך פארגאָסן א טראָפן, איז גלייך געקומען א פראָש.

און אז פרעה האָט אלץ נישט געוואָלט ארויסלאָזן די יידן, האָט אהרן אויסגעשטרעקט זיין שטעקן און געשלאָגן דעם שטויב פונעם לאנד ביז עס איז דערפון געוואָרן לייז.

און די דאָזיקע מכה האָט גאָט געבראכט דערפאר, ווייל גאָט האָט געוואָלט זיי זאָלן געשטראָפט ווערן מיט שטויב צו וואָס די יידן זענען געגליכן. ווי עס שטייט געשריבן: אעשה את זרעך כעפר הארץ — איך וועל מאכן דיינע קינדער אזוי צאָלרייך ווי שטויב.

פרעהס הארץ איז אָבער אלץ געווען פארהארטעוועט, און גאָט האָט אים געשטראָפט מיט א צומישעניש פון חיות און עופות, וועלכע זענען באפאלן פריער דאָס הויז פון פערה און דערנאָך דאָס הויז פון די מצריים. קיין גושן וואו די יידן האָבן געוווינט, זענען די חיות נישט געקומען.

אז פרעה האָט געזען ווי שווער די מכה איז, האָט ער צוגעשטימט

ארויסצולאָזן די יידן אויף דריי טעג דינען גאָט, אָבער בתנאי זיי זאָלן נישט אוועק צו ווייט. משה האָט דערפאַר תפלה געטאָן צו גאָט און די מכה האָט זיך אָפּגעטאָן.

ווען די מכה איז אוועק, האָט פּרעה ווידער שווער געמאַכט זיין האַרץ און די יידן נישט ארויסגעלאָזן. האָט גאָט געזאָגט: זאָל קומען א מגפה און באַשטראָפן די מצריים, וועלכע זוכן אומצוברענגען א פאָלק וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר מיר.

און די מגפה איז געקומען און אויסגעהרגעט אַלע בהמות. דאָס האָט גאָט געטאָן, ווייל די מצריים האָבן געשיקט די יידן פּאַשען שאָף אין דער ווייטער מדבר, כדי זיי זאָלן דאָרטן אויסשטאַרבן און נישט האָבן קיין קינדער. אומגעקומען זיינען אַלע מצרישע בהמות, אָבער די יידישע זענען געבליבן לעבן. אויב א ייד און א מצרי האָבן געהאַט בשותפות א בהמה, איז זי אויך געבליבן לעבן.

פּרעה האָט אָבער אַלץ נישט געוואָלט ארויסשיקן די יידן, און גאָט האָט געהייסן משהן און אהרנען וואַרפן הויפנס מיט אַש אין הימל אַריין, וועט גאַנץ מצריים געשטראָפט ווערן מיט געשווירן.

נאָך די פינף מכות האָט גאָט געזאָגט: ביז איצט האָט פּרעה אליין האַרט געמאַכט זיין האַרץ און פון איצט אָן וועל איך האַרט מאַכן זיין האַרץ, כדי איך זאָל אים קענען באַשטראָפן מיט נאָך פינף מכות.

און דער האַר פון דער וועלט האָט געמאַכט א קריץ אין דער וואַנט און געזאָגט צו פּרעהן: ווען די זון וועט מאָרגן דערגרייכן דעם קריץ, וועט קומען אויף דיר א האָגל וואָס איז נאָך קיינמאָל פריער נישט געווען. און געשיקט האָט גאָט די דאָזיקע מכה, ווייל די מצריים האָבן געצוווּנגען די יידן צו היטן די גערטנער.

דער האָגל איז געווען אזוי גרויס, אז עס איז פון אים געוואָרן א הויכע וואַנט און די בהמות האָבן נישט געקענט אנטלויפן. דאָס גאַנצע גראָז, אַלע ביימער און אַלע געוויקסן זענען פאַרניכטעט געוואָרן א חוץ דער ווייץ וואָס איז על פי נס ניצול געוואָרן. ביי די יידן אין גושן איז דער האָגל נישט געווען.

פּרעה האָט דעמאָלט געשיקט רופן משהן און אהרנען און צו זיי געזאָגט: „גאָט איז גערעכט און איך און מיין פאָלק זענען רשעים". האָט משה תפלה געטאָן און דער האָגל האָט באַלד אויפגעהערט. גאָט האָט אָבער

שווער געמאַכט זיין האַרץ און ער האָט ווידער נישט געוואָלט אַרויסשיקן די יידן.

האָט גאָט דעמאָלט אָנגעשיקט דעם היישעריק דערפאַר, „ווייל די מצריים האָבן געצוואונגען די יידן צו פאַרזייען פאַר זיי די תבואה". פון אָנהויב האָבן די מצריים זיך דערפרייט מיט דעם היישעריק, זיי האָבן זיי צעגנויפגעקליבן און איינגעמאַרינירט צום עסן. ווען משה און אהרן האָבן אָבער אויפן פאַרלאַנג פון פרעה געבעטן די מכה זאָל זיך אָפּטאָן, האָט גאָט געשיקט אַ שטאַרקן ווינט און די היישעריקן זענען פאַרשוווּנדן אַפילו פון די פעסער און כלים, אין וועלכע זיי זענען געווען איינגעמאַרענירט.

גאָט האָט ווידער געשטאַרקט דאָס האַרץ פון פרעה, און אים נאָכ־דעם געשטראָפט מיט אַ פינסטערניש פון גיהנום. אין די ערשטע דריי טעג האָט מען נאָך געזען זיך אויפצושטעלן, אָבער נאָכדעם איז די פינס־טערניש געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז ווער עס איז געזעסן האָט זיך נישט געקענט אויפשטעלן, און ווער עס איז געשטאַנען האָט זיך נישט געקענט אַוועקזעצן.

פרעה האָט דעמאָלט שוין געוואָלט אַרויסשיקן די יידן, אָבער ער האָט געפאָדערט די יידן זאָלן איבערלאָזן די שאָף און רינדער. משה איז געוואָרן שטאַרק בייז און געזאָגט, אַז מער וועט ער אים שוין נישט קומען בעטן.

גאָט איז דעמאָלט אַליין געקומען אין הויז פון פרעה און געבראַכט די צענטע מכה — מכת בכורות.

פונקט אין מיטן נאַכט האָט גאָט זיך באַוויזן אין מצרים מיט דער גאַנצער כת מלאכי חבלה, אַ טייל פון וועלכע זענען באַשטאַנען פון האָגל און אַ טייל פון פלאַמען. די מלאכי חבלה האָבן אַליין געוואָלט אָנמאַכן דעם חורבן, האָט אָבער גאָט געזאָגט: „מיין גרימצאָרן וועט נישט שטיל ווערן סיידן איך וועל אַליין נעמען נקמה".

זעקס הונדערט טויזנט בכורים זענען אין יענער נאַכט אומגעקומען. געשטאָרבן זענען די בכורים פון אַלע מצרים אַפילו פון די וואָס זענען דעמאָלט געווען אין פרעמדע לענדער. אַפילו די שוין לאַנג געשטאָרבענע זענען פון די הינט אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די קברים. אויך די בכו־רים פון די געפאַנגענע קנעכט זענען אומגעקומען, ווייל זיי פלעגן זיך פרייען מיט די ליידן פון די יידן.

איידער גאָט האָט אָנגעשיקט די לעצטע מכה אויף די מצריים, האָט

ער פריער פֿאַרניכטעט אַלע זייערע אָפּגעטער און צלמים. די וואָס זענען פֿון גאָלד, זילבער און קופּער זענען צעשמאָלצן געוואָרן, און די וואָס זע-נען געווען פֿון האָלץ זענען צעפּוילט און צעבראָכן געוואָרן.

איידער די מכת בכורות איז געקומען, זענען די בכורים געקומען צו זייערע עלטערן און געזאָגט: „אַלע מכות וואָס משה האָט געזאָגט ער וועט ברענגען זענען טאַקע געקומען, און אַז ער זאָגט איצט די בכורים וועלן אויסשטאַרבן, וועט עס אוודאי אויך מקוים ווערן". האָבן די עלטערן אָפּ-געענטפֿערט: „יעדער פֿון אונדז האָט צען זין, זאָל בעסער איינער פֿון זיי שטאַרבן, אַבי די יידן זאָלן דאָ בלייבן. זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט, אַז כמעט אַלע פֿון די מצריים זענען געווען בכורים, ווייל זיי האָבן גע-פֿירט אַן אויסגעלאַסן לעבן.

זענען דעמאָלט די בכורים אַוועק צו פּרעהן, ווייל ער אַליין איז אויך געווען אַ בכור. האָט פּרעה געענטפֿערט: „אָדער מיין נשמה, אָדער זייער נשמה זאָל אויסגיין. און ער האָט באַפֿוילן זיינע קנעכט שלאָגן די בכורים. זענען די בכורים געוואָרן אין כעס און גענומען זייערע שווערדן און דער-הרגעט זייערע אייגענע עלטערן.

און ווען די מכה האָט זיך שוין געשטאַרקט איבער אַלע הייזער פֿון מצרים, איז פּרעה אַליין געלאָפֿן זוכן משהן און אים געבעטן ער זאָל וואָס גיכער אַרויספֿירן די יידן. אָבער משה און אהרן האָבן אים געענטפֿערט: „שוטה וואָס דו ביסט, ביינאַכט וועלן מיר אַרויסציִען פֿון דאַנען! זענען מיר דען גנבים, וואָס מיר זאָלן זיך אַרויסגנבענען ביינאַכט? אין דער פֿרי וועלן מיר אַרויסציִען, און פֿאַרוואָס איילסטו אונדז אַזוי פּלוצים?

האָט פּרעה געענטפֿערט: „איך בין אַ בכור און האָב מורא איך זאָל נישט שטאַרבן". אויף דעם האָט משה אים אָפּגעענטפֿערט: „דאַרפֿסט נישט מורא האָבן, עס וועט דיך טרעפֿן נאָך גרעסערע צרות".

און נישט בלויז פּרעה אַליין, נאָר אַלע מצריים האָבן שטאַרק געטריבן די יידן זיי זאָלן וואָס גיכער פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. און צו די מצריים האָט גאָט געזאָגט: „ביי אייער לעבן, איר וועט אַלע אומקומען, אָבער נישט דאָ נאָר ביים ים".

און אַזוי האָט גאָט די יידן אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים מיט זיין שטאַר-קער האַנט.

דריטער קאפיטל

פסח־דיקע מנהגים ביי אָריענטאַלישע אידן און שומרונים

דער שומרונישער קרבן פּסח — ביי די ספרדישע יידן — ביי יידן אין בוכארא און קאווקאז — די דראמאטישע אינסצעניזירונג ביי די מאַראָקאַנער יידן — פּסח ביי די מאַראַנען אין שפּאַניע און פּאָרטוגאל — תימן און ארץ־ישראל.

אין איינציקע גרופּע איז פאראן, וואָס שעכט נאָך עד־היום דעם קרבן פּסח מיט אַלע ריטואלן און צערעמאָניאלן ווי מיט צוויי־דריי טויזנט יאָר צוריק.

די קליינע סעקטע שומרונים, אן איבערבלייבעכץ פון אונדזערע אמאָ־ליקע גישט־פריינטלעכע שכנים, וועלכע האָבן איבערגענומען א טייל יידי־שע מנהגים, געפינט זיך נאָך איצטער אין דער שטאָט שכם, ארץ־ישראל, נישט ווייט פון די היסטאָרישע בערג עבל און גריזים. איצטער זענען זיי בלויז אן ערך ווי א צוויי הונדערט נפשות, אָבער אמאָל זענען זיי געווען גרויס און מעכטיק און אפילו געהאַט אן אייגענעם בית־המקדש.

די שומרונים האָבן תמיד געטענהט, אז זיי זענען די ריכטיקע יידן, ווייל זיי האָבן שטרענג אָפּגעהיט אַלע דינים פון תורת משה, אָבער בלויז אין זייער פּשוטן אויכטייטש, אָן די פּירושים און קאָמענטאַרן פון די חכמי התלמוד. אין זייער קאָנקורענץ און שנאה צו די יידן, האָבן זיי אפילו געלייקנט אין דער הייליקייט פון ציון און ירושלים. זיי האָבן געגלויבט, אַז שכם, די שטאָט, אין וועלכער זיי וווינען, און דער באַרג גריזים, וואָס רינגלט זיי ארום, איז דער אָרט, וווּ די שכינה רוט.

זייער גלאַנץ־פּעריאָד איז געווען אין דער צייט פונעם צווייטן בית־המקדש. דעמאָלט זענען זיי געווען גרויס און פּאָליטיש מעכטיק. זיי האָבן באוווינט דעם גאַנצן טייל לאַנד צווישן יהודה און גליל און געהאַט א סך

אָנהענגער אפילו אין דרום־סיריע און אין אנדערע מזרח-לענדער. די יידן האָבן זיך תמיד אָפּגעזאָגט מיט זיי מתחתן צו זיין, און מיט אנדערע פעלקער האָבן זיי אַליין נישט געוואָלט זיך אַסימילירן. אַזוי אַרום איז פון זיי איצט פאַרבליבן בלויז אַ קליינער איבערבלייב, וואָס האַלט זיך נאָך פעסט אין זייער אַלטער טראַדיציע.

ווי די יידן אין ארץ־ישראל, פייערן די שומרונים פסח בלויז זיבן טעג. אָבער דערפאַר ווערט ער געפייערט אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן. די גאַנצע עדה זייערע פאַרלאָזט זייערע הייזער, וואָס געפינען זיך אין טאָל צופוסנס דעם באַרג גריזים, און קלייבן זיך אַריבער מיט אַלע זייערע בע־ביכעס אויפן שפּיץ באַרג, צום אָרט, וווּ זייער בית־המקדש איז אַמאָל געשטאַנען און וווּ זיי גלויבן, עס געפינען זיך נאָך איצטער אַלע כלים און חפצים פון משכן.

דאָרטן אויפן באַרג, אויף אַ הויכקייט פון אַכט הונדערט מעטער, איז פאַרשטעקט אַ געצעלט מיט קאָלירטע לייַלעכער אין דער פאָרם פון אַ האַלבן צירקל, אינעווייניק איז אויסגעבעט מיט ווייכע זיידענע טאַפּעטן, אַרום און אַרום שטייען אַ רייע לאַנגע בענק, אינדערמיט אַ טיש מיט צוויי גרויסע פאָטער־שטולן. אויף איינעם, דעם העכערן, זיצט דער כהן גדול און אויפן צווייטן זיין געהילף.

צוועלף בייטאָג, ערב פּסח, איז שוין די גאַנצע מחנה יום-טובדיק. אַלע זענען אָנגעטאָן אין זייערע טייערסטע קליידער, ריין אויסגעוואַשן און אויסגעצוואָגן, און רויטע טאַרבושן, אַזעלכע בעקעשעס, אויף די קעפּ.

דעם כהן גדול זעט מען נישט דעם גאַנצן טאָג ערב פּסח. ער זונדערט זיך אָפּ אין זיין גרויסן געצעלט און איז זיך מכין צו דער גרויסער און הייליקער עבודה — דעם קרבן פּסח. ערב פּסח פאַסטן אַלע שומרונים פון זון אויפגאַנג אָן.

ביים אַריינגאַנג פון געצעלט זענען אויסגעשטעלט אַ מנין יינגלעך, די יונגע כהנימלעך, וועלכע ווערן איינגעאיבט אין דער עבודה. ביי זייער זייט זיצט אַן אַלטער שומרוני מיט אַ ספר תורה אין האַנט, וואָס איז, ווי זיי גלויבן, דריי טויזנט זיבן הונדערט יאָר אַלט, און אויפן טיש שטייט קאַווע, מילך, רייז, באַנאַנעס, מצות און אַלערליי פרוכטן.

די סביבה אַרום איז זייער אימפּאָזאַנט. מען זעט די בערג און טאָל פון וועלכן עס קוקט מאַיעסטעטיש אַרויס די שטאָט שכם איינגעטונקען אין אַ ים מיט ביימער. אַנטקעגן שטייט דער הר עבל, וועלכער איז הגם

וועדליק אונדזער תורה דער בארג פון קללה, שמעקט ער דאָך מיט פריש־קייט און גרינעם גראָז. פון דער אַנדער זייט איז דער הר גריזים, דער באַרג פון ברכה, וועלכער קוקט מיט שטאָלץ אויף דעם ספּעקטאַקל פון מקריב זיין אַ קרבן.

אויפן שפּיץ באַרג זענען אויסגעגראָבן דריי גריבער: איין גרוב — אַ שמאָלער און פלאַכער — איז דער מזבח. דאָרטן געפינען זיך עטלעכע גרויסע שטיינער, וועלכע זענען, ווי זיי גלויבן, די זעלבע איבער וועלכע יעקב אבינו איז אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן. נעבן די שטיינער שטייען צוויי קעסלען מיט זודיקע וואַסער און אַנדערע כלי מכשירים. אַנטקעגן, נעבן געצעלט, ליגט נאָך אַ גרויסער שטיין, וועלכער איז באַדעקט מיט קאָ־לירדייכע טעפּיכער. אויף דעם דאָזיקן שטיין זיצן עס די כהנים און זקנים אין ברייטע, ווייסע מאַנטלען, אַ סימבאָל, אַז אַלע זאָלן ווערן ווייס־ריין פון זינד און אַלט אין יאָרן.

די איבעריקע צוויי גריבער זענען טיפע, און אין זיי ווערט עס גע־בראָטן דער קרבן פּסח. עטלעכע שעפּסן ווערן געקוילעט, אָפּגעטרייבערט און אויסגערייניקט, דורכגעשטאָכן מיט אַ לאַנגן שפּיציקן שטעקן, און אַריינגעשטעקט אין דעם אָנגעגליטן גרוב. דאָרטן אינעם מיט בלאָטע באַ־שמירטן גרוב שטעקן די שפּיזן מיט די שעפּסן ביז זיי ווערן גוט אָפּגע־בראָטן. נעבן דעם גרוב איז אויך אויסגעגראָבן אַן אויוון מיט אָנגעגליטע שטיינער און דאָרויף באַקט זיך די מצה, אַזאַ שוואַרץ־טונקעלער טייג ווי אַ גרויס בלאַט לאָקשן. דער דריטער גרוב איז אַ לײדיקער און ווערט גע־האַלטן צו פאַרברענען דעם אָפּפאַל און איבערבלייבעכץ פון דער סעודה.

נאָך האַלבן טאָג הויבן זיך אָן די אינטענסיווע צוגרייטונגען צום קרבן פּסח. אַלע ווערן דעמאָלט ערנסט און רעליגיעז געשטימט. די כהנים און זקנים קניען אויף די טעפּיכער און זאָגן פול מיט יראה זייערע געבעטן. די איבעריקע האַלטן אין האַנט געשריבענע ספרים און קוקן פאַרטראַכט מיט די פנימער פאַררעיסן אינדערהויך.

דער כהן גדול קומט אַרויס פון זיין געצעלט און זעצט זיך אינמיטן קרייז נעבן מזבח. מען פירט פאַר אים דעמאָלט פאַרביי אַ טשערעדע ריין־אויסגעוואַשענע, אויסגעקליבענע פאַרפּוצטע שעפּסן. דער כהן גדול קלויבט פון זיי אויס איינעם פאַרן קרבן פּסח, און קערט זיך צוריק אין זיין גע־צעלט ווו ער פאַרבלייבט שוין אָפּגעזונדערט ביז די זון הויבט אָן פאַרגיין אין מערב.

ווען די זון האלט שויןביים אונטערגיין, גייען די עלטסטע און בכבור־דיקסטע פון דער עדה צום געצעלט פונעם כהן גדול און זענען אים מודיע אז די זון גייט שוין אונטער און הגיע זמן עבודה.

דער כהן גדול וואשט דריי מאל די הענט, די פיס און אנדערע טיילן, טוט אן א מין טאגע, א ווייסע מיט גאלד געפוצט ארום די ראנדן, א גארטל דורכגעוועבט אין גאלד און א ווייסן טורבאן מיט א לאנגן גאלדע־נעם קוטאס. די כהנים און זקנים גיבן דעמאלט שטארק אכטונג ער זאל חלילה נישט מאכן קיין טעות אין די דינים.

פארטיק ווערנדיק מיטן אנטאן די בגדי כהונה, נעמען אים די זקנים אונטער ארעם און פירן אים ארויס צו דער עדה. ער בענטשט זיי אלע־מען, און די עדה, קליין און גרויס, פאלן אויף זייערע קני. די חשובערע פון דער עדה גייען אויך צו איינציקווייז נאך א פערזענלעכע ברכה, און אלע צוזאמען שרייען און שאלן מיט עקסטאזע אויסרופן האלטנדיק די הענט אויפגעהויבן צום הימל און דאס פנים געווענדט צו דער אונטער־גייענדיקער זון.

ווען די זון איז שוין אויפן ראנד פון הימל, שטעלט זיך דאס גאנצע פאלק ארום דעם מזבח און זאגט תפילות. דער כהן גדול דרייט זיך אוים מיטן פנים צום ים און לייענט פאר די פרשה אין חומש, וווּ עס ווערט אנגעזאגט צו שעכטן א קרבן פסח. ווען די עדה איז נאך פארזונקען אין די תפילות, בינדן די יונגע כהנים דעם קרבן און לייגן אים ארויף אויפן מזבח. א ווײַלע ווערט טויט שטיל, אז מען הערט קוים זייער אטעמען. דער כהן גדול פארמאכט די אויגן, ציט אן די ברעמען, פארקנייטשט דעם שטערן, און פאלט אריין אין א מין הימלישער התבודדות. מיט גרויס אימה און יראה זאגט ער שטיל און אויסגעצויגן א קורצע תפילה — און עס הויבט זיך אן א גרויסער ליארם. אלע בקול אחד שרייען און קווי־טשען. און דער כהן גדול קוילעט דערווייל דעם קרבן. ער טוט עס גיך, כדי קיינער זאל נישט הערן דאס געשריי און מעקן פונעם שעפסעלע. דאס בלוט ווערט צוזאמענגעקליבן אין א גרויסן מעשענעם קעסל, און פון א צווייטן קעסל גיסט מען אויפן קרבן מיט הייס־זודיקע וואסער.

איינער נאכן אנדערן ווערן אזוי געקוילעט בערך זעקס־זיבן שעפסן און אפגעבראטן. איין שעפסעלע ווערט תמיד געהאלטן אין רעזערוו, טא־מער וועט זיך מאכן ערגעץ ווו א מום און דער קרבן וועט פסול ווערן. עטלעכע שעה גייען אזוי פארביי ביז די כהנים טרייבערן און בראטן אלע

שעפּסעלעך, און די עדה זיצט דערווייל אַרום דעם כהן גדול און פרייען זיך אויף אַ יום־טובדיקן שטייגער. מען קושט זיך איינער דעם אַנדערן פריער אויף דער רעכטער פּלייצע און דערנאָך אויף דער לינקער און מען קלויבט נחת דערפון וואָס אַלץ איז אַזוי גוט געלונגען אָן אַ שום מכשול חלילה.

די פרומערע אין דער עדה, די זקנים און חכמים, פאַרברענגען אין תפילות און די איבעריקע ליגן בהרחבההדיק אויסגעצויגן אויף זייערע בעט־לעך אין די געצעלטן און רוען זיך אויס כדי צו האָבן כוח צו עסן דעם קרבן פּסח.

אַרום איינס אַזייגער פאַרטאָג הויבט זיך אָן די גרויסע סעודה. דער געהילף פון כהן גדול זאָגט אַלעמען אָן, אַז אַלץ איז פּאַרטיק כדת וכדין און מוכן ומזומן אָנצוהייבן די סעודה. דער לאַגער וואַכט אויף און ווערט שטאַרק באַלעבט. מען וואַשט זיך די הענט און פּיס, און מען טוט זיך אָן אין ווייסן, די לענדן פאַרגאַרטלט און מיט שטעקנס אין די הענט, ווי די יידן בעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

אויף גרויסע געפּלאָכטענע טאַצן און קערב ברענגט מען די געבראָ־טענע שעפּסן, מצה און מרור, און דער כהן גדול הייבט אָן אייַנטיילן יעדן זיין חלק. פריער רייסט ער אַליין אָפּ מיט די הענט שטיקער פלייש, און באַלד דערנאָך טוען עס אַלע אין גרוים אייַלעניש. די פרויען באַטייליקן זיך נישט דירעקט אין דער עבודה, נאָר פאַרבלייבן אין זייערע געצעלטן צוזאַמען מיט זייערע קליינע קינדער. די מענער טראָגן זיי אַריין גרויסע טעלער מיט פלייש, און אין בערך צוואַנציק מינוט איז אַלץ, אַ חוץ די ביינער, אויפגעגעסן. אַלץ וואָס בלייבט איבער פון דער סעודה, די ביינער, די קערב, די כלים און אַפילו די מצה, ווערט פאַרברענט. דער עולם זאָגט נאָך עטלעכע תפילות, און די צערעמאָניע ווערט פאַרענדיקט.

די ספרדישע יידן פּראַווען דעם סדר מיט אַ באַזונדערער שיינקייט. שוין גלייך נאָך פּורים הויבן זיי אָן צו באַקן מצות אויף פּסח, און דערביי האָבן זיי באַזונדערע תפילות און כונות פון אַ מיסטישן, קאַבאַליסטישן כאַראַקטער. די רייכערע און פרומערע צווישן זיי באַקן „מצה עשירה" — רייכע מצות — געקנאָטן מיט בוימל און וויין, וועלכע דינען אויך ווי כיבוד אויפצונעמען די פילע געסט און פריינט וואָס קומען יעדן חול המועד אויף באַזוך.

בײַ די ספרדים פּראַוועט מען נישט דעם סדר יעדע פאַמיליע באַ־

זונדער, נאָר עטלעכע צוזאַמען. דערביי ווערט אינסצענירט דער גאַנצער אופן פון יציאת מצרים. ווען אַלע זיצן שוין אויסגעזעצט אַרום טיש, קומט אַריין איינער פאַרשטעלט ווי אַן אורח מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און שטעקן אין האַנט, און דערציילט זיי, אַז ער איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון מצרים אַ באַפרייטער פון שקלאַפעריי מיט אַלע איבעריקע יידן. די מסור־בים ביים טיש שטעלן אָן אַ נאַאיווע מינע, און פרעגן אים אויס אַלע איינצלהייטן, וואָס ער דערציילט גערן באריכות. נאָכדעם ווי ער פאַר־ענדיקט דערציילן די גאַנצע מעשה, לאַדט מען אים צום טיש און אַלע צוזאַמען הויבן ערשט אָן צו זאָגן די הגדה מיט אַ שיינעם אָריענטאַלישן ניגון.

די פרויען זאָגן אויך מיט די הגדה, און דערביי זענען זיי אויסגע־פּוצט אין בגדי מלכות און אין האָניק. דער גאַנצער סדר איז כמעט דער זעלבער ווי אונדזערער, אַ חוץ וואָס ביי זיי באַהאַלט מען נישט דעם אפיקומן אונטערן קישן, נאָר איינגעוויקלט אין אַ זיידענעם טוך וואָס זיי טראָגן אויף די פּלייצעס בעת זיי זאָגן די הגדה. אויך די קשיות זענען ביי זיי אַביסל אַנדערש ווי ביי אונדז. דערפאַר אָבער איז אַלץ ביי זיי מער פאַנטאַסטיש און רעליגיעזער.

זייער ענלעך אָבער מער פּאַטריאַרכאַליש איז דער סדר ביי די יידן פון בוכאַראַ. זיי ווי אַלע קאַווקאַזער יידן פּייערן דעם סדר זיצנדיק אויף דער ערד. אָנגעטאָן זענען זיי אין זייער פולן רעגאַליא ווי אויף אַ נאַ־ציאָנאַלן פּאַראַד. זיי טראָגן זייערע בעסטע קליידער מיט אַ קורצן שטי־לעט אָדער פּיסטאָלעט אויף דער רעכטער זייט און אַ גאַרטל אָנגעלאָדן מיט אומצייליקע קוילן. אויך די פרויען זענען אויסגעפּוצט און באַ־האָנגען מיט אַ סך צירונג. די יינגערע פון זיי האָבן אויך שמעקנדיקע בלומען אַריינגעפלאָכטן אין די האָר. די שטוב איז לכבוד יום־טוב אויפ־געראַמט און באַהאָנגען מיט בלומען.

די אָרדנונג אַרום סדר איז וועדליק די יאָרן און חשיבות: די עלטערע און מער אָנגעזעענע פריער, די יינגערע דערנאָך און לסוף די פרויען. אויפן טיש זענען אויסגעשטעלט פאַרשידענע כלים, מצות, וויין, כוסות, זרוע מרור, חרוסת און דערצו נאָך רויזן און שמעקנדיקע גראָזן. אַפילו אין די פלאַשן וויין איז אויך אַריינגעשטעקט אַ הדס־ריטל באַצירט מיט רויזן און גראָזן. אַ טייל יידן זיצן אָנשטאָט אויף דער ערד, אויף נידעריקע סאָפקעס אָנגעלייגט מיט ווייכע קישנס אויף אָנצושפּאַרן זיך.

ווען זיי קומען צו דער שטעל אין דער הגדה, וווּ עס ווערט געזאָגט, אַז יעדער ייד דאַרף זיך פאָרשטעלן ווי ער אַליין וואָלט געווען פון די אַרויסגעגאַנגענע פון מצרים, הייבט זיך אָן די דראַמאַטישע אינסצעניִרונג אין וועלכער אַלע מענער באַטייליקן זיך.

דער אבי המשפחה, דער וואָס פירט אָן מיטן סדר, גיט אַ כאַפּ אויף גיך דעם שטעקן אין האַנט, לייגט אַרויף אַ פּעקעלע מיט מצות וואָס דאָס ווייב דערלאַנגט אים, גיט עס אַ פאַרוואָרף שנעל אויף דער פּלייצע און הייבט אָן אַרומלויפן איבערן הויז אַהין און צוריק ביז ער שטעלט זיך אָפּ אין אַ ווינקל. דערביי זאָגט ער צו אַלעמען: „אַט אַזוי זענען אונדזערע אור־עלטערן אַרויסגעגאַנגען פון מצרים".

די בחורים גייען אַריין אין אַ דערבייאיקן חדר, קלויבן פון זיך אויס איינעם, וועלכער שפּילט די ראָל פונעם פאַרוואָגלטן יידן, ענלעך צו דעם וואָס ביי די ספרדים.

באַלד דערהערט מען ווי עמיצער קלאַפּט שטאַרק אין טיר. מען עפנט, און ביים טיר שטייט דער אויסגעקליבענער שוין אָנגעטאָן אין שמאַטעס מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע און שטעקן אין האַנט. ער דערציילט זיי, אַז ער איז אַ פאַרוואָגלטער פון ירושלים און איז געקומען אָנזאָגן די גוטע בשורה פון אַ נאָענטער גאולה פאַר אַלע יידן. ער בעט זיך מען זאָל אים אַריינלאָזן אָפּריכטן דעם סדר, ווי עס איז דער געבאָט פון גאָט.

די קלענערע קינדער גייען צו און פרעגן אים:

— ווער ביסטו און וואָס ווילסטו דאָ?

— איך בין אַ ייד און וויל מיט אייך אָפּריכטן דעם סדר — ענטפערט ער מיט תחנונים אין די אויגן.

— ווי אַזוי קענען מיר דיר גלויבן, אַז דו ביסט אַ ייד?

— איך טראָג אַ טלית־קטן און ציצית.

— גיב נאָך אַ סימן, אַז דו ביסט אַ ייד.

— זאָלן מיינע פּאות זיין עדות פאַר מיר.

— אויב דו ביסט אַ ייד, טאָ פאַרוואָס קומסטו אַזוי שפּעט?

— איך קום איצטער פון ירושלים עיר הקודש. דער וועג איז אַ ווייטער און אַ סכנהדיקער, שונאים לויערן אין יעדן ווינקל, און דערלאָזן נישט אַ יידן זיך צו פאַראייניקן מיט זיינע איבעריקע ברידער.

באַלד ווערט אַ פרייד אין הויז. מען נעמט אים אויף ווי אַ ליבן און חשובן גאַסט, און יעדער איינער באַפאַלט אים מיט אַן אַנדער פראַגע;

— וואָס הערט זיך עפּעס אין דער הייליקער שטאָט ירושלים? וואָס מאַכן דאָרטן אונדזערע ברידער און ווען וועט שוין קומען משיח און אונדז אַרויספירן פונעם ביטערן גלות?

דער אורח דערציילט זיי אַלץ באַריכות וועגן ירושלים, וועגן אירע הייליקע קברים, וועגן דעם כותל מערבי, וועגן די פילע בתי מדרשים און ישיבות, און וועגן די זיכערע סמנים, אַז משיח איז שוין אויף זיין וועג אויסצולייזן די יידן. אַלע הייבן דעמאָלט אויף די הענט צום הימל, און דאַנקען און לויבן גאָט פאַרן גרויסן חסד.

ביי די מאַראָקאַנער יידן איז דער דראַמאַטישער עלעמענט אַביסל אַנדערש. דאָרטן איז דער עלטסטער פון דער פאַמיליע דער וועמען מען פרעגט די כלערליי פראַגן.

נאָך דער הגדה כאַפּט ער דעם שטעקן און פּעקל אויפן פּלייצע און לויפט אַרויס אַרום הויז אָדער אין שטוב און באַוועגט זיך גיך און שנעל שרייענדיק הויך: „אַט אַזוי זענען אונדזערע עלטערן אַרויסגעגאַנגען פון מצרים". דערנאָך גייט צו אים צו אַ יינגעלע און פרעגט אים בזה הלשון:

— פון וואַנען קומסטו?

— פון מצרים.

— און וווהין גייסטו?

— קיין ירושלים.

— וווהין גייסטו איצטער? — חזרן אַלע אין הויז איבער די זעלבע פראַגע.

— קיין ירושלים!

נאָכן דאָזיקן געשפּרעך זעצט ער זיך צוריק אויף זיין אָרט, און דער יינגסטער הייבט אָן די פיר קשיות.

דער אפיקומן איז ביי זיי אַ טייער אַרטיקל, און יעדער איינער זעט זיך צו באַזאָרגן מיט אַ שטיקל פאַר אַ סגולה.

די „פאַרגעסענע יידן", די אור־אייניקלעך פון די אַמאָליקע אַנו־סים, די מאַראַנען אין שפּאַניע און אין פּאָרטוגאַל, פּראַוועון דעם יום־טוב פסח אויף זייער אַן אייגנאַרטיקן אופן:

ווי נאָר עס הייבט זיך אָן דער חודש ניסן, ווערט אין די הייזער פון די אנוסים אַ גאַנצע איבערקערעניש. מען קאַלכט די הייזער, מען גרייט אָן נייע כלים און מען מאַכט ווין. אַ גאַנץ יאָר טרינקען זיי יין נסך, גויישן

וויין, אָבער נישט אויף פסח. מען גרייט אויך אָן א ספּעציעלן מעל אויף מצות, אָבער די מצות ווערן ערשט געבאַקן פּסח גופא.

די ערשטע צוויי טעג היטן זיי אָפּ זייער שטרענג. זיי טוען נישט קיין אַרבעט, אָבער זיי האָבן נישט קיין סדר און היטן נישט אָפּ די מצות. די סיבה איז, וואָס אין די ערשטע צוויי טעג זענען זיי שטאַרק געהיט געוואָרן פון דער אינקוויזיציע, און זיי האָבן דעריבער געמאַכט אויף צוויי טעג א נדחה. אָט דער דאָזיקער נדחה איז געבליבן א מנהג ביז היינטיקן טאָג, כאָטש איצטער האָבן זיי שוין נישט מער פאַרוואָס מורא צו האָבן.

אין דער דריטער נאַכט פון פּסח, קומען זיך אַלע צונויף גאַנץ סעק־רעט — נאָך א סימן פון דער אַמאָליקער אינקוויזיציע — אינעם הויז פון דעם ראש הקהל, וווּ עס שטייט שוין אָנגעגרייט א פרישער ווייס־געקאַלכ־טער אויוון צו באַקן מצות. אַלע זענען זיך דערין עוסק, די מענער און פרויען, און זענען דערביי איינגעהילט אין ווייסע לײַלעכער, אַן אָנדענק פון די אַמאָליקע ווייסע קיטלען, וואָס זייערע אור־עלטערן האָבן געטראָגן צום סדר.

יעדער איינער ברענגט מיט זיך ווערבעס פון עצי זית, וועלכע מען וואַרפט אַריין אינעם פייער איידער מען הויבט אָן קנעטן דעם טייג. בעת די פרויען קנעטן דעם טייג, פאַלן די מענער אויף די קני און זאָגן תפילות. אַמאָל האָבן זיי געהאַט א מנהג צו קלאַפּן די ווערבעס אָן דעם וואַסער פון א טייך, פּונקט ווי מיר טוען הושענה רבה, אָבער ביי זיי איז עס א זכר פון קריעת ים סוף און נישט אָפּצוטרייסלען פון זיך די זינד.

נאָכן פאַרקנעטן דעם טייג, וואַרפט יעדער איינער א שטיק טייג אין פייער, כדי דערמיט מקיים צו זיין די מצווה פון חלה נעמען. דערביי איילן זיי זיך וואָס פריער די טייג אַריינצוּוואַרפן, ווייל ביי זיי איז פאַראַן א גלויבן, אַז וועמענס טייג עס ווערט גיכער פאַרברענט, וועט האָבן א גליק־לעך יאָר. אינטערעסאַנט איז די תפילה וואָס זיי זאָגן דערביי: „סאַמוא, נעם עס צו כדי צו שפּייזן די הונגעריקע". וואָס זיי מיינען מיט דעם וואָרט „סאַמוא", ווייסט מען נישט. א טייל געלערנטע זאָגן, אַז עס איז א פאַרגרייזונג פון „שמע ישראל". אַנדערע זאָגן, אַז דערמיט מיינט מען דעם שטן „סאַמועל". אַנדערע זאָגן, אַז עס איז דער אַראַמישער וואָרט „שמיא — הימל". גאָר אַנדערע זאָגן, אַז עס איז א קריסטלעכער הייליקער מיט וואָס די מאַראַנען האָבן געוואָלט די אינקוויזיטאָרן אָפּנאַרן און מאַ־כן דעם איינדרוק, אַז עס איז א קריסטלעכער גאָטעסדינסט.

נאָכדעם ווי די מצות ווערן אָפּגעבאַקן, באַקומט יעדער איינער זיין חלק, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין אַ קלאָר וויסן לײַלעך, און מען ווינטשט זיך אַ „זיכערן פּסח". מען צוקושט זיך און מען איז פריילעך. די ברכה איז אויך אַוודאי אַן איבערבלייבעכץ פון דער אינקוויזיציע, ווען מען האָט ריזיקירט מיטן לעבן נישט געכאַפּט צו ווערן עסנדיק מצות.

די מאַראַנען פייערן פּסח זיבן טעג אין וועלכע זיי עסן בלויז מצות, אָבער נישט קיין פלייש כדי נישט צו עסן פּסח קיין טרפות. פון אַ סדר מיט הגדה האָבן זיי קיין אַנונג נישט, כאָטש ארבע כוסות האָבן זיי יאָ. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אָט די דאָזיקע טראַדיציע ווערט אָפּגעהיט ביי גאַנץ פרומע קריסטן וואָס האָבן גאָר קיין אַנונג נישט אַז זיי שטאַמען פון יידן. די קירכע האָט עס שוין אַ סך מאָל געפּרובירט אויסראָטן, אָבער אָן דערפאָלג. איצטער מאַכט זיך די קירכע שוין נישט וויסנדיק דערפון, און ביי אַ סך איז דער גלויבן, אַז עס איז אַ טייל פון דער קריסטלעכער אמונה.

צווישן אַ סך מאַראַנען איז אַפילו געבליבן דער מנהג צו באַשמירן די ביישטידלעך פון די טירן מיט בלוט פון אַ געקוילעטן שעפּס, ווי עס איז געטאָן געוואָרן בעת יציאת מצרים.

די יידן פון תימן און באַגדאַד פּראַווען דעם סדר אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן אָן דראַמאַטישע עפעקטן, דערפאַר אָבער איז זייער נוסח פון דער הגדה טיילווייז גאַנץ אַנדערש ווי אונדזערער.

די קשיות ווערן געפרעגט אויף אַזאַ אופן: דער קלענסטער ייִנגל נעמט אין דער רעכטער האַנט די זרוע און אין דער לינקער אַן איי, און פרעגט די ערשטע קשיה אויף וואָס מען ענטפערט מיט דעם גאַנצן „עבדים היינו", אַזוי ביזן סוף פון דער הגדה. ערשט דערנאָך פרעגט דער זעלבער אָדער אַן אַנדער ייִנגל די צווייטע קשיה, און ווידער זאָגט מען די הגדה. אַזוי חזרט עס זיך איבער ביז אַלע פיר קשיות זענען געפרעגט געוואָרן.

די הגדה האָט אַ גאַנץ קליינע און אומבאַדייטנדיקע ענדערונגען, אַ חוץ דער קידוש וואָס איז היבשלעך אַנדערש ווי ביי אונדז. די גאַנצע הגדה ווערט געזאָגט אין העברעאיש, אָבער איז ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַ גרויסע מצווה יעדעס וואָרט צו פאַרטייטשן אין אַראַביש, כדי אויך די פרויען זאָלן פאַרשטיין און וויסן פון די גרויסע נסים.

ווי יעדער יום־טוב ווערט אויך דער פּסח געפייערט אין ארץ־ישראל מיט גרויס פּאָמפּ און פּאַרנעס. פּסח איז אָפט דער סאַמער פריילעכסטער

און אַנגעזעענסטער יום-טוב, ווייל אויף פּסח קומען אהין יידן מארבע
פּינות אָהעולם. דאָס קליינע לאַנד איז דעמאָלט פול מיט כלערליי טורים־
טן, יידישע און נישט־יידישע, וועלכע פארפלייצן די גאסן פון ירושלים
און תל-אביב.

ערב פסח פארנאכט גייען אלע יידן צום כותל מערבי, און די שטאָט
ירושלים באקומט דעמאָלט איר נאטירלעכן אָריענטאלישן אויסזען. דע־
מאָלט זעט מען די פרומע ירושלימער יידן מיט זייערע גאָר הויכע און
פלאטשיק נידעריקע שטריימלעך; די פוילישע חסידים מיט זייער אטלע־
סענע קאפּאָטעס און ווייסע זאָקן; די ספרדישע יידן מיט זייערע טורבא־
נען אויף די קעפּ; די בוכארער יידן מיט זייערע פורפורנע כאלאטן; די
קאווקאזער מיט פּאפּאכעס אויף די קעפּ און ברייטע שארווארן; די אמע־
ריקאנער און אייראָפּעאישע יידן מיט צילינדערס און שווארצע פראקן,
און צווישן זיי אלעמען א גרופּע חלוצים מיט ווייסע פאנאנדערגעשפּילע־
טע בלוזעס און גרויסע זון־היט, וועמענס פּיס הויבן זיך תמיד אין א האָ־
רא־טאנץ.

אין תל־אביב איז עס אן אמתער ליל שמורים. טיר און טויער איז
אָפן, און פון אומעטום טראָגט זיך דער פרייליכער און געמיטלעכער גע־
זאנג: פון דער הגדה און גאולה. אויך די חלוצים און בכלל די יונגווארג
האָבן זייער סדר במסיבה און בציבור, און אזוי גיך ווי מען ווערט פאר־
טיק מיט דער הגדה, לאָזט מען זיך ארויס טאנצן איבער די גאסן ביז
גראָען טאָג אריין.

אויפן אָרט פונעם גלות-רוף: „לשנה הבאה בירושלים", קלינגט דאָרטן
דער רוף: „לשנה הבאה בירושלים הבנויה" — איבער א יאָר אינעם אויפ-
געבויטן ירושלים!"

פערטער קאפיטל

די באַדייטונג פון פסח צערעמאָניאַלן

שבת הגדול — בדיקת חמץ — די הגדה — דער סדר — דריי מצות — ארבע כוסות — די פיר קשיות — ארבעה בנים — הסיבה־בעט — גרינסן אין זאלץ־וואסער — די צען מכות — דער אפיקומן — אליהו הנביאס כוס — שפילן אין ניס — מעות חטים — שפוך חמתך — דער קיטל — קיילעכדיקע מצות — חד גדיא.

צוליב דעם געדאַנק, אז פסח דאַרף פריער פון אַלץ זיין א יום־טוב פאַר דער גאנצער פאמיליע אין וועלכן דער מאַן, די פרוי און די קינדער זאָלן זיך מיט פרייד באַטייליקן, האָט זיך עס אַנטוויקלט דער גאַנצער סדר צערעמאָניאַל.

די באַגרינדער פונעם תלמוד, וועלכע האָבן פארגעשריבן די איינצל־הייטן פון דעם סדר, האָבן קענטיק מתכון געווען, אז די צערעמאָניע זאָל זיין וואָס מער איינדרוקספול און זאָל די סדר אָפּריכטער פאַרשאַפן א סך פאַרגעניגן. דערפאַר האָט מען, משמעות, אריינגעגעבן אין דער הגדה די שענסטע קאַפּיטלעך תהילים און שפּעטער צו זיי צוגעגעבן שיינע טראַדי־ציאָנעלע ניגונים.

דער סדר, די באַשטימטע אָרדנונג, אז אויפן טיש זאָלן ליגן איבער־געדעקט דריי מצות איינע אויף די אַנדערע, דער כהן, לוי און ישראל. אויף א קלאָר ווייסן טעלער ליגן אויסגעלייגט די מכשירים: אין מאַמע אויבנאָן צו דער רעכטער זייט ליגט די זרוע, א שטיקל געבראָטענע פלייש; פונקט אַנטקעגן, לינקס, ליגט דאָס געבאַקטע איי; הינטער זיי, אינדערמיט, ליגט דער מרור, די ביטערע קרייטעכער; אַרונטער, רעכטס, ליגט דער חרוסת, דער איינגעמאַכטס פון צעריבענע ניס מיט וויין און אינגבער; אַנטקעגן, לינקס, דער כרפס, די גרינצייג; הינטן, אינדערמיט, שטייט דער הזרת.

דער טעם פאַרוואָס מען לייגט דריי מצות, כאָטש שבת לייגט מען בלויז צוויי חלות, איז ווייל ווען די מלאכים זענען געקומען צו אברהמען, ווי עס ווערט דערציילט אין דער תורה, אים אָנזאָגן אַז שרה וועט אין גיכן געבוירן אַ זון, איז עס פונקט געווען פסח און אברהם האָט דערפאַר געהייסן מאַכן פאַר זיי מצות פון דריי מאָס מעל. אַן אַנדער טעם איז, וואָס כדי צו מאַכן די ברכה המוציא לחם מן הארץ מוז מען האָבן צוויי אין אָנדענק פון דעם לחם המשנה אין בית המקדש, און אַזוי ווי איין מצה ווערט דאָך איבערגעבראָכן פאַרן מאַכן די ברכה כדי צו האָבן אַן אפּי־קומן, מוז מען אוועקלייגן דריי מצות.

דער טעם פאַרוואָס מען טונקט גרינסן אין זאַלץ־וואַסער און מען עסט אויך אייער מיט זאַלץ־וואַסער, איז, וואָס די עגיפּטישע גלחים איז געווען פאַרבאָטן צו עסן זאַלץ אָדער אייער מיט פלייש. טוען מיר דווקא אַזוינס וואָס איז זיי געווען פאַרבאָטן כדי צו באַווייזן אַז מיר זענען פריי פון עגיפּטישער שקלאַפעריי.

דער מנהג צו טרינקען פיר כוסות וויין איז איינגעפירט געוואָרן ביי די חכמי התלמוד, וועלכע האָבן עס אגב געמאַכט פאַר זייער אַ וויכטיקן טייל פונעם פסח ריטואַל. די גמרא גיט אָן אַ סך טעמים דאַרויף. דער תנא ר' לוי זאָגט, אַז זיי זענען אַ רמז, אַן אָנדייטונג אויף די פיר פעלקער וואָס האָבן די יידן געפייניקט: די כשדים, מדי, יון און אדום. אַ צווייטער באַגרינדעט עס אויף דעם וואָס אין דער תורה (בראשית פרשה מ') גע־פינט זיך פיר מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט „כוס פרעה", דאַרף מען דאַרי־בער טרינקען פיר מאָל כדי זיך צו דערמאָנען אין פרעה מלך מצרים.

דער וויין דאַרף אייגנטלעך זיין דווקא רויטער כדי זיך צו דערמאָנען אָן דער בלוט־פאַרגיסונג אונטער דעם מלכות אדום, וואָס איז אין העב־רעאיש אויך דער טייטש: רויט. איצטער איז מען מער נישט מדקדק אויפן קאָליר פונעם וויין, ווייל אין די צייטן פון עלילת דם, ווען מען האָט אין דער רויטקייט פונעם וויין געזען אַ סימבאָל פון קריסטלעך בלוט וואָס יידן האָבן, וועדליק דעם בילבול, געמוזט האָבן צו באַשפּריצן די מצות, האָט מען עס אויפגעהערט צו נוצן.

וועגן דעם וואָס מען איז זיך נוהג אָפּצוטריפן אַ טראָפּן פון די כוסות וויין ביי יעדער פון די צען מכות און זייערע סמנים: דצ"ך, עד"ש, באח"ב, איז דערפאַר ווייל יעדע מכה האָט ביי די מצרים עפּעס פאַרמינערט און

געוואָרן ווייניקער. בכן, מאַכן מיר אין אנדענק אויך ווייניקער פון אונדזערע כוסות.

ביים סדר איז אַ מנהג, אַז דער עלטסטער זין פון דער פאַמיליע אָדער יעדער מיטגליד זאָל זיצן אויף אַ הסיבה־בעט אָנגעלענט אויף אַ קישן. דער מנהג שטאַמט דערפון וואָס אין די אָריענטאַלישע לענדער זיצט דער פּרינץ אָדער מלך תמיד אונטערגעבעט מיט קישנס, און אַזוי ווי פסח ביי־נאַכט איז דאָך יעדער ייד אַ מלך, זיצט ער אויך אונטערגעבעט.

פרומע יידן פירן זיך צו לאָזן די טיר פון הויז אָפן די גאַנצע נאַכט פון פסח. דער טעם איז וואָס אין דער תורה שטייט געשריבן אַז עס איז אַ ליל שמורים — אַ נאַכט אין וועלכער גאָט אַליין וואַכט איבער אונדז.

עס איז אַ מנהג צו באַהאַלטן דעם אפיקומן אונטערן קישן. אַנדערע באַהאַלטן אפילו טיילן דערפון אַ גאַנץ יאָר. דער טעם איז וואָס אין דער תורה שטייט: „ושמרתם את המצות — און איר זאָלט היטן די מצות". נאָך אַ טעם איז וואָס עס שטייט אין דער תורה „משארותם צרורות בשמ־לותם — זיי האָבן איינגעוויקלט זייער טייג אין זייערע קליידער".

דאָס אַוועקגנבענען דעם אפיקומן איז נישט קיין מנהג, און האָט מער צו טאָן מיט דעם ווילן צו האַלטן די קליינע קינדער וואַך ביים סדר און אַרויסצורופן ביי זיי אַן אינטערעס צו די צערעמאָניאַלן. דער דאָזיקער מנהג איז נאָך גאָר אַ יונגער, אָבער ווען און ווו מען האָט אים צום ערשטן מאָל איינגעפירט איז אומבאַקאַנט.

וועגן דעם מנהג אָנצוגיסן אַ פינפטן כוס, דער כוס של אליהו, און אים לאָזן שטיין אומבאַרירט, זענען פאַראַן גאָר אַ סך טעמים, לאָגישע און מיסטישע. דער קלאָרסטער טעם איז, וואָס היות די אַרבע כוסות באַ־צייכענען די פיר באַזונדערע פאַרשפּרעכונגען פון גאָט די יידן אויסצו־לייזן: והוצאתי, והצלתי, וגאלתי און ולקחתי, און היות אין דער תורה איז פאַראַן אַ פינפטער פאַרשפּרעכן „והבאתי אתכם אל הארץ", גיסט מען דעריבער אָן אַ פינפטן כוס וואָס מיר טרינקען נישט, ווייל אויף דער דאָזיקער פאַרשפּרעכונג, די אמתע און לעצטע גאולה, וואַרטן מיר נאָך אויף אליהו הנביא אונדז צו ברענגען די בשורה.

אגב, גייט טאַקע אין דער גמרא אָן אַ פלוגתא צי מען זאָל טרינקען פיר כוסות אָדער האָבן אַ באַזונדערן כוס פאַר ברכת המזון, און אַזוי ווי די דאָזיקע פלוגתא איז פאַרבליבן אומפאַרענטפערט און נישט אַנטשידן, איז דער דין אין תלמוד: תיקו — תשבי יתרץ קושיות ואבעיות, אליהו

התשבי וועט קומען, וועט ער פארענטפערן אלע קשיות און ספקות. דער־פאר, משמעות, לאזן מיר דעם פינפטן כוס פאר אליהו.

וועגן דעם מנהג צו טראגן א קיטל ביים סדר, זענען אויך פאראן אן א שיעור טעמים. דער פשוטסטער איז אבער וואס ביי יידן איז ווייס תמיד באטראכט געווארן א סימן פון חשיבות און צניעות.

דער הויפט טייל פון דעם סדר־ריטואל איז דער זאגן די הגדה. שוין פון שבת הגדול אן, דער שבת פאר פסח, דארף מען זיך על פי דין צוגע־וווינען צו דער הגדה. דערפאר זאגט מען שבת הגדול נאכמיטאג א גרויסן טייל פון דער הגדה. יענעם שבת רופט מען „שבת הגדול — דער גרויסער שבת" דערפאר וואס אינעם שבת פאר פסח זענען פארגעקומען גרויסע נסים מיט די יידן. יענעם שבת האבן די יוצאי מצרים באדארפט צוגרייטן א לעמעלע פאר א קרבן פסח, און א לעמעלע איז געווען שטארק פארהיי־ליקט ביי די מצרים. די יידן האבן זיך שטארק געשראקן איבער דער פאר־שוועכונג פון דער מצרישער הייליקייט, איז אבער געשען דער נס וואס די מצרים האבן געשוויגן.

די הגדה, וואס מיינט: דערציילן, איז באגרינדעט אויפן באפעל פון דער תורה. „והגדת לבנך ביום ההוא לאמור, בעבור זה עשה לי ד' בצאתי ממצרים — און דו זאלסט דערציילן דיין קינד און אים זאגן, אז צוליב דעם האט עס גאט אונדז געטאן ווען ער האט אונדז ארויסגעפירט פון מצרים", און אט אזוי האלטן מיר יאר איין און יאר אויס אין איין דער־ציילן די געשיכטע פון יציאת מצרים.

נאך אמאל האט מען מסתמא זיך דערציילט יעדער איינער אויף זיין אייגענעם אייגנארטיקן אופן, אן א באשטימטן סדר און ארדנונג. איצט אבער האבן מיר א צוזאמענגעשטעלטע הגדה מיט א געוויסן סדר, וואס ווערט אפגעהיט ביי יידן אויף גאר דער וועלט.

די הגדה איז צוזאמענגעשטעלט געווארן אין איר גרעסטן טייל ביי די אנשי כנסת הגדולה. הכתחילה איז די הגדה באשטאנען בלויז פון גע־ציילטע פאסיקע פסוקים. שפעטער אבער האבן די תנאים ביסלעכווייז צו־געגעבן די פארשידענע ברכות און דרשות ביז די קאפיטלעך פון הלל. די איבעריקע טיילן זענען שוין פיל שפעטער צוגעלייגט געווארן איינציקווייז און מיט קליינע אומבאדייטנדיקע ענדערונגען.

די הגדה הויבט זיך אן מיט „הא לחמא עניא — דאס דאזיקע איז דער ארימער ברויט וואס אונדזערע עלטערן האבן געגעסן". עס איז גע־

שריבן אינגאנצן אין אראמיש, כאטש אין די היינטיקע הגדות האבן מיר שוין אינעם קאפיטל צוויי ווערטער: „לשנה הבאה", וואס זענען העברע־איש. אין א גאנץ אלטער הגדה איז דער נוסח „לשתא דאתיא", א ריין אראמישער אויסדרוק, און דאס באווייזט אז עס איז פארפאסט געווארן אין בבל ווו יידן האבן הונדערטער יארן נאכאנאנד גערעדט אראמיש.

די קשיות וואס די קינדער פרעגן ביים סדר, זענען געווען א טייל פונעם צערעמאניאל נאך אינעם דריטן יארהונדערט. די איצטיקע אָרד־נונג פון די קשיות זענען אבער נישט די זעלבע. אין תלמוד גייט אן א פלוגתא וועגן דעם. אין דער ערשטער צייט פון דער משנה זענען, ווייזט אויס, געווען בלויז דריי קשיות, און ערשט שפעטער האט מען צוגעשטעלט די פערטע קשיה. אין תלמוד ירושלמי רעכנט די משנה אויס בלויז דריי קשיות. די קשיה וועגן איינטונקען גרינצייג, וועגן עסן מצה און וועגן עסן געבראטנס. אין סידור רב עמרם גאון איז דער סדר פון די קשיות אויך אן אנדערער. אין דער משנה פון בבלי (פסחים פרק י') ווערט אויך אנגע־געבן די קשיה וועגן געבראטנס. דער רשב"ם איז דער ערשטער וואס גיט אן א טעם פארוואס מען האט ארויסגעווארפן די קשיה וועגן עסן גע־בראטנס.

אויף די פיר קשיות ענטפערט מען מיט „עבדים היינו", וואס ווערט שוין דערמאנט אין תלמוד. דארטן ווערט אויך אנגעזאגט, אז מען הויבט אן די הגדה מיט גנאי און מען פארענדיקט מיט שבח.

דער טעם וועגן די ארבעה בנים, די פיר זין אין דער הגדה, געפינט זיך אנגעדייט אין דער תורה. דארטן ווערט דריי מאל אנגעזאגט: „והיה כי ישאלך בנך מחר — אז דיין זון וועט דיך פרעגן". א פערטער מאל שטייט אבער „והגדת לבנך — און דו זאלסט זאגן דיין זון". האט רבי חייא דערפון ארויסגעדרונגען אז די תורה האט אין זינען די פיר פארשידענע מינים זין: דעם חכם, רשע, תם און שאינו יודע לשאול, וועלכע שטעלן זייערע פראגן אין פארשידענע פארמען און דארפן באענטפערט ווערן יעדע אויף א באזונדערן אופן. דער תלמוד ירושלמי ענדערט אויך דא דעם נוסח און הייסט אויך נישט דעם רשע אויסהאקן די ציין. (ירושלמי פסחים פרק ו' הלכה ד').

דער „דינו", „אדיר הוא" און „כי לו נאה", זענען אמת שיינע פאע־מעס מיט א סך דיכטערישער קראפט. ווער דער מחבר איז ווייסט מען נישט, אבער מען איז זיך משער, אז זיי זענען פארפאסט געווארן אין

דייטשלאַנד און זענען געבויט אויף אַלטע יידישע געזאַנגען.

די סאַמע לעצטע עטלעכע קאַפּיטלעך אין דער הגדה זענען אַריינגע־שטעלט געוואָרן ערשט מיט דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק, און דערפאַר, משמעות, שטייען זיי ביים סאַמע סוף. זיי זענען אָבער דווקא די סאַמע פּאָפּולערסטע זאַכן און ווערן געזונגען כמעט אין יעדער יידישער הויז.

איינע פון זיי, דער „אחד מי יודע", ענדיקט זיך מיט דער צאָל דרייצן צו ווייזן, אַז דער דאָזיקער נומער פאַר וועלכן די אומות העולם שרעקן זיך אַזוי שטאַרק און האַלטן עס פאַר שלימזלדיק, איז דווקא אַ זייער מזלדיקער און גוטער פאַר יידן. דער חד גדיא איז אַן אַלעגאָריש מעשהלע, וואָס איז איצט גוט באַקאַנט צו אַלע פעלקער.

אויף „חד גדיא" זענען פאַראַן אַן אַ שיעור פּירושים און דערקלע־רונגען, דער סאַמע פּאָפּולערסטער פון זיי איז דער היסטאָרישער פּירוש. דאָס ציגעלע איז דאָס פאָלק ישראל, און דער טאַטע וואָס האָט געקויפט דאָס ציגעלע פאַר 2 גילדן איז גאָט אַליין. די צוויי גילדן זענען משה און אהרן דורך וועמען גאָט האָט די יידן אַרויסגעפירט פון מצרים.

דער הונט, די קאַץ, דאָס פייער, דער שטעקן און די אַנדערע העלדן פון דעם קינדערשן ליד, זענען די אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן איינער נאָכן אַנדערן פאַרנומען ארץ ישראל און אָנגעטאָן די יידן אַלערליי צרות. די קאַץ למשל, איז אשור; דער הונט — בבל; דער שטעקן — פּרס; דאָס פייער — מלכות יון; דאָס וואַסער — רוים; דער אָקס — די אַראַבישע מלוכה דער שוחט — די קרייץ־פאָרער, און דער מלאך המות איז דער טערק. גאָט, הייסט עס, וועט דאָס לאַנד אָוועקנעמען פון דעם טערק און עס צוריק אָפּגעבן צו די יידן.

פון וואַנען דאָס ליד שטאַמט און ווי אַזוי עס איז אַריינגעקומען אין דער הגדה לפּסח, איז שווער צו זאָגן. איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז עס איז נישט אָריגינעל יידיש און ווערט געזונגען אַלס פאָלקס־לידל כמעט ביי אַלע פעלקער אויף דער וועלט. עס איז וואַרשיינלעך אַז עס איז געווען אַ פּאָפּולער לידל אויך ביי די יידן אין די גאַנץ אַלטע צייטן, און איז אין דער הגדה אַריינגעשלעפּט געוואָרן דורך די קליינע קינדער, וועלכע פלעגן עס זינגען ביים סדר.

די ספרים גיבן זיך פיל אָפּ מיט דעם מנהג פון מעות חטים און פרעגן פאַרוואָס מען האָט דעם מנהג נישט איינגעפירט ביי אַנדערע יום־טובים נאָר ביי פּסח. דעם תירוץ וואָס זיי גיבן אָן איז אַ מיסטישער. היות

די יידן זענען אין ניסן אויסגעלייזט פון גלות מצרים און וועלן אוודאי דאריבער אויך פונעם איצטיקן גלות אויסגעלייזט ווערן אין ניסן און אן אנדער תנא טענהט, אז די יידן וועלן פונעם איצטיקן גלות אויסגעלייזט ווערן אין תשרי, אינעם חודש פון דין און כפרה. דערפאר דארף מען אין חודש נסין געבן א סך צדקה כדי דערמיט מקרב זיין די גאולה. אין תשרי דאקעגן דארף מען נישט איינפירן קיין ספעציעלן מנהג צו געבן צדקה, ווייל עס איז א חודש פון פארגעבונג און דין, און דעמאלט טוען יידן סיי ווי תשובה און גיבן א סך צדקה.

ביי בדיקת חמץ איז א מנהג, אז עמיצער אין הויז לייגט אונטער צען ברעקלעך חמץ אין פארשידענע ערטער. דער פשוטער טעם דערפון איז כדי דער וואס איז בודק חמץ זאל נישט האבן געמאכט א ברכה לבטלה אויב ער וועט קיין חמץ נישט געפינען. דער חמץ ווערט אויך צעלייגט כדי דער וואס איז בודק זאל נישט ווערן אנטמוטיקט און וועלן זוכן. דער אר״י גיט אבער אן א מיסטישע באדייטונג צו דער זאך.

המנס גזירה איז געשריבן געווארן דורך זיינע צען זין אין דעם דרייצנטן טאג פון ניסן. דאריבער לייגט מען אונטער די צען ברעקלעך חמץ און מען פארברענט זיי כדי מרמז צו זיין אויף דעם סוף פון די עשרת בני המן. דער כל חמירא, די תפילה וואס מען זאגט נאכן בודק זיין, איז געשריבן געווארן אין תרגום לשון און נישט אין העברעאיש, ווייל די בני המן האבן אויך זייער גזירה געשריבן אין תרגום לשון.

גאר אמאל פלעגט מען זיך נוהג זיין צו עפענען די טיר ביים אנהייב פון דער הגדה ווען מען האט אויסגערופן: כל דכפין ייתא ויכול — ווער עס וויל קען אריינקומען און מיטעסן דעם קרבן פסח. ווען דער קרבן פסח איז בטל געווארן, איז אויך אונטערגעגאנגען דער מנהג. ערשט אין די שפעטערדיקע יארן ווען די יידן זענען געווען ארומגערינגלט מיט שונאים, וועלכע האבן תמיד געזוכט אויסצוטראכטן אלערליי בלבולים און באזונדערס אין דער נאכט פון פסח, זענען יידן געווארן פארזיכטיק און געהאלטן פארשלאסן די טירן, כאטש עס איז א ליל שמורים. אין דער מיט פונעם סדר אדער צום סוף פלעגט מען האלב עפענען די טיר צו זען אויב עס איז נישט פאראן קיין סכנה און צי מען האט נישט אונטער־געווארפן עפעס א ממזר־בלבול.

אזוי ווי די יידן האבן געהאט געגנוג אורזאכן צו זיין אין כעס אויף

די גויים, האָבן זיי שוין ביים עפּענען געזאָגט דעם שפוך חמתך, און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן אַ מנהג ביז היינטיקן טאָג.

אויך דאָס וואָס מען באַקט די מצות קיילעכדיק האָט אַ מיסטישן טעם. דער פּשוטער טעם איז וואָס אין דער תורה שטייט עוגות מצות, און „עוגה" מיינט אַ קיילעכדיקער קוכן. דער רבנו סעדיה דערקלערט אָבער, אַז עס איז דערפאַר וואָס די אַנדערע פעלקער פלעגן באַקן זייער ברויט לויט דעם גלויבן אין די אָפּגעטער. אויב איינער האָט געגלויבט אין צוויי געטער, האָט ער געמאַכט די לאַבנס ברויט מיט צוויי שפּיצן און אויב ער האָט געגלויבט אין מערערע געטער, האָט ער געמאַכט מער שפּיצן. מיר יידן, וואָס גלויבן בלויז אין איין גאָט, באַקן די מצות קיילעכדיק. אַגב באַדייט די קיילעכדיקע מצה, אַז צו גאָט געהערט די גאַנצע וועלט, און אַז גאָט האָט קיין אָנהויב און קיין סוף.

די אחרונים, די לעצטע פּוסקים, עצהנען בעסער צו באַקן פיר־קאַנטיקע מצות צוליב דעם וואָס די מצות ווערן געמאַכט מיט מאַשינען דורך וועלכע עס קען זיין אַ חשד חמץ.

פינפטער קאפיטל

פסח, דער טאָג פון רדיפות און בלבולים קעגן יידן

די רוימישע באַוווּנדערונג און מורא — די ליבשאַפט צו פסח פון די ערשטע קריסטן — די קנאה מצד דער קירכע — די צרות אין מיטלאלטער — די פארשפרייטונג פון בלבולים — עלילת דם.

פסח איז פון תמיד אָן געפייערט געוואָרן מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט און איבערגעגעבנהייט.

בשעת יידן זענען געזעסן אויפן אייגענעם באָדן, תחת גפנו ותחת תאנתו, האָבן זיי געהאַט דריי גרויסע נאַטור־יום־טובים: פסח, שבועות און סוכות. אין יעדן פון די דאָזיקע ימים טובים פלעגן זיך אַלע יידן צו־נויפזאַמלען אין ירושלים, וואָס איז געווען דער מיטלפונקט ארום וועלכן דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פאַראייניקט.

דאָך האָט דער ייד תמיד אינסטינקטיוו געפילט, אַז פסח איז זיין שענסטער און גרעסטער יומטוב, און פסח פלעגט טאַקע פאָרקומען דער סאַמע גרעסטער צונויפקום.

די ראָל וואָס פסח האָט געשפּילט אינעם יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן פון די צייטן ווען דער שונא האָט שוין געהאַלטן זיין אייזערנע פויסט איבערן יידישן קערפּער און גייסט, קען מען געניי זען פונעם איינדרוק וואָס דער דאָזיקער יום־טוב האָט אויף די פרעמדע געמאַכט.

ווען די רוימער האָבן אָנגעהויבן הערשן איבערן יידישן לאַנד, האָבן זיי זיך לכתחילה גערעכנט און טיילווייז אויך באַוואונדערט דעם יידישן פרייהייטס־יום־טוב. דער צוזאַמענקום פון דער אומגעהויערער גרויסער צאָל עולי רגל אין ירושלים, פלעגט ביי די רוימער ארויסרופן נישט ווייניק אומרואיקייט. זיי האָבן שטאַרק מורא געהאַט, אַז די געהויבענע נאַציאָ־

נאָלע שטימונג זאָל נישט פירן צו קיין באוואָפנטן ווידערשטאַנד. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער לעצטער יידישער אויפשטאַנד קעגן די רוימער האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן די וואָך פון פסח.

איינער פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרן אין ארץ ישראל האָט אַמאָל געוואָלט פעסטשטעלן די גענויע צאָל באַזוכער וואָס זענען עולה רגל פּסח קיין ירושלים. האָט ער געהייסן אוועקלייגן אַן אייל לאַנג פון די נירן וואָס וועלן אַרויסגענומען ווערן פון יעדן קרבן יחיד. עס האָט זיך דערפון אַרויסגעוויזן אַז עטלעכע הונדערט טויזנט יידן האָבן מקריב געווען קרבנות.

פּסח פלעגט קיין ירושלים קומען דער גרעסטער טייל פון דער יידישער נאַציע. קומען פלעגן נישט בלויז יידן פון ארץ ישראל, נאָר אויך פון די פרעמדע לענדער, ווו יידן האָבן געוווינט, צווישן זיי זענען געווען בבל, מצרים, די גריכישע אינדזלען און אַלע אַרומיקע שכנישע ערטער.

די יידישע קהילות פון די פרעמדע לענדער האָבן אין ירושלים אויפגעבויט זייערע אייגענע הייזער, ווו די געסט פלעגן זיך אָפּשטעלן. די הייזער זענען אָבער קיינמאָל נישט געווען גענוג אַלעמען אַריינצונעמען, און די יוגנט פלעגט זיך מוזן אויפשטעלן לייוונטענע פּאַלאַטקעס אין די הינטערשטע טיילן פון ירושלים. די שטאָט פלעגט זיך פּסח אויסשפּרייטן אויף אַ גאַנץ ווייטער שטרעקע: אין צפון ביז מצפּה און אין דרום ביז בית לחם.

וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזאַ צוזאַמענקונפט האָט געמאַכט אויף פרעמדע, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן.

אויך פון די קריסטלעכע קוואַלן פון יענער צייט איז צו זען די באַדייטונג וואָס דער יום־טוב פּסח האָט געהאַט. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען דער גרינדער פון דער קריסטלעכער רעליגיע האָט געוואָלט ריידן צום גאַנצן פאָלק, האָט ער באַשטימט צו קומען אויף פּסח קיין ירושלים.

די פירער פון דער קריסטלעכער קירכע האָבן אַפילו געהאַט גרויסע שוועריקייטן אָפּצוגעווינען די ערשטע קריסטן, וועלכע זענען על פּי רוב געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג, נישט צו פייערן דעם יום־טוב פּסח. עס איז קאַנטיק געווען טיף פאַרוואָרצלט אין זייער נשמה, און די עפּיסקאָפּן־פאַרזאַמלונג אין ניקעא האָט נעבאַך געמוזט מתקן זיין אַ שפּאָגל נייעם לוח מיט אַ רעכענונג, אַז דער קריסטלעכער פּסח זאָל בשום אופן נישט אויספאַלן צוזאַמען מיטן יידישן.

אַזאַ צוגעבונדנקייט צום פּסח מצד די קריסטן האָט עקזיסטירט נישט

בלויז אין די צייטן פונעם צווייטן בית המקדש ווען דער יום־טוב איז גע־פייערט געוואָרן אין זיין גרעסטן פּראַכט, נאָר אפילו שפּעטער ווען די יידן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָרן יעדע זעלבסטשטענדיקייט און דערפילט דעם טעם פון גלות.

ביי די קריסטלעכע פאַנאַטיקער פון יענער צייט האָט זיך דערוועקט אַ מוראדיקער האַס. זיי האָבן נישט געקענט צוזען ווי דער געיאָגטער און געפּלאָגטער ייד זאָגט זיך אפילו אין גלות נישט אָפּ פון זיין פרייהייטס־יום־טוב, האָבן זיי דעריבער אויסגעטראַכט דעם אומגעלומפּערטן בלבול, אַז דער דאָזיקער אידעאַלער יום־טוב ווערט פאַרשוועכט דורך קרייציקן אַ קריסטלעך קינד יעדן פאַר פּסח כדי מיט זיין בלוט צו באַשפּריצן די מצות.

נאָך אין אונדזערע צייטן, טאַקע פאַר די אייגענע אויגן, האָבן מיר געזען ווי אָט דער דאָזיקער שיינער יום־טוב פּסח, דער יום־טוב פון באַ־פרייאונג און גלייכהייט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג פון די ערגסטע רדיפות און בלבולים קעגן יידן.

נאָך ערגער איז עס אָבער געווען אין אָנהויב פון די מיטלאַלטערלע־כע יאָרן, ווען די קריסטלעכע קירכע האָט געהעצט קעגן יידן און פאַר־שפּרייט די געמיינסטע בלבולים. אַ סך יאָרן איז פּסח געווען דער סעזאָן פון פּאָגראָמען, בלוט־באָדן און רציחות. דער הויפּט אויסרייד איז געווען, וואָס די יידן באַנוצן זיך כלומרשט מיט קריסטלעך בלוט אין זייערע מצות. אויסגעקלערט דעם דאָזיקן געמיינעם בלבול האָט די קאַטוילישע קירכע אין אָנהויב דרייצנטן יאָרהונדערט, און פון דעמאָלט אָן דעם בלבול פאַר־פלאַנצט אינעם גלויבן פון די פּשוטע מאַסן, וועלכע האָבן בלינדערהייט תמיד אויסגעפירט די סאַדיסטישע רציחות קעגן די אומשולדיקע יידן.

נישט תמיד אָבער האָט מען געוואַרט, אַז עמיצער זאָל אונטערוואַרפן אַ טויט קריסטלעך קינד. איז דער פּסח אָנגעקומען, האָט מען שוין גע־פונען עפּעס אַ באַשולדיקונג צו פּייניקן און מאָרדן יידן. איז גאָר קיין תירוץ נישט געווען, האָט מען אַליין יידן נישט געשאָנעוועט. יידן זענען געווען רעכטלאָז, ערגער ווי הפקר, אָן אַ גואל און אָן אַ באַשיצער, האָט יעדער איינער אויסגעגאָסן אויף אים זיין צאָרן.

די קירכע איז אפילו נישט געווען די ערשטע אויסצוטראַכטן דעם בלבול אַז יידן מוזן באַקן זייערע מצות אין בלוט, אָבער זיי האָבן אים פאַרשפּרייט און אים אויסגענוצט פאַר זייערע טייוולשע יעזואיטישע צוועק־

קן. שוין ביים סוף פון צווייטן בית המקדש, הערן מיר וועגן דעם דאָזיקן בלבול מצד די גריכן. אָבער דעמאָלט האָט עס נאָך קיין איינדרוק נישט געמאַכט. דווקא יענע מענטשן אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן אזוינס נישט געוואָלט גלויבן, און דער בלבול איז כמעט פארגעסן געוואָרן.

אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָט אין קיימברידזש, ענגלאַנד, א משומד עדות געזאָגט, אז יעדן יאָר פאַר פסח וואַרפן גורל אין וועלכן געגנט מען זאָל טויטן א קריסטלעך קינד, כדי דאָס בלוט צו באַנוצן אין די מצות. דעמאָלט איז אין דער שטאָט נאָרוויטש פארפאַלן געוואָרן א קריסטלעך קינד, און דער בלבול איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן. צום גליק זענען נישט געווען קיין דירעקטע באַווייזן, און די יידן זענען ארויס אָן יסורים און היזיקות.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָבער דער בלבול פאַרשפּרייט איבער אַלע אייראָפּעאישע לענדער, און בלויז מיט פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער האָבן זיך די יידישע צרות שוין אָנגעהויבן. פאָרגעקומען איז דאָס אינעם שטעטל בלויש, פראַנקרייך, אין יאָר 1171. א דינער פונעם שטאָט־מאַיאָר איז פאַר׳נאַכט געגאַנגען צום טייך אָנטרינקען די פערד, איז פונקט אָנגעקומען א ייד אין א וואָגן וואָס האָט די פערד איבערגעשראָקן. דער דינער מורא האָבנדיק פאַר זיין באַלעבאָס, האָט דערציילט ווי ער האָט געזען דעם יידן קוילענען א קריסטלעך קינד.

דער שטאָט־מאַיאָר האָט גלייך אָנגעקלאָגט די יידן צום פּריץ, און אַלע יידישע איינוווינער זענען ארייַנגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה. כדי צו דערגיין דעם אמת, האָט מען אויפן דינער אָנגעווענדעט די „וואסער פּראָבע", וואָס איז צו יענער צייט געווען א מנהג אין יענע לענדער. מען האָט דעם דינער ארייַנגעזעצט אין א שיפל אָנגעפילט מיט וואסער, און אים געלאָזן שווימען איבערן טייך. צום אומגליק איז דער דינער נישט דערטרונקען געוואָרן, און אַלע האָבן דעמאָלט געגלויבט אינעם אמת פון זיינע רייד.

דער פּריץ פונעם שטעטל, וועלכער האָט געהאַט צו זאָגן איבערן לעבן און טויט פון זיינע איינוווינער, האָט די יידן געגעבן די ברירה זיך צו שמדן אָדער שטאַרבן אויפן שייטערהויפן. א פּאָר געציילטע יידן האָבן זיך געשמדט און עטלעכע צענדליק זענען געשטאָרבן אויף קידוש השם.

אין 1235 האָט מען אין פולדא, דייטשלאַנד, געטויט בערך פערציק

יידן צוליב אַזאַ בלבול. פאַרן טויט האָט מען זיי אַזוי געפּייניקט, אַז זיי האָבן זיך אַליין געמוזט כלומרשט מודה זיין אויפן פאַרברעכן.

אין יאָר 1247 איז ווידער פאָרגעקומען אין פראַנקרייך אַזאַ בלבול, און דער געריכט האָט די יידן פאַרמשפּט צום טויט. אויך דאָרטן האָט מען זיי געפּייניקט זיי זאָלן אונטערשרייבן, אַז זיי האָבן דעם פאַרברעכן באַגאַנגען.

אין יאָר 1255 איז אין ענגלאַנד פאַרלאָרן געגאַנגען אַן אַכט־יאָריקער יינגל, און אַ חודש שפּעטער האָט מען אים געפונען אין אַ גרוב ביי אַ יידן אין הויף. דער ריכטער האָט דעם יידן פאַרשפּראָכן צו שענקען דאָס לעבן אויב ער וועט מודה זיין, אַז מען האָט דעם יינגלס בלוט גענוצט אויף מצות. דער ייד האָט זיך מודה געווען און אָנגעגעבן אַלע איינצל־הייטן ווי אַזוי די יידישע קהילה האָט דאָס יינגל געקרייציקט און געצאַפּט פון אים דאָס בלוט. דער קעניג, הענרי דער דריטער, האָט זיך אָפּגעזאָגט גוטצוהייסן דעם אָפּמאַך פונעם ריכטער, און האָט דעם באַשולדיקטן מיט נאָך אַכצן יידן געלאָזט הינריכטן.

אין יאָר 1283 האָט מען אין מיינץ, דייטשלאַנד געמאַכט אַזאַ בלבול און אַרעסטירט עטלעכע צענדליק יידן. דער המון האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפן משפּט און דערווייל געמאַכט אַ פּאָגראָם און דערהרגעט העכער צען יידן. די אַרעסטירטע זענען אַלע פאַרמשפּט געוואָרן, און קייזער רודאָלף האָט דעם אורטייל באַשטעטיקט.

אינעם זעלבן טאָג איז אויך פאָרגעקומען אַן ענלעכע פּאַסירונג אין דער שטאָט באַכראַך ביי וועלכער 26 יידן זענען אומגעקומען. היינריך היינע האָט די דאָזיקע פּאַסירונג באַשריבן אין זיין פּאָעמע „דער רב פון באַכראַך”.

אין 1420 איז אין עסטרייך פאָרגעקומען אַן עלילת דם, און אַלס רעזולטאַט זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד.

אין יאָר 1435 זענען די יידן פון פּאַלמאַ, שפּאַניע, באַשולדיקט געוואָרן אין האָבן געקרייציקט אַ מאַכמעדאַנישן דינער ביי אַ יידן. כאָטש דער דינער איז געבליבן לעבן, האָט מען דריי יידן פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן. ערשט ווען די גאַנצע קהילה פון העכער צוויי הונדערט פערזאָן האָבן זיך געשמדט, זענען זיי באַפרייט געוואָרן פונעם בלבול.

די דאָזיקע זענען נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל פון די עלילת דם פּאַסירונגען, וואָס זענען פּראָוואָצירט געוואָרן דירעקט ביי די קאַטוילישע גייסט־

לעבע. א חוץ זיי זענען געוועזן נאָך הונדערטער אזעלכע פאלן, און אלע פון זיי זענען כמעט פאָרגעקומען אינעם יום־טוב פּסח.

אַז א שיער אזעלכע בלבולים זענען פאָרגעקומען אין אלטן רוסלאנד ביי וועלכע טויזנטער יידן האָבן פארלאָרן זייערע לעבנס. דער מענדל ביילים פּראָצעס ליגט נאָך אלעמען גוט אין זכרון, און אפילו היינט פּאַסירן נאָך דאָ און דאָרטן אזעלכע פאלן, כאָטש די רעגירונגען און די קירכע גיט מער נישט דערויף זייער אָפיציעלע סאַנקציע.

און אַט אזוי איז עס פונעם יום־טוב פאר פרייהייט און גלייכהייט געוואָרן פאר יידן א יום־טוב פון שרעק און פּורעניות.

ל״ג בעומר

ל״ג בעומר

עומר און ביכורים — בר כוכבא און רבי עקיבא — הילולא דרבי שמעון בר יוחאי — די פארשיידענע מנהגים.

די צווייטע נאכט פון פסח הויבט מען אָן ציילן ספירה, וואָס דויערט ניין און פערציק טעג נאָכאנאנד, פון פסח ביז שבועות.

די דאָזיקע מצווה פון דער תורה איז פארבונדן מיט א גרויסן אַג־ריקולטורעלן יום־טוב ביי יידן אין זייער אייגן לאנד. די צייט פון פסח ביז שבועות איז געווען די סאַמע פרייעלעכסטע אין דעם יידישן פאָלקס־לעבן ווען לאנדווירטשאפט איז נאָך געווען די הויפּט באשעפטיקונג. עס איז געווען דער סעזאָן ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער תבואה־שניט. אָנגעהויבן האָט מען דעם שניט מיט גערשטן, און שבועות, זיבן וואָכן שפּעטער, האָט מען אים פארענדיקט מיט אָפּשניידן די ווייץ.

ביים אָנפאנג פון „קציר", דעם תבואה־שניט, האָט מען געפּראַוועט גאָר א גרויסן און פרייליכן יום-טוב, און ממילא האָט מען אויך געבראַכט א קרבן צו גאָט. מען האָט געבראַכט אין בית המקדש דעם „עומר", דעם ערשטן גארב פון פריש אָפּגעשניטענע גערשטן, צוזאַמענגעם פון פסח און פון דעמאָלט אָן אָפּגעציילט זיבן וואָכן, ניין און פערציק טעג. ווען מען האָט געפּייערט דעם יום־טוב שבועות, דאָס פארענדיקן דעם שניט מיט א נייעם קרבן באשטייענדיק פון צוויי לעבלעך ברויט געבאַקן פון מעל פון דעם פריש אָפּגעשניטענעם ווייץ.

די קבלה, דער יידישער מיסטיציזם, האָט אינעם ספירה ציילן אריינ־געוועבט אָן א שיעור טיפע סודות און כוונות, וואָס האָבן א גרויסע שייכות צו די מאַטעמאַטישע צאָלן וועלכע דארפן זיין ווערליג דעם דאָזיקן גלויבן, די יסודות פון דעם גאנצן וועלט־באשאף.

די קבלה זעט אין דעם עומר, אין דעם פשוטן גארב וואָס איז דווקא געווען א שיינער פּאָעטישער אויסדרוק פון דעם דעמאָלסטיקן דאָרפס־לעבן, דעם געדאנק פון גאָר הויכע סודותדיקייט. די ביכורים, די צוויי

לעבלעך ברויט, וואָס מען איז מקריבביים סוף פון שניט, מוזן דווקא זיין פון ווייץ, ווייל ווייץ ליגט באַהאַלטן אין דעם שטרויענעם זאַנג, און פונקט ווי מען מוז פריער גוט אויסדרעשן און אָפּטיילן דערפון די קלייען, דעם שטרוי און אַנדערע פּסולות איידער מען באַקומט דעם ווייץ, אַזוי איז עס אויך מיט דער תורה. דער ריינער פּשט, די משנה און די גמרא, זענען להבדיל ווי שטרוי און קלייען, און די קבלה, די סתרי תורה, איז דער אמתער ווייץ. אוודאי האָבן אויך די שטרוי און קלייען אַ גרויסן ווערט, פּונקט ווי די משנה און די גמרא האָבן גאָר אַ גרויסן ווערט, אָבער דער אמתער ווערט איז די ווייץ, די סודות וואָס ליגן טיף באַהאַלטן אין די אותיות פון דער תורה.

וועדליג דער קבלה האָט זיך די וועלט אַנטוויקלט פון די געהיימע ספירות, די מאַטעמאַטישע צאָלן, וואָס ווערן תמיד צוטיילט אין גרופּן און אין מדרגות. יעדע גרופּע באַשטייט פון דער צאָל זיבן, און יעדע זיבן איז אַ מדרגה פאַר זיך. אַלע מדרגות צוזאַמענגענומען זענען איין איינציקע איינהייט — דער סימבאָל פון ד׳ אחד.

אנשי שלומינו, די חסידים און מיסטיקער, איבער גאָר דער וועלט, זענען שטאַרק מקפּיד צו געדענקען דעם קאַבאַליסטישן סימבאָל פון די ספירות. אין די טעג פון עומר, פון ציילן ספירה, גיבן זיי שטאַרק אכטונג צו דערמאָנען דעם סימבאָל ביים נאָמען. אַנדערש, האַלטן זיי, איז מען נישט יוצא מיט דער מצווה.

די זיבן־וואָכיקע ספירה קומט צו אונדז מיט אַ פאַרכמורעט פּנים, טרויעריק, מעלאַנכאָליש און מיט דער פאָדערונג אַז מען זאָל דעמאָלט זיך נישט שערן די האָר, נישט באַנייען קיין קלייד, נישט פּראַוועון קיין שמחות און נישט הערן קיין מוזיק. די געשיכטע האָט איבערגעלאָזן טיפע שפּורן פון טרויער און פּורעניות אויף די ספירה טעג. צענדליקע קהילות אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין דער צווישנצייט פון פּסח און שבועות, איבערהויפּט איז דער חורבן געווען גרויס ביים סוף פון דעם עלפטן יאָרהונדערט, ווען די קריסטלעכע קרייץ־פאָרער האָבן פאַרפלייצט דייטשלאַנד מיט יידיש בלוט. ל״ג בעומר איז אייגנטלעך נישט געווען קיין אויסנאַם, און די יידן האָבן אין יענעם טאָג געליטן פּונקט ווי אין די אַנדערע. ווי די לעגענדע דערציילט, האָט רבי עקיבא געהאַט 24 טויזנט תלמידים, וועלכע זענען אַלע אויסגעשטאָרבן אין די טעג צווישן

פסח און ל״ג בעומר, און דאָס מוז װאַרשײנלעך זײַן דער הױפּט־טעם װאָס ל״ג בעומר איז אַ יום־טוב.

עס איז אױך צו גלױבן, אַז די 24 טױזנט תּלמידים אױף װעמען די לעגענדע באַציט זיך, זענען געװען די רעװאָלוציאָנערן װאָס זענען צוגעשטאַנען צו בר כּוכבא און זײַן קאַמף קעגן די רױמער.

עס איז אַפילו היסטאָריש נישט באַװיזן אױב רבי עקיבא האָט באמת אָנגעפירט מיט דער רעװאָלוציע, עס איז אָבער זיכער, אַז ער האָט דער רעװאָלוציע געגעבן זײַן אונטערשטיצונג.

די באַשרײַבונג פון דער דאָזיקער רעװאָלוציע זענען אױך זײער מאָגערע. דער תּלמוד דערצײלט בלױז פאַרבײגײענדיק עטלעכע געשעענישן פון דעם חורבן ביתר. אין תּלמוד ירושלמי (תענית פּרק ד׳ הלכה ו׳ און אין מדרש איכה רבתי פּרשה ב׳) זענען שױן פאַראַן מער אױספירלעכע שילדערונגען װעגן דעם חורבן צוזאַמען מיט די פילע לעגענדעס װאָס זענען װעגן דעם פאַרשפּרײט. דער רױמישער געשיכטע-שרײַבער די קאַסיוס, גיט אױך אַ גענױע היסטאָרישע באַשרײַבונג, איז עס אָבער שטאַרק צוגעפאַרבט און פול מיט שנאה צו בר כּוכבא.

אױך דער תּלמוד איז נישט פרײַנטלעך צו בר כּוכבא און רופט אים: בן כּוזבא — דער זון פון פאַלשקײט. און אָט איז דער אופן װי דער תּלמוד גיט איבער די געשיכטע.

נאָך דעם חורבן בית שני, װען עס איז אױפגעשטאַנען דער העלדישער בן כּוזבא, אָדער װי אַנדערע האָבן אים גערופן: בר כּוכבא, און ער האָט געװאָלט באַפרײַען די ייִדן פון די רױמער, זענען אַ טײל חכמים געװען צופרידן מיט זײַן אונטערנעמונג און אַ טײל דאַקעגן.

װען רבי עקיבא האָט דערזען דעם בן כּוזבא, האָט ער אױסגערופן: „אָט דאָס איז דער מלך המשיח" — דערױף האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו אים: „עקיבא, גראָז װעט אַרױסװאַקסן פון דײַנע באַקן, און משיח װעט נאָך אַלץ נישט קומען".

אַכציק טױזנט פּאָר טרומפּײטן־בלאָזער האָבן אַרומגערינגלט די פעסטונג ביתר, און יעדער אײנער פון די טרומפּײטן־בלאָזער האָט אונטער זיך געהאַט עטלעכע רעגימענטן סאָלדאַטן, װעלכע פלעגן זיך צוזאַמענקומען אױף יעדן סיגנאַל, בן כּוזבא האָט די דאָזיקע פעסטונג־שטאָט פאַרטײדיקט מיט צװײ הונדערט טױזנט העלדן, און יעדער אײנער האָט גע-

מוזט באַווייזן זיין העלדישקייט דערמיט וואָס ער האָט מיט די אייגענע ציין זיך אָפּגעביסן אַ פינגער.

די יידישע חכמים האָבן געשיקט שלוחים צו בן כוזבא און אים גע־פרעגט: „ווי לאַנג נאָך וועסטו מאַכן די יידן פאַר קאַליקעס?" האָט בן כוזבא צוריק געענטפערט: „ווי אַזוי זשע זאָל איך מיינע העלדן אויספּרו־בירן?" האָבן די חכמים אים געגעבן אַן עצה: „דער וואָס קען נישט אַרויסרייסן אַ בוים פון דעם לבנון בעת ער לויפט רייטנדיק אויף אַ פערד, זאָל אין דער אַרמיי נישט אַריינגענומען ווערן". פון דעמאָלט אָן האָט ער איינגעפירט די נייע פּראָבע און צוגעקראָגן נייע צוויי הונדערט טויזנט סאָלדאַטן.

יעדעס מאָל וואָס די יידישע סאָלדאַטן זענען אַרויס אין אַ שלאַכט האָבן זיי געזאָגט די דאָזיקע תפילה: „רבונו של עולם, אַזוי ווי דו האָסט אונדז פאַרלאָזן און העלפסט אונדז מער נישט, בעטן מיר ביי דיר: העלף אונדז נישט, אָבער זאָלסט אונדז אויך נישט שטראָפן, לאָז עס איבער צום ריינעם צופאַל".

אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג איז ר' אליעזר המודעי געזעסן אָנגעטאָן אין אַ זאַק מיט אַש אויף זיין קאָפּ אַלס צייכן פון טרויער און געבעטן: רבונו של עולם, האר פון אַלע וועלטן, משפט אונדז נישט היינט, משפט אונדז נישט היינט!

דער רוימישער גענעראַל אַדריונוס האָט שוין געוואָלט אויפגעבן די באַלאַגערונג, וועלכע האָט געדויערט דריי און אַ האַלב יאָר, איז צו אים געקומען אַ כותי און זיך געבעטן: „גיי נישט אַוועק, איך וועל שוין זען די יידן זאָלן זיך דיר אונטערגעבן".

דער כותי האָט זיך אַריינגעגנבעט אין שטאָט און געקומען צו ר' אליעזר, וועלכער איז דעמאָלט ווי תמיד געווען פאַרטאָן אין זיינע תפילות. דער כותי האָט זיך צוגעבויגן צו ר' אליעזרן און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט אים איינגערוימט עפּעס אַ וויכטיקן סוד אין אויער. די שטאָט מענטשן האָבן עס דערזען און דעם כותי אַוועקגעפירט צו בן כוזבא אים אויסצו־פרעגן, וועגן דעם סוד.

„וואָס פאַר אַ סודות האָסטו דערציילט אליעזרן?" — האָט בן כוזבא ביים כותי געפרעגט, און דער כותי האָט געענטפערט:

„אויב איך וועל דיר דערציילן וועט מיין מלך מיך טויטן, און אויב איך וועל דיר נישט דערציילן וועסטו מיך טויטן, איז שוין בעסער אַז

מיין מלך זאָל מיך טויטן. דער סוד איז, אז ר׳ אליעזר האָט מיר פאַר־שפּראָכן אז ער וועט שוין זען די שטאָט זאָל זיך אונטערגעבן.

ר׳ אליעזר האָט געענטפערט: „איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט און ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט״.

בן כוזבא האָט אים געגעבן א שטויס מיטן פוס און ר׳ אליעזר איז גלייך געפאלן טויט. באלד האָט מען געהערט א בת קול אויסרופן: „דו האָסט געטויט ר׳ אליעזר המודעי, וועלכער איז געווען דער שטאַרקער אָרעם פאַר די יידן און זייער רעכט אויג, דערפאַר זאָל דיין אָרעם גע־לייעמט ווערן און דיין רעכט אויג זאָל בלינד ווערן״ אין יענעם טאָג איז ביתר געפאלן און בן כוזבא איז דערהרגעט געוואָרן.

ווען מען האָט בן כוזבאס קאָפּ געבראַכט צו אדריאנוס, האָט ער גע־פרעגט: „ווער האָט אים דערהרגעט?״

„איך האָב אים דערהרגעט״ — האָט דער כותי געזאָגט. דער רוימי־שער גענעראל האָט עס נישט געוואָלט גלויבן און ער האָט זיך געהייסן ברענגען דעם גאנצן קערפּער. ווען מען האָט געבראַכט דעם קערפּער, האָט ער דערזען ווי ער איז ארומגערינגלט מיט א גיפטיקער שלאַנג, און אנדריא־נוס האָט זיך אָנגערופן: ווען זיין גאָט וואָלט אים נישט דערהרגעט, ווער וואָלט עס געווען שטאַרק גענוג אים צו טויטן?״

רבי עקיבא איז געווען איינער פון די גרעסטע תנאים, און האָט לויט דער גמרא געהאט אן אייגענע ישיבה אין בני ברק, וווּ עס האָבן געלערנט 24 טויזנט תלמידים. רבי עקיבא איז געווען זייער באליבט, ווייל כאָטש ער איז געווען זייער גרויס אין תורה האָט ער דאָך גענומען אן אקטיוון אנטייל אין אלץ וואָס האָט געהאט א שייכות מיט דעם פאָלק.

די יידן האָבן דאַן שטאַרק געליטן פון די רוימער וועלכע האָבן זיי געהאלטן נידעריקער פון שקלאַפן. דער בית המקדש איז געווען פאַרברענט און 60 יאָר זענען שוין געווען אוועק זינט די יידן האָבן פאַרלוירן זייער מלוכה. פון דעם אלטן דור וואָס האָט דעם בית המקדש געזען, האָט שוין קיינער נישט געלעבט, אָבער טיף אין זכרון איז נאָך געלעגן איינגעבאַ־קן די אמאָליקע גרויסקייט. יעדער איינער האָט געחלומט פון דעם גרויסן טאָג ווען יהודה וועט ווידער זיין באפרייט מיט לייטן צוגלייך.

אויפן רוימישן טראָן איז דעמאָלט געזעסן דער רשעותדיקער קייסער האדריאַן, וועלכער האָט כסדר געזוכט מיטלען ווי אזוי די יידן צו דער־שטיקן. איבער ארץ ישראל האָט רעגירט זיינער א פאַרטרעטער, טורנוס

רופוס, וועלכער איז געווען א גרויסער דעספאָט. די יידן האָבן אים טאַקע גערופן: טיראַנוס רופוס, ווייל זייערע צרות זענען געווען אומדערטרעג־לעך. די יידן האָבן געזוכט פון ערגעץ א רעטונג, און תמיד גערעדט וועגן אראָפוואַרפן פון זיך אָט דעם דאָזיקן שווערן יאָך.

רבי עקיבא איז צוזאַמען מיט רבי גמליאל, ר' אליעזר בן עזריה און ר' יהושע געפאָרן קיין רוים בעטן רחמנות פאַר די יידן, ער איז דעמאָלט געווען זייער אָפּטימיסטיש און געגלויבט, אז אָט־אָט און די גאולה קומט, און ווען זיינע חברים האָבן געוויינט דערזעענדיק דעם חורבן אין ארץ־ישראל און די רייכקייט פון רוים, האָט רבי עקיבא געלאַכט, זאָגנדיק: „אויב גאָט קען זיין אזוי גוטהאַרציק צו די וואָס גייען קעגן אים, וועט ער זיכער זיין גוט האַרציק צו די וואָס טוען תמיד זיין רצון".

רבי עקיבאָס ליבשאַפט צו ירושלים איז געווען אָן א גרענעץ. פאַר זיין פרוי האָט ער געלאָזט מאַכן א גאָלדענעם מאָדעל פון ירושלים. אָט די דאָזיקע ליבע זיינע מיט זיין הייסן ווונטש צו זען ירושלים א באַפרייטע, האָט אים צוזאַמען מיט זיינע תלמידים געשטעלט אין דער רייע פון בר כוכבא.

צוליב דעם וואָס רבי עקיבא האָט זיך געשטעלט אין דער רייע פון די רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיך אלע גענומען שאַרן צו בר כוכבא. אפילו די שומרונים, די אייביקע שונאים פון די יידן, זענען אויך צוגעשטאַנען. עס זענען אויך צוגעשטאַנען פילע גרים פון די שכנישע פעלקער, וועלכע האָבן געגלויבט אז צוזאַמען מיט דער באַפרייונג פון די יידן וועט אויך קומען זייער אייגענע באַפרייונג.

צוגרייטנדיק צו דער רעוואָלוציע האָט מען זיך טאַקע אין דער ישי־בה פון רבי עקיבא, אין א סדר נאַכט פון וועלכער עס ווערט גערעדט אין דער הגדה של פסח, זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע תנאים צו דערציילן פון יציאת מצרים. מען האָט גערעדט כלומרשט וועגן דער צאָל מכות וואָס גאָט האָט געשיקט אויף מצרים, אָבער אין דער אמתן האָט מען זיך באַ־ראַטן וועגן דער רעוואָלוציע קעגן די רוימער, און געטאָן האָט מען דאָס אזוי כדי אויסצומיידן די אויגן פון די רוימישע שפּיאָנען, וועלכע האָבן פאַר־פלייצט דאָס לאַנד און אריינגעקוקט אין יעדן ווינקעלע.

דער וכוח וועגן די מכות ווערט דערציילט אין דער הגדה, האָט גע־דויערט א גאַנצע נאַכט, און ערשט אין דער פרי איז אריינגעקומען איינער פון די טויזנטער תלמידים, וועלכע האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אין

דרויסן, און אויסגעשריען: „רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית — עס איז שוין געקומען די צייט זיך צו באפרייען!"

די יידן פון דעם גאנצן לאנד האָבן זיך מיט גרויס באגייסטערונג און מוט אריינגעוואָרפן אין דעם קאמף, און כמעט יעדער איינער האָט זיך באוואָפנט. דריי און א האלב יאָר האָט אָנגעהאלטן דער קאמף, און, כאָטש רוים האָט געזיגט האָט זי אָבער טייער באצאָלט פארן זיג. רוים איז געווען שטאַרקער און געהאט מער סאָלדאטן ווי ארץ־ישראל האָט געהאט נפשות, אָבער רוים האָט געמוזט ארויסשיקן די גרעסטע ארמיי וואָס זי האָט אמאָל געהאט.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט טרויעריק. בר כוכבא צוזאמען מיט צענדליקער טויזנטער יידישע העלדן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען רבי עקיבאס 24 טויזנט תלמידים זענען געפאלן אין שלאכט. שרעקלעך איז געווען די נקמה פון די רוימער. די יונגנט האָבן זיי אויסגעהרגעט אָדער געגומען געפאנגען, און די אַלטע האָבן זיך באהאלטן אין די וועלדער און אין די היילן, ווו זיי האָבן זיך געשפייזט מיט גראָז און געוויקסן.

די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיך געבאָדן אין יידיש בלוט, און דער ים הגדול איז אזש אויפגעקאָכט געוואָרן. אפילו די טויטע האָבן זיי נישט געלאָזט מקבר זיין פאר עטלעכע יאָר נאָכאנאנד. און מען האָט פון די יידישע קערפּערס געמאכט צאמען ארום די גערטנער.

די גרעסטע גרויזאמקייט האָבן די רוימער ארויסגעוויזן קעגן די תנאים. די שוידערלעכסטע מיתות האָט מען פאר זיי אויסגעטראכט. מען האָט פארבאָטן די איבערגעבליבענע יידן צו לערנען די תורה און מען האָט פאַרברענט אַלע כתבי קודש און ספרים. יעדער אנדענק וועגן דער רעוואָלוציע איז דעריבער פארניכטעט געוואָרן, און ווען די חכמי התלמוד האָבן שפּעטער געוואָלט דערציילן עפּעס וועגן דער געשעעניש, האָבן זיי משמות מורא געהאט נישט צו דערצאָרענען די רוימער, וועלכע האָבן איינגעפירט א שטרענגע צענזור. דעריבער האָט מען עס אָנגעגעבן דעם טעם פאר דער פייערונג פון ל"ג בעומר אלס דער יאָרצייט פון רבי שמעון בר יוחאי אנשטאָט שמעון בר כוכבא. אגב איז טאַקע ר' שמעון בר יוחאי אויך געווען פאררעכנט פאר א רעוואָלוציאָנער, און וועגן אים זענען אין דעם פאָלק ארומגעגאנגען פילע לעגענדעס און מעשהלעך.

רבי עקיבא האָט נאָך דעם פאַלן פון ביתר זיך נאָך געגומען פארשפּרייטן די תורה, כאָטש דאָס איז געווען פארבונדן מיט מסירת נפש און

גרויסע ענויים. ער האָט טאַקע באַלד נאָכדעם באַוויזן אַ ביישפּיל ווי אומ-צוקומען אויף קידוש השם. לעבעדיקערהייט האָט מען געשונדן זיין קער-פּער מיט אייזערנע קאַמען, און ווען די מלאכים אין הימל האָבן עס דער-זען, האָבן זיי אַזוי יאָמערלעך געוויינט, אַז די טרערן האָבן אַזש אויפ-געקאָכט דעם ים הגדול, און די גאַנצע וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון זייער קול ווען זיי האָבן געשריען: „זהו תורה וזהו שכרה?״ — אָט אַזוי באַצאָלסטו די מענטשן וואָס היטן אָפּ דיין תורה?

ל״ג בעומר ווערט אין די לעצטע יאָרן געפייערט ביי די יידן אין ארץ־ישראל אויף זייער אַן אייגנאַרטיקן אופן. דאָרטן איז עס אַן אמתער יום-טוב פאַר דער יוגנט, וועלכע פאַראַדירט איבער די גאַסן מיט געזאַנג און מוזיק. די הויפּט־פייערונג איז אָבער אין דעם קליינעם שטעטעלע מירון, אַ צוויי שעה פאָרן פון צפת, ביים קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי. טראַדיציאָנעל הייסט עס אַז ל״ג בעומר איז דער יאָרצייט; אָבער אין ארץ ישראל ווערט די פייערונג אָנגערופן „הילולא של רבי שמעון״, הילולא, — אַ שמחה, ווייל אַלע וואָס קומען צום קבר פון דעם תנאי, קומען צו אַ שמחה של מצווה.

דאָס קליינע שטעטעלע מירון ליגט באַהאַלטן צווישן די בערג פון דעם אויבערשטן גליל. אויב איר קוקט פון מירון אַראָפּ אויף צפת ביי-נאַכט, דערזעט איר גאַנץ צפת ווי אַ ווייסע שיף אין אַ ים פון בערג; געפינט איר זיך אָבער אין צפת און קוקט אַראָפּ אויפן מירון, דערזעט איר קליינע הייזקעלעך אין אַ לאַנגער רייע ווי אין אַ מוזעאום.

רבי שמעון בן יוחאי איז טראַדיציאָנעל דער בעל מקובל און פאַר-פאַסער פון דעם זוהר, וועלכער קען די לייטער צום הימל און אין זיין האַנט קען מען מיט זיכערקייט איבערגעבן אַלע בקשות, תפילות און תחינות.

מירון איז אַ מיטאָלאָגישער יאַנוס: אַ האַלב פּנים לאַכט, די צווייטע העלפט — וויינט. דאָ וויינט מען און מען לאַכט אין איין און אין דער זעלבער צייט. צוזאַמען מיט דעם קבר פון רבי שמעון בן יוחאי געפינט זיך אויך, לויט דער טראַדיציע, דער קבר פון זיין זון, רבי אליעזר, און פון רבי יצחק נפחי. אין דער געביידע פון דעם קבר, צווישן טויזנטער ליכט און לאָמפּן, שטייען דערוואַקסענע יידן און וויינען מיט ביטערע טרערן. די אשכנזים שטייען באַזונדער און די ספרדים באַזונדער. און דורך די היץ, רויך, ריחות פון פאַראַפין און בוימאייל; דורך דעם געוויין פון הימל-

געשריי, באַקומט מען דעם איינדרוק ווי דער מת וואָלט נאָך געלעגן אויפן טהרה־ברעט.

צוויי טעג פאר ל״ג בעומר הויבן שוין אָן אָנצוקומען גאנצע פאמי־ליעס, מענער, פרויען און קינדער, פון ירושלים, חברון, יפו, חיפה, און פון נאָך ווייטערע ערטער ווי דמשק ביירוט מצרים טונים אלזשיר מאראָ־קאָ, תימן און אראביע. זיי קומען אין די הונדערטער און טויזנטער, גע־קליידעט אין פארשידענע מלבושים לויט די מנהגים פון זייערע לענדער. איר קענט דאָ טרעפן ספרדישע יידן, תימנער, גרוזינער, בוכארער און אבי־סיניער. אפילו נישט יידן קומען אין א גרויסער צאָל, מערסטנס אראבער און טערקן, וועלכע גלויבן אויך אין דער הייליקייט פון רבי שמעון בן יוחאי און פון דעם טאָג ל״ג בעומר. די אראבער פוצן זיך אין יענעם טאָג אויס אין זייערע בעסטע קליידער און ברענגען מיט זיך גאנצע פעק מיט צוקערווארג און אראבישע מאכלים, וואָס ווערן געפירט אויף שווער באלאָדענע אייזלען און מויל-אייזלען.

פרויען ווערן צו רבי שמעון בן יוחאיס קבר נישט צוגעלאָזן. דער־פאר אָבער האלטן זיי מאָנאָפּאָליזירט די איבעריקע צוויי קברים וואָס גע־פינען זיך אין דער געביידע. ביים קבר אליין וויינט מען און מען קלאָגט מיט שרעקלעכע יללות. אויפן הויף אָבער און אויף די דעכער און גאני־קעס טאנצט מען און מען זינגט. פריער טאנצן די אשכנזים, אביסעלע שפּעטער אויך די ספרדים און לסוף פארייניקן זיך אלע אינאיינעם און מען טאנצט מיט אומגעהייערע התלהבות שעהן לאנג.

די אמתע הילולא הויבט זיך אָן שוין א טאָג פאר ל״ג בעומר ווען מען פירט די ספר תורה וואָס רבי יצחק אביהוב, דער בעל מנורת המאור, האָט אליין געשריבן און וועלכע געפינט זיך דאָס גאנצע יאָר אין א שול אין צפת. וואָס איז טאקע אויף זיין נאָמען. די ספר תורה פירט מען אונ־טער א חופה מיט מוזיק און טענץ צום בית המדרש וואָס איז אויפגע־בויט אויף רבי שמעון בן יוחאיס קבר. דער וועג געדויערט העכער צוויי שעה, אָבער דער עולם פאראדירער, פילט עס נישט. פארקערט, עס פאר־דריסט זיי וואָס עס איז אזוי נאָענט. אויפן וועג זינגט מען א ספעציעל פארפאסט ליד:

„ואמרתם כה לחי, אדוננו בר יוחאי
ואמרתם כה לחי, רבי שמעון בן יוחאי״.

און דער עולם כאפּט אונטער און ענטפערט אין כאָר מיט גרויס

התלהבות דעם רעפריין „ואמרתם און דער פארזינגער זעצט פאר א גאנצן „פזמון" לכבוד רבי שמעון בן יוחאי.

אין דער נאכט פון ל"ג בעומר ווערט געמאכט א סיום אויף דעם זוהר ביי די לערנער אין דער ישיבת המקובלים. און תיכף נאכן סיום גייט דער גאנצער עולם ארויף אויפן דאך פון בית המדרש וואס איבערן קבר, און מען גיסט בוימאייל אין א גרויסער שיסל פון מארמאר שטיין, וועלכע שטייט אין מיטן דאך אויף א פעדעסטאל. יעדער איינער איז מקיים די מצווה פון גיסן בוימאייל און ווארפן טייערע קליידער אין דער שיסל. דאס טוען סיי יידן און סיי די אראבער. דערפון מאכט מען א גרויסע אילו-מינאציע, וואס זעט זיך מיילן ווייט ארום, ווען דאס פייער ווערט געמאכט הויבט דער עולם אן צו זינגען א ספעציעלן שיר: בר יוחי נמשחת אשריך, שמו ששון מחבריך.

נאך דעם שיר טיילט מען דעם עולם לעקעך און בראנפן און מען זינגט די משנה פון דער גמרא יומא, דף פ"ז, „אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים" אין אנדענק פון דער מלחמה וואס ער און בר כוכבא האבן אנגעפירט קעגן די רוימער.

די גאנצע נאכט איז דער עולם אויף, און ווען מען ווערט שוין גאר פארמאטערט פון די טענץ און געזאנג אויפן דאך פון בית המדרש, גייט מען אריין אין בית המדרש גופא, און מען זאגט תהילים ביז עס הויבט אן צו ווערן ליכטיק, כאטש דער געזאנג אויפן דאך און אין דעם הויף ארום ווערט אויף א מינוט נישט אפגעשטעלט.

אין דער פרי הויבט זיך אן די שמחה „חלקה". דארט איז א מנהג: אז מען שערט נישט אפ די האר פון א יינגל איידער ער ווערט דריי יאר אלט, און ערשט דעמאלט ברענגט מען דאס קינד צו דער הילולא דר' שמעון בן יוחאי און מען שערט אים אפ די האר איבערלאזנדיק א סימן אויף פיאות.

מען רופט די שמחה אן „חלקה", ווייל דאס וואָרט חלק אין העברע-איש מיינט גלאט. מען שערט דעם קינדס קעפעלע אפ גלאטיק.

ל"ג בעומר פלעגן די קינדער ארויסגיין מיט זייערע מלמדים אין דעם דערבייאיקן וואלד אדער פעלד און דערביי זיין באוואפנט מיט פייל-און-בייגנס, ביקסלעך, ווירעס און אנדערע כלי מלחמה.

שבועות

ערשטער קאפיטל

דער יום-טוב פון גייסטיקייט

דער יום־טוב פון מתן תורה — די האַרמאָניע מיט דער נאַטור. — די לעגענדעס וועגן קבלת התורה. — שבועות נאָכן חורבן.

ווען שבועות גייט אַרום אַ ווערטל, אַז ער איז דער בעסטער יום-טוב דערפאַר, וואָס מען מעג עסן ווען מען וויל און ווו מען וויל. דער אמת איז, אַז שבועות איז טאַקע אַנדערש פון אַנדערע ימים טובים. יעדער אַנדערער יום-טוב איז באַזירט אויף אַן איינציק באַשטימטער וויכטיקער פּאַסירונג, וואָס האָט אַ קולטורעלע, פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע באַדייטונג. אין יום-טוב שבועות טרעפן זיך אָבער צונויף אַלע דריי עלעמענטן, און דווקא אין פּאַסירונגען פון גרויסן היסטאָרישן באַדייט.

שבועות איז דער יום-טוב פון מתן תורה, די אַנטשטייונג פון ייִדן אַלס קולטור־פאָלק; שבועות איז אויך דער חג הבכורים, דער יום־טוב פון עקאָנאָמישער שפע; שבועות דערמאָנט אויך אָן דוד המלך, דער פּאָק־טישער שעפער פון דער ייִדישער מלוכה. פּסח איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אונדזער נאַציע, און שבועות — פאַר אונדזער אמונה און קול־טור. שבועות איז דער היסטאָרישער טאָג, ווען דער ערב רב פון געוועזענע עגיפּטישע שקלאַפן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אַ לעגיטים פאָלק מיט אַ פאַרטיקן געזעצבוך פון פּרינציפּן און תקנות, וואָס דאַרפן רעגולירן דעם ייִדנס אינערלעכע און אויסנווייניקסטע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, זיין נאַציאָנאַלע עטיק און קולטור-פּראָבלעמען.

די תורה איז מיט אירע מייסטע הומאַניטאַרע געבאָטן און מאָראַ־לישע אידייען פּראָגרעסיוו און מאָדערנע. און האָט געשיכטלעך געדינט אַ סך קולטור פעלקער אַלס אור-קוואַל פאַר זייער לעבנס-קאָאָרדינאַציע און סאָציאַלע רעפאָרמען. די תורה איז אין איר גייסט אַ מענטשלעכע, צו־געפּאַסט צו דער מענטשלעכער נויט און פּסיכיק.

די תורה איז א מענטשלעכע לערע, און די יידן האָבן איר מקבל געווען מיט א נעשה, מיר וועלן טאָן, פאר דער נשמע, איידער מיר וועלן נאָך הערן. די יידן האָבן אזוי איבערייליק געהאנדלט פשוט דערפאר וואָס די תורה אנטשפרעכט זייער גייסטיקן דורשט און מענטשלעכן כאראקטער, ווייל זי איז צוגעפּאַסט צו זייער געדאנק און געפיל, לערנט ווי אזוי צו אנטוויקלען די מענטשלעכע נטיות און געפילן, און לערנט ווי אזוי צו אנטוויקלען די מענטשלעכע כוחות און פּאָטענצן, זייערע מענטשלעכע אי־דייען און נאָרמאַלע באַציונגען.

די תורה הארמאָנירט מיט דער נאַטור, דערפאר אפשר איז די נאַ־טור אין שבועות אזוי מילד און שיין, ווי זי וואָלט באגריסן מיט א גאַסט־פריינטלעכן שמייכל די געטלעכע מתנה פון פייערדיקן בארג. דער יום־טוב שבועות פאַלט פונקט אויס אין דער שענסטער פרילינג צייט, ווען אַלץ שפּראָצט, בליט און וואַקסט; ווען די נאַטור איז אין איר שענסטער אנטוויקלונגס פאַזע; ווען דער גאנצער וועלטלעכער רוים איז פול מיט שטראַלן, ליכט און פרייד; ווען אַלע שפּראָצונגען און געוויקסן אַנטוועג־דיק זיך אין גרין־פארביקע שבת קליידער זינגען א מין שירה ושבחה. דער יום־טוב שבועות וועקט און מונטערט די איינגעשלאָפענע נשמה און פרישט אויף דעם מוח פון וואָכעדיקייט און פוסטקייט.

ווען מיר זאָלן אפילו נישט וויסן, אז אין זעקסטן טאָג פון סיון האָט מען געגעבן די תורה, נאָר בלויז ארויסגיין שבועות אין דער פרי און דער־זען די ליבטיקע, וואַרימע זונען־שטראַלן, דעם שיינעם פארחלומטן בלויען הימל, די מילדקייט, גוטסקייט און הארציקייט, וואָס איז דעמאָלט אויס־געגאָסן אויף מענטש און וועלט — דעמאָלט וויסן מיר, אז דאָס איז דער סימבאָל פון זמן מתן תורתנו, דער סימבאָל פון תורה און קולטור.

מיט דעם אָנהויב פונעם גלות האָט דער יום־טוב שבועות געקראָגן א שפּאָגל נײַ־פנים. שלעכטע צייטן זענען אָנגעקומען, יידן זענען פון זיי־ער לאנד פארטריבן געוואָרן, דער באָדן אונטער די פיס פארלאָרן, איין גלות איז געוואָרן שווערער פונעם אנדערן, יעדער זכר פונעם אמאָליקן גליקלעכן אידילישן לעבן איז אָפּגעמעקט געוואָרן, און שבועות, וועלכער איז געווען אן אגריקולטורעלער יום־טוב, האָט פארלאָרן זיין פייערלעכקייט.

ביי אזא סאָרט לעבן האָט מען אונדזערע ימים טובים נייע געמען צוגעגעבן און פארדאָפּלט די וויכטיקייט און באדייטונג דערפון. פסח, דער יום־טוב פון פרייהייט; שבועות, דער לוסטיקער חג הבכורים, דער יום־

טוב פון צייטיקע פרוכט, איז געוואָרן א זמן מתן תורתנו, א יום־טוב פון הויכער גייסטיקייט.

אין דער ביבל ווערט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דעם מתן תורתנו, און קענטיק אז אין דער גאנצער צייט וואָס די יידן זענען געזעסן אויף זייער אייגן לאַנד, האָבן זיי וועגן דער דאָזיקער באדייטונג נישט געהאַט די מינדעסטע אנונג. אפילו דער יום־טוב סוכות, וועלכער איז געווען א חג און זמן שמחתנו, א פרייליכער יום־טוב פון איינזאמלען די תבואות, האָט אין גלות צוגעקראָגן דעם נייעם באגריף פון א שמחת תורה. אָנשטאָט נאַציאָנאַל־קולטורעלע ימים טובים, זענען זיי געוואָרן נאַציאָנאַל־רעליגיעזע און באַקומען א טאָפּלטע באדייטונג.

פון דעם שטאַנדפּונקט ארויס, האָבן די חכמי התלמוד געמאַכט שבו־עות פאַר דעם סאַמע וויכטיקסטן יום־טוב. פסח אליין וואָלט נישט גענוג געווען. עס איז נישט גענוג פאַר מענטשן צו זיין פריי קערפּערליך, זיי דאַרפן אויך זיין פריי גייסטיק, און זייער נשמה דאַרף זיין א נשמה אָן קייטן פון בלינדן אומוויסן. פון אזעלכע קייטן האָט דער יום־טוב שבועות דעם יידן באַפרייט. דער יום־טוב פון מתן תורתנו האָט אים געגעבן דעם באגריף און מאָראַלישן זין פונעם מענטשלעכן לעבן. ער האָט דערזען נישט בלויז דעם עטישן תמצית דערפון, נאָר דעם וועג בכלל איבער וועלכן דער מענטש דאַרף און מוז גיין.

די ערשטע חכמים און תנאים ווי רבי יוחנן בן זכאי האָבן אפילו אויסגעמיטן צו באַצייכענען שבועות אלס א יום־טוב פון מתן תורה. זיי זענען נאָך געווען פול מיט האָפענונג וועגן דער אויפהאַלטונג פונעם לאַנד און פאָלק, וואָס איז געווען מיט טויזנטער פעדים צונויפגעבונדן און צו־נויפגעקניפּט מיט דער תורה. זי איז געווען דער סאַמע עצם און תוכן פון זייער לעבן, און עס איז בכלל נישט נויטיק געווען צו האָבן א באַזונ־דערן יום־טוב פון מתן תורה. זענען אָבער יידן אוועק אין גלות ווו קיין פרייליכקייט האָט מער פאַר זיי נישט עקזיסטירט, און עס איז דעריבער געשאַפן געוואָרן דער גייסטיקער יום־טוב.

אין תלמוד און אין מדרשים זענען פאַראַן עטלעכע שיינע מעשהלעך וועגן דעם ווי אזוי די יידן האָבן די תורה מקבל געווען:

איידער גאָט האָט געגעבן די תורה צו די יידן — דערציילט די גמרא — האָט ער זיך פריער פאַרווענדט צו אלע אומות פון דער וועלט און זיי געבעטן מקבל זיין די תורה. ער איז פריער געגאַנגען צו די בני עשו און

צו זיי געזאָגט: „זייט מקבל די תורה". האָבן די בני עשו אים געפרעגט: „וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה?" „לא תרצח", — האָט גאָט גע־ענטפערט. האָבן די קינדער פון עשו געזאָגט: „האר פון דער וועלט, אונ־דזער פאָטער עשו איז דאָך געבענטשט געוואָרן מיט דער ברכה פון „על חרבך תחיה — אויף דיין שווערד זאָלסטו לעבן, טאָ ווי אַזוי־זשע קענען מיר מקבל זיין די תורה?"

איז גאָט אוועקגעגאַנגען צו די קינדער פון עמון און מואב און אָנגע־באָטן די תורה, האָבן זיי אים אויך געפרעגט וואָס דאָרטן שטייט געשריבן, און ווען גאָט האָט זיי געזאָגט, אַז אין דער תורה איז געשריבן „לא תנאף", האָבן זיי געזאָגט: „האר פון דער וועלט, מיר אַליין קומען דאָך אַרויס פון זנות".

איז גאָט אוועק צו די קינדער פון ישמעאל און זיי אָנגעבאָטן די תורה: האָבן זיי אים אויך געפרעגט וואָס אין דער תורה שטייט געשריבן, און ווען גאָט האָט זיי געזאָגט, אַז דאָרטן שטייט „לא תגנוב", האָבן זיי געענטפערט: „האר פון דער וועלט, גנבענען איז דאָך אַ ברכה מיט וועל־כער אונדזער פאָטער איז געבענטשט געוואָרן."

אַזוי איז גאָט אַרומגעגאַנגען צו יעדער אומה און זיך געבעטן מקבל זיין די תורה, אָבער קיינער פון זיי האָט עס געוואָלט טאָן. האָט זיך גאָט באַוויזן צו ישראל און געמאַכט די גאַנצע וועלט שטורמען. די איבעריקע פעלקער האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און געמיינט, אַז גאָט גייט חרוב מאַכן די וועלט. זענען זיי אוועק צו בלעם בן בעור און ביי אים געפרעגט די באַדייטונג פון שטורעם. בלעם האָט זיי באַרואיקט און דערקלערט, אַז דאָס גיט עס גאָט זיין תורה צו די יידן.

גאָט האָט אויסגעקליבן דעם באַרג סיני אויף אים צו געבן די תורה, ווייל דער סיני איז דער קלענסטער באַרג און האָט זיך נישט געהאַלטן גרויס אַנטקעגן די אַנדערע. דער באַרג סיני האָט זיך אָפּגעריסן פון באַרג מוריה אויף וועלכן עס איז פאָרגעקומען די עקידת יצחק, און איז גע־בליבן הענגען ווי אַ טענק איבער די יידן, וועלכע האָבן זיך צו אים דער־נענטערט. גאָט האָט דעמאָלט געזאָגט צו די יידן: „וועט איר מקבל זיין די תורה, איז גוט; אויב נישט, וועט איר דאָ באַגראָבן ווערן." די יידן האָבן זיך ביטער צעוויינט און געפרעגט ביי גאָט, וואָס אין דער תורה שטייט געשריבן. אַז גאָט האָט זיי געענטפערט: „תרי"ג מצוות", האָבן

זיי אַלע אויסגעשריגן מיט איין קול: „נעשה ונשמע — אַלץ וואָס גאָט זאָגט, וועלן מיר טאָן און הערן".

די גמרא דערציילט אויך, אַז ווען גאָט האָט געפרעגט די יידן, ווער עס וועט גאַראַנטירן, אַז זיי וועלן אָפּהיטן די תורה, האָבן די יידן אָנגע־באָטן פריער אברהמען, נאָכדעם יצחקן און לסוף יעקבן, אָבער גאָט איז אַלץ נישט געווען צופרידן, ווייל יעדער פון זיי האָט זיך געהאַט מיט עפּעס פאַרזינדיקט. האָבן די יידן אָנגעבאָטן זייערע קליינע קינדער און גאָט האָט די ערבות אָנגענומען.

ווען משה איז אַרויף אין הימל האָט ער געפונען דעם אויבערשטן זיצן און צייכענען שטריכלעך און פּאַסיקלעך אויף די אותיות פון דער תורה. האָט משה געפרעגט: „רבונו של עולם! צוליב וועמען באַמיסטו זיך אַזוי? צו וואָס דאַרפסטו צוגעבן שטריכלעך און פּאַסיקלעך?" האָט דער אויבערשטער געענטפערט: „אין די צוקונפטיקע דורות וועט זיין אויף דער ערד אַ מאַן, עקיבא בן יוסף וועט ער הייסן, און ער וועט אויף יעדן תג, אויף יעדן שטריכעלע, דרשענען בערג אויף בערג מיט הלכות".

„רבונו של עולם, לאָז מיך אים זען", האָט משה געבעטן.

„קער זיך אום אהינטער, וועסטו אים זען", האָט דער אויבערשטער געענטפערט.

משה האָט באַטראַכט די נשמות, וואָס זענען געזעסן אין הימל. דאָס זענען געווען די נשמות פון די צוקונפטיקע דורות. זיי זענען געווען אויס־געזעצט אין שורות. ביי דער אַכצנטער שורה האָט ער דערזען רבי עקיבא זיצן מיט זיינע תלמידים. משה האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען זיך צוהערן וואָס זיי רעדן. דאָס האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי רעדן. דאָס האָט אים אַזוי פאַרדראָסן, דאָס זיינע כוחות האָבן אים פאַרלאָזן. משה האָט זיך ווייטער צוגעהערט, און ווען עס איז געקומען צו אַזאַ זאַך וואָס ער האָט יאָ פאַרשטאַנען, האָט ער געהערט ווי די תלמידים פרעגן ביי רבי עקיבא: „רבי, פון וואַנען נעמסטו דאָס?" האָט רבי עקיבא געענט־פערט: „אַזוי האָט משה באַקומען דעם דין פון באַרג סיני". ווען משה האָט געהערט ווי מען דערמאָנט זיין נאָמען ביים לערנען, האָט ער זיך באַרואיקט.

נאָכדעם האָט משה זיך אומגעקערט צום אויבערשטן און האָט גע־זאָגט:

„רבונו של עולם דו האסט אזא גרויסן מאן ביי זיך און מיך האסטו אויסגעקליבן צו געבן די תורה?"

„שווייג!" האט דער אויבערשטער געזאגט, „אזוי איז מיר איינגע-פאלן אין מיין מחשבה".

משה האט א קוק געטאן. ער האט געזען א בילד פון דער צוקונפט, ווי מען רייסט פון רבי עקיבאן שטיקער פלייש, אזוי ווי אין יאטקע. דאס איז געווען די סצענע פון רבי עקיבאס טויט, ווי ער איז אומגעקומען על קידוש השם און די רוימער האבן געריסן זיין לייב מיט אייזערנע קאמען.

ווען משה איז צוריק געקומען פון הימל מיט די לוחות און דערזען, אז די יידן האבן געמאכט דעם עגל, האט ער צו זיך געזאגט: „ווי קען איך זיי גיבן די לוחות? דורכדעם וועל איך אויף זיי ארויפווארפן שווערע פליכטן און איך וועל זיי פארשולדיקן צום טויט, ווייל אין די לוחות שטייט, אז מען טאר קיין געצן נישט דינען און זיי דינען צו א קאלב!"

משה האט געוואלט זיך אומקערן אין הימל און צוריק אפגעבן די לוחות. האבן אים דערזען די שבעים זקנים און זיי זענען אים נאכגעלאפן און אנגעיאגט. האבן זיי געשלעפט די לוחות צו זיך און משה האט גע-שלעפט די לוחות צו זיך. אין דעם קאמף האט משה באמערקט, אז די בוכשטאבן אויף די לוחות זענען פארשוווּנדן געווארן. האט ער זיך גע-טראכט: „ווי קען איך יעצט געבן די לוחות אז אין זיי שטייט גארנישט? האט ער מיט גרויס קראפט ארויסגעריסן די לוחות און האט זיי צעבראכן.

צווייטער קאפּיטל

דער יום-טוב פון די ערשטצייטיקע פּרוכט

דער עומר — די בכורים — די פייערונג אין ירושלים — אין בית־המקדש.

אין דער תורה ווערט דער יום־טוב אָנגערופן: חג הקציר, חג הביכו־רים און חג השבועות — דער יום־טוב פון שניט, דער יום-טוב פון ציי־טיקע פּרוכט און דער יום-טוב שבועות. אַלע דריי נעמען שטאַמען פון איין קוואַל, ווייל אַלע דריי באַדייטונגען זענען צוזאַמענגעשמאָלצן אינעם יום־טוב שבועות.

שבועות איז געווען דער יום-טוב פון שניט, און אויך דער טאָג אין וועלכן מען האָט געבראַכט צום כהן די ערשט-צייטיקע פּרוכט. די פייע־רונג איז געווען אַ ריזיקע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליגט אַלע יידן אָן אונטערשייד פון שיכטן און קלאַסן. לויט דער תורה האָט יעדער ייד געמוזט מקיים זיין די מצוה פון בכורים, און אפילו פרויען, גרים און קנעכט זענען דערפון נישט באַפרייט געוואָרן. איז עס דעריבער געווען אַ טריאומף-מאַרש פון אַן איינגעזעסן און איינגע־בירטיקט פאָלק, וואָס האָט זיך געפילט זיכער מיט זיין היים און לאַנד, מיט זיין פעלד און וויינגאָרטן.

און אָט ווי די צערעמאָניע פון בכורים ווערט באַשריבן אין תלמוד און אין מדרש:

די פייערונג פון בכורים איז געווען דער שלום פון דעם יום-טוב, וואָס האָט זיך פאַקטיש געצויגן זיבן וואָכן נאָכאַנאַנד, פון דעם ערשטן טאָג פסח ביז שבועות. די גאַנצע זיבן וואָכן זענען געווען טעג פון פריי־לעכקייט. און אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט דער צערעמאָניאַלער פייער־לעכקייט פון שניידן די ערשטע תבואה פאַר דעם עומר.

פאַרטיק ווערנדיק מיטן עומר, האָט מען אָנגעהויבן צו קלייבן די

ערשט-צייטיקע תבואה פאר די בכורים, וועלכע זענען באשטאנען פון זיבן מינים: קארן, ווייץ, גערשטן, וויין, איילבירטן, פייגן און מילגרוימען. די ערשטע צייטיקע פראדוקטן זענען געבראכט געווארן קיין ירושלים און דאס ברייננגען איז דורכגעפירט געווארן מיט אזוי פיל פייערלעכקייט און גראנדיעזקייט, אז א חוץ דער יום־טוב פון שמחת בית השואיבה, איז דער פארנעם געווען דער סאמע גרעסטער.

יעדעס מאל וואס א ייד פלעגט נאר פארבייגיין זיין פעלד אדער וויינגארטן און דערזען א שיינעם רייף־געווארענעם בינטל וויינטרויבן, אדער א צייטיקן מילגרוים, פלעגט ער עס גלייך ארומבינדן מיט גראז אדער קארע און עס מקדיש זיין אויסרופנדיק: „אט דאס וועט זיין פאר בכורים".

געפירט די בכורים קיין ירושלים האט מען נישט איינציקווייז, נאר בחברותא, אין גרויסע קאמפאקטע מאסן צוזאמען און לויט א געוויסן סדר און ארדענונג.

דאס לאנד איז געווען איינגעטיילט אין מעמדים, באצירקן, און אלע פלעגן זיך צונויפקומען אין דער הויפטשטאט פונעם באצירק צו וועלכן זיין ישוב האט געהערט. דארטן פלעגן זיי איבערנעכטיקן אונטערן פרייען הימל, מורא האבנדיק ארייננצוגיין אין א שטוב טאמער איז דאס הויז טמא. כלוחוך השור, א שפראץ אויף טאג, פלעגט דער ממונה, דער צער־רעמאניע-מייסטער, אויסרופן: „שטייט אויף יידן און לאמיר גיין קיין ציון צו אונדזער גאט".

די מענטשן וואס האבן געוווינט נאענט פון ירושלים, האבן געפירט מיט זיך פייגן און וויינטרויבן, און די פון ווייטע געגנטן האבן די פרוכטן פריער געטריקנט כדי זיי זאלן אויפן וועג נישט פארפוילט ווערן.

די פרוכטן האט מען געפירט אין שיין-פארפוצטע קאשיקעס, און ארום די קאשיקעס זענען געווען אנגעבונדן יונגע טייבעלעך, וואס מען פלעגט דערנאך מקריב זיין אלס קרבן עולה. די רייכע האבן די בכורים געפירט אין גאלדענע און זילבערנע כלים, און בלויז די ארימע האבן עס געפירט אין קערבלעך געפלאכטן פון קארע און ווערבן־האלץ.

פון די באצירק שטעט קיין ירושלים האבן זיי מארשירט אין א פאר־מעלער פראצעסיע. אין פאראויס איז געגאנגען אן אקס, וואס מען האט שפעטער מקריב געווען פאר א קרבן שלמים. די הערנער פונעם אקס זע־נען געווען באדעקט מיט גאלד. א קרוין אויסגעפלאכטן פון די צווייגן פון

איילבירטן איז געווען אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ, און צווישן די הערנער איז געלעגן אַ קערבל מיט פּרוכטן. דער אָקס ווערט באַגלייט פון אַ גרופּע פלייטן־שפּילער, וועלכע שפּילן אויפן גאַנצן וועג ביז ירושלים גאַנץ פריי־לעכע ניגונים.

ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו ירושלים, האָבן זיי געשיקט שלו־חים אָנזאָגן אַז זיי קומען, און דערווייל האָבן זיי זיך גענומען מאַכן שיי־נע בוקעטן פון די פּירות.

באַלד זענען די כהנים און זייערע געהילפן אַרויס אַנטקעגן. די צאָל אַנטקעגנגייער איז געווען וועדליק די צאָל אָנגעקומענע, און אַזוי אַרום איז די מחנה ביים אַריינקומען אין ירושלים געווען דאָפּלט גרויס.

ווען זיי זענען שוין צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים, זענען די העכערע באַאַמטע פונעם בית המקדש אַרויס אַנטקעגן מקבל פּנים זיין און אַלע האַנטווערקער פון ירושלים פלעגן שטיין אויסגעשטעלט אין די גאַסן און באַגריסן: „אונדזערע ברידער, איינוווינער פון דער און דער שטאָט, זאָל אייער אָנקומען זיין מיט פרידן!"

די שפּילער האָבן ווידער אָנגעהויבן שפּילן אויף זייערע אינסטרו־מענטן און אַזוי געשפּילט ביז זיי זענען אָנגעקומען צום הר הבית, אויף וועלכן דער בית המקדש איז געשטאַנען. ביים באַרג האָבן אַלע, און צווישן זיי אַפילו דער קעניג, גענומען זייערע קאָשיקעס אויף די אַקסלען און צוזאַמען געמאַרשירט צו דער עזרא פון בית המקדש. אין דער עזרא האָבן די לויים געזונגען: „איך וועל דיך לויבן, אַ גאָט, דערפאַר וואָס דו האָסט מיך דערהויבן, און האָסט געמאַכט מיינע פיינט זאָלן זיך נישט קע־נען פרייען". דער פּשוטער עולם האָט אָפּגעענטפערט מיט פּסוקים פון דער תורה, וואָס אַנטהאַלטן דעם באַפעל וועגן בכורים און דערווייל אַרונטער־גענומען די קאָשיקעס פון די אַקסלען און זיי געהאַלטן אויבן ביים זוים. די כהנים פלעגן דעמאָלט צוקומען, אונטערלייגן די האַנט אונטער דעם קאָרב, אים אויפהויבן אין דער הויך, און זאָגן די פּרשה פון דברים כ"ו. נאָכדעם, האָט דער כהן אוועקגעלייגט דעם קאָרב ביי דער זייט פונעם מזבח, זיך געבוקט און אַרויסגעגאַנגען.

די פּאַרזאַמלטע פלעגן פאַרברענגען אַביסל אַרום דעם בית המקדש אין פריילעכקייט און זיך אומקערן צוריק אַהיים פול מיט בטחון און צופרידנקייט.

דריטער קאפיטל

מגילת רות ונעמי

די תלמודישע טראדיציע — די קינסטלערישע זייט פון דער נאָוועלע — די היסטאָרישע און מאָראלישע באַדייטונג — דער מנהג פון יבום — דער ליטעראַרישער ווערט.

דעם צווייטן טאָג שבועות נאָך שחרית לייענט מען אין די שולן די מגילת רות. פאַרשידענע טעמים ווערן אָנגעגעבן פאַרוואָס מען לייענט די מגילה. איין טעם איז, ווייל שבועות איז לויט דער טראדיציע דער יאָרצייט פון דוד המלך, און ער זאָל האָבן אָפּגעשטאמט פון רות. אן אנדער טעם איז, ווייל שבועות איז דער זמן מתן תורה און רות האָט זיך געשטעלט אונטער די „פליגל פון דער תורה", דערמיט וואָס זי האָט אָנגענומען די יידישע אמונה. א דריטער טעם איז, ווייל שבועות איז אויך דער זמן הקציר, די צייט פון שניט אין ארץ־ישראל, און די געשיכטע פון רות קומט אויך פאָר אין דער צייט פון שניט. עס איז געווען אין די ימי הקציר, וואָס האָט געבראכט צו דער באַגעגעניש און פאַטעטישן ראָמאנס פון רות און בועז.

לויט דער תלמודישער טראדיציע איז דער פארפאסער פון רות געווען שמואל הנביא, דער לעצטער אין דעם פעריאָד פון די שופטים. דאָס האָט געמוזט זיין בערך ניין הונדערט יאָר פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג, און באַטש געגויע דריי טויזנט יאָר זענען שוין אוועק זינט דעמאָלט, לעבן נאָך פאַר אונדז די בילדער און געשטאַלטן פון דער דאָזיקער שיינער פאַסטאָרישער מעשה, וואָס האָט פּיליכט קיין גלייכן נישט צו זיך אין דער גאנצער וועלט ליטעראטור.

בערך צו יענער צייט האָט אויך געלעבט דער גריכישער פּאָעט האָמער, וועלכער האָט געשריבן די באַרימטסטע עפּישע פּאָעמע, די איליאַדע.

זי ווערט פאררעכנט אַלס דאָס גרעסטע ווערק אין דער ליטעראַטור צוליב דער רייכקייט פון צויבער-בילדער און פּאָעטישע לעגענדעס, דאָך קלינגט זי פאר דעם מאָדערנעם מענטשן פרעמד און אָפּגעשטאָרבן. אנדערש איז אָבער די געשיכטע פון רות, וועלכע איז אונדז נאָך היינט נאָענט און באגרייפלעך פונקט ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פאסירט. מיר קענען זיך נישט פאָרשטעלן ווי די העלדן פון האָמער האָבן אויסגעזען, אָבער די צני־עותדיקע רות און די ליבלעכע מוטערלעכע געשטאַלט פון נעמי לעבן פאר אונדזערע אויגן. און אין אָט דעם ליגט די ווונדערבארע קראַפט פון דער איינפאַכער דערציילונג, וואָס בלויז דער יידישער תנ״ך פאַרמאָגט.

די מגילה ווערט געלויבט פון קינסטלער אלס די שענסטע אידיליע פונעם יידישן פאָלקס־לעבן אין יענער אור־אַלטער עפּאָכע. די יידן באַ־נוגענען זיך אָבער נישט מיט דער אויסווייניקסטער פאָרם און שיינקייט, נאָר זוכן דערין דעם תוך, די יאָדרע. און אז מען זוכט, געפינט מען.

די נאָוועלע איז קאַנאָניזירט געוואָרן און אריינגענומען אין די כתבי קודש צוזאמען מיט שיר השירים, איוב, תהילים און קהלת, ווייל אין איר געפינט זיך דער סדר איוחסין פון דער מלכות בית דוד ביז פרצן, יהודהס זון, די פרוכט פון זיין פארקער מיט דער שנור, די אלמנה פון זיין זון.

די נאָוועלע פארמאָגט נישט דעם פּאָעטישן שווונג און הויכע דיכטע־רישע שפּראַך מיט וועלכער דער תנ״ך צייכנט זיך אויס. זי איז קורץ, איינפאַך, פשוט און פרימיטיוו, און דווקא דאָס דאָזיקע גיט דער נאָוועלע איר באזונדער חן.

אין רות ווערט געשילדערט דער לעבן פון אונדזערע אור-עלטערן, זייערע מנהגים, זייער ארט לעבן, זייערע משפחה באַציונגען, די באַצי־אונגען צו פרעמדע און אייגענע אָרימעלייט — א לעבן פול מיט מאָראל און רייכע הומאניטארישע געפילן.

אין רות ווערט דערציילט: „ויהי בימי שפוט השופטים״ — און עס איז געווען אין דער צייט פון די שופטים, א תקופה אין וועלכער די יידן זענען נאָך נישט געווען אָרגאניזירט אין איין נאציאָנאלער פּאָליטישער קערפּערשאפט, און דער דרומדיקער טייל האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פון דעם צפונדיקן און זיך זעלטן ווען געקימערט וועגן דעם אנדערנס נויט און ליידן.

און אין יענער צייט האָט אין בית לחם געלעבט א רייכער גוט־באַ־זיצער און יחסן ביים נאָמען אלימלך. איז אין יהודה אויסגעבראָכן אָ־

שרעקלעכער הונגער פון וועלכן די ברייטע מאסן האבן אמשטארקסטן געליטן. אלימלך, אנשטאט צו העלפן זיינע אומגליקלעכע ברידער האט צונויפגענומען זיין פארמעגן און אנטלאפן קיין מואב. ער האט אויך געהאט צוויי זין: מחלון און כליון, וועלכע עזרא רופט אן אין דברי הימים מיט די נעמען: יואש און שרף. יואש — ווייל ער האט זיך מיאש געווען פון דער גאולה; שרף — ווייל ער האט פארברענט די תורה. (מדרש רבה רות, פרשה ב׳).

פאר א רייכן פריץ וואס אנטלויפט פון זיין לאנד און פאלק אין א צייט פון נויט, איז נאטירלעך צו האבן קינדער וואס זאלן פארברענען אונטער זיך די אייגענע קולטור, די תורה, און זיך פולשטענדיק אסימילירן מיט א פרעמד-פיינטלעך פאלק.

די איינציקע שיינע פערזענלעכקייט איז געווען נעמי, די מאמע זייערע, א פשוטע יידישע פרוי, וועמען די איבערגעטריבענע רייכקייט האט נישט פארשכורט. דערציילט די גמרא, אז אלימלך האט אויסגעפונען, אז וואס קלענער דער ישוב איז, אלץ מער אוממאראליש זענען די איינוווינער, און וואס גרעסער דער ישוב, אלץ מער קומט אוים צוליידן מאטעריעל. דאך האט ער אויסגעקליבן דאס קלענערע שטעטל, ווו מען לעבט אוממאראליש איידער צו פארלירן אביסל פון זיין רייכקייט.

עס האט אבער לאנג נישט געדויערט און אלימלך האט זיין רייכקייט פארלארן, אליין מיט די צוויי זין געשטארבן, און איבערגעלאזן נעמי און די צוויי שניר, טעכטער פון מואב, אלמנות. נעמי האט גענומען איר צוויי שניר, רות און ערפה, און זיך צוריקגעקערט אין יהודה, ווו דער הונגער איז דערווייל געווארן איינגעשטילט און דאס פאלק האט זיך שוין געלעבט בעסער.

רות און ערפה זענען געווען צוויי גלייכע יונגע פרויען. ביידע האבן אנגעהערט צו די פארנעמסטע פאמיליעס אין מואב און אפילו געהאט אין זיך קעניגלעך בלוט, אבער האבן אויסגעקליבן צוויי באזונדערע וועגן. ערפה האט זיך צוריקגעקערט צו איר פאלק, חתונה געהאט מיט א רייכן מואבי און פארגעסן איר יידישער שוויגער און שווגערן. רות אבער איז געבליבן מיט דער שוויגער און געזאגט: „דיין גאט איז אויך מיין גאט, און ווו דו וועסט גיין, וועל איך אויך גיין".

זיי קומען אין יהודה אין דער צייט פון שניט. רות, אן ארימע אלמנה, איז געגאנגען קלויבן די זאנגען פון דעם שניט-אפפאל, און דער צופאל

האט איר גראדע געבראכט אין די פעלדער פון דעם רייכן בועז, וועלכער איז געווען א קרוב פון איר פארשטארבענעם מאן און שווער.

ביי יידן האט דעמאלט געהערשט א שיין הומאניטאריש געזעץ: ארימעלייט, וואס האבן נישט פארמאגט קיין אייגענע פעלדער, האבן נישט באדארפט ארומגיין בעטלען, נאר האבן געהאט א געזעצלעך רעכט צו קו־מען אין יעדן פעלד און אויפקלייבן די איבערגעלאזענע זאנגען, לקט שכחה ופאה, אלץ וואס איז אראפגעפאלן בעתן שניידן און די גארבן וואס מען האט צופעליק פארגעסן אין פעלד. יעדער באזיצער האט אויך געמוזט איבערלאזן די ברעגעס פונעם פעלד און עס נישט געטארט באנוצן פאר זיך.

דער געזעץ פון דער תורה איז קאנטיק דעמאלט שטרענג אפגעהיט געווארן, און נישט בלויז האבן יידישע ארימעלייט געהאט א פריווילעגיע צו זאמלען די לקט שכחה און פאה, נאר אפילו ארימעלייט פון פרעמדע פעלקער, ווייל ווי עס איז צו זען פון מגילת רות, האט די דערשיינונג פון דער מואבית רות, אין די פעלדער נישט ארויסגערופן קיין באזונדערע אויפמערקזאמקייט.

דא שילדערט אונדז דער מחבר פון רות די היימיש־ווארימע באציונ־גען, וואס האבן געהערשט צווישן באלעבאס און ארבעטער. נישט די בא־ציונג צווישן א האר און זיינע קנעכט, נישט אפילו צווישן א רייכן און שכר יום, נאר א ריין־חברישע באציונג פון מענטש און מענטש. בועז, דער אייגנטימער, קומט אין פעלד, באגריסט די שניטערס, זיי ענטפערן אויף זיין באגריסונג און ווען ער דערוויסט זיך פון זיי, אז די זאנגען־קלייבערן איז רות, די שנור פון נעמי, באגריסט ער איר פריינטלעך און לאדט איר איין צו עסן מיט אים און „טונקען איר ברויט אין עסיג", פון וואס אפנים דער מאלצייט פון דעם רייכן יידישן שופט איז באשטאנען. ער זאגט אויך אן די שניטערס, די פרעמדע נישט צו פארשעמען און איר לאזן קלייבן אפילו צווישן די קופעס תבואה.

און רות האט ביזן אוונט אנגעקליבן א גאנצע מאס (איפה) גערשטן און געבראכט צו איר שוויגער נעמי מיט וועמען זי האט זיך צוטיילט. די אומשולדיקייט און נאיוויטעט פון רותן איז רירנדיק. ווי ריין און אומ־שולדיק זי ווערט באשריבן, און וואס פאר א קאנטראסט מיט די לעגענ־דארישע העלדן פון דער גריכישער מיטאלאגיע. אפילו פון דעם „נאכט־לעכן באזוך" ביי בועזן, וואס איז פון רותן אויסגעפירט געווארן אויפן

באפעל פון איר שוויגער נעמי, שיינט אויך ארויס די צניעות און נאיווי־טעט. אגב, איז דערביי אויך אויסגעפירט געוואָרן דער שיינער מנהג פון דער תורה, דער מנהג פון „יבום".

דער מנהג פון יבום און גואל איז ארויסגעוואקסן צוליב דעם אגרי־קולטורעלן לעבן פון פאָלק און זייער הויכן מאָראַלישן סטאַנדאַרד. דאָס רעכט אָפּצוקויפן אן אייגנטום פון איינעם וואָס האָט עס געמוזט צוליב נויט פארקויפן, האָט געהערט אויסשליסלעך צו די מער נאָענטערע מיט־גלידער פון א משפחה דאָס פעלד פון א פארשטאָרבענעם האָט אויך באַ־דאַרפט איבערגיין צום נאָענטסטן קרוב, ווען יענער האָט איינגעווילקט חתונה צו האָבן מיט דער אלמנה און „אויפשטעלן דעם נאָמען פונעם טויטן אין ישראל". דער נאָענטער קרוב פון רותעס מאַן איז געווען איינער מיטן נאָמען טוב, און יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט איר מיבם צו זיין. בועז איז דעריבער געבליבן דער נאָענטסטער קרוב און „גואל".

אויף דער עצה פון נעמי קומט רות אינעם תבואה־שייער פון בועז און לייגט זיך שטיל ביי זיין זייט. בועז כאַפּט זיך אויף א דערשראָקענער און פרעגט ווער זי איז. זי ענטפערט אים: „איך בין רות, דיין דינסט, ופרשת כנפיך על אמתך — שפּרייט אויס דיינע פליגל אויף דיין דינסט", ווייל דו ביסט דער איינציקער גואל. בועז זאָגט צו מיט איר חתונה צו האָבן, בתנאי עס וועט נישט זיין קיין נאָענטערער קרוב. צומאָרגנס גייט ער מיט איר צו די זקנים פון שטאָט, וועלכע האָבן דעמאָלט אויסגעפילט דעם אמט פון ריכטער, און פאר זיי ווערט באַוויזן, אז ער איז לויט דעם געזעץ דער אמתער גואל.

דער פּאַרפאַסער פון רות האָט אידיליזירט די צניעות פון דער יידי־שער פרוי, און פאַרגעשטעלט דעם ראָמאַן פון בועז מיט רות אלס א גאָטס זאך. דער מדרש (רות ז') זאָגט דערויף אזוי: „און גאָט האָט גע־זאָגט: בועז האָט געטאָן דאָס זייניקע, רות און נעמי דאָס זייעריקע, און איך וועל אויך טאָן דאָס מייניקע און אויפשטעלן פון זיי דאָס מלכות בית דוד".

דאָס געזעץ פון יבום איז אין יענער צייט געווען אן אמתע נויט־ווענדיקייט. יידן האָבן זיך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק פארנומען בלויז מיט ערד ארבעט און פיצוכט, און אין דעם איז באַשטאַנען זייער גאנצער רייכטום. ווען א פרוי האָט געטראָפן אן אומגליק און איר מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן און נישט איבערגעלאָזן קיין קינד, איז די פרוי צוריקגע־

געגאַנגען צו איר משפּחה און אָפּט דאַדורך געבליבן אָן עלנטע און נישט געהאַט וועמען עס זאָל איר חלק פעלד באַאַרבעטן. דערפאַר איז עס געווען דער הומאַניטאַרער מנהג, אַז אַן אַנדער מיטגליד פון דעם מאַנס פאַמי־ליע זאָל מיט איר הייראַטן. דאָס קינד וואָס איז פון דער הייראַט געבוירן געוואָרן, האָט פאַרטראָטן אין דער פאַמיליע דעם אָרט פונעם פאַרשטאָר־בענעם פאָטער, און די מוטער האָט געהאַט וועמען עס זאָל פאַר איר זאָרגן.

רות איז אַ קליין ווערק, קלענער פון אַ געוועגלעך מעשהלע. און דאָך אַנטהאַלט עס אַ רייכקייט פון בילדער ביז צו אָטעם־פאַרכאַפּונג. די לי־טעראַטור קענער ווייזן דערויף אָן ווי אויף אַ שיינער, קינסטלערישער אַלט־פאַרצייטיקער אידיליע, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ אין עטישער פאָרם דער טאָג־טעגלעכער לעבנס שטייגער פון יידן אין יענע אַלטע טעג, זייערע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע מנהגים, כמעט ווי אין די עפּאָ־פּייען פון דער וועלט ליטעראַטור.

רות אַנטהאַלט דראַמאַטישע מאָמענט פון פּערזענלעכן באַדייט, וועל־כע רירן אונדז מיט זייער איינפאַכקייט און טראַגישקייט. די באַשרייבונג איז אַ שטאָלצע אָפּשפּיגלונג פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג אין דער תורה. די אינהאַלטסרייכקייט פון דעם יום טוב שבועות, די שניט-צייט, ווערט דערין עפּיש־בילדעריש געשילדערט, און מגילת רות איז דעריבער מיט רעכט דאָס בוך פון דעם יום־טוב שבועות.

פערטער קאפיטל

די פאַרשידענע שבועותדיקע מנהגים

די מילכיקע סעודה — קרעפּלעך מיט דריי שפּיצן — תיקון ליל שבועות — גרינס אין די שולן — אקדמות.

שבועות איז דער איינציקער יום־טוב ביי יידן אין וועלכן עס איז א מנהג צו עסן מילכיקס. פאראן שטעטלעך אין אייראָפּע, ווו מען דאווענט אָפּ דעם ערשטן טאָג שבועות כמעט פארטאָג. מען לויפט דערנאָך א היים, מען עסט אָפּ א זאטע מילכיקע סעודה און מען לייגט זיך שלאָפן אויס־צורוען פון דער נאכט וואָס מען איז אויך געווען זאָגנדיק דעם „תיקון שבועות". ערשט ביימאָג, נאָך א לאנגן שלאָף, עסט מען א פליישיקע סעודה, ווי עס פאסט פאר אזא חשובן יום־טוב, און מען גייט ווידער אין שול זאָגן תהילים לכבוד דוד המלכס יאָרצייט.

אין די מערסטע קהילות עסט מען דעם ערשטן טאָג אינגאנצן קיין פליישיקס נישט. מען מאכט אלערליי געבעקסן, און אלע זענען זיי מיט פוטער און קעז. דער דאָזיקער מנהג ווערט שטרענג אָפּגעהיט ביי יידן אויף דער גאָרער וועלט. טעמים דערויף זענען פאראן א היבש ביסל, און צווישן זיי גאנץ וויציקע, וואָס זענען, מסתמא געשאפן געוואָרן ביים פאָלק אליין.

וועדליג די ספרים עסט מען מילכיקס דערפאר וואָס אין שיר השירים שטייט: „דבש וחלב תחת לשונך — האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג", און אזוי ווי דאָס דאָזיקע ווערט געזאָגט וועגן דער תורה, עסט מען מילכיקס אינעם טאָג, אין וועלכן די תורה איז געגעבן געוואָרן. א צווייטער מפורש דערקלערט, אז דער מנהג נעמט זיך דערפון וואָס דער בארג סיני אויף וועלכן די תורה איז געגעבן געוואָרן, ווערט אין תהילים אָנגערופן: „הר גבנונים" און אזוי ווי „גבנונים" איז אין העבראיש ענלעך צום

ווארט „גבינה", וואס מיינט קעז, עסט מען דעריבער מילכיקע שפייזן.

נאך א טעם איז וואס פארצייטנס פלעגן די לערנער זיך אפהיטן פון עסן פלייש און אנדערע רייכע שפייזן, כדי זיי זאלן נישט שטערן דעם לערנען. אויך האט שלמה המלך געזאגט, „ודי חלב עזים ללחמך ללחם ביתך וחיים לנערותיך — ציגן מילך זאל דיר זיין גענוג פאר שפייז".

נאך א טעם ווערט אנגעגעבן, וואס אין דער תורה שטייט, אז מען דארף ברענגען א „מנחה חדשה לד׳ בשבועותיכם", און די ערשטע אותיות פון די פיר ווערטער זענען „מחלב — פון מילך".

אנדערע גיבן אן א גאנץ איינפאכן טעם. די תורה איז געגעבן געווארן שבת, און דאס פלייש וואס מען האט געהאט אנגעגרייט פון פריער איידער מען האט געגעבן די תורה, איז געווען טריפה, נישט וועדליג די דינים פון שחיטה.

דער פשוטער עולם גיט אבער אן דעם סאמע בעסטן טעם: היות, די יידן זענען דעם גאנצן טאג געשטאנעןביים בארג סיני און מקבל געווען די תורה, האבן זיי זיך דערווייל גוט אויסגעהונגערט און אוועק אין איי-לעניש אהיים אונטערלייגן דאס הארץ. קומענדיק אהיים, האבן זיי קיין געדולד נישט געהאט צו ווארטן ביז די ווייבער וועלן כשר מאכן דאס פלייש, און דערווייל זיך צוגעכאפט צום מילכיקן.

פארוואס מען עסט שבועות קרעפלעך און דווקא מיט דריי שפיצן, ווערן אויך אנגעגעבן א היבש ביסל טעמים, אבער די וויכטיקסטע זענען די דאזיקע:

די דריי שפיצן זענען א רמז אויף דער תורה, וועלכע באשטייט פון פון דריי טיילן: תורת משה, די נביאים און די כתובים.

דאס יידישע פאלק באשטייט פון דריי טיילן: כהנים, לויים און ישראלים.

די תורה איז געגעבן געווארן דורך משהן, וועלכער איז געווען דאס דריטע קינד ביי זיינע עלטערן: מרים, אהרן און משה.

די תורה איז געגעבן געווארן אין דעם דריטן חודש, סיון, און נאכ-דעם ווי די יידן האבן זיך דערצו געגרייט דריי טעג נאכאנאנד.

אין דער ערשטער נאכט פון שבועות זענען פרומע יידן אויף און זאגן תקון שבועות, וואס איז איינגנטלעך איינגעפירט געווארן ביי די בעלי הקבלה, און באצוועקט זיך צוצוגרייטן צו קבלת התורה דורך אויסלערנען די תורה.

דער זוהר זאָגט, אז די תורה איז אין דער בחינה פון א כלה און דער ייד איז דער חתן, און אינעם טאָג פון שבועות איז גאָט זיי ביידן מזווג. חסידים, אנשי שלומנו, זיצן דעריבער אויף די גאנצע נאכט און גרייטן זיך מקבל צו זיין די כלה.

דער תיקון איז א פארקירצונג פון דער תורה און אויך טיילן פון דער משנה. אינעם „תיקון" ווערט געגעבן דער אָנהויב און דער סוף פון יעדן ספר אין תנ"ך, אחוץ וואָס די מעשה בראשית מעשה מרכבה, די שירה אז ישיר און די מגילת רות ווערט געגעבן אין גאנצן און אָן פאר־קירצונגען. נאָך דעם טייל קומט דער אָנהויב און סוף פון יעדער אייגער פון די דריי און זעכציק מסכתות משניות. צום סוף קומט אויך א קלייגער פרק פונעם ספר יצירה און עטלעכע שטיקער פון זוהר.

די מקובלים אין צפת פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן פראקטיצירט דעם דאָזיקן מנהג, און ביסלעכווייז האָט עס זיך פארשפרייט פריער צווישן די יידן אינעם אָריענט, וועלכע זענען תמיד געווען מיסטיש גענויגט, און שפעטער אויך צווישן די יידן אין אייראָפּע.

גאָר א שיינער מנהג וואָס איז אָנגענומען בכל תפוצות ישראל, און וואָס גיט צו א פארביקע רייכקייט צו דער פייערונג פונעם יום־טוב שבו־עות, איז דאָס אויסשפרייטן די הייזער און שולן מיט גרינסן און בלומען.

וועגן דעם טעם זענען דאָ פארשידענע מיינונגען. א טייל זאָגן, אז עס איז דערפאר וואָס שבועות איז דער חג הבכורים, דער יום־טוב אין וועלכן די יידן אין ארץ־ישראל פלעגן מיט גרויס פייערלעכקייט פירן זייערע ערשט־צייטיקע פרוכט קיין ירושלים. אנדערע זאָגן, אז עס איז אין אָנ־דענק פונעם בארג סיני, וועלכער איז געווען באדעקט מיט גראָז בעת מען האָט אויף אים געגעבן די תורה.

אין די שולן שפרייט מען אויס בלומען דערפאר וואָס שבועות איז לויט דער טראדיציע דער ראש השנה און יום הדין פאר פרוכט ביימער, און מען דארף זיך יענעם טאָג דערמאָנען פאר זיי מתפלל צו זיין זיי זאָלן האָבן א גוט יאָר.

דער ערשטער וואָס דערמאָנט וועגן דעם מנהג איז דער מהרי"ל, וועל־כער הייסט שבועות אויסשפרייטן דעם דיל פון שול מיט רויזן און בלו־מען אלס צייכן פון פרייד, דער מגן אברהם זאָגט, אז עס איז א מנהג אוועקצושטעלן אין שול גאנצע ביימער, אָבער דער ווילנער גאון האָט דאָס

פארבאָטן, ווייל עס קוקט אויס ווי מיר וואָלטן נאָכגעטאָן די גויים, וועלכע זענען זיך נוהג אויסצופוצן זייערע קירכן א חגא טאָג מיטביימער און גרינסן.

די רעפאָרמירטע יידן אין זייערע טעמפלען האַלטן נישט פון דעם אי־סור פונעם גאון און באַפּוצן זייערע שולן אַפילו מיט ביימער. די אָרטאָ־דאָקסישע יידן באַגנוגענען זיך בלויז מיט אויסלייגן גרינס און מיידן אויס אַפילו בלומען.

שבועות איז אויך א מנהג צו לייענען אין די שולן אקדמות, וואָס איז א מין פאָרוואָרט און דערלויבעניש צו לייענען די עשרת הדברות. אין א סך קהילות פירט זיך, אז אן אנדערער, נישט דער שטענדיקער בעל קורא, לייענט די פּאָעמע הקדמות כדי עס זאָל אויסזען ווי דאָס טוט א מתורגמן, אַן איבערזעצער, וועלכער פאַרטייטשט די תורה אין אַראַמעאיש, ווי מען פלעגט עס טאָן אין די צייטן פונעם תלמוד.

דערפאַר וואָס די פּאָעמע איז געשריבן אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, האָט דער לייענען אַרויסגערופן פאַרשידענע ווענן און מעטאָדן ווי אַזוי אַמשטאַרקסטן צו באַטאָנען דעם פאַקט, אַז אקדמות איז נישט אַזוי הייליק ווי די תורה אַליין. דער מהר״ל, למשל, פלעגט זיך פירן מפסיק צו זיין אין קריאת התורה נאָך דעם ערשטן פסוק פון דער פרשה בחודש השלישי, גולל זיין די תורה, איר איבערדעקן מיטן מאַנטעלע, און ערשט דעמאָלט לייענען אויפן קול אקדמות.

אקדמות איז א לעגענדאַרע שאַפונג, און דער פאַרפאַסער פון דער דאָזיקער שיינער רעליגיעזער פּאָעמע, ר׳ מאיר ש״ץ, וועלכער האָט גע־לעבט אין דער שטאָט וואָרמס, אינעם עלפטן יאָרהונדערט, איז באַקרוינט געוואָרן מיט א גלאָרייכן קראַנץ פון לעגענדעס און פאָלקס־מעשהלעך.

ר׳ מאיר ש״ץ איז געווען א שליח צבור, א חזן, און האָט אַליין פאַר־פאַסט דעם וווּנדערלעך שיינעם פיוט אין וועלכן עס ליגט פאַרבאָרגן רייכ־קייט פון פאַנטאַזיע און בליציקן שווונג. אין זיינע פּאָעמעס איז פאַראַן פיל אייגנאַרטיקייט סיי אין דער שפּראַך און סיי אין דער פאָרם. דער אקדמות איז אָנגענומען געוואָרן נאָך ביי זיין לעבן און עס האָט נישט געדויערט לאַנג און יידן אין אַלע לענדער האָבן עס אָנגעהויבן פאַרצוליי־ענען שבועות מיט א צוגעפּאַסטן ניגון, וואָס איז געבליבן לעבן ביז היינ־טיקן טאָג.

אקדמות איז א שיר הכבוד פאַרן רבונו של עולם און זיין תורה. די

פּאַמע אנטהאלט נײַנציק חרוזים (פּערזן), וועלכע ענדיקן זיך מיט די אות־תיות „תא" און שליסן אין זיך אויך איין, ווי עס איז דעמאָלט געווען דער אָנגענומענער סטיל, זײַן אייגענעם נאָמען.

אינעם ערשטן טייל דריקט דער פאַרפאַסער אויס א שבח והודיה צו גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן די וועלט, די מלאכים און די יידן אים צו דינען. אינעם צווייטן טייל ווערט פאָרגעשטעלט א ויכוח צווישן די גויים און די יידן. די גויים ווילן איינריידן די יידן צו פאַרלאָזן זייער אמונה, אָבער די יידן ענטפערן אָפּ מיט שטאָלץ, אז זיי זענען פול מיט האָפענונג און גלויבן אין לעתיד לבא, אין דער קומענדיקער גאולה, ווען זיי וועלן געניסן פון אלדאָס גוטס.

אין א מדינה נישט ווייט פון טייך סמבטיון — דערציילט די לעגענדע — איז געווען א גרויסע יידישע קהילה וואָס האָט זיך געלעבט גליקלעך און צופרידן. איז אָבער יידן תמיד און אומעטום באַשערט צו האָבן צרות פון שונאים, און עס האָט זיי אפילו דאָרטן אויך נישט אויסגעמיטן.

אין יענער מדינה איז אויך געווען א גלח א גרויסער כשוף מאכער, וואָס פלעגט יעדן יידן, וועמען ער האָט באַגעגנט, טויטן מיטן בלויזן בליק. דער קעניג פון יענעם לאַנד איז דווקא געווען א גוטער, א מלך חסד, האָבן די יידן זיך צו אים פאַרווענדט נאָך רחמים. ווען דער מלך האָט געשיקט רופן דעם גלח און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער טויט יידן מיטן קוק, האָט ער געענטפערט, אז ער טוט עס דערפאַר ווייל ער וויל מיט זיי האָבן א רעליגיעזן ויכוח, און אויב ער וועט זיי נישט מנצח זיין, זאָל מען אים טויטן.

דער מלך האָט באַלד אַרויסגעגעבן א באַפעל צו אלע יידן אויסצוקלייבן אין משך פון דריי חדשים איינעם וואָס זאָל מיטן גלח האָבן דעם ויכוח. איז אין יענער מדינה געוואָרן א גרויסע יללה, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיינעם צווישן זיך וואָס זאָל זיך קענען פאַרמעסטן מיטן גלח און כשוף און אין חכמה. האָט זייער געוויין דערגרייכט אלע קהילות אויף דער וועלט, און זיי זענען זיך צונויפגעקומען אויף אן אסיפה אויסצוקלייבן עמיצן צו פאָרן צו די יידן ביים סמבטיון. דאָרטן אויף דער אסיפה איז אויסגעקליבן געוואָרן רבי מאיר דער חזן, וועלכער איז געווען א גדול בתורה און חכמה.

ר' מאיר האָט אָפּגעגט זיין פרוי, און איבערלאָזנדיק איר מיט זייער בת יחידה, איז ער אוועק צו די בני משה, די „רויטע יידעלעך", און אויס־

גערעכנט אהינצוקומען פונקט שבת, ווען דער סמבטיון ווארפט נישט מיט שטיינער. אז די דארטיקע יידן האבן אים דערזען אנקומען אין שבת, האבן זיי אים ארעסטירט און געשטעלט פאר די סנהדרין צום משפט. האבנדיק מיט זיך די דאקומענטן און באווייזן פון אלע קהילות וואס האבן אים געשיקט, האט מען אים כוף כל סוף באפרייט. צו האלטן דעם ויכוח מיטן גלח האט מען אים אבער דערפאר נישט אויסגעקליבן. מען האט געווארפן גורל און עס איז געפאלן אויף אן ארימען שניידער צו פירן דעם ויכוח.

איידער דער ויכוח האט זיך אנגעהויבן, האט דער גלח גענומען די שטיינער פונעם דארטיקן מיל, זיי צוגעטראגן צו דער בימה אויף די אקסלען, און זיי א ווארף געטאן אין דער לופט. די שטיינער האבן זיך גע־דרייט אין א קרייז און געבליבן הענגען. אלע זענען געווארן שטארק פאר־וווּנדערט און געפאדערט, אז דער פארטרעטער פון די יידן זאל אויך באווייזן אזא קונץ.

דער שניידער איז צוגעגאנגען צום גלח און אים אנווייזנדיק אויף א גרויסן דערבייאיקן בוים, האט ער אים געהייסן צוריקהאלטן דעם בוים מיט אלע זיינע כוחות בעת ער, דער ייד, וועט אים דווקא אומווארפן. דער שניידער האט דעם בוים איינגעבויגן, אבער ווען דער גלח האט דעם בוים אנגענומען ביים שפיץ אים צוריק אויפצושטעלן, האט דער שניידער א־וועקגענומען זיינע הענט און דער בוים האט זיך אויף גיך א הויב געטאן אוועקשליידערנדיק דעם גלח פונקט צווישן די מילשטיינער, וואס האבן זיך נאך אלץ געדרייט אין דער לופטן.

פון גרויס שמחה און דאנק צו גאט, וואס ער האט באוויזן אזא גרויסן חסד צו די „רויטע יידעלעך״, האט ר׳ מאיר פארפאסט דעם אקדמות צו־זאמען מיטן ניגון.

פינפטער קאפיטל

שבועות פייערונגען אין פאַרשידענע לענדער

די פייערונג אין ארץ־ישראל — די ספרדישע און תימנער יידן — דוד המלכס קבר — די קינדער אין תל־אביב — ביי פוילישע חסידים — אין דער ישיבה ביים חפץ חיים — דער יאָרצייט פון גראף פּאָטאָצקי.

דער אלטער ביבלישער דין און מנהג פון בכורים, די ערשט־צייטיקע פּרוכט, איז אויפדאָסנייע אויפגעפרישט געוואָרן אין ארץ־ישראל. פון אלע שטעט און קאָלאָניעס ציען זיך קיין ירושלים קינדער מיט בכורים. פונקט ווי אמאָל אין די צייטן פון בית המקדש, זינגען זיי און מארשירן איבער די גאסן בתופים ובמחולות, מיט פויקן און טענץ.

אין קיין שום אָרט אין גלות פילן זיך יידן נישט אזוי פריי און פרייליך ווי אין ירושלים. די דורכוים יידישע קווארטאלן רוישן מיט קינדעררישער, שפּילנדיקער פרייד, דער עלטערער עולם גייט שבועות צו די קברים פון מלכות בית דוד, ווייל דעמאָלט פאלט פּונקט אויס דער יאָרצייט פון דוד המלך. צוזאמען מיט די יידן גייען אויך די אראבער, ווייל אויך ביי זיי איז פארהייליקט דער קבר פון „נעבי דאאוד".

די ספרדישע און תימנישע יידן גייען אהין אין כאלאטן פון ווייסן אטלאס און לינען, און נאָך זיי גייען די פרום־באפוצטע ווייבער און פירן די קינדער ביי די הענט. אלע צוזאמען זאָגן זיי דאָרטן תהילים, פסוק ביי פסוק, און פארטרינקען מיט וואסער געזויערט אין ציטרינען. דער טרינקען איז אויך איינער פון די קאבאַליסטישע, סודותדיקע צערעמאָניאָלן אין וועלכע זיי לייגן אריין גאָר גרויסע באדייטונגען. זיי ברענגען אויך מיט זיך אלערליי גרינסן, וואָס זיי באהאלטן דערנאָך אלס א סגולה קעגן פארשידענע קראנקייטן.

ווענן די קברי מלכות בית דוד גייען ארום גאָר א סך לעגענדעס. דער

רוב גלויבט, אז דוד מלך ישראל חי וקים, אז דוד המלך לעבט אייביק, איז א ווירקלעכער פאקט און אז הינטער דער הייל געפינען זיך גרויסע און רייכע פאלאצן, ווו דוד המלך לעבט און ווארט אויפן שופר של המשיח ארויסצוקומען. דערביי גייט די לעגענדע, אז דוד המלך טראגט א גאנץ לאנגע ווייסע באָרד ווי די אמאָליקע פאטריארכן און שפילט אויס מיט זיין פידעלע נייע קאפיטלעך תהילים.

איז פאראן א מעשהלע, וואָס דערציילט ווי אזוי א טערקישער פאשא האָט אמאָל אראָפגעלאָזט אין דוד המלכס קבר א גאָלדענעם שווערד און באפוילן זיינע סאָלדאטן דעם שווערד ארויסצוקריגן. האָט מען אראָפגעלאָזט דעם ערשטן סאָלדאט און אים באַלד דערנאָך ארויסגעצויגן א טויטן. אזוי איז עס געווען מיט א צווייטן, א דריטן, א פערטן, און יעדעס מאָל האָט מען דעם סאָלדאט ארויפגעצויגן א טויטן, ביז דער פאשא האָט באפוילן דעם שמש פון דער אלטער שול אין ירושלים ארונטערצוגיין אין קבר. און ער האָט טאקע דעם שווערד ארויפגעבראכט. ער האָט דערביי דערציילט, אז ער האָט דאָרטן געזען אן אלטן, גרייז גראָען מאן וועמענס פנים עס האָט געלויכטן ווי די זון, זיצן איבער א תהילימל, און יענער האָט אים דער־לאנגט דעם שווערד.

דוד המלכס קבר איז תמיד באוואכט געוואָרן פון די טערקישע זעל־נער, און קיין ייד איז אהין קיינמאָל נישט צוגעלאָזן געוואָרן, איצט איז דער קבר באוואכט פון ענגלישע סאָלדאטן, וועלכע היטן, אז די אראבער זאָלן נישט שטערן יידן צו גיין אויף קבר אבות. דער אלמער ספרים און דער כיור ביי וועלכן מען וואשט זיך די הענט זענען די איינציקע מכשירים וואָס די רעגירונג דערלויבט דאָרטן צו האלטן און אליץ איז געשטעמפלט מיט דער חתימה פון דער מאכט.

אויך אין תל אביב איז שבועות פריילעך און לעבעדיק. דאָרטן איז איינגעפירט אז די שול־קינדער קומען אהין אונטער דער אָנפירונג פון זייערע לערער מיט בכורים אין די הענט, און מאַרשירן איבער די גאסן אונטערן געזאנג און שפיל אינסטרומענטן פון דעם ניי פארפאסטן ליד: „סלינו על כתפינו — אונדזערע קערב אויף אונדזערע אקסלען".

אינעם ליד ווערט דערציילט ווי זיי קומען פון גאנצן לאנד — פון יהודה און שומרון, פון גליל און עמק — און טראָגן מיט זיך די בכורים. די געבראכטע מאטאָנעס גייען אלע צום נאציאָנאל־פאָנד, אָבער אויך די קליינע קינדער, די בכורימלעך וואָס ווערן געפירט אין די וועגעלעך פון

זייערע יונגע מאמעס, קריגן אויסגעטיילט שיינע מתנות.

די דאַזיקע וואָס וווינען ווייט פון תל־אביב און ירושלים, קומען זיך צונויף אין דער קאָלאָניע עין חרוד, און פּראַווען די זעלבע שמחות מיט בכורים.

אנשי שלומנו, די חסידים אין פּוילן און אין גאַליציע, זענען זיך נוהג אויף שבועות צו פאָרן צום רבין כדי זיי זאָלן זיך געפינען אין די דלד אמות פון תורה און מצוות. דערביי ווערן אין די חסידישע הויפן טריי אָפּגעהיט די פאַרשיידענע מנהגים, וואָס איז צו זיי איבערגעגאַנגען פון זייערע עלטערן און אור-עלטערן, די גוטע יידן.

ביי א טייל רביים אין אוקראַינע און גאַליציע איז א מנהג, אז א חסיד פאַרשטעלט זיך פאַר א קאָזאַק אין ברייטע הויזן און רויטע פּאַסן, קריכט אַרויף אויפן טיש פּונקט דעמאָלט ווען אלע זיצן שוין אַרום במסי־בה, און הויבט אָן זינגען רוסישע און פּוילישע לידער געמישט מיט העב־רעאיש און יידיש. די פּאָפּוולערסטע לידער זענען: „ירושלים סלאַווני גאָראָד" און „אַבראַהאַם, אויטשעץ נאַש". די דאַזיקע לידער ווערן אויך געזונגען פּסח ביינאַכט אין די הייזער פון די פרומע לומדישע חסידים אין פּוילן.

אויך אין די ליטווישע ישיבות פלעגט מען שבועות, דעם יום־טוב פון דער תורה, פייערן מיט גרוים הדוה און שמחה.

עס געדענקט זיך נאָך גוט דעם שבועות אין מיר, די ישיבה פון „חפץ חיים".

ערב שבועות האָט מען צורוקט אלע בענק האַרט ביים וואַנט, אויף די בענק האָט מען אַרויפגעשטעלט אלע שטענדערס איינעם אויפן אנדערן, און דער גאָר גרויסער בית המדרש איז געבליבן א ליידיקער חלל. ביי־נאַכט, גלייך נאָכן עסן, האָבן זיך אלע ישיבה בחורים אוועקגעלאָזט אין א התלהבותדיקן טאַנץ וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד.

דאָס קליינע שטעטעלע מיר, וואָס איז פון תמיד אָן געווינט געווען צו הערן פון די ישיבה ווענט דעם געזאַנג פון אביי ורבא, האָט איצט פאַר־נומען דעם געזאַנג פון פרייד און קבוץ גליות. אלע האָבן זיך צונויפגעגאָסן ווי אין איין קנויל און געטאַנצט אין קאַראַהאָד. די גאַנצע לופט איז געווען אָנגעפּולט מיט נגינה קלאַנגען; עס איז געווען דער געזאַנג פון גלות־שמערץ, געמישט מיט גאולה האָפענונג, משיח בענקעניש און אומבאַגרע־געצטער בטחון, עצבות און רעליגיעזן עקסטאַז. דער קאַווקאַזער מיט זיין

אָריענטאַלישע דבקותדיקייט, דער אוקראַינער מיט זיין נאַטירלעכער ברייטהארציקייט, דער בעסאַראַבער מיט זיין וואַלאַכיש געשלענגלטער הימל דערגרייכונג, דער פוילישער מיט זיין חסידישער פריילעכקייט און פשטות, דער ליטוואַק מיט זיין אומעטיקייט און רוסישע אָפנהאַרציקייט, דער חב"דניק מיט זיין מיסטישקייט און התבודדות, האָבן אַלע צוזאַמען געפונען זייער ריטמישן אויסדרוק אין איין האַרציקער האַרמאָניע — דעם שיר און שבח צום בורא עולם פאַר זיין געבן אונדז די תורה.

און ווער האָט דעמאָלט נישט געזען דאָס הימלישע געשטאַלט פון דעם צדיק ותמים, דעם חפץ חיים, אויף וועמענס פנים עס האָבן זיך גע־שפּרייט ליכטיקע שטראַלן, ווי אויף אַ כלה, וועלכע דערזעט דעם ערשטן מאָל איר פאַנטאַסטיש אויסגעחלומטן חתן?! שוין לאַנג איז ער געשטאַ־נען פונוויטנס און זיך צוגעקוקט ווי מען טאַנצט און פרייט זיך מיט קבלת התורה. אפילו די ראשי הישיבה האָבן געטאַנצט, אחוץ דער חפץ חיים, דער עניוותדיקער און באַשיידענער זקן. ווען זיינער אַ מקורב האָט אים געוואָלט אַריינשלעפּן אין רעדל, האָט ער מיט זיין שטענדיקער תמי־מות זיך געבעטן: „ניין, נישט איך, איך בין נישט ראוי צו טאַנצן אין דער ישיבה מיט אַזוי פיל בעלי תורה".

איינמאָל האָט דאָך געטראָפן, אַז אַ בחור איז צוגעלאָפן צו חפץ חיים און אים אויפגעהויבן אין דער הויך זיך דרייענדיק אין אַ פריילעכן טאַנץ. דערויף האָט דער חפץ חיים אים געזאָגט אָן שום כעס:

— פאַרשטייט איר מיך, אַ מענטש דאַרף זיך נישט לאָזן הויבן הע־כער ווי ער איז באמת.

אין דער ישיבה פונעם חפץ חיים פלעגט מען אויך יעדן שבועות דערמאָנען און ריידן וועגן דעם גר צדק, דער גראַף פּאָטאָצקי, וועלכער איז אינעם צווייטן טאָג שבועות געשטאָרבן על קידוש השם.

תשעה באב

דער נאַציאָנאַלער טרויער-טאָג

ירושלים און רוים — די פילע נאַציאָנאַלע אומגליקן אין די דריי וואָכן — דער גרויסער רעטעניש — די פילע מנהגים.

תשעה באב האָט נישט זיין גלייכן אין דער גאנצער וועלט-געשיכטע. שוין צוויי טויזנט יאָר אז דאָס יידישע פאָלק טרויער איבער דער צעשטע־רונג פון זיין הייליקטום, לאנד און מלוכה, אז דער טרויער איז נאָך היינט פונקט אזוי הארצרייסנדיק ווי דעמאָלט בעת דער בית המקדש איז גע־ווען ארומגעכאפט אין פלאמען. דער פרומער ייד קלאָגט נאָך איצטער ביי די קנות אזוי רירנדיק, פונקט ווי ער וואָלט אליין געווען איינער פון די גולי ירושלים.

רוים האָט אויפן טויער וואָס זי האָט געבויט לכבוד דעם זיג פון טי־טוסן, אויסגעקריצט די אותיות: „ה. ע. פּ." (הערעסאלימא עסטא פּער־דיטאַ — ירושלים איז פארלוירן). דאָך לעבט נאָך ירושלים, און רוים איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען. די געשיכטע פון דעם קאמף צווישן רוים און יהודה איז און וועט תמיד בלייבן א היסטאָרישער ביישפּיל פון א מלחמה צווישן גייסט און ברוטאלער מאכט, א מלחמה וואָס קען צייטווייליק פירן צו א טריומף פון ברוטאלער שטארקייט, אָבער וואָס קען קיינמאָל נישט פולשטענדיק באזיגן דעם גייסט.

דער חורבן ירושלים האָט פארניכטעט אונדזער פּאָליטישע עקזיס־טענץ, אָבער בשום אופן נישט די יידישע גאנצקייט און אידייע, די אי־דייע פון מענטשלעכקייט, יושר און מאראל.

היסטאָרישע שילדערונגען דערציילן, אז די דריי וואָכן, די צייט פון דעם זיבעצנטן טאָג אין תמוז ביז דעם ניינטן טאָג אין אב, זענען תמיד פאררעכנט געוואָרן אלס אומגליק ברענגענדיקע.

די גמרא גיט צו, אז אין חודש אב איז דער יידישער מזל א שטארק געפאלענער. אויב א ייד האָט א משפט מיט א גוי אין יענע טעג, דארף

דער ייד זען קומען צו אַן אויסגלייך און זיך נישט פאַרלאָזן אויפן אויס-גאַנג פון דעם משפט.

איז עס טאַקע מערקווירדיק און רופט ארויס גרויס שטוינונג, וואָס די גרעסטע נאַציאָנאַלע אומגליקן זענען אַלע פאָרגעקומען אין דעם ניינטן טאָג אין אב. סיי דער ערשטער און סיי דער צווייטער בית המקדש, איז חרוב געוואָרן אין דעם דאָזיקן טאָג, און געדענקענדיק דעם פאַקט אַז אין דער צווישן זענען פאַרלאָפן 512 יאָר, איז ער שוין אַביסל מער ווי אַן איינפאַכער צופאַל. די שטאָט ביתר, די גרעסטע פעסטונג-שטאָט אין דער רעוואָלוציע פון בר כוכבא, איז אויך איינגענומען געוואָרן דעם ניינטן טאָג אין אב, און דאָס איז געווען גאַנצע פופציק יאָר נאָכן חורבן בית שני. די גרעסטע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע נאָך דעם חורבן ביתר, איז פאַר יידן געווען דער גירוש שפאַניע. דאָרטן איז געווען דער גרעסטער יידישער קי-בוץ פון דם פופצנטן יאָרהונדערט, און געלעבט האָט ער אין גרויס מאַ-טעריעלער און גייסטיקער עשירות, און מערקווירדיק, אויך דער דאָזיקער גירוש איז פאָרגעקומען אין דעם ניינטן טאָג אין אב, תשעה באב.

אזוי פיל נאַציאָנאַלע אומגליקן זענען פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן דאַטום, אַז עס האָט זיך געשאַפן דערפון אַ טראַדיציאָנעלער גלויבן, אַז משיח וועט אויך געבוירן ווערן אין דעם ניינטן טאָג אין אב. אויב די ישועה אויף יידן וועט אמאָל קומען, מוז עס זיין דווקא אין דעם טאָג פון אונדזערע שרעקלעכסטע אומגליקן. דער שטאַרקער גלויבן אין דעם פאַלשן משיח, שבתי צבי, איז אויך געווען אַ סך דערפאַר וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אין תשעה באב. זכריה הנביא האָט אויך צוגעזאָגט, אַז דער טאָג פון חורבן בית המקדש וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טאָג פון ששון ושמחה.

אין דער גמרא גייט אַפילו אָן אַ מחלוקה צי דער חורבן פון דעם ערשטן און צווייטן בית המקדש איז טאַקע פאָרגעקומען אין דעם ניינטן טאָג אין אָב, אָבער די גאַנצע חלוקי דעות איז בלויז וועגן אַ טאָג פריער אָדער אַ טאָג שפּעטער. און דאָס איז דאָך פון גאַנץ קליינער וויכטיקייט, ווייל אַ פּראָצעס פון פאַרניכטונג קען דאָך סיי ווי נישט פאָרקומען אין איין טאָג. די טראַדיציע האָט אָבער פעסטגעשטעלט, אַז דאָס אַקטועלע פאַרברענען דעם בית המקדש איז פאָרגעקומען אין דעם ניינטן טאָג אין אב. וועגן דעם דאַטום פון חורבן בית שני, איז גאָר קיין חלוקי דעות נישט פאַראַן. יאָזעפוס, וועלכער האָט דעם חורבן אליין דורכגעלעבט, גיט בפי-

רוש אַן אַז עס איז פֿאָרגעקומען אין דעם זעלבן טאָג וואָס דער ערשטער בית המקדש איז פֿאַרברענט געוואָרן.

איז נישט די דאָזיקע היסטאָרישע דערשיינונג באמת אַ רעטעניש?

דער ערשטער חורבן איז געקומען אין דער צייט פֿון די יידישע נבי־אים ירמיהו און יחזקאל, וועלכע האָבן געלעבט בערך זעקס הונדערט יאָר פֿאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג. אין זייער נביאות האָבן זיי געזען דעם אָנקומען פֿון דעם חורבן, און דעריבער געוואָרנט דאָס פֿאָלק, אָבער מען האָט זיך צו זייערע רייד נישט צוגעהערט, דאָס פֿאָלק איז געווען גע־זונקען אין אויסגעלאַסנקייט און אין לוקסוס, און גאָטס וואָרט איז געווען פֿאַרגעסן. די נביאים האָבן געשטורעמט קעגן די שלעכטע מידות, און גע־פֿאָדערט זיך אומצוקערן צו די אַלטע אידייען פֿון יושר און גערעכטיקייט, אָבער מען האָט זיי אויסגעלאַכט און נאָך געלאָזט ארעסטירן אַלס שונ־אים פֿון לאַנד.

די יידישע נבואה איז אָבער מקויים געוואָרן, און נבוכדנאצר, דער קעניג פֿון בבל, איז אין לאַנד אריינגעדרונגען און חרוב געמאַכט ירושלים מיט אַלע אירע הייליקטימער, דער יידישער קעניג יהויכין האָט געמוזט פֿאַרלאָזן דעם כסא מלוכה, און צוזאַמען מיט זיין מוטער נחושתא און אַלע פֿירסטן און זייערע פֿרויען געמוזט אויסוואַנדערן אין גלות.

ניינציק טויזנט איינוווינער פֿון ירושלים, צווישן זיי זיבן טויזנט סאָלדאַטן, צוויי טויזנט פֿון די אָנגעזעענסטע מענטשן, כהנים און לויים, האָט דער קעניג מיטגענומען אַלס מלחמה געפֿאַנגענע. ער האָט אויך צוגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער וואָס האָט זיך געפֿונען אין אוצר פֿון בית המקדש און אין דעם קעניגס פּאַלאַץ.

נבוכדנאצר האָט פֿאַרגאָסן גענוג יידיש בלוט אָבער נישט פֿאַרניכ־טעט די יידישע מלוכה. ער האָט זיך בלויז גוקם געווען אַן דער יידישער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט אים באַקעמפֿט און זיך געהאַט פֿאַרבונדן מיט זיינע שונאים, די דערבייאיקע מלוכות פֿון מצרים, עמון, צור, אדום און מואב. דעם פֿאָלקס־עלעמענט, דעם וואָס האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט אַגריקולטור און געלעבט פֿון זיין שווערער האָרעוואַניע, האָט ער נישט גע־טשעפּעט. אין זיי האָט ער, געזען אַ מאַסע, וואָס גיט זיך נישט אָפּ מיט פּאָליטיק און מלחמות. זיי האָט ער נישט פֿאַררעכנט פֿאַר קיין שונאים, און האָט זיי נאָך געהאָלפֿן. ער האָט זיי אוועקגעגעבן פֿילע וויינגערטנער און פֿיל געשטיצט מיט געלט און זריעה.

כדי די איבערגעבליבענע מאסן זאָלן ווייטער קענען אָנגיין מיט דער פירונג פון זייער לאַנד, האָט ער באַשטימט אַן אַנדערן אַלס קעניג, דעם פריינטלעך געשטימטן און שלום זוכנדיקן מתניה, וועמען ער האָט א נאָ־מען געגעבן צדקיהו, (צדק־יה, גערעכטיקייט פון גאָט).

נבוכדנאצר האָט עס נישט געטאָן אויס ליבשאַפט צום אונטערדריקטן אָדער אויס רחמנות צום יידישן פאָלק, קיין אידעאל האָט ער דערביי נישט געהאַט, קיין יושר געפיל אוודאי נישט. ער האָט בלויז אין זינען גע־האַט זיינע פּאָליטישע אינטערעסן, און צוליב די דאָזיקע אינטערעסן האָט זיך אים געלוינט אַז ישראל זאָל האָבן זיין אייגן לאַנד מיט א זעלבסט־שטענדיקער מלוכה.

צדקיהו איז געווען א פריינט פון דעם נביא ירמיהו און האָט אויך געהערט צו דער שלום פּאַרטיי, וואָס האָט געפּרעדיקט פרידן מיט נבוכד־נצר. זיין מיינונג און טרייהייט, ווי ירמיהוס, איז נבוכדנאצרן געווען גוט באַוווסט, און דערפאַר האָט ער עס אויסגעקליבן צדקיהון צו קעניגן אי־בער דעם יידישן לאַנד גלויבנדיק, אַז ער וועט אים פאַרבלייבן א גע־טרייער אונטערטאַן און מער נישט אַרויסרופן קיין מלחמה.

די אידישע אַריסטאָקראַטן און קרובים למלכות זענען אָבער געווען צו שטאָלץ צו פאַרגעסן די שאַנדע וואָס נבוכדנאצר האָט זיי אָנגעטאָן, און זיי האָבן כסדר געבונטעוועט קעגן בבלס הערשאַפט.

צדקיהו איז געווען א פרומער און שטילער מענטש און האָט באמת געזוכט שלום. ער האָט געגלויבט אין זיין פריינד, דעם נביא ירמיהו, און צוזאַמען זיך באַמיט צו רעגירן מיט יושר און גוטסקייט. די יידישע פירסטן האָבן אים אָבער כסדר געדרייצט און געהעצט ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט די איבעריקע דערבייאיקע מלוכות און אָפן אַרויסטרעטן קעגן בבל. פון אָנ־הויב האָט צדקיהו נישט געוואָלט הערן פון זייערע העצערייען אָבער נאָר גיך האָבן מצרים און צור געשיקט שליחים קיין ירושלים און די יידן פאַר־שפּראָכן מיליטערישע הילף אויב נבוכדנצר וועט אויף זיי אָנפאַלן. עס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן א פאַרייניקונג און א געמיינזאַמע אַרמיי אָראָפּ־צוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון נבוכדנאצר. די יידן האָבן באַלד איינ־געזען די געפאַר און אויך מורא געהאַט פאַר די שטראָף רייד פונעם נביא ירמיהו, אָבער דער נקמה געפיל איז געווען צו שטאַרק און זיי האָבן דע־ריבער קיין ווידערשטאַנד נישט אַרויסגעוויזן קעגן דער הויף־פּאַרטיי פון פרינצן און אַריסטאָקראַטן.

בלויז נאָך פיר יאָר געטרייִשאַפט צו בבל, האָט צדקיהו אַרונטערגע־וואָרפן פון זיך דעם יאָך און זיך אַנטזאָגט צו צאָלן דעם אויפגעלייגטן שטייער. אין אָנהויב האָט אויסגעזען, אַז ער האָט קלוג געטאָן, ווייל בבל האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד. אַ גאַנץ יאָר איז אַוועק און בבל האָט פון זיך נישט געלאָזט הערן, ווייל נבוכדנאצר איז געווען פאַר־נומען מיט אַנדערע לענדער. צום סוף יאָר האָט ער אָבער צונויפגעקליבן אַ גאָר גרויסע אַרמיי און זיך מיט ביטערקייט אַוועקגעלאָזט אויף ירושלים און די איבעריקע שכנותדיקע לענדער. די אַנדערע לענדער, וועלכע זענען געווען די יידישע פאַרבינדעטע, האָבן זיך גלייך אונטערגעגעבן אָדער צו־שלאָגן געוואָרן, און יהודה איז געבליבן אַליין, אָן שום הילף.

מיט גרויס צאָרן און געפיל פון נקמה האָט נבוכדנאצר באַלאַגערט די טויערן פון ירושלים און זיי געשטורעמט מיט זיין מעכטיקער אַרמיי. דאָס איז געווען דער צענטער טאָג אין חודש טבת, וועלכער איז טאָקע צוליב דעם באַשטימט געוואָרן אַלס אַ תענית צבור.

אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער באַלאַגערט די שטאָט, און דאָס ביסל פּראָוויאַנט וואָס די יידן האָבן געהאַט צוגעגרייט, איז געוואָרן ווייניקער און ווייניקער. די יידן פון די גרענעץ שטעט האָבן פאַרלאָזן זייערע היי־מען און קוים מיטן לעבן זיך דערשלאָגן קיין ירושלים, וועלכע איז געווען באַפעסטיקט און שטאַרק באַוואַכט. די שטענדיקע שטאָטישע באַפעלקע־רונג איז אַזוי אַרום פילפאַכיק פאַרגרעסערט געוואָרן, און דער הונגער האָט זיך שוין באַלד אָנגעהויבן שטאַרק צו פילן. צום גליק האָט מצרים באַשלאָסן צו האַלטן זיין אָפּמאַך מיט די יידן און דערקלערט מלחמה קעגן בבל. נבוכדנצר האָט דעריבער זיך געפונען געצוווּנגען צוריקצוציען פון ירושלים און אַרויסצוגיין קעגן דעם שטאַרקערן קעניג פון מצרים. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און נבוכדנאצר האָט זיך צוריקגעקערט פון דאָרטן אַ זיגער. ער האָט איצטער מיט נאָך מער עקשנות אָנגעהויבן די באַלאַגערונג פון ירושלים און דעם שטורעמען פון אירע באַפעסטיקטע ווענט.

די לאַגע איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. טויזנטער יידן זענען געפאַלן אין דער מלחמה און די גאַסן פון ירושלים זענען געווען פול מיט טויטע. אַלס רעזולטאַט דערפון איז אין ירושלים אויסגעבראָכן אַ שרעק־לעכע מגפה, וואָס האָט אַוועקגערויבט פונקט אַזוי פיל קרבנות. דער הונ־גער איז אויך געוואָרן אומדערטרעגלעך, און צאַרטע מוטערס האָבן מיט די אייגענע הענט געקוילעט זייערע קליינע קינדער, אָפּגעבראָטן זייער

פלייש און עס געגעסן. אוצרות מיט געלט האָט מען געוואָלט געבן פאַר א שטיקל ברויט און עס נישט געקענט קריגן. די פאַרטיידיקער פון ירו־שלים זענען געוואָרן אויסגעמאַטערט און ארומגעגאַנגען ווי שאָטנס. מען האָט ממש געפאַסט, זיך געקוויקט און גענערט פון באַנעצן די ליפּן מיט א פייכטקייט, און דאָך האָט מען געקעמפט מיט דער גרעסטער העלדיש־קייט און זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, וואָס וואָלט סיי ווי, וואַרשיינ־לעך, געמיינט א זיכערער טויט.

דעם ניינטן טאָג אין תמוז איז די פיינטלעכע ארמיי אריין אין שטאָט, און כמעט אויסגעקוילעט די באַפעלקערונג. דער בית המקדש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א בלוט-באָד, און דער מזבח איז געווען פול מיט בלוט פון די כהנים און לויים. קיין איינער וואָס איז געווען אין בית המקדש איז לעבן געבליבן.

צדקיהו מיט זיין פאַמיליע האָט זיך ווי עס איז איינגעגעבן צו אַנט־לויפן, אָבער די בבליים האָבן אים נאָכגעיאָגט און געכאַפּט. מען האָט אים אָפּגעפירט אין דעם אויפהאַלט פון נבוכדנאצר, און דאָרטן האָט מען פאַר צדקיהון אין די אויגן אויסגעשאָכטן זיין גאַנצע פאַמיליע און נאָכדעם אים אליין אויסגעשטאָכן די אויגן און א בלינדן אוועקגעפירט קיין בבל אלס געפאַנגענעם.

פאַר א צייט האָבן די סאָלדאַטן געשאַלטעוועט אין ירושלים, גע־טויט יעדן איינעם וואָס איז זיי געקומען אין וועג, געשענדעט יעדע הייל־יקייט, און נישט איבערגעלאָזן קיין שטיין אין די גאַסן וואָס זאָל נישט זיין באַנעצט מיט יידיש בלוט. דאָך האָט זיך אין זייער ווילדקייט געפילט א סך צוריקגעהאַלטנקייט; עס איז זיי, קענטיק, געווען א שאָד איינגאַנצן צו פאַרניכטן די שטאָט מיט אירע נאַטירלעכע פעסטונגען און באַשיצונ־גען, וואָס וואָלט זיי אין א פאַל פון מלחמה מיט אנדערע דערבייאיקע מלוכות שטאַרק צונוץ געקומען.

האָט אָבער אָנגעפירט מיט דער ארמיי דער בלוטדורשטיקער נבוזרדן, און ער האָט ארויסגעגעבן א באַפעל איינמאָל פאַר אלע מאָל צו פאַרניכטן ביזן גרונט. אינעם טאָג פון תשעה באב, וואָס איז וועדליג דער לעגענדע פאַרשאָלטן געוואָרן פון גאָט צוליב די זינד פון די מרגלים, איז דער בית המקדש פולשטענדיק חרוב געוואָרן צוזאַמען מיט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ און די וואַנט־מויער ארום דער שטאָט.

נאָכדעם ווי נבוכדנאצר האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש און

פארוויסט דאָס לאַנד, זענען נאָך אַלץ איבערגעבליבן יידן אין ארץ-ישראל. נבוכדנאצר אליין האָט באַלד נאָכן חורבן צוריקגעשיקט ירמיהון קיין ארץ-ישראל, און אים דערלויבט דערמוטיקן אַנדערע יידן זיך אומצוקערן אַהיים.

בבל איז באַזיגט געוואָרן פון דעם קעניג כורש, וועלכער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער אמונה, און ער האָט דערלויבט די יידן זיך צוריקצוקערן קיין ארץ-ישראל און צוריק אויפבויען דעם בית המקדש. זרובבל, אַן אייניקל פונעם לעצטן יידישן קעניג, האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון צוועלף טויזנט מאַן, און גאָר גיך איז די צאָל פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 42.360 נפשות. דאָס יידישע לאַנד איז ווידער אויפגעבויט געוואָרן און אָנגעהאַלטן 565 יאָר.

דורך דער צייט האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פילפאַכיק פאַרגרעסערט, געוואָרן אַ שטאַרק און גרויס פאָלק, און אויפן טראָן זענען געזעסן יידישע מלכים. דאָס לאַנד איז אָבער תמיד געווען אונטער פרעמדער אויבערהערשאַפט, און די יידישע מלכים זענען אָפט געווען בלויז אַ שפּילצייג אין די הענט פון די פרעמדע.

די פרעמדע הערשער זענען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אויפן יידישן טראָן ארויפגעזעצט אַ רוימישן גענעראַל הורדוס, אַ מאַן, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון די אדומים, די אַלטע שונאים פון ישראל. די רוימער זענען דעמאָלט שוין געווען שטאַרק און מעכטיק און האָבן באַהערשט פיל לענדער און פעלקער. אויך דאָס יידישע פאָלק האָבן זיי געהאַלטן אונטערדריקט.

די רוימער האָבן ארויפגעזעצט אַ פּראָקוראַטאָר, וועלכער איז געווען דער פּאַקטישער רעגירער פון דעם יידישן לאַנד. אַמערגסטן איז זיך מיט די יידן באַגאַנגען דער פּראָקוראַטאָר פלאָרוס. ער האָט די יידן אָנגעטאָן אַזעלכע צרות, אַז עס איז שוין געווען איבער די כוחות זיי אריבערצוטראָגן. די יידן האָבן זיך געזען געצוווּנגען צו ווערן קעגן דער גייסטיקער און פּאָליטישער אונטערדריקונג. אַ פּאַרטיי פון יידישע פּאַטריאָטן איז אויפגעשטאַנען און איינמאָל ווען פלאָרוס איז געקומען מיט זיין אַרמיי קיין ירושלים, זענען זיי אים באַפאַלן, צושלאָגן זיין אַרמיי און אים אַליין פאַרטריבן פון דעם יידישן לאַנד.

ווען די נייעס איז אָנגעקומען אין רוים, איז אַן אַרמיי ארויסגעשיקט געוואָרן צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד. דער באַגער נאָך פרייהייט האָט זיך אָבער ביי די יידן געשטאַרקט און גרויסע טיילן פון פאָלק זענען

איצט צוגעשטאַנען צו דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי, די קנאים, (זעלאָטן, בריונים) און מיט גרויס העלדישקייט האָבן זיי פאַרטריבן אויך די נייע אַרמיי פון דעם יידישן לאַנד.

מיט דעם האָט זיך אָבער דער קאַמף נישט פאַרענדיקט. די רוימער זענען געווען צו שטאַרק זיך אונטערצוגעבן, און האָבן צוגעגרייט נאָך גרעסערע אַרמייען. פון אויבן אויף איז געווען צו זען, אַז רוים וועט זיגן, ווייל זי איז געווען אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער ווי די יידן. עס האָבן זיך טאַקע גלייך געשאַפן צווישן די יידן צוויי פּאַרטייען: איינע וואָס האָט געוואָלט מען זאָל זיך אונטערגעבן די רוימער, און אַ צווייטע, וואָס האָט געפאָדערט אַ קאַמף ביז צום סוף.

ווען די ערשטע שלאַכטן אין גליל האָבן זיך אָנגעהויבן און די יידן זענען געשלאָגן געוואָרן פון די רוימער, האָט אין ירושלים אויסגעבראָכן אַן אמתע בירגער-קריג. אויסער דער שטאָט איז געשטאַנען דער שונא און אינעווייניק, אין ירושלים האָבן די פּאַרטיידיקער אַליין צווישן זיך געקעמפט.

אין יענער צייט האָט איבער רוים געהערשט דער קייסער נירון (נעראָ), און ער האָט אַרויסגעשיקט זיין פעלדמאַרשאַל, אַספּאַסינוס מיט אַ ריזיקער אַרמיי צו באַשטראָפן דאָס לאַנד יהודה, ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופן. צוויי יאָר האָט געדויערט דער קאַמף צווישן זיינע ריזיקע אַרמייען און דעם קליינעם הייפעלע יידן. דורך דער צייט איז דערווייל פאָרגעקומען אַן אינטריגע אין דעם רוימישן הויף, און אַספּאַסינוס איז געוואָרן קייסער פון רוים. דער נייער קייסער האָט דעמאָלט געשיקט אויף ירושלים זיין יונגן פעלדמאַרשאַל, טיטוס, מיט אַן אומגעהייער גרויסער אַרמיי.

ווען טיטוס איז אָנגעקומען מיט זיין אַרמיי און אָנגעהויבן די באַלאַגערונג, האָבן זיך אַלע יידן פאַראייניקט אין קאַמף און מיט גרויס העלדישקייט און עקשנות זיך פאַרטיידיקט.

די מלחמה איז געווען אַ שווערע און ביטערע. די רוימער האָבן באַנוצט די בעסטע מיטלען וואָס זענען דעמאָלט באַוווסט געווען אין קריגספירונג, און די יידן זענען כמעט געווען אָן וועלכע מיטלען. דאָך האָבן די יידן אונטער דער אָנפירונג פון שמעון בר גיורא און יוחנן פון גוש חלב אַרויסגעוויזן גרויסן מוט און געקעמפט ווי די לייבן.

9 חדשים האָט געדויערט די באַלאַגערונג פון ירושלים, און טיטוס

האָט בשום אופן נישט געקענט איינברעכן די פעסטונג פון ירושלים. ערשט אין דעם זיבעצנטן טאָג אין חודש תמוז האָבן זיי דורכגעבראָכן די פאָדער־שטע מויער, און אפילו דעמאָלט האָט זיי נאָך גענומען פינף טעג איידער זיי האָבן באוויזן אריינצודרינגען אין שטאָט אריין.

ווען דער שונא איז שוין געווען אין ירושלים, האָבן די יידן זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעגעבן. זיי האָבן זיך פארקליבן אין דעם אויבערשטן טייל פון שטאָט און אויפן בארג אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער בית המקדש, און מיט נאָך מער העלדישקייט ווי פריער געקעמפט פאר יעדן טריט.

טיטוס האָט דעמאָלט געשיקט דעם יידן יוסף בן מתתיהו (יאָזעפוס פלאוויוס) וועלכער איז דעמאָלט געווען אין דער רוימישער ארמיי און געקעמפט אויף זייער זייט, ער זאָל איבעררעדן די יידן זיך אונטערצוגעבן. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף איינער פון די מויערן און געבעטן מען זאָל רחמנות האָבן אויף ירושלים און אויף דם בית המקדש. זיינע ווערטער האָבן אָבער קיין ווירקונג נישט געהאט. די באלאגערטע העלדן האָבן גע־האט איין איינציקן מאָטאָ: פרייהייט אָדער טויט.

דערווייל איז אין דער יידישער מחנה געוואָרן א שרעקלעכער הונ־גער, און עס איז ממש נישט געווען קיין קערנדל אָדער א טראָפּן וואסער. פאר א שטיקל ברויט איז מען געווען גרייט אָפּצוגעבן דאָס גאנצע פאר־מעגן. דער הונגער איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז טאטעס האָבן אליין מיט די אייגענע הענט געקוילעט קליינע קינדער און זייער פלייש געגעסן.

צוזאמען דערמיט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די אינערלעכע צאנ־קערייען. די פּארטייען, וועלכע זענען פון אָנהויב אָן געווען קעגן דעם קאמף מיט די רוימער, האָבן איצט אָנגעהויבן אָפן ארויסצוטרעטן קעגן די קנאים און עס האָט דאריבער אויסגעבראָכן א ברודער־שלאכט.

און אָט אַפילו ביי דער דאָזיקער לאַגע, האָבן די רוימער נאָך אַלץ באצאָלט מיט טייכן בלוט פאר יעדן טריט וואָס זיי האָבן געמאכט. טיטוס האָט איינגעזען, אז דער קאמף איז נישט קיין לייכטער, האָט ער באפוילן אונטערצינדן דעם מויער ארום דעם בית המקדש. און פון צווישן די פלא־מען האָבן די יידן נאָך אַלץ אָנגעפירט זייער קאמף פאר פרייהייט ביז איינער פון די רוימער האָט באוויזן אריינצוואַרפן א ברענענדיקן האָלץ אין דעם בית המקדש, וועלכער איז גיך ארומגעכאַפּט געוואָרן פון די פייער־פלאַמען.

די רוימישע אַרמייען זענען דעמאָלט אַריין מיט שטורעם און דער־הרגט טויזנטער יידן. פילע פון די העלדישע קריגספירער האָבן זיך אַליין געוואָרפן אין פייער, און די פלאַמען האָבן זיי פאַרשלונגען צוזאַמען מיט דעם בית המקדש.

און אויך אָט דער דאָזיקער צווייטער חורבן, וואָס האָט באַשטימט אַז די יידן זאָלן פאַרלירן זייער לאַנד, איז פאָרגעקומען אום תשעה באב.

די פילע חומרות און דינים פון תשעה באב זענען געשאַפן געוואָרן ערשט נאָך דער שליסונג פון דעם תלמוד, אין דער תקופה פון די גאונים און רבנים, און דאָס נישט אַלע מיט אַמאָל, נאָר האָבן זיך אַנטוויקלט ביסלעכווייז פון דור צו דור...

תשעה באב איז איינגעפירט געוואָרן גלייך נאָך דעם חורבן פון דעם ערשטן בית המקדש. ווען דער צווייטער בית המקדש איז אויפגעשטעלט געוואָרן, זענען די פיר יידישע תעניתים, תשעה באב, צום גדליהו, עשרה בטבת און שבעה עשר בתמוז, וועלכע האָבן אַלע געהאַט אַ שייכות מיט דעם חורבן בית ראשון, כמעט אינגאַנצן אויפגעגעבן געוואָרן. ערשט נאָך דעם צווייטן חורבן זענען די תעניתים צוריק איינגעפירט געוואָרן און מיט פיל מער שטרענגקייט ווי פריער. העכער צוויי הונדערט יאָר איז דער תענית אָפּגעהיט געוואָרן, און יעדעס מאָל זענען צוגעגעבן געוואָרן נייע און נייע חומרות. וואָס ערגער דער יידישער לעבן איז געווען, וואָס מער יידן זענען געדריקט געוואָרן, אַלץ מער האָט מען געטרויערט אויף דעם גרויסן פאַרלוסט.

אין אָנהויב פון דעם דריטן יאָרהונדערט האָט דער תשעה באב אָנ־געהויבן ביסלעכווייז צו פאַרלירן אַ סך פון זיין טרויער, און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער טרויער טאָג זאָל אינגאַנצן אויפגעגעבן ווערן. די יידן האָט זיך דעמאָלט געלעבט נאָך נישקשה און האָבן געהאַט זייערע אייגענע נשיאים, וועלכע האָבן פאַרוואַלטעט מיט די ענינים, און האָבן משמעות געוואָלט פאַרגעסן אַביסל אין דעם חורבן. ווען די יידישע לאַגע האָט זיך פאַרערגערט איז די בענקעניש נאָך ארץ ישראל געוואַקסן און דער תשעה באב איז געוואָרן אָפּגעהיט מיט מער טרויער.

ווערליק דעם רמב״ם איז דער איסר פון עסן פלייש און טרינקען וויין חל בלויז אויף דער סעודה המפסקת. ביים פאַרפאַסטן זיך ערב תשעה באב. מיט יאָרן שפּעטער האָט מען דעם איסר איינגעפירט אויך פאַר דעם גאַנצן טאָג פון ערב תשעה באב. נאָך שפּעטער האָט שוין דער שולחן ערוך

אורח חיים געפסקנט, אז מען טאָר נישט עסן קיין פלייש און נישט טרינ־קען קיין ווייַן די גאַנצע ניין טעג, פון ראש חודש אב אַן ביז תשעה באב.

פריער האָבן זיך בלויז אַ טייל יידן נוהג געווען נישט צו לייגן תשעה באב אינדערפרי קיין תפילין צוליב דער וויכטיקייט פון דעם תענית. שפּעטער אָבער האָבן מערער און מערער אָנגענומען דעם מנהג ביז עס איז געוואָרן אַ דין. אַזוי איז עס אויך געווען מיט די איבעריקע מנהגים און דינים. דער איסור פון חתונה האָבן, למשל, איז פריער חל געווען בלויז אויף דעם טאָג תשעה באב, אָבער ביסלעכווייז איז דער איסור אויסגע־שפּרייט געוואָרן אויף די גאַנצע דריי וואָכן אָנהויבנדיק מיט דעם תענית פון שבעה עשר בתמוז.

תשעה באב איז אַ חוץ יום כיפור דער שטרענגסטער תענית און ער הייבט זיך אָן דעם טאָג פריער, גלייך נאָך שקיעת החמה. תשעה באב לייגט מען נישט קיין תפילין, ווייל תפילין איז אַ צירונג און תשעה באב טאָר מען זיך נישט פּוצן. מען טאָר זיך נישט וואַשן דאָס פּנים אַ חוץ די אויגן און די שפּיץ פינגער פון די הענט. מען טאָר נישט טאָן די מינדסטע אַרבעט און אַפילו לערנען דאַרף מען אויך נאָך בלויז וועגן דעם חורבן.

דעם טאָג פאַר תשעה באב נאָך מנחה, עסט מען די סעודה המפסקת זיצנדיק אויף אַ נידעריק בענקעלע. די סעודה טאָר נישט באַשטיין מער ווי פון איין געריכט. מען פירט זיך אויך צו עסן אַן איי און נישט צו בענטשן אין מזומן.

אין שול נעמט מען אַרונטער דעם פּרוכת פונעם ארון הקודש, מען מוט אויס די שיך און מען דאַוונט גאָר שטיל. דערנאָך זעצט מען זיך אויף בענקלעך לייענען די מגילה איכה מיט דעם סקאַרבאָווען אומעטיקן ניגון. נאָך איכה זאָגט מען די קינות. איכה איז דאָס קלאָג־ליד אין וועלכן ירמיהו הנביא באַוויינט דעם חורבן בית המקדש. די קינות באַ־שטייען פון אַ זאַמלונג פון קלאָג־לידער וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן און קלאָגן אויף גאָר אַ סך חורבנות וואָס יידן האָבן געהאַט. צווישן זיי געפינען זיך עטלעכע פון ר' יהודה הלוי, וועלכע האָבן גאָר אַ גרויסן פּאָעטישן ווערט.

די ספרדישע יידן אין ארץ ישראל האָבן גאַנץ אַנדערע מנהגים. בייַ־נאַכט און אינדערפרי לייענען זיי די שירת האזינו מיט דעם ניגון פון איכה. בייַנאַכט נאָך די קינות לעשן זיי אויס אַלע ליכט און דעם חכם, דער גייסטיקער פירער, האַלט אַ דרשה אין שפּאַניאָליש. נאָך דער דרשה

צינדט מען ווידער אָן די ליכט. די ספרי תורה און דער ארון זענען איינ־געוויקלט אין שווארצן, און די מתפללים שיטן אש אויף זייערע קעפּ. נאָך האַלבן טאָג גייען זיי אַלע צו דעם כותל מערבי ווו זיי טרויערן אויפן חורבן בית המקדש.

נאָכן אָפּזאָגן די קינות, ווערן אויסגעלאָשן די עטלעכע קליינע ליכט־לעך און דער חזן רופט אויס: „כל מי שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נחרב בימיו — ווער עס האָט נישט זוכה געווען, אַז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערן אין זיין צייט, איז פּונקט ווי דער בית המקדש וואָלט אין זיין צייט חרוב געוואָרן".

דער זעלבער מנהג ווערט אויך דורכגעפירט ביי די תימנער יידן אין די שולן, און ביי זיי גייט דער קינות־זאָגער אָנגעטאָן ממש אין שמאַטעס. תשעה באב אינדערפרי ווערט ביי די תימנער ארויפגעשטעלט א שיסל מיט אש אויפן בימה, און יעדער איינער באַשיט דערמיט דעם שטערן. דער רב אָדער בעל קורא לייענט אויך פאר אַלע מעשהלעך פון מדרש אויף אַראַביש, און ביי די ספרדים ווערט עס געלייענט אין שפּאַניאָליש.

אין סאַלאָניקי, גריכנלאַנד, זענען נאָך איצטער דאָ קליינע גרופּן שבתי צבי'ניקעס, וועלכע פאַרוואַנדלען דעם טרויער־טאָג אין אַ טאָג פון שמחה אין וועלכן מען זינגט אַלערליי זמירות.

ביי א סך פון די אייראָפּעאישע יידן עסט מען נאָך איצטער ביי דער סעודה המפסקת, ערב תשעה באב פארנאַכט, בייגל מיט אש. די קינדער און אַ סך גרויסע וואַרפן זיך מיט „בערעלעך", אַזאַ מין ווילדע, שטעכנ־דיקע פּרי, וואָס פאַרפּלאָנטערט זיך אין דער באָרד און רייסט ארויס די האָר. פון וואַנען די דאָזיקע קונדעסערייַ האָט זיך גענומען, איז שווער צו זאָגן. די עלטערע, מער חשובע באַלעבאַטים פּראָטעסטירן תמיד קעגן דעם און אויף זיי וואָגט מען נישט צו וואַרפן די „בערעלעך".

אין די יידישע שטעטלעך פון אייראָפּע איז מען זיך נוהג אין דעם דאָזיקן טאָג צו גיין אויף קבר אבות. דער מנהג איז אַ גאַנץ אַלטער און ווערט דערקלערט מיט דעם גלויבן, אַז אין תשעה באב שטייען די מתים אויף פון זייערע קברים און קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש.

אין פילע ערטער אין פּוילן און אין ווייסרוסלאַנד איז אויך באַ־קאַנט אַ מנהג, אַז יינגלעך, וואָס גייען מיט זייערע עלטערן אויפן בית הקברות, נעמען מיט קליינע שווערדלעך און ביקסלעך פאַרשניצט פון האָלץ

און שטעקן עס אריין אין די קברים כדי צו דערמאָנען די מתים נקמה צו נעמען פון די יידישע שונאים.

צווישן די מאראקאנער יידן איז איינגעפירט צו פארשליסן תשעה באב די טיר פון הויז, ווו עס זענען פאראן קליינע קינדער מחמת דעם גלויבן אז אין יענער נאכט פליען ארום גרויסע פלעדערמייז וואָס עסן קליינע קינדער.

ראש השנה

ערשטער קאַפּיטל

ראש השנה, דער יום־טוב פון מורא

דער אַמאָליקער יום־טוב פון שמחה — זיין ענדערונג פאַרן ערשטן חורבן — ראש השנה אין גלות בבל — רעליגיעזע דערוואַכונג און חשבון הנפש — דער סימבאָל פון שופר.

ראש השנה איז נישט תמיד געווען דער יום־טוב פון מורא און דין. זיין איצטיקע פאָרם און באַדייטונג האָט זיך טראַדיציאָנעל און געשיכט־לעך אַנטוויקלט, און פאַרענדערט וועדליק דעם עקזיסטירנדיקן גייסטיקן און נאַציאָנאַלן מצב.

אין דער תורה ווערט געזאָגט: „דער ערשטער טאָג אין זיבעטן חודש זאָל זיין אַ רו־טאָג, און צום אָנדענק זאָל מען בלאָזן שופר". קיין איינ־ציק וואָרט ווערט נישט דערמאָנט וועגן ראש השנה און זיין מוראדיקייט.

די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג האָט זיך קענטיק אויסגעדריקט בלויז דערין, וואָס אין חודש תשרי האָט זיך אָנגעהויבן די פייערונג פון איינזאַמלען די תבואה. עס איז אָבער נישט באַקאַנט, אַז די יידן זאָלן אין דער גאָר אַלטער צייט האָבן געפייערט אַ ניי־יאָר יום־טוב, אויב מען האָט אין ערשטן טאָג פון תשרי געבלאָזן שופר ווי עס ווערט פאַרזאָגט אין דער תורה, איז עס נישט געווען צוליב דער אימה און שרעק פאַר אַ ניי יאָר, נאָר צוליב דער פייערלעכקייט פון דעם אָנקומענדיקן חג האסיף.

ערשט אין די צייטן פונעם ערשטן בית המקדש האָבן די יידן אָנגע־הויבן צו פייערן ראש השנה, אָבער אפילו דעמאָלט איז עס נאָך נישט געווען קיין רעליגיעזער יום־טוב, און איז נישט געפייערט געוואָרן אין דעם איינציקן טאָג פון אָנהויב תשרי. אין יענער צייט האָבן יידן געהאַט בלויז דריי ימים טובים אין יאָר: פסח, שבועות און סוכות.

די דאָזיקע דריי ימים טובים זענען געווען ריינע נאַטור־פייערונגען.

פסח האָט מען געפּייערט דעם אָנהויב פון תבואה־שניט; שבועות איז געווען דער אָפּשלוס פון די תבואה-וואָכן, און מען האָט אים דערפאַר גערופן: חג הקציר, די פּייערונג פון שניט; סוכות איז געווען דער יום-טוב פון איינזאַמלען די תבואה: חג האסיף.

יעדער פון די דריי ימים טובים איז געפּייערט געוואָרן אין א הייליקן אָרט, אויף א בימה מיט א מזבח, וואָס האָט זיך געפונען אין יעדן גרע־סערן קיבוץ. דאָרטן אויפן מזבח פלעגט דער כהן מקריב זיין א קרבן, און דער עולם פלעגט זיך דערביי גוט משמח זיין.

סוכות איז געווען דער פרייליכסטער פון די דריי ימים טובים, און דער ייד איז דעמאָלט שוין געגאַנגען אין א באַשטימטן אָרט, ווו עס האָט זיך געפונען א היכל, א משכן אויסגעבויט פאַר גאָט, און דאָרטן פלעגט מען דאַנקען און לויבן גאָט פאַר דער תבואה און געראָטעניש.

אָט דער דאָזיקער פרייליכער יום־טוב, וואָס איז אויסגעקומען אין האַרבסט, האָט געדינט סיי אַלס ניי־יאָר, ראש השנה, און סיי אַלס יום־טוב פון סוכות. די יידן זענען געווען הויפּטזעכלעך אַן אַגריקולטור־פאָלק, האָבן געציילט דאָס יאָר פון דער צייט וואָס זיי האָבן איינגעזאַמלט די תבואה. און שוין אין חומש ווערט דער יום-טוב באַצייכנט אַלס טאָג „פון איינזאַמלען, ווען דאָס יאָר לאָזט זיך אויס".

נישט אַלע יידן אין לאַנד האָבן אָנגעהויבן די ניי-יאָר פּייערונג אין איין און דעם זעלבן טאָג. עס איז תמיד געווען געווענדט אינעם וועטער און אין דער געאָגראַפישער לאַגע. יידן אין גליל האָבן אָנגעהויבן די פּייע־רונג פריער פון די יידן אין יהודה.

די פּייערונג איז געווען א גראַנדיעזע, פון אַלע זייטן האָבן זיך גע־צויגן קאַראַוואַנען מיט עולי רגלניקעס. ווער עס איז געגאַנגען קיין ירו־שלים, ווער קיין שילה, און ווער אין אַן אַנדער פאַרהייליקט אָרט. גע־גאַנגען זענען מענער, פרויען און אַפּט אויך קליינע קינדער. יעדער האָט געפירט מיט זיך א קרוג מעל אָדער לאָגל וויין פאַר א קרבן.

די עולי רגלניקעס האָבן זיך גוט משמח געווען, געגעסן און געטרונ־קען שוין איבער דער מאָס. דער עולם איז געווען היפּשלעך אָנגעשכורט, און אפילו די פרויען זענען דערפון נישט אָפּגעשטאַנען.

עטלעכע צענדליק יאָר פאַרן חורבן בית ראשון האָט זיך די לאַגע גענצלעך געענדערט. עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע הייליקע ערטער

פון דער פּראָווינץ, און ירושלים איז דערקלערט געוואָרן די איין און איינ־ציקע שטאָט, ווו מען מעג מקריב זיין קרבנות.

די יידישע ימים טובים האָבן דעמאָלט אָנגענומען אַ גאַנץ נייעם כאַ־ראַקטער. פון לאָקאַליזירטע, ריין דאָרפישע ימים טובים, זענען זיי פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פייערטעג, וואָס יעדער ייד האָט געמוזט איינציייטיק אָפּהיטן. אַ באַשטימטער דאַטום איז אוועקגע־שטעלט געוואָרן אַלס געזעץ. און יעדער ייד האָט זיך געפונען פאַרפליכ־טעט עולי רגל צו זיין קיין ירושלים.

דער יידישער ניי־יאָר — דער יום־טוב ראש השנה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שפּעטער אין דער צייט פון גלות בבל. דעמאָלט האָבן די חכמים באַשטימט דעם ערשטן טאָג פונעם זיבעטן חודש, תשרי, אַלס דעם אָנהויב יאָר.

דאָס יידישע לעבן אין בבל איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי אין ארץ ישראל. זייענדיק אוועקגעריסן פון זייער היים און פון זייער נאַטור־לעבן, איז דער רעליגיעזער געפיל געוואָרן שטאַרקער און ערנסטער. דער פריי־לעכער יום־טוב פון איינזאַמלען די תבואה האָט זיך מער נישט אַריינגע־פּאַסט. עס איז געווען אַ דראַנג זיך צו פאַרטיפן אין דער אמונה, און מען האָט דעריבער געזוכט יעדן יידישן יום־טוב אָנצוטאָן אין אַ רעליגיעזן מלבוש. דער ניי־יאָר וואָס איז אויף אַ פריילעכן אופן געפייערט געוואָרן צוזאַמען מיט דעם חג האסיף, סוכות, האָט מער נישט געקענט אויפגע־האַלטן ווערן. עס האָט געפעלט דערצו די פריילעכע שטימונג, די צוגע־בונדנקייט צום אייגענעם באָדן, און די צערעמאָניעלע פיירלעכקייט פון מקריב זיין קרבנות.

דער יידישער ניי־יאָר האָט געמוזט אָפּגעטיילט ווערן און בלייבן אַ טאָג פון רעליגיעזער און מאָראַלישער דערקענטעניש, אַ טאָג וואָס זאָל זיין גאַנץ אַנדערש סיי אין תוכן און סיי אין פאָרם פון דעם באַבילאָנישן ניי־יאָר, וועלכער איז אַגב געפייערט געוואָרן אין אָנהויב זומער מיט שכרות און הוליאַנקעס.

פאַרוואָס די חכמים האָבן באַשטימט דעם זיבעטן חודש אַלס אָנהויב יאָר, זענען פאַראַן נאָך פילע סיבות, פילע געלערנטע ווילן האָבן, אַז דאָס קומט דערפון וואָס יידן האָבן תמיד פאַרהייליקט די צאָל זיבן, דער זיבע־טער טאָג פון וואָך איז שבת, זיבן טעג זענען די ימים טובים פסח און

סוכות, זיבן וואָכן איז צווישן פּסח און שבועות, דער זיבעטער יאָר איז שמיטה, נאָך זיבן שמיטות קומט דער שנת היובל.

דער זיבערסטער טעם איז אָבער וואָס די יידן האָבן נישט געוואָלט פייערן זייער ראש השנה אין איין צייט מיט די באַבילאָנער.

אין אָנהויב איז דער רעליגיעזער ניי-יאָר באַשטימט געוואָרן אויף דעם צענטן טאָג תשרי, צוזאַמען מיט יום כפור, ווי ס'ווערט קלאָר דער־ציילט אין יחזקאל: „בראש השנה בעשר לחודש" — אינעם ניי־יאָר, אין דעם צענטן טאָג אין חודש. אויך די תורה הויבט אָן דעם יובל־יאָר מיט דעם צענטן טאָג אין חודש תשרי, און דער געזעץ זאָגט בפירוש, אַז דעם צענטן טאָג אין זיבעטן חודש זאָל מען בלאָזן שופר און פּראָקלאַמירן אַ יאָר פון באַפרייאונג, ווען קנעכט קריגן צוריק זייער פּערזענלעכע פריי־הייט און פאַרקויפטע גיטער קערן זיך צוריק צו זייערע ערשטע אייגנטימער.

די לעצטע ענדערונג איז געמאַכט געוואָרן ערשט אַ קורצע צייט נאָך עזרא, פון דעם צענטן טאָג אין זיבעטן חודש האָט מען געמאַכט אַ תענית און אַ יום כפור, אַ טאָג פון פאַרגעבונג, און דער יידישער ניי-יאָר איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויפן ערשטן טאָג אין חודש. אזוי אַרום זענען פון איין יום-טוב אין ארץ ישראל געוואָרן דריי באַזונדערע ימים טובים: ראש השנה, יום כפור און סוכות.

עס איז איינער פון די שענסטע סימבאָלן פון דער יידישער אמונה, וואָס דווקא דער האַרבסט ווען די נאַטור פאַרבליט און פאַרוועלקט, איז דער סיגנאַל צו רעליגיעזער דערוואַכונג, צו אַ חשבון הנפש און אייגענער אויסלייטערונג. אמונה איז ביידע: אהבה און יראה — פאַר ביידן איז פאַראַן אַ געוויסער מאָמענט — און האַרבסט איז דער מאָמענט פון יראה, די פורכטבאַרע מורא וואָס פאַרכאַפּט דעם מענטשן ביים אָנבליק פון דער גרויסער פאַרענדערונג אין דער נאַטור, אין אַזאַ מאָמענט איז עס גינסטיק פאַר דעם יידן זיך צו פאַרטראַכטן וועגן אַ יום הדין.

לויט דעם תלמוד איז ראש השנה פעסטגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ טאָג אין וועלכן יעדער מענטש ווערט געמשפּט. דער ייד איז פאַראַנטוואָרטלעך צו גאָט פאַר זיינע מעשים, און נאָר גאָט אַליין קען אים דאַרויף מוחל זיין. דער ייד האָט תמיד אין זיך דעם צלם אלוקים, און אפילו ווען ער זינדיקט לעבט אַלץ אין אים דער געטלעכער פונק. מיט אַלע זיינע שוואַכ־קייטן און שלעכטע נייגונגען, האָט דער מענטש אין זיך אַ גייסטיקע קראַפט זיך צו דערהויבן צו דער סאַמע העכסטער מדרגה.

און ווען דער מענטש וויל ווערן בעסער, טאָן תשובה, דאַרף ער דערצו נישט האָבן קיין גייסטלעכן אַלס פאַרמיטלער, נאָר קען זיך אַליין ווענדן צו גאָט און די זינד וועלן אים פאַרגעבן ווערן. די תשובה דאַרף אָבער זיין אַ ריינע, אַן ערנסטע, פול מיט אויפריכטיקייט.

באמת דאַרף דער ייד יעדן טאָג זיך אָפּגעבן אַ חשבון הנפש, אָבער ראש השנה דאַרף ער זיך גענצלעך אויסטאָן פון דעם אַלטעגלעכן און זיך דערהויבן צו אַ גייסטיקער וועלט.

דרייסיק טעג פאַר ראש השנה הייבט שוין דער ייד אָן זיך צוצו־גרייטן צום יום הדין. פון ראש חודש אלול אָן הייבט מען אָן צו בלאָזן שופר כדי צו וועקן צו תשובה. די לעצטע וואָך פאַר ראש השנה גייט מען יעדע נאכט אין שול זאָגן סליחות, די סליחות, וועלכע זענען געשריבן גע־וואָרן מיט יידישע טרערן און בלוט פון מאַרטירער און קדושים. אין דער שטילקייט פון דער נאכט צעשפרייט זיך אַ שרעקלעכער ווײ־געשריי פון דעם אייביקן וואַנדערער — דאָס איז דער שטורעמדיקער אויסגוס פון דעם יידישן פאָלקס צער.

דער שופר איז אַן איינפאַכער האָרן פון אַ באַראַן און די טענער זענען איינפאַכע. אַן מוזיקאַלישן קלאַנג און אינהאַלט, דאָך איז דער שופר בלאָזן די סאַמע ערנסטע צערעמאָניע אינעם ראש השנהדיקן ריטואַל. יע־דער טאַקט איז אַ סימבאָל, אַ סיגנאַל צום יידנס באַוווסטזיין, און דרינגט אַריין טיף אין דער נשמה.

דער שופר דערמאָנט אָן קבלת התורה ווען גאָט האָט זיך באַוויזן אויפן באַרג סיני דורך קולות וברקים; דער שופר דערמאָנט אָן דער עקידת יצחק און אויך אָן דער נבואה פון ישעיה הנביא, וועלכער רעדט פון באחרית הימים, וועגן דער צוקונפט ווען דער שופט וועט בלאָזן און פּראָ־קלאַמירן די דערלייזונג פונעם יידישן פאָלק — והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול (ישעיה כ״ז, י״ג).

דער שופר איז בכלל אַן אַלטער אינסטרומענט מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַנוצט ביי יעדער הייליקער געשעעניש. ווען גאָט האָט זיך באַוויזן אויפן באַרג סיני, האָט זיך דער קול פון שופר געהערט פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן, ווען משה רבינו איז צוריק אַרויף אויפן באַרג, נאָכדעם ווי מען האָט פאַרברענט דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט מען אין דער יידי־שער מחנה ווידער געבלאָזן שופר. דאָס יאָר פון יובל האָט מען אויך פּראָ־קלאַמירט דורך בלאָזן שופר.

אין דער תלמודישער צייט האָט מען זיך באַנוצט מיט דעם שופר מודיע צו זיין יעדע וויכטיקע געשעעניש צו דער עדה, אַז מען האָט גע־וואָלט אויסרופן אַן איסור אָדער אַ היתּור, איז עס געווען דורך שופר בלאָזן. אַז מען פלעגט עמיצן אַריינלייגן אין חרם, איז אויך געווען דורך שופר בלאָזן. מקדיש זיין דעם נייעם חודש, פלעגט מען אויך דורך שופר בלאָזן, און אַז עמיצער איז חלילה געשטאָרבן האָט מען עס ווידער מודיע געווען דורך שופר בלאָזן.

פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט מען בלאָזן זעקס תקיעות, נאָך דער ערש־טער האָבן די אַרבעטער אין פעלד אַוועקגעלייגט די אַרבעט. נאָך דער צווייטער — האָט מען פאַרשלאָסן די קראָמען; נאָך דער דריטער — האָט מען געבענטשט ליכט, און עטלעכע מינוט שפּעטער האָט מען געבלאָזן אַ תקיה, תרועה און תקיעה מודיע צו זיין אַז עס איז שוין שבת. מוצאי שבת נאָך שקיעת החמה האָט מען ווידער געבלאָזן שופר מודיע צו זיין אַז מען מעג שוין טאָן אַ מלאכה.

ראש השנה האָט די תורה פאַרזאָגט צו בלאָזן שופר, כדי גאָט זאָל זיך דערמאָנען אָן דער עקידת יצחק פאַר וועמען אברהם האָט מקריב גע-ווען אַ באַראַן פון וואָס דער שופר ווערט געמאַכט, און דאָס בלאָזן ווערט פאַררעכנט ווי מיר אַליין וואָלטן זיך געלאָזט בינדן צו דער עיקדה.

רבינו סעדיה גאון גיט אָבער אָן גאַנצע צען טעמים פאַר וואָס מען בלאָזט שופר ראש השנה:

א) ווייל ראש השנה איז דער אָנהויב פון בריאת העולם, און אַזוי ווי דוד המלך האָט געזאָגט: „מיט טרומפייטן און מיט דעם קול פון שופר זאָלט איר שאַלן פאַר גאָט", און אַזוי ווי דער סדר העולם איז צו בלאָזן מיט טרומפייטן ווען אַ מלך בשר ודם ווערט געקרוינט, אַזוי בלאָזן מיר מיט שופר קרוינענדיק דעם מלך חי וקים, דעם שעפער און קעניג פון דער וועלט.

ב) ראש השנה איז דער ערשטער טאָג פון תשובה, בלאָזט מען דע-ריבער כדי צו וואָרענען די זינדיקע זיי זאָלן זיך נאָכדעם נישט האָבן צו באַקלאָגן.

ג) צו דערמאָנען אָן די עשרת הדברות, וועלכע זענען געגליכן צו הי־טער וואָס בלאָזן מיט טרומפייטן. אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: „און דער וואָס וועט הערן דעם קול פון שופר און זיך נישט היטן, און די שווערד וועט קומען און אים אַוועקנעמען, וועט זיין בלוט פאַלן אויף זיין קאָפּ.

ווער אָבער עס וועט זיך היטן, דער וועט ראַטעווען זיין לעבן".

ה) צו דערמאָנען אין חורבן בית המקדש, און דעם מלחמה שאַלן פון די שונאים, ווי עס שטייט געשריבן: „ווייל דעם קול פון שופר האָסטו געהערט, דעם שאַלן פון מלחמה", און דער בלאָזן דעם שופר וועט אונדז דערמאָנען צו בעטן ביי גאָט ער זאָל צוריק אויפבויען דעם בית המקדש.

ו) צו דערמאָנען אָן עקידת יצחק און וויליקייט זיך מקריב צו זיין פאַר גאָט. אָט אַזוי דאַרף יעדער ייד ווען ער הערט שופר זיין גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין אויף קידוש השם.

ז) ארויסצורופן אינעם יידן מורא און הרטה, ווייל אַזוי איז דער שמייגער פון שופר צו מאכן ציטערן, ווי עס שטייט געשריבן: „קען דען ווערן געבלאָזן מיט א שופר אין א שטאָט און דאָס פאָלק זאָל נישט ציטערן."

ח) צו דערמאָנען אָן דעם גרויסן יום הדין און צו האָבן מורא פאַר גאָט, ווי עס שטייט געשריבן: „גאָטס גרויסער טאָג איז נאָענט, ער איז נאָענט און אײלט זיך צום טאָג פון שופר און שאַלן".

ט) צו דערמאָנען יעדן יידן בעטן גאָט ער זאָל צונויפקלבן די צעזייטע און צעשפּרייטע יידן, ווי דער נביא ישעיה זאָגט: „און עס וועט זיין אין יענעם טאָג ווען עס וועט געבלאָזן ווערן מיט דעם גרויסן שופר און עס וועלן קומען די פאַרלוירענע אין דעם לאַנד אשור און וועלן זיך בוקן צו גאָט אויף דעם הייליקן באַרג אין ירושלים".

י) צו דערמאָנען אָן תחית המתים און צו גלויבן אין דעם ווי עס שטייט געשריבן: „אַלע איינוווינער פון דער וועלט, און אַלע וואָס וווינען אין דער ערד, ווען די פאָן וועט אויפגעהויבן ווערן אויף די בערג וועט איר זען, און ווען דער שופר וועט געבלאָזן ווערן וועט איר הערן".

דער מדרש זאָגט: ראש השנה זיצט זיך כביכול אויפן כסא המלוכה און משפט זיין פאָלק ישראל. ווען מען הויבט אָבער אָן צו בלאָזן שופר, זעצט זיך כביכול אויפן כסא הרחמים און דערבאַרעמט זיך אויף די יידן.

דער מדרש דערציילט אויך אַז ווען משיח וועט קומען און די מתים וועלן אויפשטיין וועט גאָט ברוך הוא נעמען א שופר און בלאָזן זיבן תקיעות. ביי דער ערשטער וועט די וועלט ציטערן ווי א יולדת; ביי דער צווייַ-

טער וועט די ערד זיך אויסשפרייטן און די קברים וועלן זיך עפענען; ביי דער דריטער וועלן די ביינער זיך צונויפקלייבן; ביי דער פערטער וועלן די אברים זיך אויסגלייכן; ביי דער פינפטער וועט די הויט זיך אָנקליידן; ביי דער זעקסטער וועט די נשמה און דער רוח חיים אריין אינעם מענטשן און ביי דער זיבעטער תקיעה וועלן זיי שטיין לעבעדיקע אויף זייערע פיס און זיין אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע קליידער.

צווייטער קאפיטל

די באַדייטונג פון די תפילות

דער הויפּט מאָטיוו — דער אוניווערסאַליזם — די לעגענדע וועגן ונתנה תוקף — מלכיות זכרונות און שופרות.

די ראש השנהדיקע תפילות הויפּטזעכלעך די וואָס געפינען זיך אין דער מוספדיקער שמונה עשרה, צייכענען זיך אויס מיט זייער פּאַטעטיש-רעליגיעזן אינהאַלט. די שענסטע אידייען פון יושר און אחדות זענען איינגעוועבט אין זיי. דער הויפּט מאָטיוו איז די פּראָקלאַמירונג פון גאָט אַלס אַן איינציקע אייניקייט, וואָס באַהערשט די וועלט און אַלע אין איר.

די ראָש השנהדיקע תפילות זענען די סאַמע הייליקסטע און ווערדיק דעם מדרש פאַרנעמען זיי דעם אָרט פון דער כהונה, נבואה און בית המקדש. אין די אויגן פון רבי יהודה הלוי (כוזרי ד' ז') זענען די ראש השנהדיקע תפילות הייליקער פון אַלע אַנדערע. אזוי ווי ארץ־ישראל איז הייליקער פון אַלע לענדער, דער בית המקדש העכער פון אַלע ערטער, אזוי זענען די תפילות מער מרוצה אָנגענומען צו ווערן ביי גאָט.

די חכמי התלמוד האָבן אין די דאָזיקע תפילות אריינגעוועבט גרויסע און טיפע כוונות, און אַלע באַטאָנען זיי די מוראַדיקייט און הייליקייט פונעם טאָג, פון דער גרויסער מורא שפּראָצט אָבער אַרויס די פאַרזיכערונג פון אַן אחרית הימים, פון אַ צייט ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט זיין איין אגודה, גלייכע קינדער פון איין טאַטן, און לעבן צווישן זיך ווי געטרייע ברידער.

אפילו די תפילות אין וועלכע דער איד דערמאָנט וועגן דער שלעכטסקייט צו אים מצד די אַנדערע פעלקער, טוט ער עס אויך אָן כעס. „וכל הרשעה כולה כעשן תכלה — גאָר דאָס שלעכטס פון דער וועלט זאָל פאַרשווינדן ווי דער רויך". דער ייד זוכט נישט קיין נקמה אָן די וואָס טוען אים שלעכטס, נאָר בעט אז דאָס שלעכטס זאָל פאַרשווינדן.

— „ויעשו כלם אגודה אחת; די מאכט פון גערעכטיקייט — וכל הרשעה כולה כעשן תכלה און כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ; די אויס־בעסערונג פון דער וועלט — לתקן עולם במלכות שדי.

דער תמצית פון דעם יום הזכרון איז: „היות הדת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים". אין דעם מאמענט וואס דער ייד באהעפט זיך מיט זיין באשעפער, זיין הארץ איז פארקלעמט פון צרות און זיין צעוויי־טיקטע נשמה גיסט אויס א תפילה, בעט ער אויך אויף „מעשים רבים והמון בריות". די ערשטע תפילה אין דער שמנה עשרה איז „ובכן תן פחדך על כל מעשיך, א תפילה פאר אלע פעלקער פון דער וועלט, און ערשט נאכדעם בעט ער תן כבוד ה' לעמך — גיב גאטעניו, כבוד צו דיין פאלק". און ווען ער איז מתפלל מיט מורא פאר דעם שרעקלעכן יום־הדין, בעט ער נישט בלויז פאר זיך אין זיין פאלק, נאר איז אויך מתפלל אויף די לענדער און פעלקער: איזו לחרב ואיזו לשלום, איזו לרעב ואיזו לשובע.

די בארימטסטע תפילה ראש השנה און יום כיפור, איז דער ונתנה תוקף. אין דער דאזיקער תפילה ווערט אויסגערעכנט וואס פאר א פסק דין עס קאן א מענטשן אנגעשריבן ווערן אין דעם פארכטיקן יום הדין. די תפילה איז זייער א רירנדיקע, און די דאוונער, די מענער ווי די פרויען, פארגיסן דערביי פיל טרערן.

וועגן פארפאסער זענען דא אן א שיעור לעגענדן, וואס ווערן דער־ציילט אין פיל וואריאציעס. עס איז אויך נישט גענוי באקאנט ווען דער מחבר האט געלעבט. און דער איינציקער כתב יד וואס איז וועגן דעם פא־ראן אין דער פון אפרים ב"ר יעקב מ'ווילנא, און דארטן ווערט די לע־גענדע דערציילט אויף פאלגנדיקן אופן:

עס האט אמאל אין דער שטאט מאינץ, אין דייטשלאנד, געלעבט א גרויסער רב מיטן נאמען רבי אמנון, און ער איז געווען באקאנט אלס גרויסער צדיק און נדבן.

רבי אמנון איז געווען איינער פון די גדולי הדור און מען האט אים אפגעגעבן כבוד ווי ער וואלט געווען א ריש גלותא. ער איז געווען גע־בענטשט מיט גרויס חכמה און רייכטימער, און אין זיין הויז פלעגן זיך צוזאמענקומען די גרעסטע געלערנטע פון גאר דער וועלט. ער איז אויך געווען א מקורב למלכות, ווו מען האט אים געליבט און פיל כבוד אפ־געגעבן.

און שיין איז רבי אמנון געווען, אזוי שיין, אז די שטאלצע אריס־

טאַקראַטקעס און הויף־דאַמען האָבן תמיד געגאַרט נאָך אים.

רבי אמנון איז אָבער נישט געווען פאַרפּירט פון דעם גרויסן כבוד און עשירות, נאָר זיך געלעבט א צוריקגעצויגן לעבן און זיך עוסק געווען אין לערנען און אין תפלה.

צווישן זיינע געסט זענען אויך געווען אָנגעזעענע גלחים און פירשטן, וועלכע פלעגן פירן מיט אים באַלערנדע וכוחים. רבי אמנון זענען די וכוחים נישט געווען צום הארצן און ער פלעגט זיך שטענדיק היטן קיינעם נישט וויי צו טאָן, כאָטש ער איז תמיד אַרויסגעקומען דער זיגער.

„א שיינער בריליאַנט וואַלגערט זיך אין בלאָטע — האָבן די גלחים איינגעטענהט מיט די פירשטן און פּריצים — אַזא גרויסער מאַן טאָר זיך נישט געפינען צווישן די נידעריקע, פאַרשטויסענע יידן, אַזא לייכטנדיקער שטערן דאַרף זיין א קריסט".

און דער קעניג און אַלע פירשטן האָבן אָנגענומען די עצה פון די גלחים, און אָנגעהויבן רבי אמנונען צו פאַרפּאָלגן מיט זייערע וכוחים און נאָר געזוכט אים איבערצורעדן צום שמד.

אין דער שטאָט מאַינץ האָט אויך א שר א גרויסער, א קעניגלעכער פירשט, געלעבט. און דער פירשט האָט פיל שפּראַכן גערעדט, געקענט אַלע חכמות, און ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט רבי אמנונען אין וכוחים. אָנגערעדט פון די גלחים און הויף־דאַמען, איז דער פירשט צו רבי אמנונען צוגעשטאַנען און כסדר געפאָדערט ער זאָל זיך שמדן.

— א געיאָגט און געפּלאָגט פאָלק איז ישראל — האָט דער פירשט צו אים געטענהט — שפּלדיק און נבזהדיק לעבן זיי צווישן די פעלקער, אומעטום ווי בעטלער, אומעטום ווי ווערים איבער וועמען יעדער מעג טרעטן, עס איז א בזיון פאַר דיר צו זיין א ייד.

רבי אמנון האָט זיך איידל אָפּגעזאָגט פון דער טובה און מיט שטאָלץ דערקלערט אַז א ייד איז ער געבוירן און א ייד וועט ער שטאַרבן.

דער פירשט האָט אים אָבער מער נישט צו־רו געלאָזט. טאָג און נאַכט, טריט נאָך טריט, איז ער אים נאָכגעגאַנגען, געפירט מיט אים רע־ליגיעזע וכוחים און כסדר געפאָדערט ער זאָל ווערן א קריסט.

פאַרצווייפלט און געפּייניקט פון די גייסטיקע יסורים, האָט רבי אמנון זיך איינמאָל מעשה שטן געפילט פאַרלוירן און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן אויף די פיל פראַגן מיט וועלכע דער פירשט האָט אים פאַר־וואָרפן.

דער פירשט, דערזעענדיק רבי אמנונס פארלעגנהייט, האָט ער זיך צו אים אָפּגערופן:

— דו זעסט דאָך, אז דו האָסט מיר נישט וואָס צו ענטפערן, פאַר־לאַנג איך פון דיר, אז דו זאָלסט צוגעבן אז מיין אמונה שטייט העכער פון דיינער.

און רבי אמנון איז ביי זיך געבליבן געפאַלן, דערשלאָגן, און נישט ווילנדיק ארויסגערעדט:

— לאָז מיך צורו אויף דריי טעג איך וועל זיך די זאך איבערלייגן. אין דריי טעג ארום וועל איך דיר געבן אן ענדגילטיקן ענטפער.

ווען דער קעניגלעכער פירשט איז פון אים אוועק איז אים א שווער געמיט באַפאַלן און א גרויסער טרויער האָט אים ארומגענומען: איבער־לייגן זיך די זאך? זיך באַדענקען? ווי קען דאָס גאָר א ייד זיין אין ספקות!

און צעבראָכן איבער זיין גרויסער זינד, האָט רבי אמנון זיך איינ־געשלאָסן אין זיין חדר און אויף א רגע נישט פארלאָזן. מיט ביטערע טרערן האָט ער געבעטן ביי גאָט, ער זאָל אים געבן כוחות געגנוג מקדש השם צו זיין בפרהסיא און באַצאָלן מיט זיין לעבן פאַר זיין גרויסן חטא.

ווען די דריי טעג זענען פאַריבער און רבי אמנון איז צום פירשט נישט געקומען, איז ער אריינגעפאַלן אין א שטאַרקן כעס און גלייך גע־שיקט שלוחים מיט א שטרענגן באַפעל.

ווען די שלוחים זענען געקומען צו רבי אמנונען און געפאָדערט ער זאָל תיכף ומיד גיין מיט זיי, האָט רבי אמנון דעם באַפעל נישט געוואָלט אויספאָלגן.

האָט דער קעניגלעכער פירשט געשיקט נייע שלוחים, און אויך דאָס מאָל האָט רבי אמנון נישט געוואָלט גיין.

איז דער פירשט שוין אויף אן אמת אריין אין כעס און באַפוילן אים ברענגען א געבונדענעם אין קייטן.

ווען דער רבי אמנון איז פאָרגעבראַכט געוואָרן פאַר דעם פירשט, האָט ער שטאָלץ אויסגערופן:

גרויסער פריץ איך האָב קעגן דיר געזינדיקט, און ווידערשפעניקט דיין ווילן. איך האָב אָבער נאָך א גרעסערע זינד באַגאַנגען קעגן גאָט. איך האָב דיר מיט דריי טעג צוריק צוגעזאָגט זיך מיישב צו זיין, און דאָס איז געווען א ליגן, וואָרום אין אזעלכע זאַכן איז נישטאָ קיין ישוב הדעת — אן אמתער ייד קאָן קיינמאָל נישט זיין אין ספק וועגן זיין אמונה. איך

ווייס אז איך האָב זיך זייער פאַרשולדיקט און איך וועל אַליין איבער מיר א שופט זיין: מיין צונג וואָס האָט געזאָגט א ליגן, זאָל פון מויל אויסגע־שניטן ווערן.

און דער צאָרן פון דעם פירשט האָט אויפגעפלאַקערט, און ער האָט מיט ווילדער רציחה אויסגעשריען:

— ניין, אמנון, דיין שטראָף געפעלט מיר נישט. דיין צונג וועל איך נישט אויסשניידן, וויל ער האָט גערעדט אמת. איך וועל אָבער אָפּהאַקן דיינע פיס דערפאַר וואָס זיי האָבן צו מיר נישט געוואָלט קומען, אויך דיינע הענט וועל איך אָפּהאַקן, דיינע גלידער וועל איך איינציקווייז רייסן און דיין לייב וועל איך שניידן אין פאַסן ביז דו וועסט האָבן חרטה און אָננעמען די קריסטלעכע אמונה.

און די תליונים האָבן זיך ווילד גענומען צו דער ארבעט. גליד נאָך גליד האָבן זיי פון אים געריסן, און יעדעס מאָל אים געפרעגט צי ער האָט נישט קיין חרטה.

— שניידט מיין לייב, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט — האָט פעסט געקלונגען זיין שטימע — איך וועל קיין קריסט נישט ווערן.

און אזוי האָט מען זיינע הענט צובראָכן, די פיס אָפּגעהאַקט, דאָס לייב צעריסן מיט אייזערנע קאַמען, און אַוועקלייגנדיק ביי זיין זייט די אָפּגעהאַקטע אברים, האָט מען אים אין א בעטל אָפּגעשיקט אהיים.

און ווען די שטוב־מענטשן האָבן אים דערזען א צעהאַקטן און פאַר־בלוטיקטן, האָבן זיי אַלע אויסגעבראָכן אין א יאָמערדיקן געוויין:

— ווי איז אונדז וואָס מיר זעען עס, ווי איז אונדז וואָס מיר האָבן אזוינס דערלעבט.

און רבי אמנון האָט מיט זיינע לעצטע כוחות געענטפערט:

— ווייל און גוט איז מיר וואָס איך בין אזוי באַשטראָפט געוואָרן.

און דאָס דאָזיקע איז אַלץ פאָרגעקומען אין ראש השנה. ווען די גאַנצע עדה איז געווען אין שול און געבעטן צו גאָט, האָט דער גרויסער מאַרטירער, רבי אמנון, אין ווען די נשמה האָט זיך נאָך געהאַלטן ווי דורך א נס, געבעטן מען זאָל אויף גיך אים אין שול אריינפירן.

אין שול האָט א שטילער צער אַלעמען באַהערשט, און יעדער איי־נער האָט מיט פאַרשטיקטע טרערן באַוויינט דעם אומגליק וואָס האָט זיי־ער באַליבטן פירער געטראָפן. נאָר איין רבי אמנון האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט זיינע זינד זיך אויסגעקויפט.

ווען מען איז געקומען צו קדושה, האָט רבי אמנון א צייכן געגעבן און דער חזן איז שטיל געבליבן, האָט רבי אמנון דעמאָלט מיט א פייער־לעכער שטים אָנגעהויבן זאָגן:

— ובכן לך תעלה קדושה כי אתה אלהינו מלך. און באלד נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן צו שאפן דעם ונתנה תוקף. אָן אן אָפּשטעל און אָן אָפּהאַלט האָבן די ווערטער געשטורעמט, און די עדה איז באפאלן אן אימה.

פון הימל האָט זיך א גאָס רעגן אראָפּגעלאָזט; די ווענט האָבן אָנ־געהויבן ציטערן, דונערן האָבן געקראכט און די שול איז איינגעהילט גע־וואָרן אין א פינצטערניש פון וואָלקנס.

ווען עס איז אביסל ליכטיק געוואָרן, האָט מען דערזען אז רבי אמנון איז מער נישטאָ — גאָט האָט אים צו זיך אין הימל אַרויפגענומען.

אויף דער דריטער נאכט איז רבי אמנון געקומען צו חלום צו ר' קלו־נימוס בן רבינו משולם און אים אויסגעלערנט דעם פיוט, וואָס ער האָט געבעטן צו שיקן צו אַלע יידן אויף דער וועלט.

אין דער פרי האָט ר' קלונימוס עס אויפגעשריבן, און זינט דעמאָלט זאָגט מען די תפלה יעדן ראש השנה.

די מוספדיקע שמונה עשרה איז גאַנץ אנדערש ווי די פון א גאַנץ יאָר. אויסער איר געוועגלעכע צאָל ברכות פון „אבות, גבורות וקדושת השם", אנטהאַלט זי דריי וויכטיקע הויפּט־טיילן, באַקאַנט אַלס מלכיות, זכרונות און שופרות. דער דאָזיקער נאָמען ווערט צום ערשטן מאָל דער־מאָנט אין דער משנה (ראש השנה פרק ה' משנה ו'). דאָרטן ווערט אויך אָנגעזאָגט צו בלאָזן שופר נאָך יעדן פון די דאָזיקע דריי טיילן. די גמרא גיט נישט אָן דעם אינהאַלט פון די דאָזיקע דריי תפילות, און פון דעם איז קענטיק אז דער אינהאַלט איז שוין געווען גוט באַקאַנט צו די ברייטע מאַסן. די גמרא האָט קענטיק געזוכט פעסטצושטעלן דעם סדר און אָרדע־נונג: מלכיות עם קדושת היום ותוקע, זכרונות ותוקע, שופרות ותוקע, ואומר עבודה והודאה וברכת כהנים (ראש השנה ל"ז). דער תלמוד ירושל־מי זאָגט אויך אז מען זאָל צוגעבן די פסוקים וועגן די קרבנות וואָס מען האָט ראש השנה מקריב געווען (ראש השנה פ"ד).

דער פאַרזאָג צו בלאָזן שופר נאָך יעדן פון די דריי טיילן ווערט נישט אומעטום גלייך אויסגעטייטשט, דער אשכנזישער עולם בלאָזט די תקי־עות בלויז ביי חזרת הש"ץ, ביי דער הויכער שמונה עשרה. די חסידים אין פוילן און אין אוקראַינע בלאָזן די תקיעות אפילו אין דער שטילער שמונה עשרה.

די תפילות פון מלכיות, זכרונות און שופרות באשטייען הויפטזעכ־לעך פון געקליבענע פסוקים אין תנ"ך. צוערשט קומען די פסוקים פון דער תורה, דערנאך פון די כתובים און צום סוף פון די נביאים. דער סדר איז נישט קיין כראנאלאגישער, און אין דער גמרא גייט וועגן דעם אן א גרויסע חלוקי דעות.

יעדע תפלה באזונדער הויבט זיך אן מיט א מין הקדמה, וואס ווערט אין תלמוד אנגערופן „תקיעתא דרב" (ירושלמי ראש השנה א' ג') און אויך „כפרי דבי רב" (יומא ע"ד). עס איז א סברא אז רב, דער תלמוד פון רבנו הקדוש, האט די תפילות מחבר געווען און אליין פארשפרייט זיי צווישן פאלק. דער הויפט-מאטיוו אין זיי איז די מלכות שדי, די געטלעכע קעניגרייך וואס וועט געגרינדעט ווערן לעתיד לבא.

און אט ווי אזוי דאס ווערט פארגעשטעלט:

ווען עס וועלן זיך צופלאטערן די פאנען אויף די בערג פון יהודה און עס וועלן זיך דערהערן דער קול שופר של משיח, וועלן זיך צוריק איינ־זאמלען די פארלוירענע און פארשטויסענע פון מצרים און זיך בוקן פאר גאט אויף זיין הייליקן בארג אין ירושלים.

דער טייל מלכיות סימבאליזירט דעם וועלטלעכן גאט בשעת דער מלכות שדי. דער טייל זכרונות רעדט וועגן דעם בונד צווישן גאט און זיין פאלק און די הבטחות וואס ער האט זיי געמאכט. דער דריטער טייל, די שופרות, סימבאליזירט דעם שופר של משיח וואס וועט זיך הערן פאר דער גאולה.

די דאזיקע תפילות זענען דער פראדוקט פון דער גרויסער אפאקא־ליפטישער קולטור, וועלכע איז געווען אין איר ליטערארישן גלאנץ פון דניאל ביז רבי עקיבא. גלייך נאכן ערשטן חורבן ווען אינעם לעבן פונעם יידישן פאלק האט זיך ארייגעריסן א שרעקלעכער יאוש, האבן די מנ־היגים, די טרייע אויפהאלטער פונעם יידישן קיום, בשום אופן נישט גע־וואלט מוותר זיין דעם יידישן נאציאנאליזם, און אנגעהויבן קולטיווירן דעם רעיון פון נצח ישראל, אז די צייטווייליקע יסורים זענען בלויז כדי זיך אליין צו לייטערן און קריסטאליזירן בכח צו זיין אויפצונעמען די היי־ליקע מיסיע פון א ליכט פאר די פעלקער. דורך דעם רעיון פון נצח ישראל איז מען שוין לייכט געקומען צום רעיון משיחי ביז דער רעיון ווערט רעפלעקטירט אין די טעגלעכע און יום-טובדיקע תפילות אלס א הייליקע באשטרעבונג צו א נייער וועלט אָרדענונג אין די אחרית הימים.

דריטער קאפיטל

די ראש השנהדיקע מנהגים

סליחות און שופר בלאָזן — התרת נדרים — די ווינטשעוואַניעס — די מוצא מיט האָניק — דער מערן־צימעס — תשליך.

די הכנות צום מוראדיקן יום־טוב זענען גרויסע און אויסערגעווענלעכע. שוין ערב ראש השנה ווערט דער ייד אָנגעפילט מיט דער הייליקייט, און זוכט פון זיך אראָפּצעוואַרפן דאָס וואָכעדיקע און גשמיותדיקע.

שוין דעם גאַנצן חודש אלול איז דער ייד געווען צוגעגרייט און דערהויבן צום יום הדין, דעם טאָג אין וועלכן יעדער איינער ווערט געמשפּט. דער ייד איז געוואָרן פרומער, אָפּגעהיט צו דאווענען בצבור, צו זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, אריינצוכאַפּן א פרק משניות, און בכלל צו זיין מער אָפּגעהיטן מיט די מצוות. דער שופר בלאָזן יעדן טאָג נאָכן דאווענען האָט אויך מיטגעהאָלפן מעורר צו זיין צו תשובה און חרטה צו האָבן אויף אַלע מעשים פון א גאַנץ יאָר.

נאָך מער גערירט איז דער ייד געווען די לעצטע וואָך אין אלול, די וואָך פון ראש השנה. אָנגעהויבן האָט זיך די וואָך מיט „אויפשטיין צו סליחות", וואָס קיינער האָט חלילה נישט פארפעלט. דער רוב איז געגאַנגען צו די ערשטע סליחות שבת צו נאַכטס. אַנדערע אָבער זענען אויפגעשטאַנען פארטאָג און דעמאָלט געגאַנגען צו סליחות. אין די קלענערע שטעטלעך איז דער שמש ארומגעגאַנגען מיט א לאַמטערן און שטעקן אין האַנט און געקלאַפּט אין די פענסטער אויסשרייענדיק אין זייער א מאָנאָטאָנעם ניגון: „שטייט אויף צו סליחות!" „שטייט אויף צו עבודת הבורא!" די גאָר פרומערע פלעגן אויך אויפשטיין פרי די גאַנצע וואָך און גיין זאָגן סליחות.

ערב ראש השנה באַגינען איז מען געגאַנגען צו „זכר ברית" דער נאָמען פון די ערב ראש השנהדיקע סליחות. די דאָזיקע סליחות איז א

סך אן ערנסטערע ווי די ערשטע, און דער פרומער עולם פארגיסט דערביי א היבש ביסל טרערן. די ערשטע סליחות ווערט געזאָגט ביים חזן, דעם בעל מוסף, מיט א פארנעם פון א יום כיפורדיקן דאווענען; די „זכור ברית" אָבער ווערט געזאָגט ביי א געוועגלעכן בעל תפילה.

ערב ראש השנה איז מען זיך נוהג מתיר נדר צו זיין, כאָטש אנדערע טוען עס בעסער ערב יום כפור. דריי מענטשן פאַרמירן זיך אין א בית־דין, און דער פערטער איז דער וואָס איז זיך מתיר נדר. מען גייט אויך יענעם טאָג זיך טובלען אין מקוה און אויף קברי אבות.

אין שול נאָכן דאווענען, ווינטשט זיך איינער דעם אנדערן „לשנה טובה תכתבו לאלתר לחיים טובים" און דאָס אייגענע חזרט זיך אויך איבער ביים אריינקומען אין הויז. דער געוועגלעכער, פשוטער עולם פאַרקירצט די באגריסונג און באנוגנט זיך מיט בלויז „לשנה טובה"!

ביים עסן ראש השנה ביינאכט איז א מנהג צו באשמירן די „מוצא" מיט האָניק און צו זאָגן: „יהי רצון שתהי שנה טובה ומתוקה — עס זאָל זיין א גוט און זיס יאָר". אזוי איז אויך א מנהג צו עסן צימעס געמאכט פון מערן, כדי מען זאָל זיך מערן. די דאָזיקע מנהגים זענען שוין אוודאי עטלעכע הונדערט יאָר אלט און געפינען זיך אין א סך ספרים פון פערצנטן יאָרהונדערט. צוליב די דאָזיקע מנהגים היט מען זיך אויך אויס נישט צו עסן ראש השנה קיין זויערע זאכן.

מען פירט זיך אויך נישט צו שלאָפן ראש השנה בייטאָג, כדי חלילה נישט צו פארשלאָפן דעם יאָר. מען גייט אויך נישט צו געסט, נאָר מען פארברענגט דעם נאָכמיטאָג אין שול און אין בית המדרש.

די פערסישע יידן האָבן זיך זייערע אייגנארטיקע מנהגים, וואָס זענען ווייט אנדערש פון אונדזערע.

א גאַנץ יאָר זענען די יידן אין פערסיע מתפלל יעדער אויף זיין אָרט, אָבער אויף ראש השנה זענען זיי אלע עולי רגל קיין לאנזשאן, ווו זיי האָבן אן אונטערערדישע הייל וואָס דינט זיי ווי א מין בית המקדש.

די גרעסטע יידישע קהילה געפינט זיך אין איספאהאן, דאָרטן האָבן זיי אויך די גרעסטע שולן און דאָך פאָרן זיי אלע דאווענען אין דער הייל. רייכע פאָרן אויף מוילאייזלען און אָרימע גייען, ווי דער שטייגער איז, צופוס.

ראש השנה איז ביי זיי דער גרעסטער און פריילעכסטער יום־טוב אין יאָר, און אין דער הל קומען זיך צונויף קרוב צו צען טויזנט יידן,

כמעט די פולע צאָל יידן וואָס געפינט זיך אין פערסיע.

נישט תמיד קלויבן זיי אוים די זעלבע הייל, און בכלל ווערט די הייל-שול אויסגעקליבן מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט און באוואָרנט אז קיין פרעמ־דער זאָל חלילה נישט וויסן וווּ זיי פראווען דעם יום-טוב.

דער אריינגאַנג צו דער אונטערשטער הייל איז פאַרדעקט מיט גרוי־סע שטיינער און גראָז, און קומט מען שוין אהין אריין, דאַרף מען נאָך לאַנג קריכן דורך פאַרשידענע לאַבירינטן, וועלכע זענען אָפט באדעקט מיט מצבות און קברים, ווייל אויך זייערע מתים באהאַלטן זיי אין די היילן. די ווענט זענען באדעקט מיט אלטע העברעאישע אויפשריפטן און אנדע־רע הייליקע צייכנס, וואָס די יידן אליין פאַרשטייען זייער גאַנץ ווייניק אָדער גאָרנישט.

צוזאמען מיט דער גרויסער ערנסטקייט און סודותדיקייט מיט וועל־כער זיי פראווען דעם ראש השנה, זענען זיי זיך אויך משמח, מאכן זיך לוסטיק ארום די פלאַמען פון אָנגעצונדענע פאקעלן, טאַנצן און זינגען, מאכן אלערליי קונצן, פונקט ווי מיר פראווען שמחת תורה.

תשליך איז א מנהג און באשטייט פון דעם, וואָס דעם ערשטן טאָג ראש השנה נאָך מנחה גייט מען צום טייך אָדער צו א פליסנדיק וואסער, און מען זאָגט דאָרטן עטלעכע תפילות. אויב דער ערשטער טאָג ראש השנה פאלט אויף א שבת, גייט מען צו תשליך דעם צווייטן טאָג און אויב ס'איז נישטאָ דערביי א טייך, איז אַ פשוטער ברונים אָדער וואסער־לייטונג אויך גוט. אויב אָבער מען גייט יאָ צו א טייך, דאַרף עס זיין אזא וואָס האָט אין זיך פיש, ווייל דאָס איז א רמז אז אויך מיר יידן זענען אריינ־געכאַפּט ווי די פיש אין א נעץ.

פון וואַנען דער מנהג האָט זיך גענומען און ווען מען האָט אים אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן, איז נישט גענוי באקאנט. אין דער תורה אָדער אין דער גמרא ווערט דער מנהג נישט דערמאָנט, אפילו נישט אין די מדרשים אָדער אין די פוסקים אחרונים. דער ערשטער וואָס דערמאָנט דעם דאָזיקן מנהג, איז דער מהרי"ל, און שטאַמט דעריבער פון דייטש־לאַנד אָדער פראַנקרייך. אָנגעהויבן האָט זיך דער מנהג וואַרשיינלעך ערשט אין אָנהויב פונעם פופצנטן יאָרהונדערט.

דער מהרי"ל אין זיין ספר מנהגים געדרוקט צום ערשטן מאָל אין פראַנקפורט אם מאין, אינעם יאָר 1717, זאָגט: מה שנוהגין לילך בר"ח אחר הסעודה אצל ימים ונהרות לחשליך במצולות ים כל חטאתינו, משום

דאיתא במדרש זכר לעקדה שעבר אברהם אבינו בנהר עד הצואר ואמר הושיעה ה׳ כי באו מים עד נפש, והוא השטן שנעשה כמו נהר לעבב אותו מן העקדה — וואָס מען איז זיך נוהג צו גיין ראש השנה נאָכן עסן צו א ים אָדער טייך דאָרטן אריינצוווארפן אלע זינד, איז דאָס צום אָנדענקן פון דער עקדה ביי וועלכן אברהם אבינו איז אריבערגעגאנגען דעם טייך ביזן האלדז און אויסגעשריען: גאָטעניו, העלף מיר, די נויט איז שוין גרויס. ווי עס ווערט געבראכט אין מדרש (תנחומא פרשת וירא, פיסקא כ״ב) אז ווען אברהם אבינו האָט געפירט יצחקן צו דער עקדה, האָט דער שטן זיך פארשטעלט פאר א טייך כדי אים נישט צו דערלאָזן דורכפירן די עקדה ביז גאָט האָט אויפן שטן זיך אָנגעבייזערט און דאָס וואסער איז פארשוווּנדן.

דער רמ״א אין זיין ספר תורה העולה (ח״ג, פנ״ו) זאָגט, אז א יידי־שער מנהג איז פונקט ווי א דין פון דער תורה, און אזוי איז אויך דער מנהג צו גיין ראש השנה צום טייך אריינצעווארפן די זינד, ווייל ווען א מענטש זעט די טיפענישן פונעם ים, דערקענט ער גוט דעם ענין פון דער וועלט־באשאפונג. גאָט האָט באשאפן די ערד איבערן וואסער און באַ־פוילן די ערד זי זאָל דינען דער מענטשהייט, גייען מיר דעריבער ראש השנה, אינעם יום הדין, צום וואסער, כדי מיר זאָלן זיך פארטראַכטן וועגן דער וועלט באשאפונג און חרטה קריגן אויף אונדזערע זינד.

א רמז איז אויך פאראן אין ספר נחמיה, ח׳ אהג׳, און עס איז גאנץ מעגלעך אז דער מנהג האָט שוין עקזיסטירט אין יענער צייט. נחמיה מו־סרט דאָרטן די יידן און באפעלט זיי אָפּצוגעבן צוריק דאָס אייגנטום וואָס זיי האָבן פארכאַפּט פאר נישט באצאָלטע חובות, און דערביי טרייסלט ער אָפּ די עקן פון זיינע בגדים און זאָגט: „אזוי ווי איך האָב אָפּגעשאָקלט די פאָלעס פון מייני קליידער, אזוי זאָל גאָט אויסשאָקלען יעדן איינעם וואָס וועט נישט האלטן וואָס ער האָט צוגעזאָגט ביז ער וועט זיין אויס־געטרייסלט און ליידיק״.

פונעם פסוק דאָרטן: ויאספו כל העם כאיש אחד על הרחוב אשר לפני שער המים, ווערט אָפּגעלערנט אז עס איז געווען ראש השנה, און באַ־ווייזט אז שוין דעמאָלט האָט מען זיך נוהג געווען צו גיין צום וואסער און אָפּטרייסלען די פאָלעס פון די קליידער.

דער ר״י הקדוש א מקובל פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט, זאָגט, אז ביי א טייל פון דער געטוענער מצווה, דארף מען דעריבער א טרייסל געבן

יעדער מצווה וואָס א ייד טוט קומען די שלכטע גייסטער און זויגן אוים מיט די עקן פון די קליידער צו וועלכע די רוחות און קליפות טשעפּען זיך צו, כדי זיי זאָלן פון דאָרטן ארונטערפאלן.

אנדערע ספרים זאָגן, אז דער טעם וואָס מען גייט צום וואסער אום ראש השנה איז נאָכצוטאָן די אנדערע פעלקער וועלכע זענען זיך נוהג זיך צונויפצוקלייבן ביי א פליסיקן וואסער צו פּראָקלאמירן דאָס אויפנע־מען א נייעם מלך. ראש השנה נעמען מיר אויף אונדזער גאָט אלס דעם מלך ישראל און מיר גייען דעריבער צום טייך און זאָגן, אז אזוי ווי דאָס וואסער ציט זיך אָן אן אויפהער, אזוי זאָל זיך ציען אָן אן אויפהער גאָטס מלוכה.

גאָר אמאָל פלעגט מען גיין צו תשליך אפילו ווען ראש השנה איז אויסגעפאלן שבת, אָבער איצטער איז דער דין אז מען טאָר עס נישט, ווייל עס איז א חילול שבת. דער רמ״א איז אפילו דאקעגן דעם מנהג ארייגצעווארפן ברעקלעך שפייז פאר די פיש אין וואסער, ווייל אויך דאָס איז, זאָגט ער, א חילול יום־טוב.

אין גאליציע, איבערהויפּט אין די חסידישע הויפן, איז א מנהג צו גיין צו תשליך דעם אכטן טאָג אין תשרי ווען מען זאָגט די סליחות פון שלש עשרה מידות, און אויב יענער טאָג געפאלט אין א שבת, איז מען זיך מקדם און מען גייט צו תשליך דאָנערשטיק, צוויי טעג פריער.

צום גדליהו

צומאָרגנס נאָך ראש השנה איז צום גדליה — דער תענית פון גדליה. מען זאָגט יענעם טאָג סליחות, מען לייענט „ויחל" און מען היט אָפּ אַלע אנדערע דינים אקוראט ווי אין אַלע אנדערע פאַלקס אומגליקן, ווייל מיטן טויט פון גדליה איז פארחתמעט געוואָרן דער פולשטענדיקער חורבן פון יהודה.

גדליה, דער זון פון אחיקם, איז געבוירן געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פונעם זיבעטן יאָרהונדערט און דערמאָרדעט געוואָרן אין יאָר 586 פאר דער איצטיקער צייט רעכענונג.

ער האָט געשטאַמט פון א גאָר געהויבענער פאמיליע. זיין זיידע, שפן, איז געווען דער בארימטער סופר וואָס האָט פאָרגעלייענט פארן קעניג יאשיהו די געפונענע ספר תורה. זיין פאָטער, אחיקם, איז געווען דער ענערגישסטער באשיצער פונעם רעוואָלוציאָנערן נביא ירמיהו ווען די פאַטריאָטישע כהנים האָבן אים געשטעלט צום משפט פאר פאררעט.

גדליה אליין איז אויך געווען א הייסער אָנהענגער און וואַרימער חבר פון ירמיהו. אויך ער האָט לכתחילה געהערט צו דער פאָלקס פארטיי און געקעמפט קעגן דער פאָליטיק פון דער אריסטאָקראטישער און הערשנדיקער קאַסטע. נאָך דעם ווי בבל האָט פארוויסט ארץ־ישראל און די הערשנדיקע פארטיי וואָס האָט געהאלטן מיט מצרים איז אוועקגעפירט געוואָרן אין געפאנגענשאפט, איז גדליה באשטימט געוואָרן אלס פאָרשטייער.

דער פאָרויסזאָגער פונעם חורבן, דער נביא ירמיהו, האָט איצט צוזאמען מיט גדליהן גענומען דערמוטיקן די איבערגעבליבענע אָרימע מאסן און זיי באַוויזן ווידער אויפצובויען זייער היים און לאנד. די מאסן האָבן צו גדליהן געהאט דעם פולסטן צוטרוי, און זיך מיט גרויס ענערגיע ווידער גענומען צו פארפלאנצן זייערע גערטנער און פארזייען די פעלדער.

גדליה האָט געלעבט בשלום מיט אַלעמען, אפילו מיט זיינע פריערדיקע קעגנער, די איבערגעבליבענע קריגספירער און פרינצן. אויך צו דער באביליאָנישער מאכט איז ער געווען פריינטלעך, און די מאכט האָט גערן געזען א פּלייסיקע פּויערנשאפט וואָס גיט זיך בעסער אָפּ מיט ארבעט איידער מיט מלחמה.

די יידן האָבן זיך שוין ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַרואיקן. די אָרדע־נונג איז געווען פעסט, אָבער פרידלעך איינגעשטעלט, און די יידן וואָס זענען געווען אַנטלאָפן קיין עמון, מואב און אַנדערע דערבייאיקע לענדער, האָבן זיך מיט פרייד צוריקגעקערט און פאַרשטאַרקט די אויפבויונגס־אַרבעט.

גוט און ערלעך איז גדליה געווען, און ער האָט זיך גאָרנישט גע־קענט פאָרשטעלן, אַז פונקט דעמאָלט ווען ער איז אַזוי שטאַרק באַשעפ־טיקט אין איינפירן אַ נאָרמאַלן לעבן, זאָלן זיך געפינען מענטשן, וואָס טראַכטן פון אייגענעם כבוד און זאָלן זיין גרייט צו שטעלן אַלע יידן אין קאָן, אַבי צו דערגרייכן די אייגענע אַמביציעס.

אומזיסט האָט אים געוואָרנט דער גרויסער קריגסהעלד און באַליב־טער פירער פון די מאַסן, יוחנן בן קרח, קעגן די פילע אינטריגעס מצד די געוועזענע פּרינצן און די רויבעריש שכנישע פעלקער.

— ס׳איז נישט מער קיין סוד — האָט געטענהט דער געטרייער יו־חנן — אַז דער קעניג פון עמון האָט אָנגערייצט קעגן דיר דעם פּרינץ ישמעאל בן נתניה, און אויב דו וועסט מיר נישט דערלויבן אים צו טויטן, וועסטו אַוודאי פאַלן אַ קרבן פון זיינע הענט.

גדליה האָט אָבער די אַלע וואָרענונגען נישט גענומען ערנסט, און דער שרעקלעכער טאָג איז טאַקע געקומען. געווען איז עס אויף מאָרגן נאָך ראש השנה און דער פּרינץ ישמעאל און אַנדערע חשובע לייט זענען גע־ווען פאַרזאַמלט ביי גדליהן אין הויז. ישמעאל און זיינע מיטהעלפער האָבן דעמאָלט געטויט גדליהן מיט אַ גרויסער צאָל אומבאַוואָפנטע יידן, און אַנטלאָפן צום קעניג פון עמון אים העלפן פאַרכאַפן דאָס וויסטע לאַנד.

די דערמאָרדונג האָט אַנטמוטיקט די יידישע מאַסן און געשאַפן אַ ווילדן כאַאָס אין לאַנד. מען האָט פאַרלאָזן דאָס ביסל האָב און גוטס און אַנטלאָפן ווו די אויגן האָבן נאָר געטראָגן. דער אַלטער נביא ירמיהו האָט אין נאָמען פון גאָט זיך געבעטן ביי די יידן נישט צו פאַרלאָזן ארץ־יש־ראל, אָבער די מורא פאַר בבל און עמון איז געווען צו גרויס צו האָבן וועלכע האָפענונג.

דורך דעם מאָרד איז דאָס יידישע לאַנד גאָר גיך געוואָרן אַ פול־שטענדיקע וויסטעניש, און דער טרויער טאָג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן לדורות.

יום כפור

ערשטער קאפיטל

יום כיפור

די אנטשטייונג — די פאָרשער און די טראַדיציע — די פייערונג פון דער יונגוואַרג — דער געדאנק וועגן פארגעבונג.

איבער דער אנטשטייונג פון דעם יום-טוב זענען פאראן גאָר גרויסע חלוקי דעות צווישן די פאָרשער און קריטיקער פון יידישער געשיכטע און יודאאיסטישער וויסנשאפט.

קיינער פון די יידישע יום-טובים איז נישט אנטשטאַנען אין דער איצטיקער פאָרמע. די הכמי התלמוד זענען געווען די ערשטע צוצופאסן דעם יום-טוב צו דער צייט און סביבה, און כאָטש זיי האָבן הויפטזעכלעך זיך באַגרינדעט אויף דער תורה און אויסגעטייטשט די פסוקים וועדליג די איינגעפירטע רעגולאציעס, דאָך האָט זיך דער ריטואַל גאנץ אָפט גע־ענדערט.

נאָר אויב אַלע אנדערע יום־טובים האָבן נאָך באוויזן ווי עס איז אָנ־צוהאלטן א טייל פון דער אנגשטייענדיקער פאָרמע און אייגנארטיקייט, איז אָבער די פארענדערונג אין דעם סאמען גרונט געדאנק פון יום כיפור, גע־בליבן א פולשטענדיקע.

אין זיין ערשטער אנטשטייונג איז יום כפור געווען ווי אַלע אנדערע יידישע פייערטעג א פריילעכער פאָלקס יום-טוב, נאָר שפעטער איז ער פארוואנדלט געוואָרן אין א מוראדיקן טאָג פון דין און משפט.

דער אופן פון דער איצטיקער יום כפור פייערונג איז א רעלאטיוו יונגער, כאָטש עס קען בשום אופן נישט אָנגעוויזן ווערן גענוי ווען די פאָרמע איז אָנגענומען געוואָרן. די פאָרמע איז פון אָנהויב אָן געווען א ריינע פאָלקס-שאפונג, און די מוראדיקייט אירע איז געקומען אַלס אויס־דרוק פון דער פאָלקס־פסיכאָלאָגיע, וואָס האָט זיך געשאפן פון דער סבי־בה און שווערער היסטאָרישער צייט פון דעם פינצטערן מיטלאַלטער.

יום כפור אַלס אַ קולט און רעליגיעזער יום-טוב, איז אַ גאַנץ אַלטער און איז אפשר נאָך עלטער פון די אַנדערע פייערונגען פון די פּאַרציי-טיקע עברים. דער גאַנצער ריטואַל פון יום כפור ווי ער ווערט פעסטגע-שטעלט אין דער תורה מיט צוויי שעירים, די צוויי ציגלעך איינער צו גאָט און איינער צום עזאזל, זאָגט עדות אויף דער אוראַלטקייט פון דעם דאָזיקן קולט.

די געלערנטע יודאַאיקער פון דייטשן חדר ווי וועלהויזען, וועקסלער און אַנדערע זענען מיט דער מיינונג, אַז יום כפור איז אַנטשטאַנען ערשט ווען די יידן האָבן זיך צוריקגעקערט פון גלות בבל און האָבן אָנגענומען דעם מאָטיוו פון תשובה און חרטה דורך דער לערע פון עזרא הסופר.

די סביבה און אומשטענדן זענען געווען אַמפּאַסנדיקסטן פאַר דער דאָזיקער פאָרמע. דאָס יידישע פאָלק איז דעמאָלט געווען אויפגעטרייסלט פונעם חורבן און זיך געפונען אין אַ פּאַראַרימטער און הילפלאָזער לאַגע. אין אַזאַ צייט איז דאָס פאָלק געווען אַמבעסטן מסוגל אויפצונעמען דעם געדאַנק פון רייניקן דעם גייסט דורך פאַררייניקן זיך מיט גאָט און פאַסטן ווי אַן אויסדרוק פון חשבון הנפש.

קיין גאָר נייע איינפירונג, טענהן די יודאַאיקער, איז עס נישט גע-ווען, ווייל אַלע אַנדערע אַנטיק פעלקער האָבן געהאַט אַזאַ ענלעכן טאָג פון רייניקן זיך פון זינד. די גריכן און די רוימער האָבן געהאַט אַזאַ טאָג און אָט דער יום-טוב איז געווען גאַנץ גוט באַקאַנט צו די יידן. עזרא האָט איינפאַך צוגעפּאַסט דעם יום כפור צו די מיסטישע אַנשווינגען און אייגנ-שאַפטן פון די יידן און עס געמאַכט פאַר אַ רעליגיעזן געזעץ.

געגנוי וועלכער טאָג אין חודש עס איז געווען יום כפור ווייסן מיר נישט, ווייל אין די נביאים און כתובים ווערט עס נישט דערמאָנט. בלויז אין נחמיה ווערט אין געציילטע ווערטער דערמאָנט, אַז יום כפור איז גע-פייערט געוואָרן דעם 24סטן טאָג פון זיבעטן חודש. אָט דאָס אַליין וואָס אין די נביאים ווערט נישט דערמאָנט ווי אַזוי דער יום-טוב איז געפייערט געוואָרן, גיבן די יודאַאיקאַ-פאָרשער פון דער זעלבער שולע אָן ווי אַ באַ-וויז, אַז יום כפור האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט עזרא הסופר.

דער נביא יחזקאל גיט אויך אָן וועגן טעג פון רייניקונג און הייליקונג, אָבער אויך דאָרטן, אין דער עקספּרעסיאָניסטישער שילדערונג פון דער עתיד-לבאָדיקער געטלעכער צייט, איז פאַר אָט דער דאָזיקער רייני-

קונג אָנגעוויזן דער ערשטער און זיבעטער טאָג פונעם ערשטן חודש, אין קעגנזאַץ צום איינציקן טאָג אָנגעוויזן אין נחמיה.

א צווייטע גרופּע פון יודאאיקא-פאָרשער זאָגן ארויס א סברא, אז יום כפור איז אן איינפאַכער פאָלקס-מנהג וואָס זיין אָנהויב איז ערשט אינעם אָנהויב פון דריטהאלבן יאָרהונדערט פאר דער קריסטלעכער ערא, און זיי באַגרינדן זייער סברה אויף דעם ספר בן סירא, ווו עס ווערט דערמאָנט וועגן א טאָג פון עינויי הגוף, תשובה און חרטה. יידן האָבן דעמאָלט אי־בערגעלעבט זייער א קריטישן מאָמענט פון פארצווייפלונג און דערשלאָגנ־קייט, און אזעלכע געשיכטלעכע מאָמענטן פירן געוווינלעך צו אן ענגערער צונויפבינדונג מיט גאָט און חשבון הנפש פול מיט חרטה און תשובה.

מער וואַרשיינלעך איז אָבער די מיינונג פון פאָרשער, אז די הקדמה פון יום כפור ציט זיך ביז תורת משה. דער אופן פון פייערן דעם יום־טוב האָט זיך געוויס אין פארלויף פון יאָרהונדערטער געוויסערמאָסן געענדערט, און אָפּווייכונגען פון דעם פעסטגעשטעלטן סדר זענען בלי ספק געמאַכט געוואָרן, אָבער אין גאנצן גענומען איז דער יום־טוב מיט איר ריטואַל געשאַפן געוואָרן איינציייטיק מיט אלע רעליגיעזע איינפירונגען און איז אן הלכה למשה מיסני.

דערציילט די גמרא:

האָט ר׳ שמעון בן גמליאל געזאָגט: יידן האָבן נישט געהאַט אזעלכע ימים טובים ווי חמשה עשר באב און יום כפור, ווייל אין די דאָזיקע טעג פלעגן די טעכטער פון ירושלים זיך אָנטאָן אין פשוטע קליידער כדי נישט צו פארשעמען די אָרימע; זיי פלעגן דעמאָלט ארויסגיין און טאַנצן אין די וויינגערטנער. און וואָס פלעגן זיי זאָגן? — „בחור, הייב אויף דיינע אויגן און זע וואָס דו קלייבסט זיך אויס! קוק נישט אויף שיינקייט, קוק בעסער אויף יחוס — שקר החן והבל היופי, אשה יראת ה׳ היא תתהלל.״

האָבן אונדזערע רבנן געלערנט: די שיינקייטן וואָס פלעגן זאָגן? „קוק אויף שיינקייט, ווייל די פרוי איז צו דעם געשאַפן״. די מיוחסת וואָס פלעגט זאָגן? „קוק אויף משפחה, ווייל א פרוי איז בלויז צו האָבן קינדער״. די רייכע וואָס פלעגן זאָגן? „געדענק, אז געלט איז אלץ״.

יום כפור איז געווען דער שענסטער יום־טוב. אלע זענען יענעם טאָג געווען גלייך. די טאָכטער פונעם כהן גדול אזוי ווי די טאָכטער פונעם גרעסטן קבצן — אלע זענען געווען גלייך, און אפילו די וואָס האָבן גע־

האָט די שענסטע קליידער, האָבן זיך יענעם טאָג געליען אַלטע צעריסענע קליידער כדי נישט צו פאַרשעמען די אָרימע.

יום כפור איז געווען דער יום־טוב פון יוגנט, און אַפילו אין דער צייט וואָס דער כהן גדול האָט געפּראַוועט די עבודה און אַרונטערגעוואָרפן דעם שעיר לעזאזל פונעם שפּיץ באַרג, איז אַלץ די יוגנט געווען פאַרנומען אין די ווייַנגערטנער און זיך פאַרווייַלט.

עס קען נישט געזוי פעסטגעשטעלט ווערן ווען די פאָרמע ווי מיר פייערן דעם יום כפור אַצינד, איז איינגעשטעלט געוואָרן. עס איז אָבער מער ווי זיכער, אַז אַ חוץ גאַנץ קליינע דעטאַלן וועלכע זענען אין פאַר־לויף פון יאָרן געענדערט געוואָרן, איז די פאָרמע די זעלבע וואָס איז איינגעפירט געוואָרן נאָך אין די צייטן פון די גאונים.

אַפּווייכונגען פון דעם פעסטגעשטעלטן סדר זענען אין איינצלנע קהילות אין משך פון דער צייט געווים געמאַכט געוואָרן, אָבער אינגאַנצן גענומען איז די פייערונג אין די לעצטע דרייצן הונדערט יאָר אומעטום געווען די זעלבע.

אַפילו די מוראדיקייט וואָס איז דעם טאָג צוגעגעבן געוואָרן, איז אויך געקומען אַלס אויסדרוק פון דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע אין שייכות מיט דער סביבה און שווערן היסטאָרישן מאָמענט וואָס די יידן האָבן דורכגעלעבט אינעם מיטלאַלטער.

דער מחילה און סליחה געדאַנק האָט שוין געלעבט אין פאָלק פון פריער. טיילווייז צוליב דער דערמאָנונג אין דער תורה און טיילווייז אפשר דערפאַר וואָס מען האָט אין די גאַנץ אור־אַלטע צייטן יום כפור געפייערט ווי אַ יום הדין, אַ טאָג אין וועלכן דער שיקזאַל פון יעדן מענטשן ווערט אויפגעשריבן און געחתמעט.

צו מאַכן די מוראדיקייט דעם הויפּט־מאָטיוו פאַר יום כפור איז דאַריבער געווען אַ גאַנץ לייכטע זאַך, און דאָס פאָלק האָט עס אויך גאַנץ גערן אָנגענומען. די צייט און סביבה האָט דערצו פיל גורם געווען, און מה יעשה הזמן, לא יעשה השכל, זאָגט אַן אַלט ווערטל.

די חכמי התלמוד באַציען זיך זייער קריטיש צו דער אַמאָליקער פייערלעכקייט פון יום כפור. דער טאָג פון תשובה און יידישע טרערן גראַמט זיך נישט מיט אַ פאָלקס־קאַרנאַוואַל פון יידישע טעכטער אין די ווייַנגערטנער, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעזוכט חתנים. די פּאַסירונג האָט אין זיך אָבער אויך פילע לאָגישע מאָמענטן.

יום כפור איז אויך געווען האַרט פאַר דעם חג האסיף, ווען אַלע האָבן עולי רגל געווען קיין ירושלים און געדאַנקט גאָט פאַר דער גערע־טעניש אין די וויינגערטנער און פאַרן אויסבעטן זיך אַ יאָר פון שפע און ברכה. דאָס פאָלק איז דאַריבער געווען דורכגעזאַפּט מיט פרייד און צו־פרידנהייט.

און ווען אַ פאָלק איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון פרידן און זי־כערקייט, ,פון אַלגעמיינעם גליק און יום-טובדיקייט, צעברענט זיך שטאַר־קער זיין געפיל און נייגונג צום לעבן, זיינע פאַרלאַנגען ווערן יוגנטלעכער און בלוטיקער.

אונטער די ריחות פון טל השמים ומשמני הארץ, פון רוב דגן ותי־רוש, וואַקסט ביים פאָלק די יום־טובדיקע שטימונג, דער ווילן צו בליען און זיך פרוכפּערן מיט דער ברכה פון גאָט.

צווייטער קאפיטל

כל נדרי

די באדייטונג און אנטשטייאונג — די אנוסים און אינקוויזיציע — דער ניגון און מוזיקאלישע הארמאניע — די מעשהלעך וועגן באשאפונג פון ניגון.

כל נדרי איז די ערשטע תפילה אין דעם יום כפור ריטואל, און כאטש זי איז פון קנאפער באדייטונג, דרינגט זי דאך אריין טיף אין די יידישע הערצער און דערשיטערט זיין געמיט. צו כל נדרי קומען אין שול אפילו אזעלכע יידן וואס א גאנץ יאר זעט מען זייער געביין נישט אן. יעדער איילט זיך צו זיין אנוועזנד ביי דער דאזיקער תפילה, און יעדער אייגער איז דורכגעדרונגען מיט א שטימונג פון אומגעהויערער ערפורכט.

און מערקווירדיק, צווישן די יום כפורדיקע תפילות זענען פאראן אזעלכע וואס זענען באמת אנגעהויכט מיט פאעטישער שיינקייט, מיט פילאזאפישן אינהאלט, מיט הארצרייסנדיקן געבעט, און דאך שיינט כל נדרי צו זיין די סאמע איינדרוקספולע און רירנדיקע, וואס ווערט אויסגעהערט מיט פארהאלטענעם אטעם.

און כל נדרי איז נישט קיין געבעט צו גאט, נישט קיין תפילה פון דאנק און לויב, נאר פשוט א התרת נדרים, א דערלויבעניש מיטצודאווענען מיט די איבעריקע יידן.

כל נדרי — אלע נדרים, איסורים, שבועות, פארזאגונגען, באפעלן, פארשפרעכונגען און אלערליי אויסדריקן מיט וועלכע מיר וועלן נעמען אויף זיך א וואסער עס איז נדר, שבועה, חרם אדער פארבאט פון היינטיקן יום כפור אן ביז דעם קומענדיקן יום כפור וואס וועט קומען מיט מזל, אויף זיי אלע האבן מיר חרטה, אלע זאלן זיי זיין דערלויבט, פארנעבן, בטל ומבוטל, זיי זאלן קיין שום באדייטונג נישט האבן. די נדרים

זענען קיין נדרים נישט, די איסורים קיין איסורים נישט און די שבועות קיין שבועות נישט.

אין דער תורה שטייט בפירוש: „ווען אַ מענטש טוט אַ נדר אָדער שווערט אַ שבועה, זאָל ער נישט ברעכן זיין וואָרט". דער תלמוד איז אויך גאָר שטרענג צו אַ נדר אָדער אַ שבועה, און רעכנט עס פאַר אַן עבירה צו טאָן אַ נדר אפילו ווען מען איז אים מקיים, בפרט נאָך ווען מען ברעכט דעם נדר. די חכמים האָבן איינגעפירט אַ התרת נדרים אָבער גאָר בלויז אויף נדרים וואָס זענען נוגע זיך אַליין. אויף אַ נדר וואָס איז נוגע אַ צווייטן קען אפילו דער התרת נדרים נישט חל זיין.

ר' עמרם גאון אין זיין סידור האָט זיך אפילו דערלויבט צו זאָגן אַז כל נדרי איז אַ פשוטע נאַרישקייט. די גאונים אין וועמענס צייטן דער מנהג פון כל נדרי איז געווען פאָפּולער צווישן די ברייטע יידישע מאַסן, האָבן זיך צו דער גאַנצער זאַך באַצויגן זייער נעגאַטיוו. די אחרונים האָבן גאָר אָפן געפריידיקט אַז מען דאַרף אָפּשאַפן דעם כל נדרי צערעמאָניאַל, ווייל באמת האָבן זיך טאַקע פילע פונעם המון דערלויבט צו באַנוצן מיט דעם כל נדרי נישט מקיים צו זיין זייערע פאַרשפּרעכונגען. און דאָך האָט דער דאָזיקער „מנהג שטות" באַוויזן זיך איינצופלאַנצן אינעם יידיש רע־ליגיעזן לעבן און צו ווערן דער וויכטיקסטער טייל אינעם יידישן ריטואַל.

דעם ענטפער צו דער דאָזיקער האַרבער קשיא קען מען געפינען אין דעם גאָר קורצן כרוז וואָס מען רופט אויס דריי מאָל נאָכאַנאַנד פאַר כל נדרי: „על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה, אנו מתירים להתפלל עם העבריינים — מיט דעם וויסן פון גאָט און מיט דעם וויסן פון דער געמיינדע, מיט דער צושטימונג פונעם געטלעכן בית דין און מיט דער צושטימונג פון אונדזער בית דין, דערלויבן מיר זיך צו דאַווענען צוזאַמען מיט די עבריינים".

עבריינים מיינט מען די יידן וואָס האָבן עובר געווען אויף די הויפּט פּרינציפּן פון דער יידישער אמונה, און מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק האָט מען עס אין זינען די אנוסים — מאַראַנען — יידן אין שפּאַניע, וואָס זענען מיט געוואַלד געצוווּנגען געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון דער יידישער רעליגיע. די אינקוויזיציע אין די שפּאַנישע לענדער פלעגט צווינגען די יידן אָנצונעמען די קריסטלעכע אמונה אונטער דער דראָאונג פאַרברענט צו ווערן אויפן שייטערהויפן. די יידן האָבן אָבער נישט געוואָלט אויפ־געבן זייער אמונה, האָבן זיי פאַר דער עפנטלעכקייט געשווירן אַז זיי נע-

מען אָן מיט זייער אייגענעם ווילן דעם קריסטלעכן גלויבן, און אין הארצן זענען זיי פאַרבליבן גאַנץ געטרייע יידן ווי פריער.

די אינקוויזיציע האָט געהאַלטן אַ שאַרף אויג אויף יעדן יידן און אַריינגעדרונגען אין יעדן באַהאַלטענעם ווינקעלע. פון אָפּהיטן יידישקייט אונטער אַזעלכע אומשטענדן און געפאַרן האָט גאָר קיין רייד נישט גע־קענט זיין. איינמאָל אַ יאָר אָבער, יום כפור, האָבן זיי ריזיקירט מיט זייער לעבן און זיך צונויפגענומען דאַוונען בציבור. צווישן די מתפּללים זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן שוין גענומען אויף זיך די שבועה פון קריסטלעכער אָנגעהעריקייט און אַזעלכע וואָס האָבן נאָך ווי עס איז באַוויזן אויסצומיידן די אינקוויזיציע, כדי זיי צו קענען פאַררעכענען פאַר יידן און מצרף זיין צו קהל, האָט מען זיי געמוזט פריער מתיר נדר זיין. אגב האָט קיינער נישט געוווּסט אויב ער וועט אין פאַרלויף פונעם יאָר אויך נישט דאַרפן נעמען אויף זיך אָט די דאָזיקע שבועה, האָט מען שוין דעריבער אויסגעביטן דעם געוויינלעכן התרת נדרים אויף דעם צע־רעמאָניאַל פון כל נדרי, וואָס האָט אַזוי אַרום באַקומען אַ גרויסע באַדיי־טונג פאַר די יידן אין יענער צייט.

די יידן פון שפּאַניע האָבן דעם כל נדרי צערעמאָניאַל אַריבערגע־פירט מיט זיך אין די נייע גלות־לענדער און זיך געהאַלטן דערין ווי אַ שיינע טראַדיציע. די רבנישע וועלט האָט עס דווקא נישט געוואָלט ליידן, אָבער קענטיק דווקא דערפאַר וואָס מען האָט צוליב דעם כל נדרי געליטן אַ היפּש ביסל צרות כמעט אין יעדן לאַנד און אין יעדן גלות, איז די תפילה געוואָרן ליבער און טייערער און זיך אַזוי איינגעבאַקן אין הארצן.

נישט איין שונא ישראל האָט שוין געשטאָכן די אויגן מיט דער דאָ־זיקער תפילה. אינעם כל נדרי האָבן זיי געזען אַ היתּר צו באַטריגן דעם קריסט און צונישט צו מאַכן אַלע פאַרשפּרעכונגען. אין די לעצטע עט־לעכע הונדערט יאָר זענען די רדיפות אויף יידן צוליב דעם דאָזיקן בלבול געווען אין לשער. אַ סך ריכטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַ יידן אַ שבועה, ווייל זיי האָבן געטענהט אַז דער כל נדרי דערלויבט דעם יידן בטל מאַכן אַלע זיינע שבועות און נדרים.

די גרעסטע צרות האָבן יידן געליטן אין אַלטן רוסלאַנד. אין יאָר 1799 האָבן זיך די יידן פון קורלאַנד פאַרווענדט מיט אַ בקשה צו דער רוסישער רעגירונג זיי צו געבן בירגעררעכט. האָט אָבער דער מיניסטאָרן־

קאבינעט אָפּגעזאָגט די בקשה מחמת קריסטן קאָנען יידן נישט גלויבן אויף זייער שבועה צוליב כל נדרי.

אין 1811 האָט דער רוסישער סענאַט ווידער אויפגענומען די פראַגע צי מען קאָן יידן צולאָזן צו שווערן אין געריכט. עס האָבן זיך דעמאָלט אפילו געפונען עטלעכע קריסטלעכע פּאַרטיידיקער, וואָס האָבן אָנגעוויזן אז אויך די קריסטלעכע קירכע באַפרייט דעם גלויביקן פון לייכטזיניקע נדרים און פאַרשפּרעכונגען. אָבער אויך די דאָזיקע פּאַרטיידיקער האָבן געפאָדערט פון די רבנים ארויסצולאָזן אַ דערקלערונג צו די יידישע מאַסן, אז דער כל נדרי באַפרייט קיינעם נישט פון זיינע פאַרפליכטונגען און פאַרשפּרעכונגען. דער סענאַט האָט אויך אויפגעפאָדערט די רבנים איינ־גאַנצן בטל צו מאַכן די תפילה און איר ארויסצונעמען פון מחזור.

עס איז מעגלעך אז די רבנים וואָלטן אוודאי געצוווּנגען די תפילה מבטל צו מאַכן. האָט אָבער פּאַסירט אַ גליק וואָס אין אַ קנאַפּן יאָר שפּע־טער, אין 1812, איז אויסגעבראָכן געוואָרן די מלחמה קעגן נאַפּאָלעאָנען און די גאַנצע זאַך איז פאַרגעסן געוואָרן.

זינט דעמאָלט האָבן די דייטשע רבנים אויף אַ קאָנפערענץ באַ־שלאָסן יאָ מבטל צו מאַכן די כל נדרי תפילה. אויך אין אַמעריקע האָט זיך געפונען אַ ראַבּיי וואָס דערלאָזט נישט זאָגן כל נדרי ביי אים אין שול. אָבער קיין גרויסן איינפלוס האָבן ביידע באַשלוסן נישט געלאָזן. כל נדרי איז נאָך אַלץ איינע פון די שענסטע תפילות בכל תפוצות הגולה, ווו נאָר אַ ייד געפינט זיך.

אין גלות איז דער כל נדרי געוואָרן די נשמה פון דער יום כפור שטימונג. דער גלות האָט אין דעם דאָזיקן ניגון אריינגעהויכט אַזוי פיל יידישן צער, אַזוי פיל טראַגיזם און וויי־טיק, אז די תפילה מיט איר גאַנץ באַשרענקטן אינהאַלט אַפּעלירט אַמשטאַרקסטן צום יידישן האַרץ און רופט אַרויס געפילן פון חרטה און נאַציאָנאַלער צוגעבונדנקייט.

אפשר איז עס דערפאַר וואָס דער ניגון איז אַזאַ האַרצרייסנדיקער און אַרומגעוועבט מיט אַזוי פיל שיינע לעגענדעס און געשיכטעלעך.

איין לעגענדע, למשל, דערציילט, אז דער ניגון איז געשאַפן געוואָרן דווקא ביי זייער אַ פרומען קריסט, וועלכער האָט צופעליק בייגעוווינט אַ פּלוצימדיקן איבערפאַל אויף אנוסים יום כפור ביינאַכט. דער פרומער קריסט, זאָל עס הייסן, איז אַזוי גערירט געוואָרן פון די יידישע ליידן און

זייער איבערגעגעבנהייט צו זייער גאָט און אמונה, אַז ער האָט אויפן אָרט באַשאַפן דעם ניגון.

אַן אַנדער ווערסיע איז, אַז צווישן די אנוסים האָט זיך געפונען דער שענסטער זינגער אין לאַנד, וועלכער איז געווען שטאַרק באַליבט ביים קעניג אין דער קירכע, און ער האָט עס געשאַפן די מוזיק צום כל נדרי.

די לעגענדעס וועגן דער באַשאַפונג פונעם כל נדרי ניגון זענען פאַראַן אומצייליקע, און יעדע איינע האָט זיך איר שיינקייט. די מער פּאָפּולערע איז אָבער די דאָזיקע, וועלכע דערציילט אַגב מער באריכות און בפרטיות ווי אַזוי דער ניגון איז געשאַפן געוואָרן:

אין די צייטן פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ — דערציילט די לעגענדע — האָט אין שפּאַנישן קייזערלעכן הויף געלעבט דער ייד דאָן מאַנועל דע טעקסיירא. ער איז געווען זייער חשוב און באַליבט ביים קעניגלעכן פּאָר, און ביים אַרויסגעבן די גזירה פונעם גירוש האָט דער קעניג און די קעניגין אים געצוואונגען צו פאַרבלייבן אין לאַנד.

דאָן מאַנועל האָט לפנים וועגן אָנגענומען די קאַטוילישע אמונה, אָבער באַהאַלטענערהייט האָט ער שטרענג אָפּגעהיט יידישקייט. נישט אַליין האָט ער און די איבעריקע געהיימע יידן געקענט אָפּהיטן, אָבער יום כפור האָבן זיי אַלע מיט גרויס מסירת נפש אָפּגעהיט. דאָן מאַנועל האָט אין טיפן וואַלד איינגעאָרדנט אַ הייל, וואָס איז געווען ווייט פון אַ מענטשלעכן אויג און דאָרטן זענען די אנוסים זיך צונויפגעקומען בעטן צו גאָט.

די אינקוויזיציע און אירע ביטערע שפּיאָנען האָבן אָבער די הייל געפונען און אַלע אנוסים פאַרמשפּט צום שייטערהויפן. צווישן זיי איז אויך געווען דאָן מאַנועל, וועלכער איז נאָך אַליין געווען באַליבט ביים קייזערלעכן פּאָר. זיי האָבן דעריבער אויסגעפועלט ביי דער אינקוויזיציע אים צו שענקען דאָס לעבן בתנאי ער וועט עפנטלעך האָבן חרטה אויף זיין גרויסער זינד. דער קעניג אַליין איז געקומען צו דאָן מאַנועל אין תפיסה, און אים איבערגעגעבן דעם באַשלוס פון דער אינקוויזיציע. דאָן מאַנועל האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג, אים האָט זיך בעסער געוואָלט שטאַרבן דעם זעלבן מאַרטירער טויט ווי אַלע איבעריקע, אָבער דער קעניג האָט אים שטאַרק געבעטן, אים אויך צוגעזאָגט צו מאַכן פאַר זיין ראַטגעבער, און דאָן מאַנועל האָט מיט אַ צעבראָכן האַרץ איינגעשטימט.

זיין עפנטלעכע חרטה האָט דאָן מאַנועל באַדאַרפט אויסדריקן ביי

אַן עפּנטלעכן פֿאַראַד אינעם טאָג ווען מען וועט די איבעריקע פֿאַרברענגען לעבעדיקערהייט אויפֿן שייטערהויפֿן. אין יענעם טאָג האָבן זיך ביים שייטערהויפֿן פֿאַרזאַמלט די העכסטע באַאַמטע, דער גאַנצער שפּאַנישער אַדל, טויזנטער און טויזנטער גלחים און נאָך מערער פֿונעם פּראָסטן המון, וואָס איז זיך צונויפֿגעקומען פֿון אַלע עקן לאַנד.

פֿריער האָט מען איינעם נאָכן אַנדערן פֿאַרברענט די אַנוסים, און ווען מען איז שוין פֿאַרטיק געוואָרן מיטן טוידערלעכן אַקט איז דער הויפּט אינקוויזיטאָר צוגעקומען צו דאָן מאַנועל און געפֿאָדערט ער זאָל זיך עפֿנטלעך בקול רם מתודה זיין אויף די זינד, ווי ער האָט עס פֿאַרשפּראָכן צום קעניג.

דאָן מאַנועל האָט אָבער זיך נישט מתודה געווען, און אויפֿן אָרט פֿון חרטה האָט ער גאָר מקדש השם געווען און אויסגעשריגן מיט אַלע זיינע כוחות:

„שוין דריי טויזנט יאָר אַז מיר יידן לעבן מיט אונדזער תורה וואָס מיר האָבן באַקומען אויפֿן באַרג סיני, וועלכער איז דעמאָלט געווען ווי איין שטיק פֿייער, און אַזוי ווי מיר האָבן די תורה געקראָגן אין פֿייער, מוזן מיר זי אויך אויפֿגעבן אין פֿייער”.

און אַזוי ריידנדיק, איז ער צו דער פֿאַרווונדערונג פֿון אַלעמען אַליין אַריינגעשפּרונגען אין שייטערהויפֿן און אויסגעהויכט זיין אָטעם מיטן שמע ישראל אויף די ליפּן.

צווישן די וואָס האָבן עס צוגעזען איז געווען אַ באַגאַבטער מוזיקער, וועמענס פֿיינפֿילנדיקע נשמה האָט אויפֿגעציטערט פֿון דער שוידערלעכער געשעעניש, און ער האָט עס פֿאַראייביקט אין מוזיקאַלישע טענער. אָט די דאָזיקע קאָמפּאָזיציע איז עס דער כל נדרין ניגון, וואָס איז צו אונדז טראַדיציאָנעל איבערגעגאַנגען פֿון יענער צייט.

גענוי פֿון וואַנען דער ניגון שטאַמט איז נישט באַקאַנט. אין דער געשיכטע פֿון מוזיק איז נישטאָ קיין שפּור נאָך וועלכן מען זאָל קענען אויסגעפֿינען ווער עס איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער דאָזיקער שיינער מעלאָדיע; עס איז אַפֿילו שווער פֿעסטצושטעלן אין וואָסער עפּאָכע מען האָט איר אָנגעהויבן צו געברויכן. אַ טייל היסטאָריקער זאָגן, דער ניגון איז צוזאַמען מיט דער כל נדרי תפֿילה געשאַפֿן געוואָרן פֿון די אַנוסים, און ווי די זעלבע היסטאָריקער דערקלערן, שטאַמט דער ניגון פֿון אַן אַלטער קאַטוילישער קירכן־כאָטיוו. דאָס לייגט זיך שטאַרק אויפֿן שכל, ווייל די

אנוסים, וועלכע האָבן זיך תמיד געפונען אין געפאַר געכאַפּט צו ווערן פון די אינקוויזיציע־שפּיאָנען, האָבן צו דער דאָזיקער וויכטיקער תפילה נישט געקענט געפינען קיין מער פּאַסנדיקע מעלאָדיע ווי פון אַ קירכן־מאָטיוו, כדי דערמיט אָפּצונאַרן זייערע פאַרפאָלגער.

די מוזיק אויטאָריטעטן, צווישן זיי אונדזער אייגענער י. פּיראָזש־ניקאָוו, לייקענען קאַטעגאָריש אָפּ די דאָזיקע באַהויפּטונג. זיי באַווייזן, אַז די ענלעכקייט עקזיסטירט בלויז צווישן די ערשטע פראַזן און דאָס דערקלערן זיי האָט בלויז צופעליק געטראָפן פּונקט אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן דער שפּאַנישער סימפאָניע פון דעם מאָדערנעם קאָמפּאָזיטאָר לאַלאָ און דעם לאַנגזאַמען טייל פון כל נדרי. אַזאַ ענלעכע צופעליקייט, ווייזן זיי אָן, איז אויך צו מערקן צווישן פילע אַנדערע מאָדערנע קאָמפּאָזיציעס. אגב, דערקלערן זיי, איז בלויז דער ערשטער טייל פון דעם כל נדרי ניגון ענלעך און איז פון אַ ריין קלאַסישן כאַראַקטער. דאַקעגן די איבעריקע טיילן זענען אַזוי עכט יידיש, אַז עס קאָן גאָר קיין צווייפל נישט זיין דאָס עס איז אַן אייגנאַרטיקע ריין־יידישע מעלאָדיע.

באמת קען מען זיך אויף די מוזיקאַלישע סברות נישט פאַרלאָזן, ווייל כל נדרי ווערט נישט אומעטום גלייך געזונגען. כאָטש דער אָנהויב איז אומעטום דער זעלבער, זענען דאָך פאַראַן אַזוי פיל וואַריאַציעס אַז עס איז שווער צו זאָגן וועלכער עס איז דער ריכטיקער.

דער ניגון פון כל נדרי הייבט זיך אָן מיט אַ שטילן געבעט, איינגעהאַלטן, קוים וואָס מען קען הערן, און דערנאָך קומט אַ פּלוצימדיקע שרעק, וואָס ווערט שטאַרקער און מוראַדיקער. דאָס דערהערט מען דעם פּלוצימדיקן אָנקומען פון די אינקוויזיטאָרן, וועלכע דערנענטערן זיך אַלץ נעענטער און נעענטער; דאָס וואַרפן די אנוסים צו דער ערד, דאָס שליסן זיי מיט אייזערנע קייטן, און ענדלעך, ווי זיי ליגן שוין געבונדענע, ווי שעפּעלעך פאַר דער שחיטה, מיט אויסגעלאָשענע האָפענונגען און פאַרשוווּנדענע חלומות.

דער צווייטער טייל פון דעם כל נדרי ניגון דריקט אויס אַן אומדערוואַרטעטע בשורה: דאָס לעבן ווערט זיי געשאָנקען בתנאי זיי זאָלן שווערן ביים צלם, אַז מהיום והלאה וועלן זיי שוין זיין אמת געטרייע קריסטן, און צום סוף דער ענטפער פון די אנוסים: דער געשריי פון שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד און — אריין אינעם ברענענדיקן שייטערהויפן.

דער ניגון פון כל נדרי איז בלי ספק איינע פון די טיפסטע און זינ־

רייכסטע היסטאָרישע מעלאָדיעס. אין דעם סינאַגאָגאַלן ריטואַל זענען דאָ נאָך אַלגעמיין אָנגענומענע שיינע מעלאָדיעס, אָבער קיינע פון זיי קען זיך מוזיקאַליש פאַרגלייכן מיט כל נדרי. די מוזיקאַלישע באַאַרבעטונג פון כל נדרי פאַר וויאָלין אָדער טשעלאָ מיט פּיאַנאָ באַגלייטונג פון דעם באַוווסטן קאָמפּאָזיטאָר מאַקס ברוך איז פּאָפּולער נישט בלויז אין דער יידישער, נאָר אַפילו אין דער קריסטלעכער וועלט. די גרעסטע וועלט־ווירטואָזן שליסן כל נדרי איין אין זייער רעפּערטואַר און מאַכן דערמיט גרויס פּוראָר.

דריטער קאַפּיטל

די יום כפּורדיקע תּפילות

ונתנה תוקף — עשרה הרוגי מלכות — מלכיות זכרונות, שופרות מפטיר יונה.

יום כפּור זענען אידן פאַרזאַמלט דעם גאַנצן טאָג אין שול פאַסטנדיק און זאָגנדיק תּפילות. דאָס דאַווענען ווערט איינגעטיילט אין פיר חלקים: שחרית, מוסף, מנחה און נעילה. יעדער טייל אנטהאַלט שיינע פּיוטים, שירים און סליחות. דער סאַמע וויכטיקסטער טייל איז דער מוסף, וועלכער דויערט טאָקע לענגער ווי די איבעריקע טיילן.

אינעם מוסף חזרן זיך איבער אַ סך פון די ראש השנהדיקע תּפילות, צווישן זיי די אַזוי רירנדיקע תּפילה פון ונתנה תוקף. דאָך, אָבער דער העכסטער און ערנסטער מאָמענט יום כפּור איז דער אָפּריכטן די עבודה און די תּפילות פון „כתר מלכות" און „עשרה הרוגי מלכות". די לעצטע איז די טרויעריקסטע און טראַגישסטע, און גיט איבער אין פּשוטע אָבער האַרצרייסנדיקע ווערטער אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע אונטער דער טי־ראַנישער הערשאַפט פון די רוימער.

דער אינהאַלט אין פרייער איבערזעצונג איז אַזוי:

ווען די רוימישע רעגירונג האָט באַשלאָסן אויסצוראָטן די גייסטיקע פירער פון די יידן, כדי דאַדורך מבטל צו מאַכן די תורה און דעם יידיש־נאַציאָנאַלן קיום, האָבן זיי זיך פאַרווענדט צו ר' ישמעאל דעם כהן גדול און אים באַפוילן: „גיי אַרויף אין הימל און געפין אויס אויב די גזירה איז דאָרטן פאַרחתמעט".

ר' ישמעאל האָט זיך געריייניקט, באַפרייט פון אַלע גשמיותדיקן, איינגעהילט זיך אין טלית און תּפילין, און אַרויסזאָגנדיק דעם שם המפורש, גאָטס נאָמען, איז ער אַרויף אין הימל.

דאָרטן האָט ר' ישמעאלן באַגעגנט דער מלאך גבריאל, דער שטענדי־

קער מליץ יושר פון די יידן, און אים געפרעגט: ביסטו עס דער דאזיקער ר׳ ישמעאל מיט וועמען גאט באריימט זיך, אז ער האט א קנעכט וועמענס פנים עס איז ענלעך צו זיין פארם און געשטאלט?"

האט ר׳ ישמעאל געענטפערט: „יא, איך בין עס". האט דער מלאך אים ווידער געפרעגט: „צו וואס ביסטו אהער געקומען?" האט ר׳ ישמעאל געזאגט: „איך בין געקומען דערגיין צי די גזירה איז שוין פון גאט געחת־מעט".

דערויף האט דער מלאך גבריאל געענטפערט ר׳ ישמעאלן: „איך האב געהערט אין הימל, אז צען תלמידי חכמים, די גרעסטע פונעם איצטיקן דור, זענען איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פון די רוימער".

האט ר׳ ישמעאל ווייטער געפרעגט: „פארוואס?" און דער ענטפער איז געווען: „צוליב מכירת יוסף. דער מידות הדין שרייט יעדן טאג פארן כסא הכבוד און זאגט: האסטו דען געשריבן אין דיין תורה אן איבעריקן ווארט? עס שטייט אין דער תורה געשריבן, ווער עס גנבעט א מענטשן און פארקויפט אים קומט אים דער טויט. און די צען שבטים האבן פארקויפט יוספן פאר א קנעכט און האבן נאך ביז איצט נישט געקראגן זייער שטראף".

האט ר׳ ישמעאל ווידער געפרעגט: „האט דען גאט נישט געקענט ביז איצטער אויפמאנען דעם חוב?" און דער מלאך גבריאל האט געענטפערט: „ביז איצטער האט גאט נישט געקענט געפינען אין איין איינציקן דור אזעל־כע פולשטענדיקע צדיקים".

ווען דער הויפט פון די מלאכי חבלה, דער רשע סמאל און אלע זיינע שלעכטע חברים, די מחבלים, האבן דערזען אז די גזירה איז שוין אונטער־געשריבן, האבן זיי זיך שטארק דערפרייט און אויסגערופן: „מיר האבן בא־זיגט דעם שר מיכאל". גאט איז אבער דערפאר געווארן אין גרוים גרימ־צארן און ער האט גערופן מטטרון, דעם הויפט איבער אלע מלאכים און אים באפוילן: „שרייב און פארזיגל! פייער און שוועבל איבער דער רוימי־שער הערשאפט, אלע זאלן זיי פארניכטעט ווערן פון פייער און שוועבל".

ר׳ ישמעאל, דערזעענדיק אז ער קאן מער גארנישט אויפטאן אין הימל, איז ער צוריקגעקומען צו זיינע חברים און זיי אלץ דערציילט. האבן זיך אלע זייער געפרייט וואס אויף זיי איז געפאלן דער גורל.

די ערשטע האט מען געכאפט טויטן ר׳ שמעון בן גמליאל און ר׳ ישמעאל הכהן גדול. האט ר׳ שמעון געוויינט א גרויס געוויין און ר׳ ייש־מעאל האט אים געטרייסט: „אין איין רגע וועסטו זיין אינעם שוים פון

די צדיקים אין גן עדן, און דו וויינס נאָך," האָבןביידע זיך גענומען בעטן ביים תליון דער ערשטער געטויט צו ווערן. איינער האָט געטענהט: „איך בין אַ כהן גדול בן כהן גדול ביז אהרן הכהן, הרגע מיך דעם ערשטן כדי איך זאָל נישט צוזען דעם טויט פון מיין חבר". און דער צווייטער האָט געטענהט: „איך בין אַ נשיא בן נשיא ביז דוד המלך, הרגע מיך פריער כדי איך זאָל נישט זען דעם טויט פון מיין חבר". האָבן ביידע געוואָרפן גורל און עס איז געפאַלן אויף ר' שמעון בן גמליאל. האָט דער תליון אים גלייך אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, און ר' ישמעאל האָט דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ גענומען אין זיין שוס און געשריען: „הייליקע מויל טייערע מויל, אַט דאָס איז די באַלוינונג פאַר דיין תורה!"

דערווייל האָט דעם קעניגס טאָכטער אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און דערזען די שיינקייט פון ר' ישמעאלן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גלייכן אין דער וועלט. איז זי אַוועק צו איר פאָטער דעם מלך און געבעטן אים לאָזן לעבן. האָט דער קעניג איר געענטפערט, אַז ער האָט שוין געשוואָרן און קאָן זיין שבועה נישט ענדערן. האָט זי דעמאָלט געבעטן, אַז מען זאָל ביי ר' ישמעאלן אַראָפּציען די הויט פון זיין פּנים כדי זי זאָל זיך דערין שפּיגלען.

פון גרויס ווייטיק האָט ר' ישמעאל אַ שרעקלעכן זיפץ געטאָן און דער הימל און די ערד האָבן אַזאַ ציטער געטאָן, אַז דער כסא הכבוד האָט זיך גענומען שאָקלען. האָבן די מלאכים געזאָגט צו גאָט: „אַזאַ גרויסער מענטש און צדיק וועמען דו האָסט געוויזן אַלע שיינקייטן פון די הימלען און אַלע געהיימניסן פון דער ערד, זאָל שטאַרבן מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט? אַט דאָס איז די תורה און דאָס איז איר שכר? האָט גאָט געענט־פערט: „עס איז שוין פאַרפאַלן, איך האָב אַזוי גוזר געווען. אויב איך וועל הערן נאָך איין אייציקן געשריי, וועל איך צוריק צושטערן די גאַנצע וועלט און מאַכן פון איר תהו ובהו. אַז ר' ישמעאל האָט דאָס דאָזיקע דערהערט, איז ער שטיל געוואָרן און זיין נשמה איז אים אויסגעגאַנגען.

דערנאָך האָט מען געכאַפּט ר' עקיבאן, וועלכער האָט איין מינוט נישט אויפגעהערט צו לערנען און צו אַנטדעקן די טיפסטע סודות פון דער תורה. ווען מען האָט ר' עקיבאן אַרויסגעפירט צו דער תליה, איז אָנגעקו־מען אַ בריוו צום רוימישן קעניג, אַז אַן אַראַבישער מלך רייסט זיך אַריין אין זיין לאַנד מלחמה צו האַלטן. האָט דער קעניג באַפוילן צו בינדן רבי עקיבאן אין אייזערנע קייטן און אים אַריינזעצן אין תפיסה ביז ער וועט

צוריקקומען פון מלחמה. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער באַפוילן רייסן ר׳ עקיבאס פלייש מיט אייזערנע קאמען, און ביי יעדן ריס האָט רבי עקיבא מיט פרייד דערציילט וועגן גאָטס גרויסקייט ביז ער האָט זיין נשמה אויסגעהויכט.

דעם פערטן האָט מען ארויסגעפירט ר׳ חנינה בן תרדיון. אויף אים האָט מען געזאָגט, אז גאָט און מענטש האָבן זיך מיט אים געפרייט און שטאָלצירט, און אז זיין גאנץ לעבן האָט ער נישט ארויסגערעדט קיין שלעכט וואָרט פון מ׳יל. מען האָט אים געכאַפּט זיצנדיק אין א מסובה פון א סך יידן לערנענדיק מיט זיי תורה. זיין ווייב האָט מען דערהרגעט, די טאָכטער האָט מען אוועקגעפירט אין א בית זנות, און אים האָט מען איינגעוויקלט אין א ספר תורה, ארויפגעלייגט אויף זיינע בריסטן און הארץ נאסע שטיקער וואָל, כדי ער זאָל נישט גלייך שטארבן, נאָר בים-לעבעדיקערהייט פאַרבערנט ווערן. האָט די טאָכטער צו אים געזאָגט: „פאָטער, צו אזא מדרגה ביסטו געקומען?" האָט ער איר געענטפערט: „ווען איך ווער אליין פארברענט, וואָלט מיך אפשר נישט געארט, אָבער אז די ספר תורה ווערט צוזאמען מיט מיר פארברענט, איז דער וואָס וועט זיך נוקם זיין פאר דער תורה וועט זיך אויך נוקם זיין פאר מיין אומשולדיק בלוט". האָבן אים די תלמידים געפרעגט: „רבי, וואָס זעסטו?" האָט ער געענט-פערט: „איך זע ווי די גבילין, דער פּאַרמעט, ווערט פארברענט אָבער די אותיות פליען אין הימל אריין". דער תליון האָט מער נישט געקענט צוזען זיינע ליידן, האָט ער אראָפּגענומען די נאסע שטיקער וואָל פון זיין הארצן און ר׳ חנינא איז אויסגעגאנגען.

דערנאָך האָט מען געהרגעט ר׳ יהודה בן בבא. דעמאָלט האָט די רוימישע רעגירונג ארויסגעגעבן א גזירה, אז יעדער רב וואָס וועט ארויס-געבן סמיכה זאָל געטויט ווערן צוזאמען מיט דעם וואָס וועט די סמיכה קריגן, און די שטאָט וווּ מען האָט די סמיכה ארויסגעגעבן זאָל פארניכ-טעט ווערן. האָט ר׳ יהודה בן בבא זיך אוועקגעזעצט צווישן צוויי ווייסע בערג און האָט געגעבן סמיכה צו פינף זקנים: ר׳ מאיר, ר׳ יהודה, ר׳ שמעון, ר׳ יוסי און ר׳ אליעזר בן שמוע. ווען די רוימער זענען אים באַ-פאלן, האָט ער גענומען שרייען די תלמידים זאָלן אנטלויפן. אליין איז ער געבליבן אויפן אָרט און דאָרטן האָט מען אים דערשטאָכן מיט דריי הונדערט אייזערנע שפּיזן.

ווען מען האָט געפירט ר׳ יהודה בן דמא צו דער עקזעקוציע, האָט ער

זיך געבעטן ביים קייסער מען זאָל אים נאָך לאָזן מקיים זיין די מצווה פון שבועות, ווייל עס איז דעמאָלט פונקט געווען ערב שבועות. האָט דער קע-ניג צו אים געזאָגט: „שוטה, גלויבסט נאָך אַלץ אין דער תורה און אינעם גאָט וואָס האָט די תורה געגעבן? וואָס איז דען דער שכר פון דער תורה?"

דערויף האָט אים ר' יהודה געענטפערט: „דו ביסט דער נאַר, ווייל דו לייקנסט אין לעבעדיקן גאָט און ווי און ווינד איז דיר, וואָרום ווער ביסטו דען? היינט דאָ און מאָרגן אין קבר. מיר אָבער וועלן ערשט האָבן דעם אמתן לעבן".

איז דער קעניג שטאַרק אין כעס געוואָרן און געהייסן אים צובינדן פאַר די האָר צום עק פון א ווילדן פערד, זיי לאָזן לויפן איבער די גאַסן פון רוים, און דערנאָך ערשט אים צושניידן אויף שטיקלעך און ברעקלעך.

איז געקומען אליהו הנביא און האָט צוזאַמענגעקליבן אַלע שטיקלעך און זיי געבראַכט צו קבורת ישראל אין א הייל. האָט זיך פון דער דאָ-זיקער הייל יעדן טאָג געהערט א שרעקלעך געוויין, און ווען מען האָט עס דערציילט דעם קעניג, האָט ער געשוואָרן נישט צו רוען ביז ער וועט אומברענגען אַלע יידן.

ווען מען האָט געפאַנגען ר' הוצפית המתורגמן, איז ער שוין אַלט געווען הונדערט און דרייסיק יאָר ווייניקער א טאָג. האָט אים דער קעניג געפרעגט: „וואָס איז דיר שוין פאַר אַן אונטערשיד צי דו וועסט לעבן נאָך א טאָג אָדער נישט?" האָט ער דערויף געענטפערט: „איך וויל נאָך מקיים זיין צוויי מצוות". האָט דער קעניג ווילד א געשריי געטאָן: „אומפאַר-שעמטע, ווי לאַנג נאָך וועט איר האָפן אויף אייער גאָט? ער איז שוין אַלט און קאָן אייך נישט העלפן, ווען נישט וואָלט ער זיך נוקם געווען פאַר זיין פאָלק און הויז".

ווי ר' חוצפית המתורגמן האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער האָט ער צעריסן אויף זיך די קליידער און אויסגעשריען: „מלך אביון, געדענק דעם טאָג ווען גאָט וועט נקמה נעמען פון רוים!"

אים האָט דער קעניג געהייסן פאַרשטיינען.

דערנאָך האָט מען געבראַכט ר' חנינא בן חכינא. אויף אים האָט מען געזאָגט, אז ער האָט געפאַסט אַלע זיינע פינף און ניינציק יאָר. פונקט ערב שבת ווען מען האָט אָנגעהויבן זאָגן „ויכלו השמים והארץ" האָט מען אים געטויט. דעמאָלט איז אַרויס א בת קול פון הימל: „ווויל איז דיר, ר'

חנינא בן חכינאי, וואָס דו ביסט געווען א הייליקער און דיין נשמה איז דיר אויסגעגאנגען אין קדושה.

ווען מען האָט ארויסגעפירט ר׳ ישבב הסופר, האָבן די תלמידים אים געפרעגט: „רבי, וואָס וועט איצטער זיין מיט דער תורה וואָס די רשעים ווילן פארניכטן?״ האָט ער זיי געענטפערט: „הלואי זאָל איך אויסלייזן דעם גאַנצן פאָלק, און איר האַלט זיך ברידערלעך און האָט ליב איינער דעם אנדערן.

ווען דער קעניג האָט אים געפרעגט ווי אַלט ער איז, האָט ער געענטפערט אז ניינציק יאָר און אז זינט ער איז געבוירן געוואָרן האָט ער געוווּסט אז ער וועט אמאָל שטאַרבן על קידוש השם, אָבער גאָט וועט פאָדערן א חשבון פארן אומשולדיקן בלוט.

האָט אים דער קעניג געהייסן פארברענען.

דער לעצטער פון די צען מארטירער איז געווען רבי אליעזר בן שמוע. זיין גאנצן לעבן האָט ער קיינעם נישט באליידיקט, קיינמאָל נישט ארויסגעזאָגט אן אומפאסיק וואָרט און זיך געהאַלטן זייער נידעריק און באשיידן. ווען מען האָט אים געהרגעט איז ער אַלט געווען הונדערט און פינף יאָר און עס איז פונקט געווען יום כפור. פארן טויט האָבן די תלמידים אים געפרעגט וואָס ער זעט, און ער האָט זיי געזאָגט: ער זעט ווי רבי יהודה בן בבא טראָגט זיין בעט און רבי עקיבאס און ביידע שפּאַרן זיך איבער א דין; ער זעט אויך ווי די נשמות פון אלע צדיקים רייניקן זיך אינעם טייך שילה ארייצוגיין הייליקע אין דער ישיבה של מעלה, און יעדער מלאך ברענגט גאָלדענע קמיעות פאַר יעדן צדיק.

די דריטע תפילה, אויף וועלכער יידן פארגיסן יום כפור אין די שולן, א סך טרערן, איז דער פיוט „כתר מלכות״ פארפאסט פון גרויסן משורר ר׳ שלמה בן גבירול. די לעגענדע דערציילט, אז דורך דער דאָזיקער תפילה זיינער איז בן גבירול געשטאָרבן פאַר דער צייט, וואָרום גלייך ווי די תפילה איז פּאָפּולער געוואָרן, האָט זיך איינער פון די דעמאָלסטיקע אראבישע דיכטער מתקנא געווען אין אים און דערפאַר וואָס ער איז אזוי צווישן אַלעמען געליבט געוואָרן, האָט ער זיך איינמאָל, בעת ר׳ שלמה בן גבירול איז געגאנגען פארטראכט אין זיינע רעיונות, אונטערגעגנבעט הינטער אים און אים דערשטאָכן.

נאָכן דערהרגענען ר׳ שלמה בן גבירול האָט דער אראבישער דיכטער אויסגעגראָבן א קבר אונטער א פייגנבוים און אים באגראָבן.

פון דאן אן האט דער פייגנבוים אנגעהויבן הערלעך צו בליען און האט ארויסגעגעבן די פרעכטיקסטע פרוכטן.

ווער עס האט אנגעקוקט דעם דאזיקן פייגנבוים האט זיך געוווּנ־דערט און נישט געקאנט פארשטיין, וואס דא איז געשען. און מען האט אומעטום גערעדט וועגן דעם וואונדער.

ווען די ידיעה וועגן דעם וואונדערלעכן פייגנבוים איז אנגעקומען צום קעניג, האט ער געשיקט רופן דעם אייגנטימער פון דעם בוים, ער זאל אים אויסזאגן דעם סוד פון דעם דאזיקן וואונדער.

נאך פיל דראונגען, האט זיך דער מערדער מודה געווען, און ווען מען האט אויפגעגראבן דעם קבר, האט מען ווירקלעך דארטן געזען ליגן דעם טויטן קערפער פונעם בארימטן דיכטער ר׳ שלמה בן גבירול!

פארשטייט זיך, אז דער רוצח איז באשטראפט געווארן מיטן טויט, און דער קערפער פון דעם דיכטער איז מיט גרויס כבוד געבראכט געווארן צו קבורה.

יום כפור צו מנחה לייענט מען די געשיכטע פון יונה הנביא אלס הפטורה. יונה איז איינער פון די צוועלף קלענערע נביאים, און דאס גאנצע ספרל פארנעמט בלויז פיר קליינע קאפּיטלעך. דאך איז עס אזוי וויכטיק, אז מען האט עס פון גאנצן תנ״ך אויסגעקליבן פאר דעם סאמע הייליקסטן טאג אין יאר.

דער אויבנויפנדיקער טעם פאר וואס מען לייענט יונה איז, וואס דארט רעדט זיך וועגן תשובה און גאטס פארגעבונג. דער דאזיקער טעם איז אבער נישט קיין צופרידנשטעלנדיקער, ווייל אויך די אנדערע נביאים האבן גערעדט וועגן תשובה און מחילה. דער טעם ליגט גיכער אין דעם עצם געשיכטע אליין, וועלכע איז א גאנץ אומגעוועגלעכע, אבער דערפאר פול מיט אינטערעסאנטע אנווייזונגען. דער מוסר השכל דארטן איז א פול באדייטנדיקער און פאסט זיך גוט אריין אין דער יום כפורדיקער שטימונג פון תשובה און פארגעבונג.

די מעשה מיט יונה הנביא דערציילט וועגן דעם מענטשנס כאראק־טער, שוואכקייטן און ליידנשאפטן פון וואס מען דארף זיך אינעם סאמע הייליקסטן טאג, אינעם טאג פון חשבון הנפש, באמיען צו באפרייען. פון דער מעשה יונה לערנט מען, אז די גרעסטע צרות און מחלוקת צווישן מענטשן קומען ארויס דערפון וואס יעדער איז אין א געוויסער מאס אן עגאאיסט, האט ליב בלויז זיך, זוכט בלויז דורכצופירן זיינע אייגענע

אמביציעס, ווײל בלויז צופרידנשטעלן דעם אייגענעם עגאָ, און קימערט זיך נישט וועגן דעם שיקזאַל פון דעם אנדערן. גוטע פריינט ווערן זיך דם־שונאים, פאמיליעס ווערן צוריסן, געשעפטן ווערן רואינירט בלויז דער־פאר וואָס איינער זוכט אייגענע סאטיספאקציעס, אויסצופירן דאָס זייני־קע, הגם ער איז דווקא אומגערעכט.

אזא עבירה ווערט יום כפור נישט פארגעבן, און אין דער מעשה פון יונה הנביא געפינען מיר גאָטס ענטפער און וואָרענונג צו אזעלכע אמבי־ציעס אין וועלכע מען האָט קיין איינזעעניש מיט אנדערע.

יונה בן אמתי איז געווען א געטלעכער נביא, און אז גאָט האָט אים געשיקט קיין נינוה צו שטראָפן דארטן די מענטשן זיי זאָלן טאָן תשובה, איז ער גאָר אנטלאָפן פון גאָט און זיך ארויפגעזעצט אויף א שיף. יונה האָט נביאות געזאגט אז נינוה וועט אין פערציק טעג ארום אונטערגיין, און ער האָט געוואָלט אז זיין נבואה זאָל דווקא מקיים ווערן. א שטאָט זאָל חרוב ווערן, מענטשן זאָלן אונטערגיין אבי זיין נבואה זאָל מקויים ווערן.

עס איז נישט געווען קיין שנאת חנם; עס זענען געווען געפילן פון נקמה און שנאה צו אשור און נינוה, וועלכע האָבן גאנצע שבטים עוקר מן השורש געווען. גרויס דארפן זיין די געפילן פון נקמה און שנאה ווען זיי קענען פארטונקלען דעם שכל פון א געטלעכן נביא צו מאכן א פאר־זוך צו אנטלויפן פון גאָט.

און אָט די דאָזיקע קנאה האָט אויך ארויסגערופן דעם אייגענעם עגאָ, אויפגעפלאקערט די אייגענע אמביציע, חלילה נישט צו פארבלייבן א פאלשער נביא, און ער אנטלויפט פון גאָט. יונה באזעצט זיך ווייט אוועק צו מזרח פון נינוה, צו זעען וואָס עס וועט געשען. ער האָט אלץ געהאָפט אז נינוה וועט אונטערגיין און זייער תשובה וועט נישט אָנגענומען ווערן.

ווען די פערציק טעג זענען געווען פארביי און נינוה איז נישט אונ־טערגעגאנגען, האָט יונה געהאט א טענה צו גאָט ברוך הוא::

„איך בעט דיך, גאָטעניו — האָט ער געשריען — איך ווייס אז דו ביסט א בארעמהארציקער גאָט, א גאָט פול מיט חסד, און דו נעמסט צוריק די צרה וואָס דו אליין באשטימסט, טאָ נעם בעסער צו מיין נשמה, און לאָז מיך שטארבן; בעסער טויט איידער אזא לעבן".

דער ים הויבט אָן צו שטורעמען און די שיף אויף וועלכער ער אנט־לויפט איז אין געפאר געזונקען צו ווערן. ווען אלע שיפסלייט קניען פאר

זייערע געצקעס און בעטן אז די שיף זאָל נישט אונטערגיין, ליגט ער אליין ערגעץ אין א ווינקל און דרימלט. ער בעט נישט צו גאָט, צו זיין גאָט וואָס קאָן זיכער אלעמען ראטעווען. ער לייקנט נישט פאר די שיפסלייט, אז ער אנטלויפט פון גאָט און אז צוליב אים טרינקט זיך די שיף. פארקערט, ער בעט זיך אז מען זאָל אים ארייננווארפן אין וואסער וועט דער ים זיך שטילן. אויב ער קען זיינס נישט אויספירן, וויל ער בעסער שטארבן.

מען ווארפט אים ארייין אין וואסער און ער ווערט איינגעשלונגען פון א פיש. די דריי טעג און נעכט אין די געדערים פונעם פיש, האָבן זיין עקשנות געבראָכן און ער באשליסט שוין צו גיין דערפילן גאָטס שליחות און שטראָפן די מענטשן פון נגוה.

נגוה איז געווען א גרויסע שטאָט, דריי טעג גאנג. יונה גייט איבער די גאסן און שרייט: „נאָך פערציק טעג און נגוה וועט חרוב ווערן. די מענטשן דערשרעקן זיך און זיי טוען תשובה. דאָס גאנצע פאָלק פון נגוה און אפילו די בהמות פאסטן א לאנגן תענית, און גאָט האָט אויף זיי רחמנות.

ליידט דערפון די רעפוטאציע פון יונהן. ער וויל נקמה און דערביי אויך דורכפירן זיין אייגענע אמביציע פון אן אמתן נביא וועמענס ווער־טער ווערן תמיד מקוים. יונה גייט מער נישט אהיים נאָר באזעצט זיך ווייט הינטערן שטאָט. ערגעץ ווו טליעט נאָך אין אים א האָפענונג, אז זיין נבואה וועט דאָך מקוים ווערן און די שטאָט וועט חרוב ווערן.

גאָט שיקט אים צו א קיקיון, א פלאנצונג אזא, וואָס באשיצט אים פון דער ברענענדיקער זון, צו מארגנס שיקט גאָט אונטער א ווערימל וואָס באפט זיך ארייין אין דעם קיקיון און טריקנט אים אויס. ווען די זון הויבט ווידער אָן צו ברענען, לאָזט גאָט בלאָזן א שטארקן מזרח ווינט און יונה פאלט אין חלשות. יונה ווערט פארצווייפלט און בעט אויף זיך דעם טויט.

זאָגט גאָט צו יונהן: יונה, ער ארט דיך שטארק?

ענטפערט יונה: — ער ארט מיך שטארק ביז צום שטארבן.

זאָגט ווידער גאָט צו יונהן: דיך ארט דער טויט פונעם קיקיון, וואָס דו האָסט נישט געפלאנצט, עס נישט געמאכט וואקסן, און וואָס איז בלויז א נאכט אלט, טאָ פארוואָס זאָל איך נישט זארגן וועגן דער שטאָט נגוה, וואָס פארמאָגט הונדערט און צוואנציק טויזנט מענטשן וועלכע ווייסן נישט פון רעכטס ביז לינקס, און פונקט אזוי פיל בהמות.

און אַט אין דעם דאָזיקן ענטפער פון גאָט ליגט דער גרויסער מוסר השכל וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר יעדן מענטשן צו וויסן אינעם טאָג פון יום כפור.

די מעשה מיטן פיש איז אויך א מוסר השכל, וואָס דערציילט אַז א מענטש קען נישט אנטלויפן פון זיין שיקזאַל. אַט איז יונה שוין געווען איינגעשלונגען אינעם פיש, געווען דאָרטן דריי טעג און נעכט, און דאָך איז ער פון דאָרטן ארויס, ארויס כדי דורכצופירן זיין שליחות.

סוכות

ערשטער קאַפּיטל

סוכות דער זמן שמחתנו

דער יום־טוב פון איינזאַמלען די תבואה — דער עולי רגל זיין קיין ירושלים — די היסטאָרישע באַדייטונג.

אין דער תורה ווערט סוכות אָנגערופן דער חג האָסיף, דער יום־טוב פון איינזאמלען די תבואה. ביי די יידן פאַרצייטן איז סוכות געווען דער פרייליכסטער יום-טוב.

אַלע אונדזערע ימים טובים זענען ענג פאַרבונדן מיט אַמאָליקע זכרונות, איבערהויפּט מיט דעם זכר ליציאת מצרים. סוכות איז אין דעם דאָזיקן פּרט נישט קיין אויסנאַם, אָבער קיין אַנדער יום־טוב איז נישט באַצירט מיט אַזעלכע שיינע סימבאָלן ווי סוכות, און אַלע ווייזן זיי אָן אויף איין איינציקן אידעאַל — די דערהאַלטונג און גאַנצקייט פון דעם פאָלק.

אין דער תורה ווערן אַלע דריי גרויסע יידישע ימים טובים: פּסח, שבועות און סוכות, מיט זייער נאַציאָנאַלער און אַגריקולטורעלער באַדייטונג, באַטראַכט אַלס הייליקע טעג. ביי אַלע דריי ימים טובים ווערט דער ייד אָנגעזאָגט עולי רגל צו זיין קיין ירושלים, און דאָך זענען נישט אַלע גלייך אָפּגעהיט געוואָרן.

אין תנ״ך ווערט בלויז דערציילט וועגן סוכות, אַז דאָס פאָלק פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין ירושלים. ווען שלמה המלך האָט באַדאַרפט באַנייען דעם בית המקדש האָט ער אויסגעקליבן דעם יום־טוב סוכות, ווייל דאָס פאָלק האָט זיך דעמאָלט סיי ווי פאַרזאַמלט אין ירושלים. אפילו אין דער מלכות בית ישראל, ווו די מצוות זענען נישט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן, און די ימים טובים זענען אָפט פאַרביטן געוואָרן אויף פרעמדע פייערטעג, איז אַלץ דער יום־טוב סוכות געווען אַן אויסנאַם. אמת ירבעם בן נבט, וועלכער ווערט באַצייכנט אַלס רשע, האָט באַשטימט דעם יום

טוב סוכות אויף דעם פופצנטן טאָג פון אכטן חודש, דרייסיק טעג שפּע־טער ווי ער איז געפייערט געוואָרן אין יהודה, אָבער אין גאנצן אומבערענגען דעם יום־טוב האָט ער ווי עס ווייזט אוים נישט געקענט.

פארוואָס דער יום־טוב סוכות איז אין אַלע צייטן געווען מער אָנ־געזען, איז לייכט צו פארשטיין. עס האָט דערין געשפּילט די הויפּט־ראָל, דער נאציאָנאליזם און די פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע באדינגונגען.

עס איז דער יום־טוב פון די איינזאמלען די תבואות. אזא צייט איז עלול צו שאפן א פּירוד הלבבות, וואָס קומט דורך אן אומפארמיידלעכער קנאה צו די וואָס האָבן געהאט א גרעסערע גערעטעניש. אזא קנאה קאָן אויך צוזאמענברעכן די גאנצקייט און אייניקייט פון דעם פאָלק.

דערפאר האָט עס די תורה אזוי געזאָרגט פאר דער איינזאמלונג פון דעם גאנצן פאָלק, און פארזאָגט אז יעדער איינער זאָל עולי רגל זיין קיין ירושלים און דאָרטן דורך קרבנות און מתנות אָפּדאנקען פאר זיין חלק אין דער שפע.

ביי אן אגריקולטורעל פאָלק ווי די יידן זענען עס געווען אין די צייטן פון בית ראשון, האָט סוכות דעריבער געמוזט זיין דער גרעסטער פון אַלע ימים טובים. עס איז געווען דער יידישער „טהענקסגיווינג דעי", און ערשט נאָך דער איינזאמלונג פון אַלע תבואות, האָט דער יידישער פויער זיך גע־קענט פארגינען עולי רגל צו זיין קיין ירושלים און דאָרטן פארברענגען אין פרייליכקייט מיט זיינע ברידער. עס איז געווען א גרויסע סאָציאַלע פּאסירונג, און שטארק מיטגעווירקט אין דער צעמענטירונג פון א פאריי־ניקטן און אידייאיש פאָלק.

אפילו ירבעם בן נבט האָט איינגעזען די דאָזיקע וויכטיקע באדיי־טונג, און ער האָט דעריבער באשטימט די סוכות פייערונג אויף א חודש שפּעטער ווי אין יהודה, כדי דערמיט אָפּצוציען די שבטי ישראל פון מל־כות בית דוד און בית המקדש אין ירושלים.

אז דער יום־טוב סוכות איז ביי די יידן געווען פיל חשובער פון די אנדערע, באווייזט אויך דער פאקט וואָס דער יום־טוב ווערט אויך אָנ־גערופן איינפאך חג ה', החג אָדער גאָר חג — יום־טוב, און מען האָט שוין געוווסט אז דאָס מיינט מען דעם יום־טוב סוכות.

די חשיבות פון דעם יום־טוב איז אויך פארגרעסערט געוואָרן דורך דעם וואָס ער האָט אויך געהאט א נאציאָנאַל־געזעלשאפטלעכע און היסטאָרישע באדייטונג. אין דער תורה ווערט די סוכה אָנגעגעבן אלס דערמאָנונג, אז

ארויסגייענדיק פון מצרים און אריינקומענדיק אין דער מדבר זענען די ייִדן געזעסן איןביידלעך. ביי א וואנדער פֿאָלק דינט די סוכה תמיד פֿאר א הויז, און נאָך היינט פירן די בעדואינער, וועלכע וואנדערן מיט זייערע סטאדעס פון איין אָרט צום צווייטן, מיט זיך א סוכה.

די היסטאָרישע באדייטונג פון דעם יום־טוב איז קענטיק אין די צייטן פון בית ראשון געווען איבעריק פּאָפּולער ביים פֿאָלק. פֿאר זיי איז וויכטיקער געווען די פֿייערלעכקייט פון „חג האָסיף" איידער דער חג הסו־כות. אין נחמיה ח' ווערט דערציילט, אז די ייִדן האָבן ביים צוריקקער פון בבל געפייערט דעם חג הסוכות וועדליג דער אָנווייזונג פון דער תורה, א זאך וואָס זיי האָבן נישט געטאָן זינט דער צייט פון יהושע בן נון.

די ייִדן זיצנדיק אויף זייער אייגענעם באָדן און שעפּנדיק מיט דער פֿולער האנט פון דער ערדס שפע און ברכה, האָבן אין די רייד פון דער תורה דערזען א פיל וויכטיקערע באדייטונג, א באדייטונג וואָס האָט פיל מער ווערט אַלס די היסטאָרישע און וועלכע קען א סך שטארקער מיט־העלפֿן אין דער גאנצקייט פון דעם פֿאָלק.

די תורה, וועמענס צוועק עס איז געווען איינצואָרדענען דעם פֿאָלק אויף א געזונטן יסוד, האָט תמיד באטאָנט די שיינקייט פון ערד ארבעט און דאָרפיש לעבן. דער העכסטער גליק פון דעם מענטשן ווערט פֿאר־געשטעלט אין האָבן „רעגן אין צייט, ווען די ערד וועט געבן אירע תבו־אות און די ביימער זייער פרוכט און ייִדן וועלן זיצן יעדער אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים".

די העכסטע קללות זיינען: „דיין ערד וועט זיין ווי אייזן און דיין הימל — ווי קופּער: די ערד וועט נישט געבן איר פרוכט פֿאר דיר און נישט קיין גראָז פֿאר דיינע בהמות".

די גרעסטע צאָל מצוות אין דער תורה האָבן צו טאָן מיט ערד אר־בעט. אפילו די בילדלעכקייט פון דער תורה איז אויך באזירט אויף ערד־ארבעט. ווען די תורה וויל אָנזאָגן מען זאָל ארויסהעלפֿן דעם שונא אין א נויט, אילוסטרירט זי עס מיט די דאָזיקע ווערטער: „ווען דו וועסט דער־זען דיין שונאס אייזל ליגט אונטער זיין שווערער משא און קען זיך נישט אויפהויבן, זאָלסטו דעם שונא העלפֿן באפרייען דעם אייזל פון דער משא כדי ער זאָל זיך קענען אויפהויבן, און נאָכדעם אים העלפֿן צוריק אָנלאָדן".

און אויף וויפֿל די תורה האָט טייער געהאַלטן די ערד ארבעט באַ־ווייזט די שווערע שטראָף וואָס זי האָט ארויפגעלייגט אויף יעדן וואָס

שיקט זיינע בהמות זיך פאשען אויף א פרעמד פעלד באוואקסן מיט תבו־אה. מיטב שדהו ומיטב כרמו ישלם — מיט דעם בעסטן פון זיין פעלד און מיט דעם בעסטן פון זיין וויינגארטן זאל ער דעם שאדן באצאלן. די תורה זאגט אויך אן, אז ווען יידן וועלן גיין אין מלחמה און באלאגערן דעם שונא, זאלן זיי נישט פארניכטן די פרוכטביימער וואס וואקסן ארום דער שטאט.

אין דער פארשטעלונג פון די יידן איז די סוכה געקומען צו באדייטן א פאלק אין זיין גאנצקייט — מיט זיין לאנד, זיין זיכערקייט אויפן באדן און זיין נישט פארפעלשטן גלויבן אין גאט.

דער יום־טוב סוכות איז בכלל געווען א מער צייטיקער. ער האט באהארציקט און דערמוטיקט מיט דער גרויסקייט פון דער נאענטער פאר־גאנגענהייט און אויך געוועקט מיט האפענונג אין דער צוקונפט, אפילו די תורה האט סוכות באקרוינט מיט א יום־טוב פון שמחה און חדוה. אין יעדן יידישן יום־טוב האט מען זיך באדארפט פילן פריילעך און האפערדיק, אבער אין סוכות מער ווי ביי אלע אנדערע.

ושמחת בחגיך — פריי זיך, יידעלע, מיט דיין יום־טוב, אבער סוכות זאל דיין פרייד זיין אן אומבאגרענעצטע. והית אך שמח — זאלסט נאר לוסטיק זיין און — ושמחת לפני ה' אלהיך — אין סוכות זאל זיין א טאפלטע פרייד, און זאלסט זיין פריילעך, לוסטיק חדווהדיק און מונטער.

ביי קיין יום-טוב האט די תורה נישט איבערגעחזרט אזוי פיל מאל דעם באפעל צו זיין פריילעך ווי ביים יום־טוב סוכות, און די יידן זיצנ־דיק אויף זייער אייגענעם באדן האבן טאקע דעם אנזאג געפילט און בא־רעכטיקט. עס איז געווען א געבאט פון דער תורה און א רוף פון דעם לעבן אליין.

פלעגן טאקע אונדזערע אבות דערפאר זיך ארויסקלייבן פון זייערע הייזער און זיך באזעצן אין סוכות, די שוואכינקע ביידלעך, איינגעטונקט אין גרינס און באדעקט מיט צווייגן פון דעם לבנון. פון אלע עקן לאנד פלעגן זיך ציען קאראוואנען לאנגע קעמלען און מויל־אייזלען, באלאדן מיט כל-טוב פון די בעסטע פירות און תבואות. יידן, אלטע און יונגע — אלע פלעגן עולי רגל זיין קיין ירושלים. יעדער איינער האט געשטרעבט אהין צו דעם שטאלץ פון יידישן לאנד און צירונג פון דער יידישער אומה, דארטן ווו דער בית המקדש איז געשטאנען, דער שענסטער פון אלע טעמפלען אין דער וועלט.

און אין בית המקדש פלעגט דעמאָלט אזוי פרייליך זיין. מיט די לולבים און אתרוגים פלעגט מען איבער די גאסן שפּאצירן, און די לוויים האָבן מיט זייערע אינסטרומענטן אלערליי שירים געזונגען. אין בית המקדש האָט מען דעם קרבן מקריב געווען און די יידן האָבן דערביי געטאנצט, זיך געפרייט, און די שטאָט איז פול געווען מיט זייערע פריידנס־געשרייען, אז אפילו די פרעמדע זענען דערפון פארכאפּט געוואָרן און זיך מיטגע־פרייט.

צווייטער קאַפּיטל

סוכות אין און נאָכן גלות בבל

די רעליגיעזע פּאַרטיפּונג — די גלייכשטעלונג מיט די איבעריקע ימים טובים — דער סימבאָליזם — די נאַציאָנאַלע באַדייטונג.

„און זיי האָבן געפונען געשריבן אין דער תורה, וואָס גאָט האָט פאַר־זאָגט דורך משהן, אז די קינדער פון ישראל זאָלן זיצן אין סוכות אין דעם יום-טוב פון דעם זיבעטן חודש.

„און ווי נאָר זיי האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי צוטראָגן א שטים אין אַלע שטעט און אין ירושלים אזוי צו זאָגן: גייט ארויף אויפן בארג און ברענגט אָליוון-בלעטער און פּאַלמען בלעטער און הדסים און מירטן־בלעטער צו מאַכן סוכות אזוי ווי עס שטייט געשריבן".

אזוי ווערט דערציילט וועגן די צוריקגעקערטע פון גלות בבל, וועל־כע האָבן צווישן פיל אנדערע זאכן אויך פארלוירן די אָריגינעלע אידייע און פאָרם פון יום-טוב סוכות. בלויז זיבעציק יאָר האָט געדויערט דער גלות בבל און שוין איז פאַרלאָרן געגאַנגען פון יידישן זכרון איינער פון די וויכטיקסטע און פונדאמענטאַלסטע יידישע ימים טובים. סוכות האָט פאַר־לאָרן זיין אגריקולטורעלע באַדייטונג, און איז געוואָרן מערער א רעלי־גיעזער יום-טוב א חג הסוכות.

די סיבה איז הפּנים א פּשוטע: אין גלות האָבן די יידן אויפגעגעבן דעם נאַטירלעכן לעבנס-שטייגער, און דער חג האָסיף האָט מער נישט גע־קענט ארויסרופן די פריערדיקע פרייליכקייט. דער יום-טוב האָט דע־ריבער געקראָגן א גאַנץ נייע באַדייטונג. אויב עס איז שוין מער נישט געווען יענע אמאָליקע געזונטע פּויערישקייט פון פאַרן חורבן, איז אָבער דעמאָלט פאָרגעקומען א גרויסע פּאַרטיפּונג אין דעם רעליגיעזן דענקען און אויפלעבונג פון דעם יידישן גייסט.

יחזקאל, וועלכער האָט געלעבט אין ערשטן דור פון חורבן, רופט נאָך אָן סוכות אלס יום-טוב פון איינזאמלונג, אָבער נחמיה, וועלכער האָט גע־לעבט עטלעכע דורות שפּעטער, דערמאָנט שוין גאָרנישט וועגן דעם חג האָסיף.

דאָס איז אויך צו זען פון זכריהן דער לעצטער פון די נביאים, וועל־כער גיט דעם יום־טוב נאָך פיל העכערע באַדייטונג און זאָגט נביאות, אז סוכות וועט אמאָל ווערן אן אוניווערסאלער יום־טוב אין וועלכן אלע פעל־קער פון דער וועלט, וועלן זיך בוקן פאַרן יידישן גאָט און די פעלקער וואָס וועלן עס נישט טאָן וועלן באַשטראָפט ווערן און אין זייערע לענדער וועט נישט גיין קיין רעגן. (זכריה י״ד).

נאָכן גלות בבל האָבן די יידן פאַרשטאַרקט די רעליגיעזע באַדייטונג פון דעם יום־טוב און אָנגעהויבן צו באַנוצן דעם לולב מיט דעם אתרוג און די אנדערע מינים אלס דעקאָראַציע צו דער סוכה. אָנהויבנדיק מיט דעם בית שני האָבן די יידן זיך נאָך מער דערנענטערט צו דער אלטער טראַדיציע און צוריק איינגעגירט דעם מנהג צו מאַרשירן אין א פּראָ־צעסיע מיט די לולבים אין די הענט. די צדוקים האָבן שפּעטער אָנגע־פירט א ביטערן קאַמף קעגן דעם מנהג. זיי האָבן דעם באַפעל פון דער תורה „ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר" אויסגעטייטשט, אז עס דאַרף אויפגעהאַנגען ווערן אין דער סוכה.

די גמרא דערציילט, אז אלעקסאנדער ינאי, דער כהן גדול פון דער חשמונאים פאַמיליע, איז אין בית המקדש באַמבאַדירט געוואָרן מיט את־רוגים ווען ער האָט נאָך דעם יום־טובדיקער עבודה נישט געוואָלט אויפ־הויבן די הענט אלס צייכן אז ער האָט דורכגעפירט די צערעמאָניע שטרענג טראַדיציאָנעל.

די חכמי התלמוד האָבן זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דערקלערונגען וואָס אזוינס עס איז א סוכה און ווער עס איז מחויב אין איר צו זיצן. די אלע פּירושים אויף דער תורה און איינפירונג פון די דינים האָבן באַצוועקט אָפּצוהיטן די סוכות פייערונג בלויז ווי א רעליגיעזער יום-טוב.

שמאי הזקן, דער חבר און בעל פּלוגתא פון הלל, האָט געלאָזט מאַכן א סוכה אַרום דעם בעט פון זיין שנור, וועלכע איז געווען א קימפּעטאָרן כדי דאָס ניי־געבוירענע קינד זאָל מקיים זיין די מצווה פון זיצן אין סוכה.

מיט דעם אָנהויב פון דער חשמונאים עפּאָכע איז סוכות מער נישט געווען דער הויפּט־יום־טוב ווי אין די צייטן פון דעם ערשטן בית המקדש,

נאָר איז געלייכגעשטעלט געוואָרן מיט די אַנדערע צוויי ימים טובים פּסח און שבועות.

קודם כל ווערט דער עצם ענין פון סוכה פּילזייטיק באַהאַנדלט און פאַרשידענע השערות און דערקלערונגען ווערן דעריבער געמאַכט. איין תנא זאָגט, אַז די סוכות וואָס ווערן דערמאָנט אין דער תורה זענען די ענני ה׳ כבוד, די וואָלקנס וואָס גאָט האָט אַראָפּגעשיקט אין דער מדבר זיי צו באַשיצן פון דער ברענענדיקער זון. רבי עקיבא זאָגט, אַז „סוכות ממש״ — די יידן אין דער מדבר זענען טאַקע געזעסן איןביידלעך.

די גאָר שפּעטערדיקע פּוסקים בויען אויך זייערע טעמים אויף סימ־באָליסטישע בניינים און גיבן אָן טעאָלאָגיש-פילאָזאָפישע דערקלערונגען. עס זענען אָבער אויך פאַראַן ריין מאָראַל־פילאָזאָפישע אינטערפּרעטאַ־ציעס, און זיי שיינען צו זיין מער אָריגינעל און צופּאַסנדיק.

אין זייער פאָרשטעלונג איז די סוכה געקומען צו באַדייטן אַ פאָלק אין זיין גאַנצקייט — מיט זיין לאַנד, זיכערקייט פון באָדן און אומקאָם־פּראָמיסלעכן גלויבן אין גאָט. דאָס וואָרט סוכה אין העברעאיש באַדייט פּשוט שוץ, די סוכה דאַרף שטיין פעסט אויף זיין באָדן נישט הענגען אין דער לופט און דאַרף קענען באַשטיין קעגן געוועגלעכע שטורמווינטן.

אַ סוכה, זאָגט די גמרא, וועלכע האָט מער זון ווי שאָטן, איז נישט קיין כשרע, ווייל זי סימבאָליזירט נישט דעם באַגריף פון געבן שוץ. אַ סוכה, וועלכע הענגט אין דער לופט אָדער שווימט אויפן וואַסער, איז אויך נישט קיין כשרע סוכה ווייל זי סימבאָליזירט נישט קיין פעסטקייט און שטאַנדהאַפטיקייט. אַ סוכה דאַרף קענען אויסהאַלטן שטורמווינטן און דאַרף געניסן פון זונשיין, אָבער זי מוז האָבן מער שאָטן אין וועלכן זיך צו שיצן ווען די זון ברענט צו שטאַרק.

צא מדירת קבע, ושב בדירת עראי, לערנט די גמרא, גיי אַרויס פון דיין שטענדיקער דירה, און גיי אַריין אין דער אָרימער, צייטווייליקער דירה. אַ רייכע און שטאַרק באַפעסטיקטע דירה מיט אירע פאַרגעניגנס זענען נישט קיין אייביקייטן. סוכה שהיא גבוה למעלה מעשרים אמה פּסולה לערנט די גמרא ווייטער, אַ סוכה וואָס איז העכער פון צוואַנציק איילן איז פּסול. קלעטער נישט, ר׳ ייד, צו הויך אפילו ווען די שמש הצלחה, די זון פון גליקזעליקייט שיינט פאַר דיר. אין לעבן דאַרף אויך זיין שאָטן, און שאָטן איז תמיד מער פאַראַן ווי זון.

אין דער צייט ווען שטורעמס האָבן באַדראָט דעם יידישן פאָלק,

האָבן די חכמי התלמוד באהאנדלט די דינים פון סוכה און אָנגעגעבן אירע כּללים: אזוי לאַנג ווי זי שטייט אויף דער ערד און פאַלט נישט כאָטש זי וואַקלט זיך, איז זי א כשרע סוכה. א פאָלק וואָס האַלט זיך אויף אונטער גרויסע סכנות, איז נאָך אַלץ א פאָלק.

בסוכות תשבו — אין די סוכות זאָלט איר זיצן — פאַרטייטשט עס די גמרא: תשבו כעין תדורו — זיצן מיינט וווינען: עסן אין דער סוכה, שלאָפן אין דער סוכה, און בכלל איר פאַרוואַנדלען אין אַן אמתער וווינונג.

דער סימבאָליזם פון דער סוכה איז — אויסהאַלטן אונטער די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען. די זון ברענט אָדער עס קאַפּעט א רעגן אָדער עס בלאָזן גאָר קאַלטע ווינטן, טאָר מען אַלץ נישט אַנטלויפן פון דער סוכה.

אָט דער דאָזיקער סימבאָליזם פון דער סוכה ווערט אויסגעדריקט אין דער גמרא און אין מדרש, אָפטמאָל אויף א גאַנץ וווּנדערלעכן און שיינעם שטייגער.

ווען די אומות העולם — זאָגט דער מדרש — קומען צו הקדוש ברוך הוא מיט דער טענה פאַרוואָס ער האָט דווקא אויסגעקליבן די ייִדישע אומה זיי צו געבן די תורה, גיט זיי דער אויבערשטער די מצוות סוכה אַלס א פּראָבע. ער זאָגט צו זיי: איין קליינע מצוה איז פאַראַן און זי הייסט „סוכה". גייט און זייט מקיים די מצוה.

גייען די אומות העולם אוועק צופרידן מיט דער פּראָבע און יעדע איינע פון זיי בויט זיך אויף א סוכה און קלייבט זיך אין איר אַריין. פּאַסירט אָבער אַז די זון קומט אַרויס פון איר פוטערפאַס און הויבט אָן אומברחמנותדיק צו ברענען. קענען עס די סוכה־זיצער נישט פאַרטראָגן און כאַפּן האַק־און־פּאַק און אַנטלויפן. עס פעלט זיי די ייִדישע געדולד און ווילקייט אויסצוהאַלטן אַלערליי שוועריקייטן און אומבאַקוועמלעכקייטן.

ר' יצחק אבוהב אין זיין באַוווּסטן ספר מנורת המאור דערקלערט דעם סימבאָליזם אויף א גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן:

אין האַרבסט ווען דער מענטש זאַמלט צונויף זיינע תבואות, ווערט ער ביי זיך אביסל צו־האָפערדיק, הויבט אָן צו קוקן אויף זיך ווי אויף א קראַפט, א כוח וואָס קען זיך פאַרשאַפן אַלדאָס גוטס אָן דעם חסד פון גאָט. דערפאַר האָט די תורה פאַרזאָגט צו זיצן זיבן טעג אין א סוכה, א שוואַך ביידל, כדי אים צו באַווייזן אַז אויך דער מענטש איז נישט מער ווי א שוואַכע באַשעפעניש וואָס קאָן פון קלענסטן ווינט אַוועקגעריסן

ווערן. דער צוזאמענהאנג מיט יציאת מצרים ווערט באַרעכטיקט דערמיט וואָס אויך יציאת מצרים באווייזט, אַז דער מענטש קען זיך נישט פאַר־לאָזן אויף די אייגענע כוחות. דער דין אַז מען זאָל צודעקן די סוכה מיט סכך אַז מען זאָל קענען ארויסזען די שטערן איז אויך סימבאָליסטיש און גיט אַן אָנדייטונג אויף די ניצוצות החסדים, די פונקען פון גאָטס גענאָד, וועלכע זענען געגליכן צו די שטערן אין הימל.

דער מיסטישער באַגריף פון דער סוכה איז, אַז א ייד דאַרף נישט טראַכטן וועגן דער דירת עראי, די סוכה, ווי בכלל וועגן דעם צייטוויי־ליקן קורצן לעבן אויף דער וועלט נאָר וועגן עולם הבא, די סוכה פון די צדיקים לעתיד לבא ווו מען איז נהנה מזיו השכינה. רבי יוחנן זאָגט טאַ־קע אין דער גמרא, אַז לעתיד לבא וועט הקדוש ברוך הוא מאכן פאַר די יידן א סוכה פון דער פעל פון דעם לויתן, וואָס מיינט א זיכערע און שטאַרקע סוכה.

איינע פון די תפילות וואָס מיר זאָגן סוכות איז באַזירט אויף דעם נאַציאָנאַלן סימבאָל, אַז דאָס יידישע לאַנד וועט ווידער אַמאָל אויפגע־בויט ווערן און פאַרבלייבן אייביק און שטאַרק, אין עמוס ווערט דערמאָנט וועגן דער סוכת דוד הנופלת און מיר בעטן דעריבער ביי גאָט אַז ער זאָל ווידער אויפריכטן די סוכה פון דוד, וועלכע האַלט אין איין פאַלן.

דריטער קאַפּיטל

די ארבעה מינים

דער אַרויסטייטש פון פּסוק — די נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג — די פילע קאַבאַליסטישע רמזים — דער שאָקלען מיטן לולב און די אַנדייטונגען.

אין דער תורה ווערט אָנגעזאָגט: „ולקחתם לכם ביום הראשון פּרי עץ הדר כפּות תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל — איר זאָלט אייך נעמען דעם ערשטן טאָג סוכות א פּרי וואָס וואקסט אויף א שיינעם בוים, בלעטער פון טייטלביימער, א צווייג פון א דיק־געפלאָכטענעם בוים און ריטלעך וואָס וואקסן ביים וואסער.

די דאָזיקע ווערטער זענען אויסגעטייטשט געוואָרן צו מיינען, אז מען זאָל זיך נעמען אן אתרוג, א לולב, א הדס און אן ערבה. די שווערי־קייט איז געווען וועגן אתרוג, ווייל די תורה האָט דייטלעך דערויף נישט אָנגעוויזן. די גמרא האָט זיך אָבער לייכט אן עצה געגעבן און גדרשנט, אז פּרי עץ הדר מיינט: פּרי שדר על האלון משנה לשנה, א פּרי וואָס וווינט אויפן בוים דעם גאנצן יאָר. דאָס איז א שפּיל־וואָרט אזא, חדר מיט א קמץ אונטערן „ה" און „ד" מיינט שיין, און הדר מיט א פּתח אונטערן „ה" מיינט: וואָס וווינט.

די זעלבע פיר מינים זענען באַנוצט געוואָרן נאָך באַם ערשטן בית המקדש, און דער מדרש דערציילט אפילו אז אברהם אבינו האָט זיך שוין מיט זיי באַנוצט און געפייערט דעם יום־טוב מיט א סוכה און קרבנות.

און אזוי ווי דער יום־טוב איז אין תוך געווען אן אגריקולטורעלער, זענען די יידן אָנגעזאָגט געוואָרן צו פייערן מיט אן אתרוג, וואָס איז די זענען פון פאַרשידענער באַדייטונג, אָבער אמשטאַרקסטן איז דער נאַשענסטע פּרי פון לאַנד, און מיטן לולב, הדס און ערבה, וואָס זענען אויך

פון די שענסטע צווייגן. אלץ איז קענטיק געטאָן געוואָרן צו פארשענערן די פּראָצעסיע און צו זיין א סימבאָל פון פריילעכן חג האָסיף.

ארום די פיר מינים זענען געשאפן געוואָרן אן א צאָל סודות און רמזים וואָס געפינען זיך צעוואָרפן אין מדרש און קבלה ספרים. די רמזים ציאָנאל־געזעלשאפטלעכער רמז מיט וועלכן די מגידים און רבנים באנוצן זיך אין זייערע דרשות.

דער מדרש זאָגט, אז די פיר מינים זענען אנטקעגן די פיר קלאסן יידן. דער אתרוג האָט א טעם און א ריח און איז געגליכן צום קלאס יידן וואָס באַזיצט אי תורה, אי מעשים טובים. דער לולב איז א צווייג פון א טייטלבוים, און א טייטל האָט בלויז א טעם אָבער נישט קיין ריח, און איז דעריבער געגליכן צו דעם קלאס יידן וואָס פארמאָגט תורה, קאָן א סך לערנען, אָבער האָט נישט קיין מעשים טובים. דער הדס האָט א ריח, שמעקט זייער גוט, אָבער האָט קיין טעם נישט, און איז געגליכן צו דעם קלאס יידן וואָס פארמאָגט מעשים טובים אָבער האָבן נישט קיין תורה. די ערבה, די הושענה, האָט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח, און איז געגליכן צום קלאס יידן וואָס האָבן נישט קיין תורה און נישט קיין מעשים טובים. טאָ וואָס קען דער אויבערשטער טאָן מיט אזעלכע מינים יידן? זאָגט ער דעריבער אָן, אז מען זאָל אָט די אלע פיר מינים צונויפבינדן אין איין בונד, וועלן זיי מכפר זיין איינער אויפן אנדערן.

אין דעם דאָזיקן שיינעם געדאנק איז איינגעוויקלט די נאציאָנאל־געזעלשאפטלעכע גאנצקייט פון דעם יידישן פאָלק. מען דארף צונויפבינדן די פיר מינים צוזאמען און איבער זיי מאַכן א ברכה ווייל אָן דער צונויפגעבונדנקייט, אָן דער אחדות, וועט קיינמאָל נישט זיין קיין מזל ברכה.

דער זעלבער געדאנק נאָר אביסל אויף אן אנדער אופן ווערט אויך אויסגעדריקט אין דער גמרא: דער לולב און דער אתרוג קומען פון ביימער, וועלכע גיבן פון זיך ארויס פירות. דער הדס און די ערבה זענען פון ביימער וואָס גיבן נישט קיין פירות. די ערשטע צוויי זענען געגליכן צו תלמידי חכמים, און די לעצטע צוויי צו פשוטע בעלי בתים, און די תורה האָט דערביי מרמז געווען אזביידע עלעמענטן זענען שטארק נויטיק און קענען נישט עקזיסטירן איינע אָן די אנדערע.

רבי אבין זאָגט: די ארבעה מינים זענען גלייך צו א משפט ביי וועלכן פיל מענטשן זענען פאַרינטערעסירט אינעם אויסגאנג. קוקט מען אויף

די צוויי בעלי דין און מען זעט: דער וואָס קומט ארויס פון בית דין א פריילעכער איז דער געווינער, און דער וואָס קומט ארויס פאראומערט איז דער פארשפילטער. אזוי קומען אין סוכות די יידן מיט די גויים צום מישפט פאר גאָט. ווייסן מיר נישט ווער פון די צוויי צדדים עס איז דער געווינער און מיר קוקן זיך דעריבער איין אין די פנימער פון די צוויי צדדים. זען א סימן פון פריילעכקייט. גייען די יידן ארויס מיט די שיינע פיר מינים אין די הענט, פריילעכע און לוסטיקע וואָס זיי האָבן מקיים געווען א מצוה און זיך געהאלטן אין אחדות, ווייסן מיר אז זיי זענען די זיגער.

אן אנדערער פון די חכמים האָט געגעבן אזא דערקלערונג: דער אתרוג איז געגליכן צו די סנהדרי גדולה; דער לולב, דער כפות תמרים איז געגליכן צו די תלמידי חכמים, און אזוי ווי „כפות" מיינט אויך „בויגן", אזוי בויגן זיך די תלמידי חכמים צו די איבעריקע פונעם פאָלק, וועלכע זענען געגלכן צו די הדסים און ערבות.

די אלע רמזים ווייזן אָן אויף דער נויטיקייט פון אחדות און גאנצקייט אינעם פאָלק ישראל. אחוץ זיי זענען אָבער אויך פאראן מאָראליש־רעליגיעזע רמזים:

אין ספר החנוך ווערט געזאָגט: די פיר מינים זענען געגליכן צו די איברים פונעם מענטשלעכן קערפער. דער אתרוג איז געגליכן צום הארצן; דער לולב איז געגליכן צו דער חוט השדרה; דער הדס — צו די אויגן, און די ערבה איז געגליכן צו די ליפן, און אלע צוזאמען באווייזן אז מען דארף דינען דעם בורא מיט דעם גאנצן קערפער און נישט פארפירט ווערן דורך די אויגן און די ליפן, וואָס פירן תמיד דעם מענטשן אראָפּ פונעם דרך הישר.

אין אן אנדער אָרט ווערט דערקלערט, אז דער אתרוג איז געגליכן צום הארץ און דעריבער בענטשט מען איבער אים, כדי דאָס זאָל מכפר זיין אויף די עבירות וואָס מען איז מהרהר מיט דעם הארץ. א הדס און אן ערבה זענען געגליכן צו די אויגן און ליפן כדי מכפר צו זיין אויף די עבירות וואָס מען טוט מיט די דאָזיקע איברים, און דער לולב האָט בלויז איין הארץ פון וועלכן אלע זיינע בלעטער שפּראָצן ארויס, און אזוי האָבן די יידן נאָר איין הארץ פארן רבנו של עולמס וועגן.

אויך אין דער צערעמאָניע פון שאָקלען דעם לולב און אתרוג, זענען אריינגעוועבט געוואָרן פיל סודות און רמזים. דעם לולב שאָקלט מען מיטן פנים צו מזרח און מען מאכט דריי הלכות און הבאות, דריי מאָל אהין און

צוריק געווענדט צו אלע פיר זייטן פון דער וועלט, מזרח, מערב צפון און דרום, און מעלה און מטה (מנחות דף ס"א). אין וועלכן סדר מען זאָל שאָקלען זאָגט נישט די גמרא. דער מהרי"ל האָט זיך געווענדעט צו מזרח, דרום, מערב, צפון, מעלה און מטה. אין אנדערע חסידישע קהילות איז מען זיך נוהג צו ענדערן דעם סדר, אָנהויבנדיק מיט מעלה און מטה.

די געגועים מאכט מען נאָכן בענטשן אתרוג און אויך ביים זאָגן הלל די פסוקים הדו לה׳ און אנא ה׳ הושיעה נא. ווערליק ר׳ יוחנן שאָקלט מען דעם לולב אין אלע פיר זייטן צו דאנקען גאָט פאר באשאפן די פיר ווינקלען פון דער וועלט, וועלכע געהערן אלע צו אים. מען שאָקלט דעם לולב ארויף און אראָפּ צו באווייזן אז די הימלען מיט דער ערד, אויבן און אונטן, געהערן צו גאָט.

די גמרא (סוכה ל"ז) זאָגט אויך, אז מען שאָקלט דעם לולב אין אלע פיר זייטן אלס א סגולה אָפּצוהאלטן די שלעכטע ווינטן, און אויבן און ארונטער כדי אָפּצוהאלטן די שלעכטע טומאנען און נעפּלען זיי זאָלן נישט שעדיקן די תבואות.

דער אבודרהם זאָגט, אז מען שאָקלט כדי זיך אָנצובייזערן אויף דעם שטן און דערפאר טאקע טוט מען עס ביי אנא ה׳ הושיעה נא כדי דער אויבערשטער זאָל רחמנות האָבן און אונדז העלפן קעגן די מזיקים און שדים.

דער מדרש דערקלערט אז דערפאר שאָקלט מען מיט דעם לולב, ווייל בעת גאָט האָט ארויסגעפירט די יידן פון מצרים האָבן זיך די בערג גע־שאָקלט און אזוי וועט עס זיין אויך לעתיד ווען משיח וועט קומען.

מען שאָקלט נישט דעם לולב ביים זאָגן אנא ה׳ הצליחנה, ווייל עס איז איין פסוק מיט אנא ה׳ הושיעה נא, און מען שאָקלט נישט צוויי מאָל ביי איין פסוק. מען מאכט די נענועים ביי הודו לה׳ כי טוב, ווייל עס שטייט אז ירננו כל עצי יער, און אזוי ווי סוכות גייען מיר ארויס ריין פון דעם משפט פאר גאָט זינגען מיר מיט הודו, וואָס איז א לויב־געזאנג.

נאָך א צערעמאָניאל וואָס האָט צו טאָן הויפּטזעכליך מיט קבלה און מיסטיציזם, איז דער אושפיזין, דער מנהג אויפצונעמען אָנגעזעענע געסט אין דער סוכה. דער וואָרט „אושפיזין" איז אן אראמעאישער און מיינט טאקע: געסט.

איינגעפירט דעם מנהג האָט דער אר"י הקדוש, דער בעל מקובל ר׳

יצחק לוריא, און ער האָט עס באַזירט אויף אַן אָנדייטונג אין זוהר. ער האָט באַפוילן איינצולאַדן אין סוכה זיבן אָרימע תלמידים חכמים און זיי זאָלן רעפּרעזענטירן די זיבן פירער פון יידישן פאָלק: אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה אהרן און דוד המלך.

אין זוהר ווערט געזאָגט: „ווען עמיצער זיצט אין סוכה, שפּרייט די שכינה פאַנאַנדער אירע פליגלען און אברהם אבינו און נאָך פינף צדיקים מיט דוד המלך קומען אין דער סוכה און זיצן דאָרטן מיט דער שכינה". דערויף האָט דער אר"י צוגעגעבן, אז יעדער ייד מוז איינלאַדן צו זיך אין סוכה זיבן תלמידי חכמים כדי די אומזעבאַרע געסט זאָלן זיך פרייען מיט דער מצוה פון הכנסת אורחים.

פערטער קאַפּיטל

קהלת

דער עפּילאָג פון דער טרילאָגיע — די יידישע און גריכישע וועלט־אַנשויאונג — די פילאָזאָפישע שיטה — די מחלוקה וועגן פאַרפאַסער.

דער מנהג צו זאָגן אָדער לייענען קהלת שבת חול המועד סוכות, איז נישט קיין גאַנץ אַלטער. אין מחזורי וויטרי פון רבנו שמחה בר' שמואל, רשי'ס א תלמיד מובהק, ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט וועגן דעם דאָזיקן מנהג, און דעם בעסטן טעם דערויף גיט דער מגן אברהם. סוכות, זאָגט דער מגן אברהם, איז דער חג האָסיף, דער יום-טוב איינזאַמלונג און זמן שמחתנו — די צייט פון פרייד און צופרידנקייט, לייענט מען דעריבער קהלת כדי דער מענטש זאָל נישט פאַרשכורט ווערן פון דער עשירות און פרייד נאָר זאָל זיך פאַרטראַכטן איבער דעם מהות פונעם מענטשלעכן לעבן, איבער דער עטיק און פילאָזאָפיע, און דערזען דעם פועל יוצא פון זיין לעבן אויף דער זינדיקער ערד.

וואָס לערנט אונדז קהלת?

קודם כל מוז מען אונטערשטרייכן, אז אין קהלת ווערט ארויסגעבראַכט איינע פון די גרעסטע און טיפסטע פילאָזאָפישע שיטות. זי איז געשריבן אין א לייכטער און פאָלקסטימלעכער פאָרם, און שפרודלט מיט אן אומגעהויער שטאַרקער קראַפט און גרויסע צאָל בליציקע געדאַנקען.

יעדער זאַץ און יעדער אויסדרוק איז דורכגעדרונגען מיט טיפן ערנסט, מיט ביטערער לעבנסדערפאַרונג, מיט דעם סוד היצירה, וואָס ליגט אינעם עצם פון מענטשנס לעבן.

קהלת איז טראַדיציאָנעל דער עפּילאָג פון דער גרויסער אומשטערבלעכער טרילאָגיע פון שלמה המלך, וועלכע באַשטייט פון משלי, שיר השירים און קהלת. משלי איז א מין טראַקטאַט פון קינדער דערציונג און

מענטשלעכן לעבנס־שטייגער, א זאמלונג פון מוסר, פאָלקס־לערע און פסי־כאָלאָגיע. שיר השירים איז איינע פון די שטאַרקסטע ווערק אויפן געביט פון ראָמאַנטיק און העכסטער באַגייסטערונג, וואָס שלאָגט מיט ליבע און לעבן, מיט אָפּטימיזם און ווירקלעכקייט, מיט פּלאַסטיק און קונסט. קהלת, דאַקעגן, איז אַ קוואַל פון טיפסטן פּעסימיזם, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון לעבנס כללים וועלכע ענדערן זיך קיינמאָל נישט און וועלן זיך נישט ענדערן עד סוף כל היקום.

„הבל הבלים — ס'איז אַלץ נאַרישקייט. אויב דו ביסט הונגעריק און יאָגסט זיך נאָך רייכטימער, כבוד און גאווה, געדענק, אַז דער לעצטער רעזולטאַט פון אַלע באַמיונגען איז: הבל הבלים — נאַרישקייט".

„אויב דו אַרבעטסט פאַר דיין נאָכפאָלגער, פאַר דיין יורש, צי ווייסטו וואָס ער וועט מיט דיין פּראַצע טאָן? און קוקסטו בכלל אַריין אינעם סוף, דערזעסטו, אַז עס איז גאָר קיין חילוק נישט צווישן מענטש און בהמה, מקרה אחד להם!"

קהלת איז דער רוי־שטאָף מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די גרעסטע דענקער און פילאָזאָפן פון דער וועלט. די אמתן פון קהלת, וועלכע זענען אייגנטלעך די אמתע גרונט־געזעצן פון לעבן, זענען געווען די גרויסע לייוונטן אויף וועלכע עס האָבן דורות לאַנג געוועבט און געשאַפן אַזעלכע גרויסע גייסטער און דענקער ווי שאָפּענהויער, קאַנט, ניטשע, שפּינאָזאַ, העגעל און אַנדערע.

קהלת איז געווען דער קוואַל פון אינספּיראַציע, וועלכער האָט באַוויזן טויזנטער טרוימער, סאָציאָלאָגן, פּעדאַגאָגן און שריפטשטעלער צו פאַרטראַכטן זיך ערנסטער איבער דעם מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש, וואָס עס פאַרבלייבט דעם מענטשן פון זיין גאַנצער אַרבעט און מיונג.

נאַטירלעך, איז יעדע פילאָזאָפישע שיטה זייער אָן אײדעלע מאַטעריע, וועלכע מוז טויזנטער מאָל געלייטערט ווערן אויב זי וויל זיך נישט אָנשטויסן אָן סתירות, און דאָס טרעפן מיר טאַקע אויך אין קהלת אַזוי גוט ווי ביי אַנדערע שפּעטערדיקע פילאָזאָפן. אַזוי קען מען לייכט אָנווייזן אויף דעם דואַליזם אין קהלת, באַזונדערס אין באַצוג צו פרויען. אין איין אָרט זאָגט קהלת: „ומוצא אני מר ממות את האשה", אָדער „אחת מאלף לא מצאתי" — איך האָב געפונען די פרוי צו זיין ביטערער פונעם טויט, צווישן טויזנטער פרויען האָב איך איינע קיין גוטע נישט געפונען, אין אַ

צווייטן אָרט אָבער זאָגט ער שוין — ווארשיינלעך צוליב דעם וואָס קיין אנדער אויסוועג איז גאָר נישט פאראן און דאָס לעבן פֿאָדערט דאָס זייני־קע — ראה חיים עם אשה אשר אהבת, לעב גליקלעך און צופרידן מיט דער פרוי וואָס האָסט ליב.

ווער איז עס דער קלוגער, פארצווייפלטער און פילאָזאָפישער קהלת?

ווי קהלת אליין דערציילט אין סאמע אָנהויב, איז ער דער זון פון דוד דער מלך פון ירושלים, און אזוי ווי צווישן דודס קינדער האָט זיך נישט געפונען אזא נאָמען, איז ביי אלעמען אָנגענומען געוואָרן אז קהלת איז נישט קיין אנדערע ווי שלמה המלך.

ווערליג דער זעלבער טראדיציע, האָט שלמה געשריבן דעם שיר השי־רים ווען ער איז נאָך געווען יונג, זאָרגלאָז און לוסטיק; ווען דער געראָ־טענער, קלוגער און צוקונפטיקער מלך ישראל האָט נאָך באטראכט די וועלט מיט ראָזעווע שפאקולן און געזען דעם רייץ פון נאטור און פרויען. אין יענע יאָרן, זאָל עס הייסן, האָט ער אין פלאמענדיקע און אומפאר־גלייכבארע מליצות באזונגען די שיינקייט פון פרויען און באשאפן דאָס בעסטע אין אלע ליטעראטורן, דאָס ליד פון אלע לידער — דעם שיר השירים.

ווען שלמה איז געקומען אין די מיטעלע יאָרן, אין די יאָרן פון ארבעים לבינה, און אָנגעהויבן צו פרעדיקן מוסר און זאָגן משלים. דאָ, אין זיין ספר משלי, פארגעסט ער זיך שוין אָן זיין באצויבערנדיקער שולמית אָן עצהט יעדן איינעם נישט מיטגעריסן צו ווערן פון פרויען שיינקייט. שקר החן והבל היופי — שיינקייט איז גאָרנישט ווערט און רייץ איז בלויז נארישקייט.

עס גייען אוועק נאָך יאָרן, דער קלוגער מלך טרעט אריין אין דער עלטער, פאלט ער אריין אין טיפן פעסימיזם און הויבט אָן זיין קהלת מיט ביטול היש און אָפשטאמונג פון אלץ און אלעמען. אלץ האָט ער שוין דורכגעמאכט, אלץ איבערגעלעבט, געגאָסן פון יעדן פארגעניגן, זיך ארומ־גערינגלט מיט טויזנט פון די שענסטע פרויען, מיט אָן א צאָל קנעכט און באדינער, מיט די טייערסטע פאלאצן, מיט א סך כבוד און באריממטקייט און צום סוף דערזען אַז אלץ איז נישט מער ווי הבל הבלים. אין כל חדש תחת השמש — עס איז נישטאָ קיין נייע זאך אונטער דער זון, און אלץ איז גאָרנישט ווערט.

קהלת מאָלט די עלטער מיט די שווארצסטע פארבן: די זון, לבנה

און שטערן ווערן אויסגעלאָשן; די פיס און די הענט ווערן אָפּגענומען; די ציינער ווערן פאַרדאַרבן; דער אַפּעטיט פאַרשווינדט; די אויגן מאַכן זיך צו — אַלץ ווערט בטל ומבוטל ביז וואַנען דער גוף קערט זיך צוריק צו דער ערד און דער גייסט, די נשמה, גייט אַרויף אין הימל.

אזוינס זאָגט ער אויך וועגן תענוגי עולם הזה. איז דען געווען איינער, זאָגט ער, וואָס זאָל אַזוי פיל געניסן פון לעבן? גאָלד, זילבער, איידלשטיינער, שאַף, רינדער, פּאַלאַצן און העלפאַנטביין, גן עדן־גערטנער, און וואָס נאָר אַ מויל קען אַרויסריידן — אַלץ האָט ער געהאַט, אָבער וואָס קומט דען פון דעם אַלעמען אַרויס? נאָך אַביסל וויין! נאָך מער אוצרות, נאָך אַ גוטן טאָג. דאָס לעבן שעפּט זיך אָבער אויס, דער סוף דערנענטערט זיך, טאָ פאַר וועמען האָט ער עס אַלץ אָנגעזאַמלט? — הבל הבלים, ס'איז אַלץ נאַרישקייט!

בעסער גיי באַזוכן אַן אבל, עצהט ער, איידער די הייזער וווּ מען פּראַוועט הוליאַנקעס, פאַרוואָס? ווייל דאָרטן, ביים אבל, וועט דער מענטש קענען אַ טראַכט טאָן וועגן זיין אייגענעם סוף.

„זאָל יעדער איינער תמיד טראָגן ווייסע, ציכטיקע קליידער און די האָר באַשמירט מיט גוטן בוימאייל, דאָס בחורל זאָל פריילעך זיין — אָבער זאָלסט בשעת מעשה נישט פאַרגעסן און גאָט, ווייל דו וועסט פאַר אים דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון".

זאָגט די גמרא (שבת דף ל' עמוד ב'), אַז די חכמים האָבן געוואָלט באַהאַלטן דעם ספר קהלת דערפאַר וואָס זיינע רייד זענען סותר איינע די אַנדערע, נאָר פאַרוואָס האָבן זיי עס נישט געטאָן? ווייל קהלת הייבט זיך אָן און פאַרענדיקט זיך מיט דברי תורה, אַז מען זאָל מורא האָבן פאַר גאָט און אָפּהיטן אַלע זיינע מצוות וואָס איז דער עיקר פונעם מענטשנס לעבן.

גאָר אַ סך פון די ביבל־קריטיקער און היסטאָריקער גלויבן, אַז קהלת איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דריטן יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג, אַן עפּאָכע וואָס איז געלעגן שטאַרק אונטערן איינפלוס פון עפּיקורס גריכישער פילאָזאָפיע מיט איר שיטה פון געניוס און לעבנספרייד.

די יידישע קולטור האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט צוזאַמענגעשטויסן מיט דער גריכישער קולטור. און דער יידישער דיכטער האָט זיך קענטיק געראַנגלט צווישן די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע וועלט־אַנשויאונגען, די יידישע און די גריכישע. געזיגט האָט, נאַטירלעך, די יידישע וועלט־

אַנשויאונג, וואָס איז נישט גוט צו דער מיינונג אַז דער העכסטער זין אינעם לעבן זענען די עולם הזהדיקע פאַרגעניגנס. אויב קהלת זאָגט יאָ אַמאָל „שמח בחור בילדותיך", איז עס אפשר בלויז אוים פאַרצווייפלונג און גייסטיקן צער.

דער יידישער היסטאָריקער גרעץ גלויבט גאָר, אַז קהלת איז פשוט אַ סאַטירע אויפן בלוטדורשטיקן טיראַן, קעניג הורדוס, וועלכער האָט סוף כל סוף דאָך געהאַט חרטה אויף אַלע זיינע חטאים. דער דיכטער האָט אוודאי מורא געהאַט ארויסצוטרעטן אָפן קעגן זיין קעניג, האָט ער די סאַטירע פאַרמאַסקירט און פאַרדרייט און בלויז איבערגעלאָזן די שאַרפע מוסר רייד.

אייזיק הירש וויס אין זיין דור דור ודורשיו ווייזט אָבער אָן, אַז שוין דער תנא שמעון בן שטח וועלכער האָט געלעבט בערך פופציק יאָר איידער הורדוס, האָט שוין ציטירט אַ סך אויסדריקן פון קהלת.

כאַראַקטעריסטיש איז וואָס קהלת אַליין וואָרנט נישט צו שרייבן קיין סך ספרים. די גמרא דערציילט אויך, אַז הרבה נביאים עמדו להם לישראל — יידן האָבן געהאַט אַ סך נביאים, מער נאָך ווי די צאָל ארויס־געגאַנגענע פון מצרים, און אַלע האָבן זיי געלאָזן שריפטן און כתבים, אָבער פאַרבאַהאַלטן האָט מען בלויז די וואָס האָבן געהאַט אַ ווערט פאַר דור דורות.

קהלת איז אַריינגענומען געוואָרן אין די כתבי קודש און געוואָרן אַ טייל פון דער ביבל, בלויז דערפאַר וואָס עס איז אַ געניאַל ווערק און גע־הערט צו אַלע פעלקער און צו אַלע צייטן. ווער עס זאָל נישט זיין דער פאַרפאַסער, באַווייזט עס אַלץ אַז אין ארץ ישראל האָט אַמאָל געבליט אַ הויך אַנטוויקלטע ליטעראַטור און אַז קהלת האָט אוודאי געהאַט אַ צוזאַ־מענשטעל מיט אַ סך אַנדערע אַזעלכע ווערק אין יענער צייט.

פינפטער קאפיטל

חול המועד און די לעצטע טעג יום-טוב

שמחת בית השואבה — הושענה רבה — שמיני עצרת — שמחת תורה.

נאך די ערשטע צוויי טעג סוכות הייבן זיך אן די פיר וואכעדיקע טעג, דער חול המועד, וואס איז האלב וואך און האלב יום־טוב. בלויז צוויי ימים טובים, פסח און סוכות, האבן א חול המועד, און ביידע מאל זענען די חול המועד טעג היפשלעך יום־טובדיק און די הויפט־מצוות ווערן שטרענג אפגעהיט. חול המועד פסח מוז מען עסן מצה און חול המועד סוכות מוז מען עסן אין סוכה און בענטשן אתרוג.

די רבנישע ליטעראטור באציט זיך שטרענג צום חול המועד און פאדערט א מער יום־טובדיקן אינהאלט. אוודאי זענען וועגן דעם פאראן אנטקעגנגעזעצטע מיינונגען. דאך האבן די רבנן איינשטימיק פארבאטן גאר א סך זאכן, מערער נאך ווי ראש חודש, חנוכה און פורים. חסידים לייגן נישט קיין תפילין חול המועד, ווייל זיי היטן זיך אויס צו טאן געוויסע מלאכות און באטראכטן די טעג ווי יום־טובדיקע. וויבער היטן זיך אויס נישט צו וואשן און נישט צו נייען. מען היט זיך אויס נישט צו שרייבן חול המועד, און טאמער דארף מען יא שרייבן טוט מען עס מיט א שינוי, אבי צו ווייזן אז דער טאג איז אנדערש ווי אלע אנדערע וואכעדיקע טעג.

די גרויסע שמחה אין בית המקדש פלעגט פארקומען דעם אוונט פונעם צווייטן טאג סוכות. דאס איז געווען דער צערעמאניאל פון שמחת בית השואבה, דאס גיסן וואסער אויף דעם מזבח. דעמאלט פלעגן פארקומען אזעלכע פייערלעכקייטן, אז אפילו איצט מוזן זיי נאך ארויסרופן באגייסטערונג.

שמחת בית השואבה איז געווען דער לעצטער אויסגוס פון דעם זמן שמחתנו. און די גמרא זאָגט וועגן דעם צערעמאָניאַל, אַז „כל מי שלא ראה שמחת בית השואבה, לא ראה שמחה מימיו — ווער עס האָט נישט געזען די שמחה פון בית השואבה, האָט קיין שמחה אין לעבן נישט געזען“.

מוצאי דעם ערשטן יום־טוב פלעגן די כהנים און לוויים גיין אין עזרת נשים, אין דער ווייבערישער אָפּטיילונג, און פלעגן דאָרטן מאַכן הכנות צום יום־טוב. זיי פלעגן צושטעלן ברעטער־עטאַזשן צו די ווענט פון דער עזרה כדי צו מאַכן אָרט פאַר די פילע מענטשן, וואָס פלעגן אַהין אָנקומען. אין דער עזרה זענען געווען גאָלדענע מנורות, אויף יעדער רער פון מנורה איז געווען אַ גאָלדענע שויפל, אַ בעקן אַזאַ, און יעדער איינער האָט געהאַט פיר גאָלדענע לייטערס. פיר יונגע בחורים פון דער משפחת הכהנים האָבן גענומען קריגלעך, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט אַנטהאַלטן הונ־דערט און צוואַנציק קוואָרט בוימאייל און דערמיט אַרויפגעקלעטערט אויף די לייטערס און געגאָסן דעם בוימאייל יעדער אין זיין בעקן אַריין (סוכה ה׳).

די אויסגעהאָפּטענע קליידער און די אַלטע גאַרטלען האָט מען צע־ריסן, געמאַכט פון זיי קנויטן און זיי אָנגעצונדן. אין שטאָט איז דערפון געווען אַזוי ליכטיק, אַז עס איז נישט געווען קיין איינציקער הויף אין ירושלים וואָס האָט נישט געלויכטן אַזוי שטאַרק אַז אַ פרוי זאָל קענען זיצן ביי זיך אין דער היים און איבערקלייבן ווייץ (תוספות, שם).

די מנורות זענען געווען פופציק איילן הויך, און דער באַרג אויף וועלכן דער בית המקדש איז געשטאַנען איז אויך געווען אַזוי הויך. די מזרח־וואַנט וואָס איז געשטאַנען צום סוף פון דער עזרת נשים איז געווען נידעריקער פון די מנורות, און דאָס ליכט האָט זיך דאַריבער געקענט זען איבער דער גאַנצער שטאָט.

די גדולי הדור, די אמתע חסידים און אנשי־מעשה, האָבן גענומען געפלאָכטענע ליכט און אַלערליי שטורקאַצן און פאַקעלן אין זייערע הענט און דערמיט געטאַנצט פאַרן פאָלק. דערביי האָבן זיי באַוויזן אַלערליי קונצן, געוואָרפן די שטורקאַצן אין דער לופטן און זיי צוריקגעכאַפּט מיט די הוילע הענט. רבן שמעון בן גמליאל פלעגט זיך מער ווי אַלע אַנדערע פרייען מיט דער שמחה בית השואבה און פון גרויס באַגייסטערונג פלעגט ער נעמען אַכט שטורקאַצן מיט אַמאָל און זיי וואַרפן איין שטורקאַץ און כאַפּן דעם אַנדערן, און זיי פלעגן איינער דעם אַנדערן נישט אָנרירן. בשעת

ער פלעגט פאלן כורעים, פלעגט ער אריינשטעקן די גראבע פינגער פון די הענט אין דער ערד, זיך צובייגן און קושן דעם דיל, און פלעגט זיך נאכדעם אליין צוריק אויפשטעלן (סוכה נ"ג).

הלל הזקן פלעגט ביי דער שמחה אזוי זאגן: — אם אני כאן, הכל כאן — אויב איך בין דא, איז אלץ דא פאראן, און אויב איך בין דא נישטא, טאר ווער איז דא? געמיינט האט ער, אז יעדער יחיד האט אן אייגענע חשיבות. אן אנדער אויסטייטש איז: אויך איך בין דא, איז אויך גאט דא, ווייל די צאל פון הלל באטרעפט די צאל פונעם ווארט אדני־גאט צו דעם ווארט ווו מיינע פיס פירן מיך, צו דעם ארט שטרעב איך. און הקדוש ברוך הוא זאגט אויך: אויב דו וועסט קומען אין מיין הויז, וועל איך קומען אין דיין הויז און דיך בענטשן. (שם).

די לויים מיט פידלען, הארפעס, פייפלען און גיטארעס פלעגן ארויפשטייגן אויף די פופצן טרעפ וואס האבן געפירט פון דער עזרת ישראל צו דער עזרת נשים, וועלכע זענען קעגן די פופצן שיר המעלותן פון תהילים, און דארטן זינגען און שפילן. ביים אויבערשטן טויער וואס פירט פון דער עזרת ישראל צו דער עזרת נשים זענען געשטאנען צוויי כהנים מיט צוויי טראמפייטן אין די הענט. און אזוי ווי זיי האבן נאר דערהערט דעם האן קרייען, האבן זיי געבלאזן תקיעה, תרועה אלס סימן צו גיין צום טייך שילו אנצושעפן וואסער צום גיסן. קומענדיק צו דער צענטער טרעפ האבן זיי ווידער געבלאזן תקיעה תרועה, תרועה תקיעה, און אז זיי זענען געקומען צום באדן פון דער עזרת נשים האבן זיי ווידער געבלאזן די תקיעות, און אזוי ווידער ביז זיי זענען אנגעקומען צום מזרח־טויער.

אנקומענדיק אהין האבן זיי אויסגעדרייט זייער רוקן פון מזרח צו מעריב, אנטקעגן היכל, און געזאגט: „אונדזערע עלטערן פלעגן זיך בוקן צו מזרח זייט ווו די זון גייט אויף און מיר ווענדן אונדזערע אויגן צו אים, צום רבונו של עולם. אז זיי פלעגן זיך שוין פונאנדערגיין, פלעגן זיי זיך איינס דאס אנדערע בענטשן מיט דעם פסוק יברכך ה' מציון (סוכה פ' ה').

די גדולי הדור פלעגן זאגן: „ווייל איז אונדזער יוגנט, וואס זי האט נישט פארשעמט אונדזער עלטער". די בעלי תשובה פלעגן זאגן: „ווייל איז אונדזער עלטער, וואס האט מכפר געווען אויף אונדזער יוגנט". און אלע צוזאמען פלעגן זאגן: „ווויל דעם וואס האט נישט גזינדיקט, און ווער עס האט געזינדיקט דעם וועט גאט מוחל זיין".

ר׳ יהושע בן חנניה האָט געזאָגט: בשעת מיר פלעגן זיך פרייען אין שמחת בית השואבה, האָבן מיר נישט געפּילט קיין שלאָף. די ערשטע שעה פלעגן מיר פאַרברענגען מיטן קרבן תמיד של שחר. נאָכדעם פלעגט מען דאַווענען. פון דאָרטן פלעגט מען גיין פראַווען דעם קרבן מוסף. באַלד נאָכדעם פלעגט מען דאַווענען מוסף און אַזוי זיך אַביסל פאַרברייטערן אין בית המקדש. אויך אַביסל אונטערלעגן דאָס האַרץ מיט גוטע מאכלים און משקאות. שפּעטער האָט מען געדאַווענט מנחה און באַלד נאָכדעם איז געקומען דער קרבן תמיד בין הערבים, און ערשט נאָכדעם האָט זיך אָנגעהייבן די שמחת בית השואבה, וואָס האָט געדויערט די גאַנצע נאַכט. (ירושלמי).

שיין איז געווען דער יום־טוב און גרויס איז געווען די שמחה. די איינוווינער פון ירושלים פלעגן אפילו אַרומבינדן דעם לולב מיט גאָלדענע פעדים, און אין די זיבן טעג סוכות האָט מען מקריב געווען זיבעציק קרבנות קעגן די זיבעציק פעלקער פון דער וועלט. אַז עס איז געקומען דער אַכטער טאָג, האָט דער הייליקער, ברוך הוא, געזאָגט צו ישראל: „איך ווייס, קינדער מיינע, אַז די גאַנצע זיבן טעג זענט איר געווען פאַרנומען מיט די קרבנות אָבער איצט לאָמיר זיך צוזאַמען משמח זיין.“

די הויפּט־צערעמאָניע איז באַשטאַנען אין דעם שעפּן אַ קריגעלע וואַסער פון טייכל שילו, און דאָס גיסן אויפן מזבח צוזאַמען מיט דעם נסך היין. עס שיינט אַז דער טיפסטער סימבאָליזם, די סאַמע העכסטע כוונות, זענען צוגעגעבן געוואָרן צו דעם דאָזיקן אַקט.

ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז מען זאָל צוגעבן אַזאַ גרויסע באַדייטונג צו אַזאַ איינפאַכן ריטואַל ווי אויסגיסן אַ קריגעלע וואַסער אויפן מזבח, איז שווער צו זאָגן, ווייל דאָס ווערט אין ערגעץ נישט דערקלערט, מערקן זיך, אַנשטויסן זיך, לאָזט זיך זייער פיל.

וואַסער! די זאַפט פון דער מוטער־ערד! ווי וואָלט עס מעגלעך געווען צו לעבן אַלס אַן אַגריקולטור־פאָלק אין אַ לאַנד ווי ארץ ישראל אָן דער גרויסער מתנה פון גאָט — וואַסער!

דער מדרש און די ספרי קבלה גיבן נאַטירלעך אַן פילע טעמים און כוונות. הייסן הייסט עס „שואבה“ — דערקלערט דער מדרש — ווייל פון דאָרט האָט מען „געשעפּט“ רוח הקודש, וואָרום די שכינה קען רוען נאָר דורך שמחה, ווען יונה הנביא האָט עולי רגל געווען קיין ירושלים און איז

געקומען צו דער שמחה בית השואבה, האט אויף אים אנגעהויבן רוען די שכינה.

שמחת בית השואבה איז א גרויסע מצוה, זאגט אין אן אנדער ארט דער מדרש, ווייל זי שטאמט נאך אזש פון ששת ימי בראשית.

אין דער תורה שטייט בפירוש אז מען זאל גיסן אויפן מזבח וויין און נישט קיין וואסער, אבער די חכמים האבן עס געהאט בקבלה אז מען זאל דווקא גיסן וואסער כדי יידן זאלן דורך דער מצוה געבענטשט ווערן מיט רעגן.

דער זיבעטער טאג סוכות, וועלכער איז דער לעצטער טאג פון חול המועד, ווערט אנגערופן הושענא רבה דערפאר וואס אין דעם דאזיקן טאג זאגט מען די גאנצע הושענות אנשטאט בלויז איינצלנע קאפיטלעך ווי אין די אנדערע טעג. אין דעם דאזיקן טאג גייט מען מיט לולבים און אתרוגים אין די הענט אין הקפות ארום דער בימה פון שול, ווייל אויך אינעם בית המקדש פלעגט מען גיין הקפות זיבן מאל.

שוין אין דער גמרא ווערט דערמאנט הושענא רבא, און די ריטלעך, די ערבות, ווערן דארט אנגירופן מיטן נאמען הושענות. אין ירושלמי ווערט אויך גערעדט וועגן דעם מנהג אפצוקלאפן די הושענות ווי א הלכה למשה מסיני, אזוינס האט שוין געלעבט אין פאלק פון לאנג אן. ווי ווייט דער מנהג האט טאקע געלעבט אינעם פאלק, איז צו זען פון דעם וואס אין דער גמרא גייט אן א מחלוקה צי מען מעג „שלאגן הושענות" אויב הו־שענה רבא פאלט אום שבת. לויט דעם דעמאלטיקן לוח האט עס טאקע געקענט פאסירן, אבער איצטיר קען הושענא רבה נישט אויספאלן שבת. די וואס האבן געהאלטן אז „קלאפן הושענות" איז א הלכה למשה מסיני, האבן מתיר געווען.

דער מדרש רופט דעם טאג אן אז „יום הושענא" און זאגט דערביי, אז ערשט אין יענעם טאג גיט גאט ארויס דעם ענגילטיקן פסק דין און פארחתמעט דעם שיקזאל פון יעדן מענטשן באזונדער.

דער רעיון אז הושענא רבה איז דער יום דין, ווערט אנגעדייט אין תלמוד ירושלמי, מסכת ראש השנה פסק ד' עמוד א', וווּ עס ווערט גע־דרשנט אויפן פסוק „ואותי יום יום ידרושון", אז דאס מיינט מען „תקיעת וערבה", אז דער משפט פון יעדן מענטשן הייבט זיך אן ראש השנה, אין טאג פון די תקיעות און ענדיקט זיך הושענא רבה, אינעם טאג ווען מען שלאגט די הושענות.

חסידים און אָנהענגער פון דער קבלה האַלטן שטאַרק פון דער הייליקייט פון דאָזיקן טאָג. ווייל דער זוהר זאָגט בפירוש אַז דער זיבעטער טאָג פון סוכות איז אַ יום הדין. די ספרי חסידים גייען נאָך ווייטער און זאָגן אַז הושענא רבה ביינאַכט גיט דער אויבערשטער אַרויס יעדן איינעם באַזונדער זיין „קוויטל", און יענע נאַכט איז באַזונדערס מסוגל פאַר אַן ערלעכן יידן זיך אויסצובעטן אַלדאָס גוטס. דערפאַר קענטיק, נעמט זיך עס די פאָלקס־לעגענדע, אַז צוועלף אַזייגער ביינאַכט שפּאַלט זיך דער הימל, און וואָס אַ מענטש רעדט דעמאָלט אַרויס ווערט עס מקויים.

פרומע יידן זענען אויף די גאַנצע נאַכט און זאָגן תיקון, וואָס באַשטייט על פי רוב פון קאַפּיטלעך תהילים און חומש.

עס איז אויך פאַראַן אַ גלויבן, אַז ווער עס זעט נישט אין יענער נאַכט זיין אייגענעם שאָטן אַנטקעגן דער לבנה, איז כמעט זיכער צו שטאַרבן דורכן יאָר. אַן אָנצוהערעניש דאַרויף געפינט זיך אין דער גמרא, וו עס ווערט געזאָגט, אַז מען דאַרף עס אויספּרובירן אין די עשרת ימי תשובה, אין די טעג צווישן ראש השנה און יום כפור. די ספרי חסידים זאָגן אָבער, אַז מען דאַרף תשובה טאָן פון ראש חודש אלול אָן ביז דעם טאָג פון הושענא רבה, ווייל מען קען נאָך ביז דעמאָלט פּועל זיין צוצורייסן דעם בייזן גזר.

דער דאָזיקער אָבערגלויבן איז זיכער נישט קיין יידישער. דאָך ווילן אַנדערע זאָגן אַז ער האָט זיך געשעפּן דורך אַ שלעכטן טייטש אין זוהר. ריידנדיק וועגן דעם יום הדין פון הושענא רבה, זאָגט דער זוהר אַז יעדער איינער וואָס וואַרט מיט זיין תשובה און חרטה איז „כדין צלמין אתעברו מנה ולא משתכחין עמה" — איז ווי דער „צלמין" גייט פון אים אַוועק און מען קאָן אים מער נישט געפינען. אָט דעם דאָזיקן וואָרט „צלמין" האָט מען גרייזיק געטייטשט „שאָטנס" און „יטעם כסא דמותא" — ער וועט פאַרזוכן דעם כוס פון טויט.

דעם אַכטן טאָג סוכות פייערן מיר דעם יום־טוב שמיני עצרת. ווייל אין דער תורה שטייט „ביום השמיני עצרת תהיה לכם — דער אַכטער טאָג זאָל פאַר אייך זיין אַ טאָג פון פאַרזאַמלונג".

שמיני עצרת איז אייגנטלעך אַ צוגעגעבענער טאָג, און ווי דער מדרש פאַרטייטשט עס מיינט עס: עצרת — לכם, בלויז פאַר אייך אַליין. סוכות האָבן מיר שוין אין בית המקדש מקריב געווען קרבנות פאַרן שלום פון

אַלע זיבעציק פעלקער, האָט גאָט צוגעגעבן נאָך איין טאָג יום־טוב אין וועלכן מיר זאָלן מקריב זיין אַ קרבן בלויז פאַר זיך.

סוכות איז דער סימבאָל פון אונדזער גלות־לעבן, שוואַך און וואַקל־דיק ווי די סוכה; אַלע ווינטן און רעגנס דרינגען אין איר און איר שאָטן איז מער ווי דער זונען-שיין; כאָטש מיר זענען פאַר די אַנדערע פעלקער מקריב זיבעציק קרבנות און בעטן פאַר זייער פרידן, האָבן זיי אונדז אַלע פיינט און טוען אונדז אָן רשעות און נגישות.

שמיני עצרת איז אויך דער סימבאָל פון יידישער צענטראַליזאַציע, פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, אָרגאַניזאַציע און ווידמונג פון אונדזערע פּראָדוקטיווע כוחות פאַר אונדזער אייגענער טובה וועגן.

דער מדרש דערקלערט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער זאָגנדיק: ביום השמיני עצרת תהיה לכם זה שאמר הכתוב: תחת אהבתי ישטמוני. ישראל מקריב לפניך ע׳ פרים עליהם והיו צריכים לאהוב והם תחת אהבתי ישטמוני. לפיכך אמר להם הקב״ה עכשיו הקריבו על עצמכם, ביום השמיני עצרת תהיה לכם.

דער געדאַנקלעכער איבערזעץ איז אַזוי: יידן באַקלאָגן זיך למאי נישט יידן האָבן זיי פיינט נישט אַכטנדיק זייער ליבע און זייער מקריב זיין קרבנות פון זייערטוועגן דעם גאַנצן יום-טוב סוכות. דער ענטפער פון גאָט איז: אָט קומט שמיני עצרת און אין דעם טאָג זאָלט איר בעטן און מקריב זיין בלויז פאַר זיך אַליין.

אַמאָל, ווען ישראל איז נאָך געווען אין זיין אייגן לאַנד, איז שמיני עצרת געווען אַ טאָג פון גרויס וויכטיקייט און באַדייטונג. נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם זיצן אין דער סוכה, וואָס האָט אים דער־מאָנט אָן זיינע אַמאָליקע ליידן און וואַנדער־לעבן, האָט ער מיט גרויס פייערלעכקייט געפּראַוועט דעם שמיני עצרת, דעם יום־טוב וואָס האָט אים דערמאָנט אָן זיין ווערן אַ נאָרמאַל, פאַרייניקט פאָלק.

אפילו איצט האָט נאָך שמיני עצרת אַביסל אייגענע פייערלעכקייט. אין דעם דאָזיקן טאָג „בענטשט" מען גשם, וואָס דערמאָנט אָן דער ערנסטקייט און הייליקייט פון די ימים נוראים. דער חזן גייט אין אַ ווייַ־סן קיטל און זאָגט די מוספדיקע שמונה עשרה מיט אַ ניגון וואָס קלינגט מיט פעלד, געזאַנג און נאַטור.

אין דער תפילה פון „גשם" בעטן מיר גאָט אויף רעגנס, ווי אַמאָל די יידן אין ארץ־ישראל. עס ווערן אין דער תפילה אריינגעבראַכט די היס־

טאַרישע מאָטיוון ביי וועלכע דאָס פֿאָלק איז געפּרוווט געוואָרן מיט וואַ-סער. „געדענק, רבונו של עולם", זינגט דער חזן, „דעם זכות פֿון אברהמען וועלכער האָט זיך געצויגן נאָך דיר ווי וואסער; אין דעם זכות פֿון יצחק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן מיט דער בשורה פֿון די מלאכים ווען אברהם האָט געגעבן טרינקען וואסער; געדענק דעם זכות פֿון יעקב, ווען ער איז מיט זיין שטעקן אריבער דעם וואסער פֿונעם ירדן; דעם זכות פֿון משה, ווען פּרעה האָט אים ארויסגעצויגן פֿון וואסער" און אזוי גייט דאָס געבעט ווייטער אויסרעכענענדיק יעדן פֿאַל וואָס האָט צו טאָן מיט וואסער.

די תפילה ווי דער ניגון מיט דער גאַנצער יום-טובדיקייט פֿון שמי-ני עצרת האָט צו טאָן מיט האָפֿענונג, פֿרייד, וואלד און פֿעלד, מיט גע-זונט, לעבן און נאטור.

דער קלימאַקס פֿון דער סוכותדיקער פֿריילעכקייט איז אינעם לעצטן טאָג, אין טאָג אין וועלכן מען פֿאַרענדיקט לייענען די תורה. די גמרא רופֿט דעם טאָג אָן דער צווייטער טאָג פֿון שמיני עצרת. (מגילה לא' א').

דער נאָמען שמחת תורה איז אין די צייטן פֿונעם תלמוד נאָך נישט געווען באַקאַנט. אין די צייטן פֿון די גאונים איז דער דאָזיקער טאָג שוין געווען פֿון אומגעהייער פֿריילעכקייט. אָבער דער נאָמען שמחת תורה איז נאָך אַלץ נישט געווען באַקאַנט. ערשט אַרום דעם פֿערצנטן יאָרהונדערט איז איינגעפֿירט געוואָרן, אַז אין דעם טאָג איז דעריבער געוואָרן אַ טאָג פֿון פֿרייען זיך מיט דער תורה. מען האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל איינ-געטיילט די תורה אין פּרשות און אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם פֿון דורכ-לייענען די תורה איבערן יאָר, איר פֿאַרענדיקן און אָנהויבן אינעם טאָג פֿון שמחת תורה.

אויך שמחת תורה ווערט צוגעשריבן צו אברהם אבינו, אַז שוין ער האָט אָפּגעהיט דעם יום-טוב מיט אַלע דינים און מנהגים.

שמחת תורה ווערט געפֿייערט דעם צווייטן טאָג פֿון דעם יום-טוב שני של גליות, דעם סאַמע לעצטן טאָג פֿון סוכות. די חכמים האָבן צוליב דער אומזיכערקייט פֿונעם לוח איינגעפֿירט אַז יעדער יום-טוב זאָל גע-פֿייערט ווערן צוויי טעג אַנשטאָט איינעם ווי עס שטייט אין דער תורה. אַזוי ווערט פּסח געפֿייערט אַכט טעג אַנשטאָט זיבן, שבועות — צוויי טעג און סוכות האָט אַ צוגעגעבענעם טאָג סיי צום אָנהויב און סיי צום יום-טוב שני, שמיני עצרת.

די פֿאַרוואַנדלונג פֿונעם לעצטן טאָג סוכות אין אַ שמחת תורה, איז

איינע פון די כאראקטעריסטישע סימנים פון דער גייסטיקער מלוכה, וואס דער ייד האט זיך אויפגעבויט אין גלות. נאכדעם ווי דער בית המקדש איז חרוב געווארן און דאס פאלק איז ווידער אוועק וואנדערן אין גלות, איז די תורה געווארן דער פעלז און פעסטונג פונעם יידישן לעבן.

דער ייד האט זיך נישט אונטערגעגעבן דער טרויעריקער שטימונג פון חורבן, און זיך געשאפן א טאג פון פרייען זיך מיט זיין גייסטיקן אוצר. דער שמחת תורה האט אינעם יידן דערוועקט זיין שטאלץ, האבנדיק דעם קלארן באוווסטזיין אז ער איז דער איינציקער, וואס האט א רעכט זיך צו פרייען מיט דער תורה, דעם ספר הספרים, נישט אומזיסט פארענדיקט זיך די תורה מיט „לעיני כל ישראל" — א תורה פאר אלע יידן, א פאלקס־תורה, א תורה וואס האט צו טאן מיט דעם גאנצן כלל.

קיין פאלק האט נישט אזא יום־טוב: דער קריסט מאכט זיך קיינמאל נישט פרייליך מיט זיין נייעם טעסטאמענט; דער מאכמעדאנער טאנצט נישט מיט זיין קאראן אויפן גאס.

שמחת תורה איז נישט קיין ביבלישער יום־טוב, ער איז א שאפונג פונעם גלות ייד צו סימבאליזירן דעם המשך פון יידישן לעבן. אין די ביבלישע צייטן האט מען וועגן דעם יום־טוב גארנישט געוווסט, און אפילו אין דער גמרא ווערט דער נאמען נישט דערמאנט.

די סימבאליק פון שמחת תורה ענדיקט זיך נישט מיט זיין טיף נאציאנאל־רעליגיעזן כאראקטער. דער אקט פון סיום התורה און התחלה התורה שטעלן אויך מיט זיך פאר גרויסע און זיגרייכע סימבאלן. די תורה הויבט זיך אן מיט מעשה בראשית, וואס איז אויף דעם היינטיקן טאג דער ערשטער רעליגיעז־פילאזאפיש־דיכטערישער פארזוך צו געבן אן ענטפער אויף דער פראגע פון דעם אנהויב פון אלע זאכן, פון לעבן, פון דערשיינונגען, פון מענטשן, פון מאטעריע און פון גייסט. די מעשה בראשית איז דער ערשטער קאפיטל פון אונדזער נאציאנאל־ליטעראטור און אויך דער גרעסטער. די מעשה בראשית איז דער ערשטער קאפיטל פון יידנטום און הויבט זיך אן נישט מיט דער שאפונג פון מענטשן, נישט מיט דער שאפונג פון א פאלק אדער א שבט נאר מיט דער שאפונג פון א וועלט, פון א קאסמאס.

דאס יידישע אויג האט צום ערשטן דערזען די גאנצע וועלט. די גאנצע בריאה, אלצדינג וואס פילט אויס דעם אומענדלעכן רוים און נאכדעם אנטוויקלט זיך מדרגהווייז און צווישן דעם ערשטן און לעצטן קאפיטל

פון דער תורה ווערט באַשריבן אין ווערטער פון דערהויבענער דערהויבנ־קייט די געשיכטע און צוקונפט פונעם יידישן פאָלק, אַלע גרויסע סימ־באָלן פון לעבן, אַלע מעגלעכקייטן פון שיקזאַל, אַלע עליות און ירידות.

די נאַציאָנאַלע סימבאָליק פונעם לעצטן קאַפּיטל אין דער תורה איז אין ריטם מיט דער קאָסמישער סימבאָליק פון דעם ערשטן קאַפּיטל. וויפל טיפקייט, וויפל זין, וויפל טיפע טראַגיק ליגט אין דער געשיכטע פון משהס טויט?

שמחת תורה איז זייער אַ פריילעכער טאָג אינעם יידישן לעבן. אָרים און רייך איז זיך אין יענעם טאָג משמח, און אפילו די קינדער ווערן אויך אריינגענומען אין קאָן. יעדער ייד ווערט אויפגערופן צו דער תורה, און לסוף נעמט מען צונויף אַלע קינדער אין שול, מען דעקט זיי איבער מיט אַ טלית און אַלע צוזאַמען מאַכן אַ ברכה איבער דער תורה.

דעם אָוונט פריער און אין דער פרי ביים דאַוונען גייט מען מיט הקפות. מען האַלט די ספר תורות אין די הענט און מען רינגלט אַרום די בימה. דערביי האַלטן קינדער פענער מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך אין דער הויך, און דער עולם זינגט און טאַנצט.

די פיר וויכטיקע שבתים

שבת הגדול — שבת חזון — שבת נחמו — שבת שובה.

דעם שבת וואָס פאַר פסח רופט מען: שבת הגדול — דער גרויסער שבת, אייגנטלעך איז יעדער שבת צווישן פורים און פסח א וויכטיקער און אויסגעצייכנטער. מיר האָבן דעמאָלט די פיר שבתים: זכור, פרה, שקלים און חודש. אין וועלכע די הפטורה ווערט געענדערט פונעם שבתדיקן ענין. אויך איז פאַראַן א ספּעציעלער יוצר און פיוט צו זאָגן אין יענע שבתים. דאָך האָבן זיך די דאָזיקע פיר שבתים וויניק וואָס אָנגעזען אינעם יידישן לעבן, לכל הפחות נישט אזוי ווי דער שבת הגדול.

אינעם היימישן יידישן לעבן איז דער שבת הגדול געווען פון גאָר גרויסער וויכטיקייט. קודם כל איז ער געווען דער לעצטער אָנזאָג פונעם אָנקומענדיקן גרויסן פרייהייטס יום־טוב, פסח, צו וועלכן מען האָט זיך געגרייט מיט באַזונדערער אָנשטרענגונג.

עס איז געווען דער שבת האביב, דער שבת פון פרילינג אין וועלכן דאָס היימישע שטעטעלע האָט אָנגענומען א יום טובדיקן קאָליר און כאַ-ראַקטער. מען האָט דעם דאָזיקן שבת געשטעלט גאָר א גרויסן און פעטן קוגל, און מען האָט שוין געזאָגט די גרעסטע העלפט פון דער הגדה לפסח.

דער טעם פאַרוואָס מען זאָגט שבת הגדול די הגדה, איז כדי זיך אָנ-צוהויבן איינגעוווינען מיט דער עברי און פּסוק. צוליב דעם זעלבן טעם זאָגט מען די הגדה בלויז ביז „לכפר על כל עונותינו", ווייל דער איבערי-קער טייל פון דער הגדה באַשטייט הויפּטזעכלעך פון קאַפּיטלעך תהילים, וועלכע זיינען אויך א טייל פון די תפילות מיט וואָס מען איז גוט באַקאַנט און מען דאַרף זיך נישט איינאיבן אין דער עברי.

דער שטאָט־רב, וועלכער האָט בטבע זעלטן ווען געהאַלטן א דרשה אין שול, האָט שבת הגדול געזאָגט א גרויסן פּלפּול מיט לומדות און חריפות וועגן דער באַדייטונג פון פסח און זיינע מנהגים. קינד און קייט

איז געקומען שבת הגדול אין שול הערן דעם רבס דרשה, און באהויכט געוואָרן מיט נייער פרייד און האָפענונג.

דער טור־אורח חיים סימן ת״ל דערקלערט די גרויסקייט פונעם שבת דערמיט, וואָס אינעם דאָזיקן שבת איז קודם יציאת מצרים געשען א גרויסער נס. דער קרבן פסח, וואָס די יוצאי מצרים האָבן וועדליק גאָטס פאָרזאָג באדארפט מקריב זיין, איז באשטאַנען פון א שעפּסעלע און האָט געזאָלט צוגעגרייט ווערן נאָך מבעשור לחודש, דעם צענטן טאָג אין ניסן, וואָס איז יענעם יאָר פונקט אויסגעפאלן שבת פאר פסח. די יידן האָבן דעמאָלט דאָס שעפּסעלע צוגעבונדן צום בעט און עס געהאלטן גרייט פאר א קרבן. דער שעפּס איז אָבער געווען שטארק פארהייליקט ביי די מצרים זיי האָבן צו דעם געדינט ווי צו א גאָט. די געפאר איז געווען, אז די מצרים זאָלן אזא פארשוועכונג פון זייער גרעסטער הייליקייט נישט פארשווייגן. איז אָבער געשען א רויסער נס, און די מצרים האָבן קיין יכולת נישט געהאט די יידן קיין שלעכטס צו טאָן.

אנדערע ספרים גיבן אָן דעם טעם דערמיט, וואָס שבת הגדול איז געווען דער ערשטער שבת אין וועלכן יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט מצוות און דינען צום איינציקן גאָט, און דערפאר רופן מיר אים „שבת הגדול״. אגב, הייסט ער נישט „שבת רבא״ ווי הושענה רבא. ווייל אין דער הפטורה געפינט זיך דער פסוק: פון לפני בא יום ד׳ „הגדול״ והנורא. די הפטורה ווערט דעמאָלט געלייענט אויך צוליב דעם פסוק: „הנני שולח לכם את אליהו הנביא — איך וועל צו אייך שיקן אליהו לנביא״ וועלכער וועט אייך ברענגען די גאולה.

דער שבת פאר תשעה באב הייסט „שבת חזן — דער שבת פון זעאונג״. דער דאָזיקער שבת איז דער לעצטער אין די דריי וואָכן פון טרויער אויפן חורבן בית המקדש. מען רופט אים שבת חזן הויפּטזעכלעך דערפאר וואָס די הפטורה וועלכע מען לייענט יענעם שבת אין שול הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: חזן ישעיהו בן אמוץ״, דער ערשטער קאפיטל פונעם נביא ישעיה.

די הפטורה אנטהאלט א סך שטראָף־רייד דערויף וואָס די יידן האָבן אָפּגעקערט פון גאָטס וועגן און געוואָרן פארדאָרבן. דער נביא שטראָפט מיט פיל צער און צאָרן, און וואָרנט זיי קעגן דעם אויסגאַנג פון אזא שלעכטער פירונג. דער חורבן ווערט דאָרט פּאקטיש פּאָרויסגעזאָגט אין אלע זיינע שרעקנס־קאָלירן.

אין דער טרויעריק געשטימטער דריקונג אין וועלכער דער פרומער ייד געפינט זיך אין די דריי וואָכן, איז די דאָזיקע הפטורה פּאַסיק ארייג־געפּאַסט. די הפטורה ווערט געלייענט מיטן ניגון פון מגילת איכה, א טרויעריק מעלאנכאָלישער ניגון וואָס העלפט שטאַרקער ארויפלייגן די מרה שחורה אויף אלעמענס געזיכטער.

דערפאַר אָבער איז דער צווייטער שבת, דער שבת נאָך תשעה באב, שוין א טרייסטנדיקער און א פריילעכער. דעם יידן איז אייגנטלעך פרעמד טרויער און פאַרצווייפלונג; דער ייד מוז תמיד האָבן בטחון און האָפע-נונג. ישעיהו הנביא האָט בלויז געשטראָפט, געזאָגט מוסר כדי צו ווערן בעסער און זיך אומקערן אין גאָטס דרכים, אָבער דער זעלבער נביא האָט אויך געטרייסט, געלינדערט דעם גרויסן ווייטיק און נבואה געזאָגט אויף א גרויסער און ליכטיקער צוקונפט, אַן עתיד אין וועלכן די יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות און געניסן פון גאָטס חסד.

דער ערשטער שבת תיכף נאָך תשעה באב הייסט: שבת נחמו, דער שבת פון טרייסט: דעם אייגנאַרטיקן נאָמען האָט דער שבת געקראָגן צו־ליב דעם וואָס די הפטורה פון יענעם שבת הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „נחמו, נחמו עמי — טרייסט זיך, זיי געטרייסט מיין פאָלק", וואָס איז דער פערציקסטער קאַפּיטל פון ישעיהו הנביא. די דאָזיקע הפטורה איז בלויז דער אָנהויב פון א רייע הפטורות, זיבן אין צאָל. וואָס ווערן גע-לייענט פון שבת נחמו ביז ראש השנה, אַנהאַלטנדיק די טרייסט ווערטער און האָפענונגספולע פאַרשפּרעכונגען פון גאָט דורך זיינע נביאים. אגב, רופט זיך דער גאַנצער חודש אב „מנחם־אב — דער טרייסטנדיקער אב". עס איז אויך דאָ אַן אָנדייטונג אין מדרש אז מנחם איז דער נאָמען פון משיח. דאָס דאָזיקע איז אפשר אין איינקלאַנג מיט דער גמרא, אז אין טאָג וואָס דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן איז אויך משיח געבוירן געוואָרן.

אינעם היימישן שטעטל האָט טאָקע דער שבת נחמו אריינגעבראַכט אמתן טרייסט, און אינעם טרויעריקן געמיט האָט אריינגעשטראַמט אַבי־סעלע פרייד. דער גאַנצער ליכטיקער זומער איז כמעט געווען איין לאַנגע קייט פון אבילות. פריער די זיבן וואָכן פון ספירה און דערנאָך די דריי וואָכן פון טרויער, האָבן נישט דערלאָזן קיין פריילעכקייט. יידן האָבן נישט געטאָרט פּראַוועון קיין שמחות, נישט געטאָרט הערן קיין מוזיק, נישט אריינציען זיך אין א נייער וווינונג, און א חוץ שבת און יום־טוב האָט מען

אפילו קיין נייעם בגד נישט געטאָרט אָנטאָן. איז טאַקע דעריבער דער שבת נחמו געווען אַ שטיקל דערלייכטערונג, און אינעם שטעטעלע האָט מען זיך אָנגעהויבן צו גרייטן אויף חתונות, תנאים און אנדערע יידישע שמחות.

נאָך דעם שרעקלעכן קאַטאַסטראָפאַלן בעל מקונן ירמיהו הנביא, וועלכער רעגט די נערוון מיט זיינע איבהדיקע שרעקנס-בילדער ווי „טובים היו חללי הרב מחללי רעב — עס וואָלט די יידן בעסער געווען צו פאַלן פון דער שווערד איידער אויסגיין פון הונגער" אָדער „די נשים רחמניות בשלו ילדיהן — די הענט פון בארעמהערציקע פרויען האָבן אליין געקאָכט זייערע קינדער". נאָך די אַלע קלאָג-לידער איז דער נחמו, נחמו עמי אוודאי אַ דערפרישונג און דערלייזונג.

דערמיט וואָס מען האָט דעם יידן געהייסן גלייך נאָך תשעה באב לייענען די טרייסט ווערטער פון ישעיהו, ווערט קלאָר און בולט אויסגע־דריקט די יידישע וועלט אָנשויונג און לעבנס-פילאָזאָפיע. באַלד נאָכן טרויער מוז קומען די טרייסט, אפילו נאָכן סאַמע שווערסטן טויט קלאַפּ ווי דער פאַרלירן אַ לאַנד און מלוכה, טאָר דער ייד אַלץ נישט פאַר־צווייפלען.

אָפּטימיזם איז דער יידישער לייכט-טורעם, וואָס פירט אים דורך דעם שווערן לעבנס-וועג. מיט דעם דאָזיקן אָפּטימיזם גייט דער ייד אַ גיים־טיק דערהויבענער דורך יעדן פינצטערן גלות און זאַמלט אָן די גרויסע כוחות בייצושטיין די פילע רדיפות און אוממענטשלעכע באהאנדלונגען.

דאָס דאָזיקע איז די הויפּט באַדייטונג פונעם שבת נחמו. מען האָט דעם יידן נישט געלאָזן לאַנג פאַרבלייבן אין אבילות. באַלד נאָך תשעה־באב הערט ער די האָפענונגספולע טרייסט ווערטער פון ישעיהו בן אמוץ: „נחמו, נחמו עמי. יאמר אלהיכם — טרייסט זיך, טרייסט זיך מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט". נאָך די קינות קומען די נחמות. נאָך פינצטערניש קומט ליכט.

דעם שבת צווישן ראש השנה און יום כפור רופט מען: שבת שובה. מען רופט אים אַזוי, ווייל די הפטורה וואָס מען לייענט יענעם שבת אין שול הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „שובה ישראל — קער זיך צוריק, ישׂ־ראל (הושע י"ד).

דער דאָזיקער שבת איז זייער אַן ערנסטער, און דער רב האַלט פאַר מנחה אַ גרויסע מוסר־רעדע אין וועלכער ער וועקט דעם יידן תשובה צו

טאָן איידער זיין גזר ווערט פאַרחתמעט. דער גרויסער עולם רופט טאַקע „שבת תשובה" אויפן אָרט פון „שבת שובה". איז עס נישט זיכער צי עס איז א גרייז מצד דעם ברייטן עולם. גיכער איז דער פאַרגרייזטער נאָמען מיט א כוונה, כדי זיך בעסער און שטאַרקער צו דערמאָנען אָן דעם גרויסן חוב תשובה צו טאָן.

ווערליג דער קבלה און חסידישע ספרים, איז יעדער איינציקער שבת מסוגל אויף תשובה, אָבער דער דאָזיקער שבת איז דאָך דער סאַמע וויכטיקסטער און הייליקסטער.

תשובה איז אייגנטלעך א ריין פערזענלעכער, אינדיווידועלער באַגריף, און דעריבער זענען אין דער יידישער געשיכטע אנטשטאַנען פאַרשידענע אויסטייטשונגען און באַגריפן. יעדער דור האָט עס אַנדערש אויפגעפאַסט. די קאַבאַליסטן און מוסרניקעס אויף זייער שטייגער, און די חסידים — אויף אַן אַנדערן.

ווערליג א טייל מוסר ספרים דאַרף מען חוזר בתשובה טאָן מעשים אין דער מאָס און וואָגיקייט פון דער עבירה. איינער מוז פאַסטן, אַן אַנדערער דאַרף געבן צדקה און א דריטער דאַרף בלויז האָבן אמתע חרטה.

אינעם חסידיזם אליין זענען אויך געווען פאַרשידענע שיטות. ביי א טייל איז די תשובה געווען ווי די עבודה — א חדוהדיקע, א מין מצוה, וואָס מען מוז דורכפירן מיט שמחה און צופרידנקייט. א תשובה בלב און נישט דורך פייניקונגען און יסורים. אַנדערע האָבן אָבער קאָנטיק געמאַכט א קאָמפּראָמיס, און די תשובה איז געווען א פאַרייניקונג פון חדוה מיט ענויים, פרייד און פייניקונג.

חמשה עשר בשבט און חמשה עשר באב

ראש השנה לאילנות — די רעליגיעזע באַציאונג צוביימער — דער מנהג צו עסן ארץ ישראלדיקע פרוכט.

חמשה עשר בשבט איז באקאנט צום דורכשניטלעכן יידן דערמיט וואָס אין דעם דאָזיקן טאָג עסט מען באָקסער, פייגן און טייטלען. דער פרומער ייד ווייסט אויך אז חמשה עשר בשבט איז א שטיקל רעליגיעזער יום־טוב אין וועלכן מען זאָגט נישט קיין תחנון און אויב עס געפאַלט אין שבת זאָגט מען נישט קיין אב הרחמים צו שחרית און צדקתך צדק צו מנחה.

פאר דעם אמעריקאניזירטן יידן איז עס „ארבאר דעי", א טאָג אין יאָר אין וועלכן דער אמעריקאנער איז זיך נוהג צו פארפלאנצן ביימער מיטן צוועק צו דערציען דעם עולם, איבערהויפּט די שול־קינדער, מיט ליבע צו ביימער און פלאנצונגען.

און דאָך איז געווען אמאָל א צייט ווען דער דאָזיקער יום־טוב האָט געבראכט מיט זיך כמעט אן איבערברוך אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק. די יידן פון אמאָל האָבן מיט זייער נאטירלעכן חוש גאנץ אנדערש רעאַגירט אויף אזעלכע ימים טובים.

פאַרן ייד איז דער בוים געווען דער סימבאָל פון לעבן און וויסן. ויצמח ד' אלקים עץ החיים בתוך הגן ועץ הדעת טוב ורע — גאָט אליין האָט ביי מעשה בראשית פארפלאנצט א בוים פון לעבן און א בוים פון וויסן. די נוצלעכקייט פון דעם בוים איז פארן יידן געווען אזוי וויכטיק, אז די גמרא וואָרנט אים: מאורות לוקין על קוצצי אילנות טובות — דאָס הימלישע ליכט, די זון און די לבנה ווערן געשלאָגן צוליב די וואָס האקן אונטער גוטע ביימער. אפילו דער מענטש אליין, דער בחיר כל היצורים, איז געגליכן צו א בוים — כי האדם עץ השדה.

נאָך אין זיין יוגנט עפּאָכע, ווען ער איז נאָך כמעט קיין פאָלק נישט געווען און אויך קיין לאנד נישט געהאט, איז געווען איינס פון די וויכ־

טיקסטע דירעקטיוון וואס משה האט געגעבן צו די מרגלים, וועלכע האבן זיך געלאזט אין וועג אויספאָרשן דאס פארשפּראָכענע לאנד: „וראיתם היש בה עץ אם אין" (במדבר י"ג, כ) — איר זאָלט נאָכזוכן צי עס זענען דאָרטן דאָביימער אָדער נישט.

די תורה פארזאגט אויך אפילו אין צייט פון מלחמה ווען מען באלאגערט א שונא: „לא תשחית את עצה לנדוח עליו גרזן כי ממנו תאכל ואותו לא תכרית כי האדם עץ שדה" — זאָלסט נישט אומברענגען קיין ביימער ווייל דער מענטש איז געגליכן צום בוים אין פעלד. רק עץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא אותו תשחית — בלויז א בוים וואס טראָגט נישט קיין פרוכט, מעגסטו אָפּהאקן.

ר' חנינא, איינער פון די גרעסטע אמוראים אין ארץ־ישראל, זאָגט: „מיין זון איז מיר אוועקגעשטאָרבן יונגערהייט בלויז דערפאר וואס ער איז באגאנגען אזא גרויסע זינד אונטערצוהאקן א פרוכט־בוים נאך איידער ער איז געוואָרן צייטיק (בבא קמא פ' ע"ב).

יידן זענען דאס איינציקע פאָלק אויף דער וועלט וואס האט דינים וועגן כלאים. יעדער צוזאמענמישונג פון א בוים מיט א בוים, אָדער א געוויקס מיט א בוים, איז שטרענג פארבאָטן, ווייל דאס צוקאליעטשעט דעם בוימס נאטירלעכע שיינקייט און אָריגינאליטעט.

ווען יידן האבן זיך צוריקגעקערט פון גלות בבל און ווידער אָנגעהויבן אויפבויען דאס חרוב געוואָרענע לאנד, האבן זיי זיך אויך דערמאָנט אָן די ביימער וואס זענען דורך דער צייט פארנאכלעסיקט געוואָרן. די גמרא דערציילט, אז די יידן האבן אין גלות פארגעסן אין וועלכן טאָג אין חודש דער ראש השנה פאר ביימער געפאלט, און א גרויסע מחלוקה איז דערויבער אנטשטאנען צווישן די צוויי גרעסטע תורה־ישיבות פון בית שמאי און בית הלל. בית שמאי זאָגט, אז ראש השנה פאר די ביימער פאלט דעם ערשטן טאָג אין שבט. בית הלל זאָגט, אז עס דאַרף געפייערט ווערן דעם פופצנטן טאָג, און אזוי איז עס טאקע געבליבן דער דין.

מיט דעם אָנהויב פון דעם גלות און געטא איז נאטירלעך אָפּגעשטאָרבן דער דראנג צו פלאנצן ביימער און דער ראש השנה לאילנות האט שוין מער נישט געהאט זיין אמאָליקע באדייטונג. דאך איז אין זיין הארץ געבליבן טליען א פונק פון ליבע און בענקעניש צו זיין לאנד און אירע טראָפּישע ביימער און ער פייערט אויך איצט, כאָטש אין א גאנץ קליינעם מאסשטאב, דעם אמאָליקן ראש השנה לאילנות. אלס זכר פונעם שיינעם נאַ־

טור יום-טוב עסט דער ייד באַקסער, פייגן, מאַנדלען און טייטלען — אַלע אַזעלכע פּירות וואָס וואַקסן אויף די באַרימטע ארץ-ישראלביימער.

זינט די לעצטע צען-פופצן יאָר האָבן די העברעאישע לערער אין ארץ-ישראל צוריק איינגעפירט די פייערונג פון דעם ראש השנה לאילנות. יעדעס יאָר אין דעם פופצנטן טאָג פון שבט מאַרשירן אַלע שול-קינדער אויף די בערג פון יהודה און די טאָלן פון ישראל מיט מוזיק און טענץ און פלאַנצן ביימער. עס איז אַ טאָג פון פאַראַד און געזאַנג, און וואָס אַ יאָר ווייטער ווערט דער יום-טוב אין ארץ-ישראל געפייערט מיט מער און מער שיינקייט.

די פייערונג פון דעם פופצנטן טאָג אין שבט אַלס האַלבער יום-טוב, איז בלויז אַ טראַדיציאָנעלער מנהג און איז אין די ספרים נישט דערמאָנט אַלס חוב און מוז. ווערליג דעם תלמוד איז דער טאָג דער ניי-יאָר פאַר די ביימער, און איז איינער פון די פיר ראש השנהס וואָס יידן האָבן:

ראש חודש ניסן איז דער אָנהויב יאָר פאַר דער געוועזענער צייט-רעכענונג זינט דער באַפרייונג פון מצרים (מלאכים א׳ 6). תשרי איז דער אַגריקולטור יום-טוב און באַצייכנט דעם אָנהויב פון איינזאַמלען די תבו-אה (שמות כ״ג, 16; ל״ד, 22). דער ערשטער טאָג אין אלול איז דער ראש השנה פאַר בהמות, און דער פופצנטער טאָג אין שבט איז דער ראש השנה פאַר ביימער.

עס איז אויך געווען דער מנהג אין ירושלים צו פאַרפלאַנצן אַ צע-דערבוים יעדעס מאָל וואָס אַ יינגל איז געבוירן געוואָרן, און אַ ציפּערן-בוים אויב אַ מיידל איז געבוירן געוואָרן, ווען דאָס יינגל אָדער מיידל זע-נען אונטערגעוואַקסן און חתונה געהאַט, האָט מען דעם בוים אונטערגע-שניטן און באַנוצט פאַר חופּה שטאַנגען (גטין נ״ז, א).

אַ צייט לאַנג איז דער יום-טוב כמעט געווען ווי פאַרגעסן, און איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן אַלס יום-טוב אין וועלכן מען דאַרף עסן פרוכטן ערשט דעם 16טן יאָרהונדערט, ווען די מקובלים האָבן זיך באַ-זעצט אין ארץ-ישראל.

די קלענערע תעניתים

עשרה בטבת — אסתר תענית — שבעה עשר בתמוז.

„און עס איז געווען אויף דעם ניינטן יאָר זינט צדקיהו איז געוואָרן מלך — דעם צענטן טאָג פון צענטן חודש — איז געקומען נבוכדנאצר דער מלך פון בבל אויף ירושלים, האָט איר באלאגערט, און געבויט אן אָנפאל־וואנט ארום — און די שטאָט איז געווען באלאגערט ביז דעם עלפטן יאָר צו צדקיהום מלוכה".

ווייטער ווערט דערציילט, אז יחזקאל הנביא וואָס האָט געוווינט ביים ברעג פון טייך כבר איז באפוילן געוואָרן צו פארשרייבן דעם צענטן טאָג פון דעם צענטן חודש (טבת) פאר אן אָנדענקונג, יידן זאָלן וויסן און גע־דענקען, אז אין דעם דאָזיקן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער חור־בן. (יחזקאל כ"ד א', זכריה ה').

אָנגעהויבן האָט זיך דער חורבן דורך דעם, וואָס דער יידישער מלך צדקיהו, וועלכער איז דווקא געווען זייער א פרומער און פרידלעכער מענטש, האָט זיך פארבונדן מיט די שונאים פון בבל און רעוואָלטירט קעגן נבוכדנאצר.

די יידן האָבן זיך צוליב זייער געאָגראפישע לאגע געפונען צווישן צוויי הויפט־פייערן. בבל האָט אָנגעהויבן צו וואקסן און צו פארנעמען דעם אָרט פון דער שטארקער אשור. יהודה איז דעמאָלט אריינגעפאלן אין די הענט פון בבל ווי א טייל פון די לענדער וואָס זענען פריער געווען אונ־טערטעניק צו אשור. בבל האָט גיך אויסגעשפרייט איר מאכט און אריינ־גענומען אלע קלענערע און גרעסערע מלוכות פון מרב־דרום פרת. מצרים איז אויך געווען א גרויס־מאכט און האָט געהאלטן יהודה אין אירע נעגל אלס סטראטעגישער פונקט.

צווישן די צוויי לענדער, מצרים און בבל, איז אָנגעגאנגען א פאר־צווייפלטער קאמף, און די יידן האָבן מיט גרויס פארכאפטקייט נאכגע־פאָלגט דעם אויסגאנג. די פאָלקס־מאסן האָבן געווונטשן מצרים זאָל כאפן

א מפּלה, און דער יידישער אדעל פון ירושלים האָט געוואָלט מצרים זאָל מנצח זיין.

ירמיהו הנביא, וועלכער האָט תּמיד געהאלטן מיט די מאסן, האָט פאַרויסגעזאָגט מצרימס מפּלה און נבוכדנאצרס אויפשטייג. ער האָט דע־ריבער געראַטן יהודה צו שטיין אויף דער זייט פון בבל.

מצרים, וואָס האָט מורא געהאַט אַליין אַרויסצוטרעטן קעגן בבל, האָט אינטריגירט די אַרומיקע קליינע מלוכות פון עמון מואב, צור צידון, און יהודה אים צו שטיצן מיט געלט און מיליטער. נבוכדנאצר וועלכער איז געווען יונג און ענערגיש, האָט זיך פאַרנומען אָפּצורעכענען מיט אַלע־מען. ער האָט אָנגעהויבן מיט צור, וועלכע ער האָט באַלאַגערט גאַנצע דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד. פאַר די יידן איז דעמאָלט געווען א גליקלעכע צייט, און מען האָט נישט געצאָלט די קאָנטריבוציע.

צדקיהו איז געווען א גלויביקער און שטאַרק געהאלטן פון ירמיהו, אָבער ער איז געווען א שוואַכלינג און זיך געלאָזט איבעררעדן פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע מורד צו זיין אין נבוכדנאצר. שפּעטער האָט איטבאל, דער נייער קעניג פון צור, געפּלאַנט א פאַראייניקונג מיט עמון, מואב, אדום און יהודה צוזאַמען זיך צו באַפרייען פון בבל. די אַדעליקע האָבן געדריקט צדקיהון צוצושטיין צום בונט.

אויפן פערטן יאָר פון צדקיהוס מלוכה, האָבן די פאַראייניקטע מלו־כות געשיקט א דעפּוטאַציע צו צדקיהו ער זאָל זיך אָנשליסן אין דעם בונט. די אַדעליקע האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און געצווונ־גען צדקיהון צוצושטיין, כאָטש ירמיהו האָט שאַרף געוואָרנט קעגן אַזא ריזיקאַלישן שריט.

דער סוף איז טאַקע געווען זייער א ביטערער. ווי א ווילדער שטורעם־ווינט האָט זיך נבוכדנאצר א לאָז געטאָן אויף דעם שוואַכן לאַנד יהודה, און עשרה בטבת — דעם צענטן טאָג אין דעם צענטן חודש טבת — האָט ער אָנגעהויבן באַלאַגערן ירושלים וואָס האָט סוף כּל סוף געפירט צום חורבן.

פון דער פאַראייניקונג איז לחלוטין גאָרנישט געוואָרן. מצרים האָט קיין הילף נישט געשיקט; צור איז שוין געלעגן א צושלאָגענע און מואב האָט זיך נישט עמאַכט ווויסנדיק. אַלע זענען זיך צולאָפן און איבערגע־לאָזן דאָס קליינע יהודה צום אייגענעם שיקזאַל.

ירמיהו האָט עס אַליין צוגעזען מיט זיינע אויגן און אויסגעדריקט זיין

טרויער אינעם קלאָג־ליד בכה תבכה בלליה — זי וויינט ביינאכט און כ׳רערן רינען אויף אירע באקן. זי האָט קיין טרייסט נישט צווישן אלע אי־רע ליבהאָבער. אירע פריינט האָבן געפעלשט אין איר, זיי זענען גאָר גע־וואָרן פיינט.

די באַלאַגערונג האָט געדויערט ביז תשעה באב ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן. דער חורבן איז געווען אמשטאַרקסטן אין און ארום ירושלים, ווו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער אדל. דעם ערד־ארבעטער פון די ווייטע מקומות האָט נבוכדנאצר טיילווייז געלאָזט צורו, ווייל אין זיי האָט ער קיין געפאר נישט געזען קעגן זיינע פּאָליטישע אימפּעריאַליסטי־שע אמביציעס.

די ערד־ארבעטער זענען פיל געשאַנעוועט געוואָרן און זיי האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווייטער צו באַשעפטיקן מיט זייער ארבעט און אויפבויען דאָס לאנד, אָבער די יידן איז דאָך נישט באַשערט געווען צו זיין א פאָלק אויפן אייגענעם באָדן, און אומגליקן זענען געקומען איינס נאָכן אנדערן.

עשרה בטבת איז דעריבער געווען דער אָנהויב פון יידישן אונטער־גאנג, און ער איז באַשטימט געוואָרן אלס תענית צבור, אלס א טאָג פון פאסטן און קלאָגן. לעתיד לבא, זאָגט די גמרא ,ראש השנה י״ח ב׳), וועט עשרה בטבת און צום גדליה פארוואנדלט ווערן אין א גרויסן יום־טוב.

שבעה עשר בתמוז — דער זיבעצנטער טאָג אין תמוז — איז דער אָנהויב פון די „דריי וואָכן״, וואָס ענדיקן זיך מיט תשעה באב, דער טאָג ווען די יידן האָבן פארלוירן זייער זעלבסטשטענדיקייט אלס א פּאָליטי־שע מאכט און געמוזט ארויסגיין מיטן שטעקן אין האנט אין גלות אריין.

שבעה עשר בתמוז איז א תענית צבור, א טאָג אין וועלכן יידן זענען פארזאָגט צו פאסטן און נאָכצוקומען די דינים פון א תענית צבור. לויט דער גמרא האָט אין יענעם טאָג פאסירט פינף באַזונדערע אומגליקן, וואָס צוליב יעדער איינער פון זיי איז געגוג אז מען זאָל פאסטן. אין יענעם טאָג האָט משה צובראָכן די לוחות ווען ער איז ארונטערגעקומען פונעם בארג סיני און דערזען ווי די יידן טאנצן ארום דעם גאָלדענעם קאלב. אין יענעם טאָג איז אויך בטל געוואָרן דער קרבן תמיד פונעם בית ראשון. עס איז אויך אויסגעפאלן אינעם זיבעצנטן טאָג פון תמוז ווען אפּוסטמוס האָט פארברענט די תורה; פונקט אין דעם דאטום האָט מען אריינגעשו־טעלט צום ערשטן מאָל א צלם אין היכל. און ווען טיטוס הרשע האָט באַ־

לאַגערט די שטאָט ירושלים פאַרן צווייטן חורבן, איז עס אויך געווען דעם זיבעצנטן טאָג אין תמוז (תענית כ"ו, כ"ח).

פון שבעה עשר בתמוז הויבן זיך אָן די דריי וואָכן פון טרויער און די דריי שבתים לייענט מען אלס הפטורה דריי קאַפּיטלעך פון ירמיהו, וועלכע זענען פול מיט שטראָף רייד און קלאָג איבער דעם חורבן. מען איז זיך נוהג אין די דריי וואָכן נישט צו מאכן קיין חתונות אָדער אַנדערע שמחות, נישט צו הערן קיין מוזיק, נישט צו גיין צו פאַרווייַלונגען, זיך נישט צו שערן די האָר, נישט צו באַנייען אָדער זיך ארייַנקלייבן אין א הויז און נישט אָנצוטאָן קיין נייע קליידער.

די לעצטע ניין טעג פון די דריי וואכן איז דער דין, אז מען זאָל נישט עסן קיין פליישיקס און נישט טרינקען קיין וויין, א חוץ שבת.

אינהאלט:

אריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — זייט 5

חנוכה

די חנוכה־פייערלעכקייט אין דער יידישער שטוב — — 11
חנוכה, דער קינדער־יום־טוב — — — — — — — — — 18
חנוכה אין געשיכטע און אין לעגענדע — — — — — — 22
ווי אזוי דער יום־טוב חנוכה האָט זיך אנטוויקלט — — 40

פורים

פורים, דער פריילעכער יום־טוב — — — — — — — 53
די פורימדיקע פאָרשטעלונגען — — — — — — — — 63
די מגילת אסתר — — — — — — — — — — — — 70
די געשיכטע פון פורים אין דער יידישער לעגענדע — — 76
די לאָקאלע פורים פייערונגען — — — — — — — — 86
פורים־מנהגים ביי אָריענטאַלישע יידן — — — — — — 93
טראדיציאָנעלע מנהגים — — — — — — — — — — 97

פסח

פסח איצט און אין אלטע צייטן — — — — — — — — 103
די געשיכטע פון פסח אין פאקט און אין לעגענדע — — 111
פסחדיקע מנהגים ביי אָריענטאלישע יידן און שומרונים 125
די באדייטונג פון פסח צערעמאָניאלן — — — — — — 136
פסח, דער טאָג פון רדיפות און בלבולים קעגן יידן — — 144

ל״ג בעומר — — — — — — — — — — — — — — — 153

שבועות

דער יום-טוב פון גייסטיקייט — 165
דער יום-טוב פון די ערשטצייטיקע פרוכט — 171
מגילת רות ונעמי — 174
די פארשידענע שבועותדיקע מנהגים — 180
שבועות פייערונגען אין פארשידענע לענדער — 186

תשעה באב, דער נאציאָנאלער טרויער-טאָג — 193

ראש השנה

ראש השנה, דער יום-טוב פון מורא — 209
די באדייטונג פון די תפילות — 217
די ראש השנהדיקע מנהגים — 224

יום כיפור

יום כיפור — 233
כל נדרי — 238
די יום כיפורדיקע תפילות — 246

סוכות

סוכות דער זמן שמחתנו — 259
סוכות אין און נאָכן גלות בבל — 264
די ארבעה מינים — 269
קהלת — 274
חול המועד און די לעצטע טעג יום-טוב — 279

די פיר וויכטיקע שבתים — 289

חמשה עשר בשבט און חמשה עשר באב — 294

די קלענערע תעניתים — 297

Este libro se terminó de imprimir el día veintinueve de septiembre del año mil novecientos cuarenta y siete en los Talleres Gráficos Julio Kaufman calle Corrientes Nº 1976 Bs. Aires - Rep. Argentina